STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00429

VILNE

Daniel Charney

Permanent preservation of this book was made possible by
Paul Gold
in memory of
Joe & Jennie Gold

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דניאל טשאַרני

ווילנע

ביכער-סעריע

דאָס פּױלישע ייִדנטום

78

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לײַטער:

אַברהם מילבערג

מ. פײגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

דניאל טשארני

ווילנע

(מעמואַרן)

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1951 — תשי״א

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyrigth by
DANIEL CHARNEY, New-York

DANIEL CHARNEY

W I L N O

(M E M O R I A S)

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA
EN LA ARGENTINA

Industria Argentina
BUENOS AIRES, 1951

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA
Buenos Aires, 1951

א י נ ה אַ ל ט:

ערשטער טייל

(1908 — 1903)

מיינע דאָקטוירים (אָנשטאָט אַן אַריינפיר) — — — — — — — 9
1. ביים שיין פון אולטראַ־וויאָלעט־לאָמפּן — — — — — — — — 17
2. ד״ר הערצל אין ווילנע — — — — — — — — — — — 24
3. כ׳באַגלייט אַ ברודער קיין אַמעריקע — — — — — — — — 31
4. איך שווער קאָנספּיראַציע — — — — — — — — — — — 38
5. רעוואָלוציע און סעקס — — — — — — — — — — — — 45
6. ווילנער דלות — — — — — — — — — — — — — — 53
7. כ׳באַפריי אַ ברודער פון טורמע — — — — — — — — — 61
8. די קאָנספּיראַטיווע כלה — — — — — — — — — — — 70
9. אויסגעבייטע העמדלעך — — — — — — — — — — — 78
10. איך קאָלאָניזיר זיך אויף אַן „עסעסישער“ טעריטאָריע — — 86
11. אַ געהיימע באַגעגעניש מיט אַ ברודער — — — — — — — 91
12. ווי האָט אויסגעזען מיין נייע היים? — — — — — — — 95
13. די געשלעכטס־פּראַגע —— — — — — — — — — — 103
14. מיין דאָקטאָר גיט מיר אַ רעצעפּט צום לעבן — — — — — — 110
15. די דורכגעפאַלענע דיסקוסיע — — — — — — — — — — 118
16. מיין דאָקטאָר באַהאַנדלט מיך ווי אַ טאַטע — — — — — — 126
17. דער רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור — — — — — 133
18. פּראָוואָקאַטאָרס — — — — — — — — — — — — — 140
19. זילבערנע אויערינגלעך — — — — — — — — — — — 147
20. מיין דאָקטאָר עצהט מיר ווערן אַ שרייבער — — — — — — 154

21. דער ליטעראַרישער סאַלאָן — — — — — — — — — — 161
22. ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ דיכטער — — — — — — — — — 169
23. ווילנע ווערט אַ נייער ליטעראַטור־צענטער — — — — — — — 177
24. כ׳ווער אַ מיטלויפער אויך פון דער יידישער ליטעראַטור — 183

צווייטער טייל

(1936 — 1935)

אַריינפיר צום צווייטן טייל — — — — — — — — — — 193
25. ווי אַזוי ווילנע איז געוואָרן „ירושלים ד׳ליטע“ — — — — — — 195
26. ווילנער לויות — — — — — — — — — — — — — 203
27. די גזירה פון שפּיי־קעסטלעך — — — — — — — — — — 211
28. אַ מעשה מיט אַ ווילנער „אַנומעלטן“ — — — — — — — — — 219
29. דער היסטאָרישער אויפטו פון „ייוואָ“ — — — — — — — 227
30.ביים וואַסער־גרעניץ צווישן ליטע און פּוילן — — — — — — 234
31. ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי — — — — — — — — — — — 242
32. „דאַרמאַנישעס קאַפּע“ — — — — — — — — — — — — 250
33. דער קאַמף פאַר מיין ווינרעכט אין פּוילן — — — — — — — 258
34. איך פאָר קיין איישישאָק — — — — — — — — — — — 265
35. איך ווער אַ קונצנמאַכער — — — — — — — — — — — 273
36. דער כוח פון אַמעריקאַנער דאָלער — — — — — — — — 282
37. מיין ירושה־הויז אין גלובאָקע — — — — — — — — — — 290
38. כ׳מוז פאַרלאָזן ווילנע — — — — — — — — — — — — 298

ערשטער טייל

יוגנט־יאָרן

(1908 — 1903)

מיינע דאקטוירים

(אַנשטאָט אַן אַריינפיר)

זינט איך לעב נייטיק איך זיך אין מעדיצינישער באַהאַנדלונג.

דער רבונו של עולם האָט שוין מיך לכתחילה באַוואָרנט מיט אַזעלכע גוט־איינגעפונדעוועטע מחלות, וואָס זאָלן מיך באַגלייטן פון וויג ביז צום קבר.

ווען מען זאָל מיר איצטער געבן די מעגלעכקייט צו געבוירן ווערן אויפדאָסניי, אָבער אַ געזונטער און שטאַרקער — וואָלט איך זיך פון דעם בפירוש אָפּגעזאָגט.

אָן די מחלות מיינע וואָלט מיר געווען שרעקלעך אומעטיק צו לעבן אויף דער וועלט. אָן די מחלות מיינע וואָלט איך שוין, אפשר, לאַנג־לאַנג געווען אויף יענער וועלט.

ווי אָפט באַדויער איך די געזונטע מענטשן, וועלכע קאָנען יעדע ווײַלע קראַנק ווערן, אָדער מען קאָן זיי יעדע ווײַלע מאָביליזירן צוליב עפּעס אַ נייער מלחמה אָדער צוליב עפּעס אַ נייער רעוואָלוציע, בעת אַ קראַנקער מענטש קאָן דאָך שוין מער נישט קראַנק ווערן און ער איז אויך פּטור פון אַלע מלחמות און רעוואָלוציעס.

ער לעבט זיך, דער חולה, אין ווייטן הינטערלאַנד און ער זעט די וועלט...

יאָ, איך ווייס, אַז אַדאַנק מיינע מחלות האָב איך שוין אין די יונגנט־יאָרן באַקומען די גוטע מעגלעכקייט צו דערזען די גרויסע, ליכטיקע וועלט אין גאָר אַן אַנדער באַלייכטונג ווי די געזונטע זעען זי געוועגלעך.

איך האָב דערזען אַ וועלט, וואָס איז פול מיט רחמים און ליב־שאַפט — דאָס איז די וועלט פון שפּיטעלער, קליניקס און סאַנאַטאָריעס, ווו אויך אַפילו דער מלאך־המוות ווערט אָפּטמאָל פאַרשיכורט פון דעם אייטער־געריך, צי פון דעם קיצלדיקן אַזאָן־דופט, וואָס עס גיבן אַרויס פון זיך די צעפלאַמטע אולטראַוויאָלעט־לאַמפּן.

לעבנדיק יאָרן־לאַנג אין דער סביבה פון דאָקטוירים און באַרמהאַרציקע שוועסטער — בין איך אַליין געוואָרן זייער מיטפילנדיק און באַרמהאַרציק צו אַלע מיינע סביבות, אויך אַפילו — צו די סביבות פון שרייבער און ווייבער, ווו ס׳הערשן בטבע די ליידנשאַפטן פון קנאה און שנאה.

יאָ, אַדאַנק די מחלות מיינע איז מיר זייער אָפט אויסגעקומען צו בייטן שטעט און לענדער, אָבער די סביבה מיינע איז שטענדיק פאַרבליבן די זעלבע: דאָס איז פון איין זייט — די סביבה פון דאָקטוירים און באַרמהאַרציקע שוועסטער און פון דער צווייטער זייט — די סביבה פון שרייבער, קינסטלער און כלל־טוער, וועלכע האַלטן אויך כלומרשט אין איין ראַטעווען די וועלט.

דער דאָקטאָר ראַטעוועט דעם יחיד. דער שרייבער אָדער כלל־טוער ראַטעוועט דעם כלל, אָבער קיינער פון זיי איז נישט בכוח צו ראַטעווען זיך אַליין.

ווי אָפט האָב איך באַדויערט די גאָר גרויסע דאָקטוירים מיינע, וועלכע האָבן געהיילט אַ וועלט מיט מענטשן, אָבער זיך גופא האָבן זיי נישט געקאָנט היילן...

קאָן דען אַ גוטער כירורג מאַכן אַ אָפּעראַציע איבער זיך אַליין? — בשום־אופן נישט!

קאָן דען אַ קראַנק־געוואָרענער דאָקטאָר רואיק איינליגן אין בעט, ווען ער ווייסט, אַז עס וואַרט אויף אים אַ וועלט מיט חולאים?

איז עס געווים נישט קיין צופאַל, וואָס כראָניש־קראַנקע מענטשן לעבן אָפטמאָל איבער זייערע דאָקטוירים.

אויך איך האָב שוין איבערגעלעבט אַ וועלט מיט דאָקטוירים.

איך האָב זיי איבערגעלעבט נישט נאָר צוליב דעם ווייל זיי זענען געווען עלטער פאַר מיר, נאָר אויך טאַקע צוליב דעם וואָס

דער דאָקטאָר פֿאַרמאָגט נישט קיינמאָל די דערפֿאַרונג און די גע־ניטשאַפֿט פֿון דעם פּראָפֿעסיאָנעלן חולה.

ווען כ׳האָב צונויפֿגעשטעלט די רשימה פֿון די עטלעכע און זעכציק דאָקטוירים, וועלכע האָבן מיך געהיילט און וועלכע זענען מיר פֿאַרבליבן אין זכרון — האָב איך דערזען, אַז כמעט אַלע פֿון זיי זענען שוין לאַנג־לאַנג אויף יענער וועלט.

כ׳האָב געהאַט גענוג דאָקטוירים אין רוסלאַנד און אין פּוילן, אין עסטרייך און אין דער שווייץ, אין דייטשלאַנד און אין פֿראַנק־רייך, און כ׳האָב זיי אויך געהאַט גענוג אַפֿילו דאָ אין אַמעריקע.

אַזוי ווי אָבער ביי מיר האָט זיך געשאַפֿן דער מאָדנער איינ־דרוק, אַז כ׳באַזיץ אין זיך דעם וווּנדערלעכן כוח צו איבערלעבן מיינע דאָקטוירים — כאַפּט מיך אָפּט אַרום אַן אומרו פֿאַר זייער טראַגישן גורל און כ׳באַמי זיך פֿון אָנהויב אָן אָפּצושאַפֿן די מחיצה צווישן חולה און דאָקטאָר.

איך שטעל באַלד איין מיט מיין דאָקטאָר אַזעלכע חבֿרישע און גוטברודערישע באַציאונגען, וועלכע ווישן אָפּ אַלע גרענעצן צווישן רופֿא און חולה. מיר ווערן, הייסט עס, חבֿרים און מיר באַ־דינען איינער דעם אַנדערן מיט אונדזערע דערפֿאַרונגען פֿון פֿאַר־שידענע מינים.

דער דאָקטאָר, למשל, באַדינט מיך מיט זיינע מעדיצינישע דערפֿאַרונגען און איך באַדין מיין דאָקטאָר מיט מיינע ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע דערפֿאַרונגען.

אַזוי אַרום גענישן מיר איינער פֿון די אַנדערע אָן קיין שום באַצאָלט.

דער דאָקטאָר לייענט מיינע לידער און מעשׂיות וועגן לעבן און טויט, וועגן דער וועלט און יענער וועלט, און איך לייען דעם דאָק־טאָרס רעצעפּטן און פֿאַרשרײַבטן (אויף צו טון, פֿאַרשטייט זיך, פּונקט קאַפּויר).

אָבער נישט שטענדיק זענען מיינע דאָקטוירים יידישע מענ־טשן, וועלכע קענען לייענען יידיש. דער גרעסטער טייל פֿון מיינע הויפּט־דאָקטוירים פֿאַר אַלע מיינע אויסערלעכע און אינערלעכע „אַנגעלעגנהייטן" זענען גאָר געווען קריסטן, וועלכע האָבן בשום־

אופן נישט געקענט לייענען מיינע שריפטן. זענען זיי טאַקע צע־שטאָרבן פאַר דער צייט.

אייניקע פון זיי זענען אומגעקומען אין די יאָרן פון דער ער־שטער וועלט־מלחמה, אַנדערע פון זיי זענען געפאַלן קרבנות פון טיפוס און כאָלעריע, וואָס האָבן געבושעוועט אין רוסלאַנד, און איינעם פון זיי האָט מען באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אויפגעהאנגען, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער רשע און אַנטיסע־מיט.

יאָ, אויך אַפילו צווישן דאָקטוירים זענען פאַראַן רשעים און רוצחים, ווי מיר האָבן עס געהאַט געזען אין טרעבלינקע, מאַידאַ־נעק, אוישוויץ און אַזוי ווייטער און ווייטער.

איך וועל אָבער נישט פאַרלויפן דעם וועג און אָנהייבן גראָד מיט יענע דאָקטוירים, וועלכע האָבן כשר פאַרדינט זייער פריצײ־טיקן טויט.

וועל איך בעסער אָנהייבן פון דעם גאָר ערשטן „כירורג" מיי־נעם, וועלכער האָט געהאַט דורכגעפירט איבער מיר די גאָר ערשטע אָפּעראַציע, ווען איך בין קוים אַלט געוואָרן אַכט טעג.

איך גלויב, אַז אַדאַנק דער גאָר ערשטער אָפּעראַציע מיינער — האָב איך באַקומען אין זיך, דעם גאָר גרויסן גלויבן און בטחון צו קענען אַריבערטראָגן בשלום די אַלע ווייטערדיקע אָפּעראַציעס איבער מיין קראַנקן לייב־און־לעבן.

איר שטויסט זיך שוין אָן אַליין, אַז מיט דער ערשטער „אָפּע־ראַציע" מיינער מיין איך מיין ברית...

אמת, איך בין מער ווי זיכער, אַז די זעלבע „אָפּעראַציע" האָבן אויך דורכגעמאַכט אַלע מיינע לייענער, זאָלן געזונט זיין, אָבער גאָר געציילטע פון זיי האָבן געהאַט די זכיה דורכצומאַכן דעם ברית אין אַ סוכה. אַזוי אַרום האָב איך שוין אויף דעם אַכטן טאָג פון מיין לעבן געהאַט דערזען באַשיימפּערלעך, אַז מיין פאָלק לעבט אין ביידלעך, לעבט, הייסט עס, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

דערפון, אפשר, נעמט זיך מיין שטענדיקע וואַנדער־לוסט און מיין שטענדיקע דאַכלאָזיקייט אין דער היימלאָזער וועלט.

צוליב דעם דאָזיקן סוכה-ברית בין איך פּאַרקילט געוואָרן אויף אייביקע יאָרן און איך האָלט דעריבער אין איין דערוואַרעמען מיין אינגעווייד מיט הייסע טעפּלעך קאַווע און מיט סיגאַרעטן-רויך.

אָבער אויך מיין נאַקעטן לייב-און-לעבן האַלט איך אין איין דערוואַרעמען מיט פאַרשידענע מינים קוואַרץ-לאַמפּן, „סאָליאַר-יומס" און קוועקזילבער-לאַמפּן, וואָס דופטן אַרויס פון זיך אַזעלכע פאַנטאַסטיש-אנגענעמע אולטראַוויאָלעט-שטראַלן, וועלכע גיבן דער וועלט אַ גאַנץ אַנדער באַלייכטונג און אַ גאַנץ אַנדער דופט.

האָט זיך שוין ביי מיר אויסגערבעט דער אינסטינקט פון אַ שמעטערלינג, וועלכער דערשפּירט שוין פון דער ווייטנס ווו ס'איז פאַראַן מער ליכט און איך פלאַטער אַהין אַוועק.

אַזוי אַרום האָב איך דורכגעפלאַטערט די גרעסטע און בעסטע באַשטראַלונגס-אינסטיטוטן פון ווין און פון בערן, פון בערלין און פּאַריז, פון מאָסקווע און ווילנע, אָבער דער בעסטער און גרעסטער באַשטראַלונגס-אינסטיטוט איז געווען פאַר מיר ביז בר-מצווה — די מאַמעלע מיינע אין דוקאַר.

אירע גרויסע, ליכטיקע „צאינה וראינה"-אויגן פלעגן מיך באַשטראַלן מיט זייער אַ סך רחמים און ליבשאַפט. אין די קאַלטע ווינטערדיקע נעכט פלעגט מיך די מאַמע וואַרעמען אין איר בעט מיט איר הייסן אַלמנה-לייב, ווי אַ הון וואַרעמט אונטער אירע פליגלען אַן אומבאַהאָלפן הינדעלע.

גלויב איך דעריבער, אַז דער ערשטער בעסטער דאָקטאָר פאַר אַלע מיינע אינערלעכע און אויסערלעכע מחלות איז געווען די מאַמע מיינע, וואָס אין איר זכות לעב איך נאָך עד היום.

דאָס ביסל וואַרעמקייט, וואָס מיר געלינגט איבערצושיקן דורך מיינע מעשיות צו די געטרייע לייענער און לייענערינס געהערט אויך דער מאַמען מיינער, וואָס איז, זיכער, אַ גוטע בעטערין פאַר אונדז אַלעמען.

אמת, די מאַמע פלעגט אָפטמאָל רופן צו הילף פאַרשידענע מינים אָפּשפּרעכערס, „זנאַכערס" און ציגיינערקעס מיט אַלע זייערע באַבסקע סגולות, אָבער זי פלעגט עס טון נאָר כדי יוצא צו זיין פאַר דער וועלט.

פלעגט זי מיך זומער־צייט האַלטן אין אַ קופּע זאַמד ביז אי־בערן האַלדז, ווייל זאַמד, זאָגט מען, ציט אַרויס פון קערפּער אַלע מחלות. ווינטער־צייט פלעגט זי מיר אָנטון אויפן האַלדז אַ גאַנץ שווערן מייערקאַפּ, אָדער אַ „זמעי", ווי מען פלעגט עס רופן אין דוקאַר, ווייל אַ „זמעי" ציט אָפּ אַלע מינים פאַרקילונגען און ער איז אויך גוט קעגן אַ שלשול (ווי עס זעט אויס, איז שוין אין די קינ־דער־יאָרן מיין מאָגן געווען נישט אין אָרדענונג).

וואָס איז נוגע מיינע דרויסנדיקע מחלות — איז דער ערשטער דאָקטאָר מיינער געווען מיין רבי משה־הירש, ווען ער איז שוין געווען געשטאָרבן.

ווען מען באַטאַפּט מיט די טויטע קאַלטע הענט פון אַ מת די קראַנקע ערטער אויפן לייב — ווערט באַלד די קרענק אָפּגענומען ווי מיט די הענט... אַזוי האָט מען איינגערעדט מיין מאַמען, און זי האָט צוליב יוצא־זוועגן אויך דעם דאָזיקן מיטל אויסגעפּרובירט.

ערשט ווען איך בין אַלט געוואָרן אַ יאָר אַכט האָט מיך די מאַמע געהאַט אַוועקגעפירט אין דעם שכנותדיקן שטעטל סמילע־וויטש צו אַן אמתן דאָקטאָר. דער סמילעוויטשער דאָקטאָר איז אָבער געווען אַ קריסט און ער האָט, זעט אויס, נישט געוואָלט אויפמונטערן מיין מאַמעס אַלמנה־האַרץ, האָט ער זי געהאַט אי־בערגעשראָקן, אַז כ'וועל ביי איר סיי־ווי לאַנג נישט לעבן און ס'איז אַ שאָד איר געלט, וואָס זי גיט אויס אויף מיר.

אויף צוריקוועגס אַהיים האָט די מאַמע שטאַרק געוויינט — האָב איך זי געטרייסט, אַז כ'וועל נאָך איבערלעבן דעם דאָזיקן שלעכטן דאָקטאָר.

מען האָט אים טאַקע באַלד מאָביליזירט צוליב אַ כאָלעריע־עפּידעמיע אין סיביר און ער האָט זיך שוין פון דאָרטן מער נישט אומגעקערט.

האָט מיין אבערגלויבערישע מומע חיה, די פרוי פון מיין פע־טער פייטל דעם מלאך, אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז איך באַזיץ אין זיך דעם געטלעכן כוח צו פאַרשילטן רשעים — פון דענסטמאָל אָן, איז ווי נאָר כ'פּלעג אַריינקומען צו זיי אין הויז —

פלעג מיר די מומע חיה אָנשיטן פולע קעשענעס מיט ניס און מיט צוקערקעס, אַבי נאָר כ'זאָל אַוועק פון זיי אַ צופרידענער...

אַזוי אַרום האָב איך שוין אין די קינדער־יאָרן אָנגעהויבן צו פּראָפּיטירן פון מיינע קרענק און כ'האָב שוין דענסטמאָל געהאַט דערזען, אַז ס'איז ווירקלעך כדאי קראַנק צו זיין.

אָבער דער פראַנצויז זאָגט, אַז דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן.

דאָס נעמלעכע קאָן מען אויך זאָגן וועגן מיינע דאָקטוירים. וואָס מער דאָקטוירים איך האָב אָנגעהויבן צו באַקומען — אַלץ מער מחלות האָבן זיי אַנטדעקט אין מיר.

ערשט נאָך בר־מצווה האָט מיך די מאַמע אַוועקגעפירט צו די ריכטיקע דאָקטוירים אין מינסק און אין ווילנע, און ערשט אין די דאָזיקע שטעט האָב איך זיך ריכטיק ארויפגעאַרבעט אויף אַלע מיינע פונדאַמענטאַלע חולאתן, וועלכע האָבן מיך דערהויבן צו אַ סך נייע דערגרייכונגען און נייע דערפאַרונגען.

עס זיצן, פון רעכטס צו לינקס: שרה רייזען, דניאל טשאַרני, משה שאַליט
עס שטייען: ש. ידידאָוויטש, זלמן רייזען, בער האָראָוויץ, דן קאַפּלאַנאָוויטש
און מאַקס עריק. (ווילנע, 1929)

1

ביים שיין פון אולטראַ־וויאָלעט־לאָמפּן

אין מיינע יונגע יאָרן פלעג איך זייער גערן לייענען ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן.

איך בין געווען נייגעריק צו וויסן, ווי אַזוי מען ווערט אַ קאָלומבוס, אַן עדיסאָן, אַ ווילנער גאון, צי אפילו אַ הירש לעקערט.

דעם אמת געזאָגט, האָט זיך מיר זייער שטאַרק געגלוסט צו ווערן מיט עפּעס־וואָס באַרימט, כדי מען זאָל אויך נאָך מיינע הונדערט און צוואַנציק יאָר שרייבן וועגן מיר ביאָגראַפיעס.

אָבער שוין אויפן זעכצנטן יאָר פון מיין לעבן האָב איך אין ווילנע דערזען, אַז כ׳וועל נישט ווערן קיין גרויסער מענטש פּשוט צוליב דעם, ווייל כ׳האָב נישט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט גרויסע זאַכן.

איך בין געוואָרן אין ווילנע צופיל פאַרנומען מיט מיינע מעדיציניש ענינים.

דער דאָקטאָר סווידערסקי פון געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַלע זיינע טשיקאַווע עלעקטרישע לאָמפּן און די אַזוי גערופענע רענטגען־שטראַלן און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז כ׳וועל שוין קרענקען כל זמן איך וועל לעבן און כ׳וועל שטענדיק מוזן זיין אונטער דער אויפזיכט פון אַ גוטן ספּעציאַליסט.

— פון דיין קרענק, פאַרשטייסטו מיך, קען מען נישט שטאַרבן — האָט מיך דאָקטאָר סווידערסקי געטרייסט, אָבער לעבן מיט איר קען מען אויך נישט!

— אַט לעב איך דאָך שוין מיט מיין קרענק איבער פופצן יאָר! — האָב איך פּרובירט אָפּפרעגן דעם דאָקטאָרס דיאַגנאָז.

— איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז מיט אַזאַ מין קרענק, ווי דיינע, קען מען שוין נישט האָבן קיין רואיקן לעבן, ווייל ווען מען טרייבט זי אַרויס דורך דער טיר — קומט זי צוריק דורכן פענצטער, און ווען מען טרייבט זי אַרויס דורכן פענצטער — קומט זי צוריק דורכן קוימען. אַט אַזאַ מין זלידנע קרענק איז דאָס! — האָט שוין דאָקטאָר סווידערסקי גערעדט צו מיר, ווי אַ לערער רעדט צו זיינעם אַ תּלמיד.

— אגב, האָט דיר אָפּגעגליקט, וואָס דו האָסט זי, די קרענק, אויף דער האַנט און נישט, חלילה, אויפן פּנים, ווי אַלע אַנדערע, נישט פאַר די׳ר געדאַכט, האָבן דאָס, דעריבער כאַפּ אַריין פון דעם לעבן, וואָס נאָר עס לאָזט זיך כּל זמן דו קענסט זיך נאָך באַוועגן צווישן מענטשן! — האָט מיר דאָקטאָר סווידערסקי געגעבן אַ פאָטערלעכע עצה...

און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען זיין אַסיסטענט איז קראַנק געוואָרן, האָט מיך שוין דאָקטאָר סווידערסקי געמאַכט פאַר דעם משגיח איבער אַלע זיינע טשיקאַווע הייל־לאָמפּן.

— ביסט דאָך אַ תּלמודיסט! — וועסטו שוין פאַרשטיין, ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט מיינע לאָמפּן — האָט צו מיר איינמאָל אַ זאָג געטון דער דאָקטאָר סווידערסקי, געבנדיק דערביי אַ גלעט זיין לאַנגע, גרויע באָרד, ווי ער וואָלט געווען, להבדיל, אַ ווילנער גאון.

— אויסער דעם בין איך טאַקע אויסן, אַז דו זאָלסט זיך געפינען וואָס מער צווישן די לאָמפּן, ווייל ס׳איז גוט פאַר דיין הויט! — האָט דאָקטאָר סווידערסקי באַלד צוגעגעבן, ווי ער וואָלט זיך וועלן דורך דעם פאַרענטפערן, וואָס ער שפּאַנט מיך איין אין זיין מעדיצינישער טעטיקייט.

האָב איך זיך דערפילט, פאַרשטייט זיך, זייער דערהויבן, וואָס דער דאָקטאָר טרויט מיר אָן אַזאַ מין פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, ווי כ׳וואָלט שוין אַליין געווען אַ שטיקל דאָקטאָר.

מיין הויפּט־אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דעם, איך זאָל אויפּפּאַסן אויף דער צייט, ווען מען דאַרף ביי דעם אָדער יענעם פּאַציענט אויסלעשן דעם לאָמפּ, וועלכער באַשטראַלט אים.

דאָקטאָר סווידערסקי פלעגט באַשטראַלן איינצייטיק ביי פיר־פינף פּאַ־

ציענטן אין באַזונדערע צימערלעך. אייניקע פון זיי פלעגן ליגן אויסגעטון מוטער־נאַקעט, אַנדערע פלעגן נאָר אַנטפּלעקן די קראַנקע פלעצער פון זייערע לייבער, און גאָר אַנדערע פלעגן זיצן אָנגעטוענערהייט אויף שטולן און באַשטראַלן נאָר די קעפּ אַליין.

האָב איך שוין געהאַט אַ רשימה פון די אַלע פּאַציענטן, וויפל ווער פון זיי עס דאַרף ליגן אָדער זיצן אונטערן לאָמפּ און איך פלעג שוין מוזן קוקן יעדע ווײַלע אויפן וואַנט־זייגער, כדי צו וויסן, וועלכן לאָמפּ אויסצו־לעשן אָדער, פאַרקערט, וועלכן אָנצוצינדן.

יעדער לאָמפּ פלעגט פון זיך אויסשטראַלן אַן אַנדער מין ליכט און אַן אַנדער מין גערוך. איינער פלעגט לויכטן אולטראַ־וויאָלעט, אַ צווייטער — גרין־בלוי, אַ דריטער — געל־רויט, אָבער אַמבעסטן זענען מיר געפעלן געוואָרן די רענטגען־לעמפּלעך, וואָס האָבן געהאַט דעם אויסזען פון גלע־זערנע צויבער־שטעקעלעך, וועלכע הויבן אָן צו שפּריצן מיט פונקען, ווי נאָר זיי באַרירן דאָס נאַקעטע לייב. זיי פלעגן פאַרשפּרייטן אַזאַ מין „אָזאָן"־גערוך, פון וועלכן איך פלעג אָפּט ניסן.

מיט אַזאַ מין פונקען־שפּריצנדיקן לעמפּל פלעג איך אויך היילן מײַן קראַנקע האַנט.

אין משך פון די עטלעכע שעה, וואָס איך פלעג אַרויסהעלפן דעם דאָקטאָר סווידערסקי — פלעג איך טראָגן אויף זיך אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע ברילן, כדי די לאָמפּן זאָלן נישט בלענדן מײַנע אויגן, און אויך די פּאַ־ציענטן פלעגן אין דער צייט פון זייער באַהאַנדלונג אָנטון אַזעלכע ברילן.

מער נישט די פּאַציענטקעס, וואָס פלעגן ליגן האַלב אָדער אינגאַנצן נאַקעט, פלעגן אָנטון אויף זיך פּאַפּירענע מאַסקעס, כדי איך זאָל נישט קענען זען זייערע פּנימער.

איך בין שוין אָבער געוואָרן אַזאַ מין גרויסער ספּעציאַליסט אויף נאַ־קעטע פרויען־קערפּערס, אַז כ'פלעג שוין לויט די קנייטשן פון זייערע לײַ־בער באַלד דערקענען, צי זיי זענען אַלט אָדער יונג, צי זיי זענען אויסגע־לאָזן אָדער פרום.

די אויסגעלאַסענע פלעגן, געוויינלעך, טראָגן צלמימלעך אפילו נאַ־קעטערהייט, בעת די פרומע פלעגן, ווי נאָר כ'פלעג אַרײַנקומען צו זיי קאַנ־

טראַלירן דעם לאָמפּ, פאַרדעקן כלומרשט מיט זייערע נאַקעטע אָרעמס די ברוסט, ווי כ׳וואָלט שוין געווען אַ דערוואַקסענער מאַנספּאַרשוין.

מער נישט אַ פּאַציענטקע האָט מיר איינמאָל פּלוצלינג אַ קניפּ געטון אין באַק און דערביי אַ זאָג געטון אונטער דער מאַסקע:

— „לאַדני כלאָפּאַק״, דאָס הייסט, מסתמא, אַז איך בין אַ פיינער בחורל...

די באַק האָט מיר אַ ברען געטון, ווי מען וואָלט געווען צוגעלייגט צו איר דעם פונקן־שפּריצנדיקן רענטגען־לאָמפּ, אָבער איך האָב געמאַכט אַ שווייג, ווייל מיין דאָקטאָר סווידערסקי וואָלט געוואָרן ברוגז, ווען ער דערוויסט זיך, אַז די פּאַציענטקעס שפּילן זיך שוין מיט מיר ווי מיט אַ מאַנספּאַרשוין.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך לעבן די דאָזיקע קראַנקע פרויען נישט געהאַט קיינמאָל קיינע שום זינדיקע געדאַנקען.

זינט די מאַמע האָט מיך געהאַט איינמאָל מיטגענומען אין דער ווײַ־בערשער באָד אַריין, ווען איך בין געווען אַ יאָר פינף צי זעקס — האָב איך געוואָרפן אַן אומחן אויף אַלע נאַקעטע ווייבער.

אגב, האַלט איך נאָך עד היום, אַז די פרויען דאַרפן נישט צו־פיל קאָקעטירן מיט זייער נאַקעטקייט.

אַמאָליקע יאָרן, ווען די פרויען־בלוזן זענען געווען מיט הויכע קראַגנס ביז אונטערן האַלדז און די פרויען־קליידער זענען געווען לאַנג ביז צו די קנעכלעך — איז געווען אין דער וועלט אַ סך מער ראָמאַנטיק און ליבע, איידער איצטער, ווען די פרויען לויפן שוין אַרום איבער דער וועלט האַלב־נאַקעט, ווי די האַלב־ווילדע אינדיאַנערקעס, רחמנא לצלן.

אָבער דאָס איז נישט שייך צום ענין!

כ׳וויל דאָ נאָר פעסטשטעלן, אַז שוין אויפן זעכצנטן יאָר פון מיין לעבן זענען מיינע טעג אין ווילנע צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי נישט גלייכע העלפטן.

איין העלפט פון טאָג פלעג איך פאַרברענגען צווישן בלענדנדיקע צויבער־לאָמפּן אין אַן אַטמאָספער פון לוקסוס און זינד (כמעט אַלע חולאים זענען געווען סיפיליטיקער), בעת די צווייטע העלפט פון טאָג פלעג איך

פאַרברענגען אין מיין פינצטערער קעלער־אכסניה אין אַן אַטמאָספער פון דחקות און צניעות.

פאַרשטייט זיך, אַז דורך דעם, וואָס ד״ר סווידערסקי האָט מיך אַזוי גיך דערהויבן צו זיינעם אַן אַסיסטענט איז שוין אויך דערהויבן געוואָרן ביי מיר מיין זעלבסטווירדע און מיין גלויבן, אַז איך קען נאָך אויך מיט עפּעס־וואָס זיין ניצלעך פאַר דער וועלט.

שפּעטער אַ ביסל, ווען דאָקטאָר סווידערסקי האָט מיך דערקענט אַ ביסל נענטער — האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען איך האָב רייכע עלטערן — האָבן זיי מיך געדאַרפט שיקן קיין ווין, ווו עס איז שוין פאַראַן אַ ספּעציע־לער הייל־אַנשטאַלט פאַר אַזעלכע קראַנקע ווי איך.

פאַראַיאָרן זומער איז ער דאָרטן געווען און ער האָט געזען, אַז אפילו די קראַנקן־שוועסטערס, וועלכע באַשטראַלן די קראַנקע, זענען אויך קראַנק אויף דער זעלבער מחלה.

דאָס האָט איינער אַ דענישער דאָקטאָר מיטן נאָמען פינזען אַנטדעקט אַזאַ מין נייעם לאָמפּ, וועלכער טראָגט טאַקע זיין נאָמען, און מיט אָט דעם דאָזיקן פינזען־לאָמפּ וואָלט מען אפשר געקענט ביסלעכווייז אויסברענען מיין גאַנצע קרענק...

— אַזאַ מין לאָמפּ — האָט מיר דאָקטאָר סווידערסקי דערקלערט — קאָסט זייער אַ סך געלט און נאָר אַן אוניווערזיטעט־קליניק, צי אַ רעגי־רונגס־שפּיטאָל קען זיך אים איינשאַפן.

האָט שוין מיין פאַנטאַזיע מיך אַריבערגעוואָרפן קיין ווין.

איך האָב געטראַכט, אַז מיינע עלטערע צוויי ברידער, וועלכע קלייבן זיך קיין אַמעריקע — וועלן דאָרטן ווערן גרויסע פאַרדינערס — וועלן זיי מיך אַוועקשיקן קיין ווין און ווען איך וועל דאָרטן, אם ירצה השם, גאָר אינגאַנצן געזונט ווערן — וועלן זיי מיך נאָך אַריבערנעמען צו זיך קיין אַמעריקע!

אָבער ביז וואַנען וואָס־ווען דאַרף איך אַריינכאַפּן פון לעבן, וואָס נאָר עס לאָזט זיך! — אַזוי האָט מיר אָנגעזאָגט מיין ד״ר סווידערסקי.

ווייסט איר, אפשר, מיינע ליבע לעזער, וואָס אַזוינס איך האָב געקענט „אַריינכאַפּן״ אין מיין קעלער־אכסניה אויף דער שאָפּענאָווסקער גאָס?

איך האָב געקענט אַריינכאַפּן אַ פאַרקילונג פון די פייכטע קעלער־וועגט.

איך האָב געקענט אַריינכאַפּן אַ מאָגן־קאַטער (וואָס איך האָב טאַקע אַריינגעכאַפּט) פון די צו־האַמעטנע אכילות, וואָס מען פלעגט עסן אין דער אכסניה, און איך האָב אויך געקענט אַריינכאַפּן עטלעכע חדשים טורמע צוליב די ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, וועלכע איך פלעג האַלטן אין איין לייענען.

די פּאָליציי, וואָס פלעגט אָפט קומען אין דער אכסניה קאָנטראָלירן די געסט, פלעגט זיך שטענדיק אינטערעסירן מיט די ביכלעך, וואָס איך לייען.

האָט מיך איינמאָל אַ פּריסטאַוו אָנגעהויבן אויסצופרעגן:

— און די ביאָגראַפיע פון קאַרל מאַרקס האָסטו שוין געלייענט?

— „ניעט, גאָספּאָדין פּריסטאַוו" — האָב איך געענטפערט דעם אמת.

— און באַקונינס?

— אויך נישט!

— עך, ער איז נאָך צו יונג פאַר די אַלע זאַכן! — פלעגט דער פּריסטאַוו אַ זאָג טון מיט ביטול צו זיינע צוויי באַגלייטערס, די גאָראָדאָוויע, און ער פלעגט מיך לאָזן צורו.

שפּעטער, ווען די פּאָליציי פלעגט שוין זיין אָוועקגעגאַנגען — פלעגט מיך נעמען אויפן צימבל דער באַלעבאָס פון דער אכסניה, ר' נחום פּליסקין אַליין:

— זאָג מיר נאַר, דניאל, וואָס קאָכסטו זיך אַזוי אין די ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן? ווערסטו פון זיי קליגער, צי געזינטער?

— איך בין פּשוט נייגעריק צו זען, ווי אַזוי מענטשן ווערן גרויסע אַנטדעקערס אָדער גרויסע שרייבערס.

— איך מיין, אַז קיין גרעסערע און קליגערע מענטשן, ווי אין אונדזערע הייליקע ספרים — וועסטו אין ערגעץ נישט געפינען, איז דאָך שוין די גלייכסטע זאַך, אַז דו זאָלסט בעסער לערנען אַ בלאַט גמרא, צי אַ פּרק משניות — פלעגט פּליסקין פּרווון אַרויפפירן מיך אויף דעם גלייכן וועג.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, ר' נחום, אַז מיר לעבן איצטער אין אַ גאַנץ אַנדער צייט! מיר לעבן אין אַ צייט פון עלעקטריע, באַנען,

טעלעגראַפן און טעלעפאָנען. מען לערנט זיך שוין אפילו פליען אין די הימלען אויך! די וועלט ווערט קליגער און אינטערעסאַנטער — דאַרף מען דאָך וויסן פון די אַלע זאַכן!

— און אַז דו וועסט שוין וויסן פון די אַלע זאַכן — וועסטו דען ווערן דערפון געזינטער? — האָט מיך פליסקין איבערגעשלאָגן.

— אָט טאָקע דערפאַר, ווייל איך קען שוין נישט מער געזונט ווערן — וויל איך אַריינכאַפּן פון לעבן, וואָס נאָר עס לאָזט זיך! — האָב איך פלוצלינג אַרויסגעפּלוידערט דעם דאָקטאָר סווידערסקיס עצה...

די פיר טעכטער פליסקינס, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו מיין וויכוח מיט זייער טאַטן, האָבן זיך פלוצלינג פונאַנדערגעלאַכט אַלע ווי איינע.

פון זייערע ברייט־צעעפנטע אויגן האָב איך אויסגעלייענט, אַז יעדע איינע פון זיי איז גרייט מיר צו העלפן „אַריינצוכאַפּן פון דעם לעבן, וואָס נאָר עס לאָזט זיך!“

האָט איינע פון זיי מיר אונטערגעטראָגן אַ גלאָז טיי, האָט די צווייטע מיר געבראַכט אַ בייגל מיט פּוטער, אָבער די דריטע, די הינקענדיקע, וואָס איז זיצן געבליבן ביים טיש, האָט מיט איר געזונטן פוס מיר אָנגעהויבן צו געבן אונטערן טיש סיגנאַלן, אַז אויך זי הייסט עס, איז גרייט אַריינצו־כאַפּן פון דעם לעבן, וואָס נאָר עס לאָזט זיך!

ווי עס זעט אויס, איז די דאָזיקע קראַנקע מיידל שוין געווען גרייט צו פאַרפירן מיט מיר אַ ליבע, כאָטש זי האָט נאָך נישט געקענט די אַלע פיר „דעיסטוויעס“ פון יעווטושעווסקיס אַריפמעטיקע, וועלכע איך האָב מיט איר געלערנט.

(זי האָט נאָר געוווּסט פון חיבור און חיסור, אָבער צום כפל און חילוק איז זי נאָך נישט דערגאַנגען!).

פאַר קראַנקע מענטשן איז אָבער אַ קנאַפּער חילוק, ווי אַזוי מענטש־לעכע הערצער ווערן געכפלט, אַבי נאָר פון דעם חיבור זאָל זיך נישט באַקומען, חלילה, קיין חיסור...

II

ד״ר הערצל אין ווילנע

מען זאָגט, אַז אַ לעבעדיקער שוואַלב איז בעסער, ווי אַ טויטער אָדלער.

איך בין מיט דעם נישט מסכים.

קיינער פון אונדז וועט זיך דאָך נישט אַוועקשטעלן קוקן אויף אַ שוואַלב, וואָס זוכט זיינע ווערימלעך אין גראָז, בעת אַן אָדלער קען מען שטענדיק באַוווּנדערן אַפילו טויטערהייט אויך!

דערפאַר טאַקע שרייבט מען נאָך ביז היינט ביאָגראַפיעס, דראַמעס און פּאָעמעס וועגן גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געלעבט און גע־ווירקט מיט הונדערטער, צי אַפילו מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

אָבער פּונקט ווי ס׳זענען פאַראַן ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, זענען אויך פאַראַן מענטשן מיט גרויסע ביאָגראַפיעס.

ס׳טרעפט אַמאָל אין אַ שמיטה, צי איין מאָל אין אַ יאָרהונדערט, ווען עס אַנטפּלעקט זיך פלוצלינג אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, וועלכע באַווירקט איר סביבה, באַרוישט איר פאָלק, און אַזאַ איינער ווערט נאָך ביי זיין לעבן אַ שטיק געשיכטע און אַ לעגענדע.

„אויב איר ווילט — איז עס נישט קיין לעגענדע!״ — אַזוי טאַקע איז געווען געדרוקט אויף די פּאָסט־קאַרטלעך מיט ד״ר הערצלס פּאָרטרעט.

די דאָזיקע קאַרטלעך פלעגן פאַרקויפט ווערן אין אַלע יידישע בוכ־האַנדלונגען און פּאַפּיר־געשעפטן פון ווילנע צו איין קאָפּיקע אַ שטיק.

פאַר איין קאָפּיקע האָט מען שוין געקענט אויסהענגען די הערצל־לעגענדע אויף דער זעלבער וואַנט, וווּ עס זענען שוין געהאנגען די בילדער פון משה מאָנטעפיאָרע, פון באַראָן הירש, צי פון דעם ווילנער גאון.

ווילנע

קוקנדיק אויף דער מאַיעסטעטישער הערצל־געשטאַלט — פלעגט זיך אָנהויבן צו דאַכטן, אַז אַן אָדלער האָט אַרונטערגעפלאַטערט פון זיינע הויכע פעלזן־בערג צו די נידעריקע טאָלן, ווו עס פיטערן זיך, געוועגלעך, די בידנע יידישע גענדז און הינער.

— ווי קומט אַן אָדלער צווישן גענדז און הינער? — כ׳מיין, ווי קומט פלוצלינג ד״ר הערצל צו די אָרעמע יידן פון ווילנע?

ס׳האָט פּאַסירט אין 1903טן יאָר. דאָקטאָר הערצל האָט זיך געהאַט דעמאָלט אומגעקערט פון פּעטערבורג, ווו ס׳האָט אים אויפגענומען דער טרויעריק־באַרימטער פּאָגראָם־מיניסטער פּלעווע.

ביים טערקישן סולטאַן איז ער שוין געווען, ביים דייטשישן קייסער ווילהעלם איז ער שוין געווען, אין צאַרישן הויף פון פּעטערבורג איז ער שוין אויך געווען — האָט ער זיך אונטערוועגנס פון איין „הויף" צום צווייטן געגעבן אַ שטעל־אָפּ אין ווילנע, כדי צו באַקענען זיך מיט נאָך איינעם אַ וויכטיקן הויף, און נעמלעך: מיטן ווילנער שול־הויף...

געקומען איז ער קיין ווילנע אינקאָגניטאָ, אָבער אין ווילנע זענען דאָך נישטאָ קיין סודות, און איבער אַ נאַכט האָט שוין גאַנץ שטאָט געוווּסט, אַז אינדערפרי קומט אָן דער ד״ר הערצל קיין ווילנע, ווו ער פאַרבלייבט ביז אין אָוונט.

אַלע גאַסן, וואָס האָבן געפירט צום וואָקזאַל, זענען שוין גאַנץ פרי געוואָרן פול מיט מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אָנקוקן דעם נישט־געקרוינטן יידישן מלך.

איך האָב נישט געדאַרפט מיטלויפן, ווייל מיין אכסניה איז דאָך געווען צוויי טריט פון וואָקזאַל.

האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט ביים אַריינגאַנג פון מיין קעלער־אכסניה און געוואַרט אויף דעם פייערלעכן מאָמענט, ווען ד״ר הערצל וועט דורכפאָרן די שאָפּענאָווסקע גאַס.

פלוצלינג אָבער האָבן זיך באַוויזן קאָזאַקן אויף זייערע ווילדע פערד. זינט הערש לעקערט האָט געשאָסן אויף דעם ווילנער גובערנאַטאָר — האָט מען אין ווילנע שטענדיק געהאַלטן אַ „סאָטניע", צי אפשר נאָך מער קאָזאַקן, וועלכע פלעגן מיט זייערע פיקעס און צעיושעטע פערד אָנוואַרפן אַ פחד אויף דער באַפעלקערונג.

אָבער היינטיקן מאָל האָבן זיך די קאָזאַקן געהאַלטן די ערשטע צייט גאַנץ אָנשטענדיק.

זיי האָבן אָפּגערייניקט די וואָקזאַל־גאַסן פון מענטשן, כדי דער „זשי־דאָווסקי צאַר״, ווי די גוים האָבן גערופן דעם דאָקטאָר הערצל, זאָל קענען פריי דורכפאָרן.

דער נייגעריקער עולם האָט זיך צונויפגעקוועטשט אויף די טראָטואַרן (אָדער „לאַוועס״, ווי מען זאָגט אין ווילנע) און מען האָט געקוקט צום וואָקזאַל.

פלוצלינג האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר „איזוואָזשטשיקעס״ אויף גומענע רעדער. אין איינעם פון זיי איז געוויס געזעסן ד״ר הערצל, ווייל ער האָט געטראָגן אַ צילינדער. האָט דער המון אָנגעהויבן צו געוואַלדעווען „הידד״, „יחי הערצל״ און „הוראַא״ און עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מהומה. מען האָט אָנגעהויבן נאָכלויפן די איזוואָזשטשיקעס. בין איך מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן באַגייסטערטן פאָלק און כ׳האָב אויך געגוואַלדעוועט „הידד״, „יחי הערצל״!

אָבער פלוצלינג האָבן די ווילד־געוואָרענע קאָזאַקן זיך אַריינגעריסן מיט זייערע צעיושעטע פערד אין המון אַריין. זיי האָבן געשמיסן מיט זייערע „נאַהאַיקעס״ אויף רעכטס און אויף לינקס. די געוואַלד־געשרייען האָבן געשפּאָלטן הימלען. אויך איך האָב באַקומען אַ שאַרפן שמיץ אין דער פּלייצע, אָבער אַזוי ווי כ׳בין פאַרשלעפּט געוואָרן נישט צו ווייט פון מיין אכסניה, איז מיר נאָך געלונגען צו ראַטעווען זיך פון דעם משוגע־געוואָרע־נעם דרויסן און ווי אַ פאַרפּאַלגטע חיה האָב איך זיך פאַרשטעקט צוריק אין מיין אונטערערדישער נאָרע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „זאַיעזזשי דאָס פּליסקינאַ״.

יענעם טאָג האָבן מיך די פליסקינס נישט אַרויסגעלאָזט מער פון הויז. גאַנץ ווילנע איז געגאַנגען „כאָדאָראָם״, אָבער איינציקווייז, ווייל ווי נאָר צוויי אָדער דריי יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווינקל גאַס צו דער־וויסן זיך עפּעס נייעס — איז שוין לעבן זיי געווען אַ קאָזאַק מיט אַ פערד.

דעם זעלבן אָוונט האָט שוין ד״ר הערצל פאַרלאָזט ווילנע און אויף מאָרגן האָט מען שוין ווידער געקענט פריי באַוועגן זיך איבער די גאַסן פון שטאָט.

ווילנע

בין איך באַלד אַוועק צו מיין מוכר־ספרימניק לעבן ווילנער שול־הויף, וועלכער פלעגט מיר שטענדיק ליפערן ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, און כ׳האָב אים געפרעגט, צי ער האָט נישט די ביאָגראַפיע פון ד״ר הערצל?

— ער לעבט דאָך נאָך, דאַנקען גאָט, און וועגן לעבעדיקע שרייבט מען נישט קיין ביאָגראַפיעס! — האָט מיר דער מוכר־ספרימניק געענטפערט.

— טאָלסטאָי לעבט נאָך אויך, און פונדעסטוועגן האָב איך שוין געלייענט זיין ביאָגראַפיע! — האָב איך געפּרוווט אָפּפרעגן דעם מוכר־ספרימניקס טענה.

— איר האָט געלייענט נישט טאָלסטאָיס ביאָגראַפיע, נאָר זיין אויטאָביאָגראַפיע — האָט מיך דער מוכר־ספרימניק אויסגעבעסערט.

— וואָס איז דער אונטערשיד?

— דער אונטערשיד באַשטייט אין דעם, וואָס ביאָגראַפיעס ווערן געשריבן פון אַנדערע ערשט נאָכדעם ווי די גרויסע מענטשן זענען שוין אַוועק אויפן עולם האמת, בעת אויטאָביאָגראַפיעס ווערן געשריבן פון די שרייבערס גופא! — האָט מיר דער מוכר־ספרימניק מסביר געווען דעם גאַנצן ענין.

איז מיר שוין דעמאָלט, ביים ווילנער שול־הויף, איינגעפאַלן דער גוטער געדאַנק, אַז אויב נאָר ס׳וועט מיר זיין באַשערט צו ווערן אַ גרויסער — וועל איך אויך אָנשרייבן מיין אייגענע ביאָגראַפיע און דורך דעם גופא ווערן באַרימט.

כדי אָבער צו פאַרטרייבן פון זיך דעם דאָזיקן נאַרישן געדאַנק — האָב איך פלוצלינג אַ פרעג געטון דעם מוכר־ספרימניק:

— האָט איר אפשר געזען נעכטן דעם ד״ר הערצל? מען האָט דאָך אים זיכער געפירט ווייזן דעם שול־הויף!

— מיינע באָבעס דאגות! — האָט דער מוכר־ספרימניק אָן ענטפער געטון מיט ביטול.

— גאַנץ ווילנע איז אים געלאָפן קוקן. איך — אויך! — האָב איך זיך אַ באַרים געטון.

— ווינציק פאַלשע משיחים האָבן יידן שוין געהאַט? עס איז עפּעס, רחמנא לצלן, אַ נייע שבתי צבי־באַוועגונג!

— פונדעסטוועגן פאַרקויפט איר דאָך דעם ד״ר הערצלס בילדער! — האָב איך געפּרוּווט כאַפּן דעם מוכר־ספרימניק אין אַ סתירה.

— מאַלע וואָס אַ מוכר־ספרימניק פאַרקויפט! — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

האָט מיך אָנגעהויבן צו פאַרדריסן, וואָס מיין פרומער מוכר־ספרימניק איז קעגן ציוניזם, איז קעגן ד״ר הערצל — כאָטש ער זעט גאָרנישט אויס צו זיין אַ פרומאַק, ווייל ער פאַרקויפט אויך פאַרשידענע מינים שונד־ראָמאַנען און באָבע־מעשיות פון נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, — בין איך אַריין אין שול־הויף הערן וואָס אַנדערע יידן דערציילן וועגן דעם נעכטיקן הערצל־טאָג אין ווילנע.

האָב איך זיך צוגעקלעפּט צו אַ געזעמל יידן, וואָס האָבן זיך טאַקע שטאַרק געקאָכט וועגן די נעכטיקע פּאַסירונגען אין ווילנע, און כ׳האָב דערהערט די פאָלגענדע רייד:

— אויב משה מאָנטעפיאָרע, ז״ל, וועלכער איז געווען מער אדם פון הערצלען, ווייל ער איז דאָך געווען אַן ענגלישער „סער״ און אַ גביר אדיר, האָט גאָרנישט געקענט פועלן ביי די רוסישע צאַרן, וועגן אחינו בני ישראל, איז וואָס קען שוין פועלן אַזאַ איינער, וואָס איז נישט מער ווי אַ דאָקטאָר! — האָט איינער געזאָגט.

— אַ סברא, אַז ער איז גאָר קיין דאָקטאָר אויך נישט! ער איז גאָר אַ שרייבער אין די דייטשישע צייטונגען, איז ער! — האָט זיך אַריינגעמישט אַ צווייטער.

— ווייסט איר דען, יידן, וואָס פלעווע, ימח שמו, האָט אים געענטפערט? — האָט זיך שוין פונאַנדערגעשאָקלט אַ דריטער ייד.

— אדרבה, וואָס?

— ער האָט אים געענטפערט, דער רשע מרושע, אַז אויב די ציוניסטן קענען אַרויסנעמען פון רוסלאַנד נישט מער ווי איין דריטל יידן, וועט ער דאָס צווייטע דריטל לאָזן אויסהרגענען, אָט ווי אין קישיניעוו, נישט פאַר אונדז געדאַכט, און דאָס דריטע דריטל יידן וועט זיך אויסשמדן! אַזוי אַרום וועט רוסלאַנד ענדלעך פּטור ווערן פון דעם „יעווריעיסקי וואָפּראָס״! — אַזוי האָט ער אים געענטפערט, דער פלעווע, ימח שמו וזכרו!

— איז וואָס האָט ער אים צוריקגעענטפערט, דער ד״ר הערצל? — איז דאָס געזעמל געוואָרן נייגעריק צו הערן ווייטער.

— וואָס פרעגט איר מיך? איך בין דען געווען דערביי? — איז דער ייד ברוגז געוואָרן פון דער פראַגע.

האָב איך שוין דערזען, אַז דער ווילנער שול־הויף איז קעגן דעם ד״ר הערצל!

אָבער דער ווילנער שול־הויף איז דאָך נישט גאַנץ ווילנע!

איך האָב דאָך נעכטן אַליין געזען, ווי טויזנטער יידן זענען געלאָפן צום וואָקזאַל אָנקוקן דעם ד״ר הערצל, און אַ סך פון זיי האָבן צוליב דעם אַריינגעכאַפּט די קאָזאַקישע „נאַהאַיקעס״. איך בין דאָך אויך איינער פון די דאָזיקע געליטענע און כ׳בין געווען שטאָלץ אויף דעם, וואָס אויך איך בין שוין געהייליקט געוואָרן דורך אַ נאַהאַיקע־שמיץ, ווייל כ׳בין אַ ייד, אַ יונגער ייד, וועלכער בענקט נאָך אַן אייגענער היים, נאָך אַן אייגן לאַנד.

אמת, די ווילנער שול־יידן וואַרטן נאָך אַלץ אויף משיחן, אָבער די הייליקע ספרים אַליין זאָגן דאָך, אַז אויב דאָס יידישע פאָלק וועט זוכה זיין — וועט משיח קומען אַ סך פריער פון זיין באַשטימטער צייט, און אויב ס׳יידישע פאָלק וועט נישט זוכה זיין — וועט דעמאָלט משיח קומען „עני ורוכב על החמור״, ד״ה ווי אַן אָרעמאַן, וואָס רייט אויף אַן אייזל...

אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע ד״ר הערצל גערעכט! מען דאַרף שטאַרק וועלן אויסגעלייזט צו ווערן פונעם גלות, און דעמאָלט ווערט שוין די גאולה אויס לעגענדע! זי ווערט אַווירקלעכקייט!

אָט אַזוי האָב איך זיך אַליין געטרייסט און געמונטערט, קוקנדיק אויף דעם מאַיעסטעטישן הערצל־פּאָרטרעט, וואָס האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ געזאַלבטער פון גאָט, וועלכער קומט צו אונדז אַרונטער פון די וואָלקנס, ווי עס שטייט געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים.

שפּעטער אַ ביסל, ווען איך בין געקומען צו מיין ד״ר סווידערסקי אויף דעם געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט נעמען מיינע באַשטראַלונגען — האָב איך אין דעם וואַרט־צימער געטראָפן אַ פּאָר רוסישע אָפיצירן, סיפיליטיקער, פאַרשטייט זיך, וועלכע האָבן געוואַרט אויפן דאָקטאָר.

איז מיר איינגעפאַלן, אַז אָט די דאָזיקע רוסישע אָפיצירן וועלן דאָס דאַרפן העלפן דער צאַרישער רעגירונג אומצוברענגען אַ גאַנץ דריטל פון

די רוסישע יידן, כדי דאָס צווייטע דריטל זאָל זיך וואָס גיכער אויסשמדן, ווי פלעווע זאָל האָבן געזאָגט.

האָב איך אַ טראַכט געטון: וועלכער משוגענער ייד וועט זיך דאָס, חלילה, שמדן, כדי צו ווערן נאָכדעם אַ שיכור און אַ סיפיליטיקער?!

איך פאַרגין זיי פון פולן האַרצן, די גויים, די דאָזיקע גרויסע דער־גרייכונגען זייערע.

און ס׳איז מיר געוואָרן זייער גוט אויפן האַרץ, וואָס איך בין אַ ייד מיט אַזוי פיל גרויסע איבערלעבונגען און נאָך גרעסערע בענקשאַפטן נאָך דער גאולה, וואָס קען ווערן אויס לעגענדע!

האָב איך, זיצנדיק ביי די פאַנטאַסטישע אולטראַ־וויאָלעט־לאָמפּן, פעסט באַשלאָסן, אַז אויב נאָר ס׳וועט מיר באַשערט זיין צו ווערן אַ גרוי־סער, אַ דערוואַקסענער — וועל איך טאַקע אָנשרייבן מיין אייגענע ביאָ־גראַפיע, און זאָלן מענטשן זען, ווי אַזוי אויך איך בין געוואָרן סוף־כל־סוף אַ שטיקל מענטש, נאָר דערפאַר, ווייל ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט אין ווילנע צו ווערן אַ ייד, אַ באַפרייטער ייד!

III

כ׳באַגלייט אַ ברודער קיין אַמעריקע

ווען ס׳פלעגט מיר ווערן אין ווילנע אומעטיק (און דאָס פלעגט טרעפן גאַנץ אָפט!) — פלעג איך אַוועק צום וואָקזאַל באַגעגענען דעם מינסקער צוג.

ס׳קען דאָך אַמאָל פּאַסירן, אַז מיט דעם דאָזיקן צוג זאָל אָנקומען קיין ווילנע אַ באַקאַנטער, אַ פריינט, צי אפשר גאָר אַ קרובֿ?

מיין בענקשאַפט נאָך די ברידער אין מינסק איז געווען זייער גרויס און די בענקשאַפט נאָך דער מאַמען איז געווען, פאַרשטייט זיך, נאָך אַ סך גרעסער.

האָט מיך די מאַמע געטרייסט אין אַ בריוו, אַז גאָר אין גיכן וועט קו־מען צו מיר דער עלטסטער ברודער מיינער, מענדל, וועלכער פאָרט שוין טאַקע, אין אַ גוטער שעה, קיין אַמעריקע!

ער איז שוין געווען, מיין ברודער, ביי דער מאַמען אין זעמבין געזע־גענען זיך. פון דער מאַמען איז ער אַוועקגעפאָרן געזעגענען זיך צו דער איינציקער שוועסטער אונדזערער אין בערעזין און פון בערעזין וועט ער שוין קומען אויך צו מיר, ווייל דער וועג קיין אַמעריקע ליגט, לאָזט זיך אויס, דורך ווילנע.

אַז דער וועג פון אונדזערע מקומות קיין אַמעריקע ליגט דורך ווילנע — האָב איך שוין געוווּסט פון פריער.

איך האָב שוין נישט איינמאָל געהאַט באַמערקט, ווי פון דעם מינסקער צוג גייען אַרונטער אין ווילנע גאַנצע מחנהס מוזשיקעס, מיט ווייסע לייוונ־טענע זעק אויף די פּלייצעס און יידישע „אַגענטן" פלעגן זיי, ווי טשערעדעס שעפּסן פירן אין די נאָענטסטע אכסניות.

אויך פּליסקינס קעלער־אכסניה, ווו ס׳איז געווען מיין היים, פלעגט אָפטמאָל באַקומען אויף נאַכטלעגער אַ גאַנצע מחנה מוזשיקעס, וואָס פאָרן קיין אַמעריקע.

אַזוי־אַרום האָב איך זיך אין ווילנע דערוווּסט, אַז אויך אפילו רוסישע פּויערים פאָרן קיין אַמעריקע.

אַבי כ׳האָב געהאַט געמיינט, אַז קיין אַמעריקע פאָרן נאָר יידן אַליין.

איך האָב דאָך בפירוש אויסגעלייענט אין דער ביאָגראַפיע פון קאָ־לאָמבוסן, אַז ער האָט געשטאַמט, אַ סברה, פון די אנוסים אין שפּאַניע און אַז די אינדיאַנער, וועלכע קאָלאָמבוס האָט געפונען אין אַמעריקע, שטאַ־מען אָפּ, אַ סברה, פון אונדזערע פאַרלוירן געגאַנגענע צען שבטים.

וויבאַלד אַזוי, האָב איך דעמאָלט געטראַכט, איז דאָך אַמעריקע כמעט אַ יידיש לאַנד און ביז וואַנען ד״ר הערצל וועט זיך אויסגלייכן מיטן טער־קישן סולטאַן וועגן ארץ־ישראל — וועלן דערווייל אחינו בני ישראל קענען ראַטעווען זיך אין אַמעריקע.

(נאָך דעם קישעניעווער פּאָגראָם האָבן אַ סך יידן אָנגעהויבן צו לויפן קיין אַמעריקע אָדער קיין אַרגענטינע, ווו דער באַראָן הירש האָט געגעבן יידן ערד אומזיסט).

ווען כ׳האָב איינמאָל אַ פרעג געטון דעם „אַגענט״, וועלכער העלפט די עמיגראַנטן צו פאָרן קיין אַמעריקע, ווי אַזוי די אָפּגעשטאַנענע מוזשיקעס פון די פאַרוואָרפענע דערפער אין ליטע און אין רייסן דערוויסן זיך וועגן קאָלאָמבוסעס מדינה? — האָט ער מיר געענטפערט, אַז אויך אין אַמערי־קע ווילן די יידן האָבן זייערע פאַראָבקעס, וואָס זאָלן פאַר זיי האַקן האָלץ און טראָגן וואַסער.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער אַגענט האָט צוגעטראַכט פאַר מיר אַ פאַלשן תירוץ (זיי זענען געווען גרויסע זשוליקעס — די אַגענטן!). כ׳האָב שוין געוווּסט, אַז אין אַמעריקע הערשט גאָר אַן אַנדער מין יידישקייט, אַ יידישקייט אָן בערד און פאות, אַ יידישקייט אָן שבתים און יום־טובים.

כ׳פלעג דאָך אָפט לייענען די בריוו פון די אַמעריקאַנער יידן צו זייערע ווייבער אין דער אַלטער היים — האָב איך דאָך געזען, אַז אין אַמעריקע איז טאַקע אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, ווי די מאַמע מיינע פלעגט זאָגן.

אַט, למשל, איז איינער אַ געוועזענער שוסטער גאָר געוואָרן אַ „פּאַ־ריער״, ד״ה מסתמא אַ פּאַרער, אַ בעל־עגלה, און אַ געוועזענער בל־עגלה איז גאָר געוואָרן נישט פאַר אונדז געדאַכט אַ „קאַטער״, צי אַ „קאַטער״.

אויך די פאָטאָגראַפיעס פון די אַמעריקאַנער יידן פלעגן צעטומלען זייערע ווייבער אין דער אַלטער היים.

די קליינשטעטלדיקע יידענע פלעגט פשוט נישט דערקענען דעם אייגע־נעם מאַן אירן.

אַוועקגעפאָרן איז איר מאַן מיט באָרד און וואָנצעס און מיט אַ וועלאָ־סיפּעדנער היטל, אָבער אויף דער אַמעריקאַנער פאָטאָגראַפיע שטייט ער שוין אינגאַנצן אָן אָפּגעגאָלטער אין אַ האַרטן קאַפּעליוש און ער זעט גאָר אויס ווי אַ חתן־בחור, וועלכן מען דאַרף באַלד פירן צו דער חופה.

נישט איין יידענע פלעגט באַנעצן די פאָטאָגראַפיעס פון איר באַניטן מאַן מיט הייסע טרערן. אַז מען זעט אויס, רחמנא לצלן, ווי אַ יונגער „קאַ־טער״ — איז ווער ווייס וואָס מיט איר מאַן קען נאָך, חלילה, פּאַסירן אין אַמעריקע?

נישט אומזיסט זאָגט מען דאָך „אַמעריטשקע גנבו!״...

דאָך אָבער האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט, ווען כ׳האָב זיך דערוווסט אַז מיין עלטסטער ברודער פאָרט טאַקע קיין אַמעריקע.

מיר האָבן שוין געהאַט דעמאָלט אַ פעטער אין פעטערסאָן, דעם טאַטנס אַ ברודער, און כ׳האָב געוווסט, אַז ווי נאָר מיין ברודער וועט, אי״ה, אָנ־הייבן „שאַרן גאָלד אין די גאַסן״, וועט ער מיר זיכער שיקן גענוג געלט, כ׳זאָל קענען פאָרן קיין ווין היילן זיך ביי די ריכטיקע פּראָפעסאָרן, ווי מיין דאָקטאָר סווידערסקי האָט מיר געהאַט געעצהט.

בין איך אַזוי לאַנג געגאַנגען באַגעגענען דעם מינסקער צוג ביז ס׳האָט מיר איינמאָל אָפּגעגליקט און כ׳האָב טאַקע דערזען אויף דער וואקזאַל־פּלאַטפאָרמע מיין ברודער אַרומגערינגלט מיט אַ סך פעק און פעקלעך.

האָט זיך מיין ברודער שטאַרק געחידושט, ווי אַזוי כ׳האָב געטראָפן די ריכטיקע צייט, ווען אים צו באַגעגענען?

האָב איך אים דערציילט דעם אמת, אַז איך גיי סיי ווי יעדן טאָג באַגעגענען דעם מינסקער צוג, ווייל ס׳איז מיר אין ווילנע זייער אומעטיק.

— פאַרוואָס איז דיר אומעטיק?

— ווייל איך קען זיך נישט לערנען — האָב איך געענטפערט.

— פאַרוואָס קענסטו נישט לערנען זיך?

— ווייל כ׳האָב נישט ווו!

— ביסט דאָך אין אַן אכסניה, צווישן אייגענע מענטשן — האָט מיך דער ברודער געהאַלטן אין איין אויספּרעגן.

— ס׳איז נישט קיין אכסניה, נאָר אַ קרעטשמע! אַט וועסטו באַלד זען! — האָב איך אַן ענטפער געטון דעם ברודער, און מיר זענען אַוועק מיט אַלע פּעק און פּעקלעך צו מיין קעלער־אכסניה אויפן ראָג שאָפּענאָווסקע און סאַדאָווע.

— צו וואָס דאַרפסטו אַזוי פיל פּעק מיט פּעקלעך? — האָב איך פּלוצלינג פרעג געטון מיין ברודער.

— דאָס זענען נישט מיינע, דאָס זענען דער מאַמעס! — האָט דער ברודער אָנגעהויבן ווי צו פאַרענטפערן זיך.

— וואָס הייסט דער מאַמעס? — בין איך געוואָרן צעטומלט.

— דאָס האָט מיר די מאַמע מיטגעגעבן אויפן שיף — האָט דער ברודער אָנגעוויזן אויף איינעם אַ פּאַק מיט שוואַרצע סוכאַרעס (צוויבאַק).

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין סוכאַרעס? — בין איך געוואָרן זייער נייגעריק.

האָט מיר דער ברודער דערקלערט, אַז אין זעמבין, ווו די מאַמע געפינט זיך איצטער, האָט מען אַנטדעקט אַ נייעם מיטל קעגן ים־שווינדל...

מען פאַרקנעט אַ דייזשע קאָרענעם מעל, אָבער נישט מיט וואַסער, נאָר מיט ביר. ווען מען באַקט אויס די שיכורע לאַבנס ברויט, מאַכט מען פון זיי סוכאַרעס, זיי זאָלן זיך קענען לאַנג האַלטן. איז ווען מען עסט אויפן שיף די דאָזיקע שוואַרצע ביר־סוכאַרעס — פילט מען נישט קיין ים־שווינדל!

— אָבער צו וואָס אַזוי פיל? — האָב איך זיך נישט געקענט אָפּ־חידושן.

— די מאַמע האָט אויסגעחשבונט — האָט מיר דער ברודער דערקלערט, אַז וויבאַלד ס׳וועט מיר אויסקומען צו זיין אויף דער שיף ביי גוטע צוויי וואָכן — מוז איך האָבן, לכל הפחות, ביי אַ האַלבן פּוד סוכאַרעס (20 רוסישע פונט).

— ס'איז טאַקע אַ ביסל צו פיל! — האָט מיט מיר דער ברודער באַלד מסכים געווען און ער האָט באַשלאָסן איבערצולאָזן ביי מיר ביי אַ העלפט פון די ביר־סוכאַרעס.

— אויך מירל (די שוועסטער אונדזערע) אין בערעזין האָט אויסגע־באַקט ביי צען פונט פוטער־קיכלעך פון דער אמתער „קרופּטשאַטקע"־מעל און זי האָט געמאַכט דערפון סוכאַרעס מיט צימערינג, וואָס איז אויך, זאָגט זי, אַ גוטע סגולה קעגן ים־שווינדל — האָט מיר דער ברודער אָנגע־וויזן אויף אַ צווייטן פּאַק.

— אַז מען עסט אויפן ים נאָר טרוקענע זאַכן, ברעכט מען נישט!

— און דאָס איז אַ זעקל מיט טרוקענע גאָמעלקעס. איין העלפט פאַר דיר, איין העלפט פאַר מיר. אַזוי האָט די מאַמע אָנגעזאָגט — האָט מיר דער ברודער אָנגעוויזן אויף נאָך איינעם אַ זעקל פון ווייסן לייוונט.

— און דאָס איז אַ זעקעלע מיט געטריקנטע שוועמלעך...

— זענען אויך די שוועמלעך קעגן ים־שווינדל? — האָב איך איבער־געשלאָגן דעם ברודער.

— ניין, די שוועמלעך האָט מיר געגעבן דער פעטער מוניע (דער שוועסטערס מאַן). ער זאָגט, אַז אין אַמעריקע זענען געטריקנטע שוועמלעך מיט גאָלד צוגלייך — וועל איך דאָרטן האָבן מיט וואָס פונאַנדערצופירן די הענט...

און דאָס איז אַ פּעקל מיט פּאַפּיראָסן, 500 שטיק. דאָס האָט מיר דער פעטער קליאַנסקי (דער מאַמעס מאַן) געגעבן אַ מתנה, ווייל אין אַמעריקע, זאָגט מען, רויכערט מען פּאַפּיראָסן אָן מונדשטוקן און דער גאַנצער טאַבאַק קריכט דיר אין מויל אַריין! — האָט מיר דער ברודער אָנגעוויזן אויף איינער אַ קאַרטאָנקע, איבערגעבונדן מיט אַ שטריקל.

— און דאָס איז אַ זעקעלע מיט שוואַרצע יאַגדעס, געטריקנטע, ווייל טאָמער הויבט אָן, חלילה, אויפן שיף צו טרייבן — פאַרשטאָפּט עס...

— און דאָס איז אַ פלאַש „באַליוועקעס" פון ראָזשינקעס מיט זעקס און ניינציקער ספּירט, ווייל טאָמער באַקומט מען אויפן שיף אַ פאַרשטאָפּונג, טרייבט עס...

— זע נאָר, זע, מענדל, האָסט דאָך דאָ אַ גאַנצע אַפּטייק מיט הייל־

מיטלען קעגן ים־שווינדל, צו וואָס דאַרפסטו דאָס אַלץ? — האָב איך שוין נישט געקענט מער אויסהאַלטן פון דעם ברודערס פעק און פעקלעך.

— אגב, האָב איך לעצטנס געלייענט אין איינעם אַ וויץ־בוך, אַז דער זיכערסטער מיטל קעגן ים־שווינדל איז צו פאַרשפּעטיקן די שיף...

האָט מיין ברודער באַלד פאַרשטאַנען מיין שטילע איראָניע און ער האָט מיך תיכף באַרואיקט:

— מיינסטו דען, אַז כ׳וועל דאָס אַלץ מיטנעמען? ווייסט דאָך, אַז די מאַמע שטייט צו און די שוועסטער שטייט צו — קען מען זיי נישט אָפּזאָגן. איך האָב אָבער לכתחילה געהאַט בדעה דאָס אַלץ איבערצולאָזן ביי דיר, ווייל דו האָסט, ווייס איך, געגנוג ים־שווינדל אויף דער יבשה...

איז מיר זייער געפעלן געוואָרן מיין ברודערס איינפאַל און כ׳האָב אים אַוועקגעפירט צו מיין דאָקטאָר סווידערסקי אויף דעם געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט — ער זאָל זען, מיין ברודער, ווו און ווי אַזוי כ׳פאַרברען אַ העלפט פון מיין לעבן!

דער דאָקטאָר סווידערסקי האָט מיין ברודער זייער פיין אויפגענומען. ער האָט אים אפילו באַוויזן די אַלע טשיקאַווע לאָמפּן, מיט וועלכע ער היילט מיך, אָבער ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אויב נאָר ער וועט אין אַמעריקע פאַרדינען אַ סך געלט — זאָל מען זען מיך אַריבערצושיקן וואָס גיכער קיין וויען, ווו ס׳איז שוין פאַראַן אַ ספּעציעלער הייל־אַנשטאַלט פאַר אַזעלכע קראַנקע ווי איך.

מיין ברודער האָט צוגעזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז ער וועט עס טון ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, און ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ זילבערנעם רובל פאַר דעם וויזיט...

ד״ר סווידערסקי האָט, פאַרשטייט זיך, צוריקגעגעבן דעם רובל און געזאָגט צום ברודער אַזוי צו זאָגן:

— אויב דו האָסט שוין יאָ אַן איבעריקן רובל — גיי אַריין מיט דיין ברודער צו אַ פאָטאָגראַף און זאָל ער מיר מאַכן אַ בילד פון זיין קראַנקער האַנט. כ׳מוז האָבן דאָס בילד פאַר איינעם אַ מעדיצינישן זשורנאַל, וואָס דערשיינט טאַקע אין וויען...

זענען מיר אַריין צו אַ פאָטאָגראַף מאַכן אַ בילד פון מיין קראַנקער האַנט.

ווילנע

מיין ברודער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און אָנגעהויבן שטיל צו וויי־נען. ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען די האַנט מיינע...

אויף אים קוקנדיק האָט מיר אויך אָנגעהויבן צו קלעמען דאָס האַרץ. זענען מיר ביידע געוואָרן ביים פאָטאָגראַף אַזוי שטאַרק צעטראָגן, אַז ס׳איז אונדז גאָר נישט איינגעפאַלן צו מאַכן אַ בילד פון אונדזביידן.

ער איז דאָך דער גאָר עלטסטער פון די פינף טשאַרני־ברידער און איך — דער גאָר יינגסטער, און ווער ווייס צי מיר וועלן זיך נאָך וועזן עס איז זען אויף דער וועלט?

פאַרדריסט מיך נאָך ביז היינט, פאַרוואָס כ׳האָב זיך דעמאָלט נישט פאָטאָגראַפירט מיט דעם גאָר עלטסטן ברודער מיינעם.

IV

איך שווער קאָנספּיראַציע

ד״ר הערצלס באַגעגעניש מיט פּלעווען אין פּעטערסבורג און זיין באַזוך אין ווילנע, האָט, זעט אויס, אויפגעשטורעמט דעם גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט.

ס׳האָבן זיך אַ שאָט געטון פּראָקלאַמאַציעס אין יידיש און אין רוסיש קעגן דעם ציוניזם בכלל און קעגן דער שתדלנות־פּאָליטיק פון דעם ד״ר הערצל בפרט.

די פּראָקלאַמאַציעס פלעגט מען גאַנץ אָפט געפינען אונטער די טירן אָדער אין די בריוו־קאַסטנס. פון צייט־צו־צייט פלעגט מען די פּראָקלאַמאַציעס אויך אויסקלעפּן אויף די ווענט פון די מויערן, צי גאָר אויף די טעלעגראַפן־סלופּעס.

אויסקלעפּן פּראָקלאַמאַציעס אויף די ווענט, צי אויף די סלופּעס, איז נישט געווען קיין געפערלעכע אַרבעט, ווייל די „גאָראָדאָוויע״ (פּאָליציסטן), וועלכע פלעגן גאַנצע נעכט שטיין אויף זייערע פּאָסטנס, זענען שוין גע־ווינט געוואָרן צו דעם, אַז ווילנער יידן זאָלן פאַרקלעפּן די ווענט און די סלופּעס פון די יידישע גאַסן מיט פאַרשידענע מינים מעלדונגען.

קיין יידישע צייטונג איז דאָך דעמאָלט אין ווילנע נאָך נישט געווען, פלעגט מען אַלע וויכטיקע פּאַסירונגען פון שטאָט אָנזאָגן דורך די אַזוי גערופענע „קלעפּסידרעס״, ווי די פּאָליאַקן פלעגן דאָס רופן.

דער גרעסטער טייל מודעות איז באַשטאַנען פון לוויה־מעלדונגען.

די אבלים פלעגן האַלטן פאַר זייער חוב אָנצוזאָגן דורך געשריבענע, צי דורך געדרוקטע מעלדונגען, אַז זיי זענען, נעבעך, געוואָרן אבלים און

מען בעט קומען צו דער לויה פון זייער חשובן, באַליבטן, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ע״ה.

צווישן די טרויער־מעלדונגען אין שוואַרצע ראַמען, פלעגט מען קענען געפינען אויך געשעפטלעכע מודעות וועגן צימערן, וואָס פאַרדינגען זיך, וועגן וואַנט־זייגערס, וואָס פאַרקויפן זיך און וועגן מגידים, וואָס טרעטן אויף אין דער אָדער יענער שול.

אַזוי אַרום פלעגן ווילנער יידן האַלטן אין איין קלעפּן מודעות אויף די ווענט און אויף די טעלעגראַפן־סלופּעס און דעריבער טאַקע האָבן די ווילנער „גאָראָדאָוויע״ קיינמאָל נישט געקענט וויסן, צי די אַרויפגעקלעפּטע „קלעפּסידרעס״ רופן צו אַ לויה, צי זיי רופן גאָר צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד?

ווען נישט די יידישע שפּיאָנען, וועלכע פלעגן מסרן דער פּאָליציי, אַז „גאַנץ ווילנע״ איז באַקלעפּט געוואָרן מיט פּראָקלאַמאַציעס פון דעם „יידישן אַרבעטער־בונד פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן״ (אַזוי האָט דעמאָלט געהייסן דער פולער נאָמען פון „בונד״) — וואָלטן אויך די בונדישע פּראָקלאַמאַציעס געהאנגען אויף די ווענט און סלופּעס פּונקט אַזוי לאַנג, ווי די מעלדונגען וועגן לוויות אָדער מגידים.

פון די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז „חברים און חברטעס״ הייסן גאָר ביים „בונד״ „גענאָסן און גענאָסינען״.

דאָס האָט אויסגעזען צו זיין זייער קאָמיש, ווייל דאָס וואָרט „גענאָסן״ האָט גאָר אין יידיש אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג...

מען זאָגט, למשל, „ביים אמת גענאָסן״, ווען עמיצער גיט אַ נאָס, אָדער מען קען אויך גענוסן פון כיבוד, וואָס מען שטעלט אויף אַ יום־טוב־דיקן טיש.

נאָר אַזוי איז שוין געווען דעמאָלט דער נוסח פון אַלע יידישע פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע פלעגן זיך שטענדיק אָנהויבן מיט די ווערטער: „גענאָסען און גענאָסינען״.

אָבער דער אינהאַלט פון די בונדישע פּראָקלאַמאַציעס איז געווען, לויט מיין מיינונג, אַ גאַנץ לייטישער און לאָגישער.

זיי פלעגן טענהן, אַז ביז די ציוניסטן וועלן אונדז ברענגען די נחמה, וועט דערווייל ביי אונדז, פּראָלעטאַריער, אַרויס די נשמה!

איך, פֿערזענלעך, האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט געגוי צו וועלכן קלאַס איך געהער: צום פּראָלעטאַרישן אָדער צו דעם בורזשואַזן?

לעבן — לעב איך דאָך אין ווילנע, ווי אַן אמתער פּראָלעטאַריער אין אַ האַלב־פֿינצטערער קעלער־אכסניה. שלאָף — שלאָף איך אויף אַ האַר־טער צעראַטענער קושעטקע, אונטער דעם וואַנט־זייגער.

יאָ, כ׳מוז אייך, אגב, דערציילן אַ קוריאָז, ווי צוליב מיר האָט זיך איינמאָל אָפּגעשטעלט ביינאַכט דער וואַנט־זייגער און איניקע געסט פֿון דער אכסניה האָבן צוליב דעם פֿאַרשפּעטיקט דעם פֿאַרטאָגיקן צוג.

דאָס האָט דער באַלעבאָס פֿון דער אכסניה פֿאַרגעסן איינמאָל אַרויפֿ־צוציען די ביידע געוויכטן פֿון דעם וואַנט־זייגער, ווי ער פֿלעגט עס טון, געוויינלעך, פֿאַר יעדן שלאָפֿן גיין — האָט איינע אַ געוויכט, אין משך פֿון דער נאַכט, זיך אַרונטערגעלאָזט שטיל און פּאַוואָליע אויף מיין קאָפּ, און מיט איר גאַנצער שווערקייט זיך אויסגעלייגט אויף מיין איינגעשלאָפֿענעם מוח. האָט זיך דער פּאָמפּעדיקל באַלד אָפּגעשטעלט און במילא האָבן אויך די ביידע ווייזערס זיך אויפֿגעהערט צו באַוועגן.

די רויט־האָריקע באַלעבאָסטע פֿון דער אכסניה האָט געהאַט אַ טבע אָנצוצינדן עטלעכע מאָל אין דער נאַכט אַ שוועבעלע און אַ קוק טון, ווי שפּעט עס איז?

זי פֿלעגט עס מוזן טון צוליב דעם, ווייל כמעט יעטוועדע נאַכט פֿלעגט זי האָבן אַזעלכע געסט, וועלכע זי פֿלעגט מוזן אויפֿוועקן צו דעם פֿאַר־טאָגיקן צוג.

האָט אָבער אין יענער נאַכט דער וואַנט־זייגער איבער מיין קאָפּ באַ־וויזן יעדן מאָל דער באַלעבאָסטע, אַז ס׳איז ערשט דריי ביינאַכט.

ווען ס׳האָט שוין אָבער אָנגעהויבן צו טאָגן — האָב איך זיך פּלוצלינג געגעבן אַ כאַפּ־אויף פֿון עפּעס אַ וויסטן חלום און כ׳האָב דערזען, ווי דאָס פֿינף־פֿונטיגע צייט־געוויכט האָט זיך גאַנץ געמיטלעך אויסגעלייגט אויף מיין קישן, ווי אויך דאָס געוויכט וואָלטן וועלן כאָטש איינמאָל אין יאָר זיך אויסרוען פֿון די אַלע סעקונדעס, מינוטן, שעהען און מעת־לעתן, וועל־כע עס מוז מיט געוואַלט אַרויספּאָמפּען פֿון דעם פֿאַרזשאַווערטן זייגער־מעכאַניזם.

(סוף־כל־סוף מעג דאָך אַמאָל די צייט אַליין אויך אָפּכאַפּן אַ ביסל דעם אָטעם!).

פון דעמאָלט אָן האָט מען שוין איבערגעשטעלט מיין קושעטקע אויף אַזאַ מין אופן, אַז דער וואַנט־זייגער זאָל מער נישט זיין ביי מיר צוקאָפּנס, נאָר צופוסנס.

האָב איך זיך איצטער דערמאָנט אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד, ווייל אויך די בונדישע פּראָקלאַמאַציעס האָבן דעמאָלט געטענהט, אַז די ציוניסטן ווילן אָפּשטעלן דעם זייגער פון דער וועלט־געשיכטע, אַז זיי שרעקן זיך, הייסט עס, פאַר דער הייס־געגאַרטער שעה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועל־כע וועט מאַכן אַ סוף צו דעם יידישן גלות און מען וועט שוין פאַרשפּאָרן שלעפּן זיך צו די מדבריות פון ארץ־ישראל.

„אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע" וועט אין רוסלאַנד גופא ווערן אַ גן־עדן פאַר אַלע גערודפטע און פאַרפאָלגטע, און, קודם־כל, פאַר די יידן, וועלכע וועלן תיכף ומיד באַקומען פון דער פאָלקס־רעגירונג אַ נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע און אַלע אַנדערע יידישע פאָלקס־באַדער־פעניש...

האָב איך נאָך דעמאָלט באמת נישט געוווסט, אויף וועלכן צד איך זאָל זיך שטעלן?

לעבן — לעב איך טאַקע, ווי אַ פּראָלעטאַריער, אָן קיינע שום באַ־קוועמלעכקייטן, אָבער די השגות מיינע זענען דווקא געווען באַלעבאַטישע אָדער „קליין־בירגערלעכע", ווי מען פלעגט דעמאָלט זאָגן.

האָט מיר אָבער דער גורל צוגעשיקט אַ חבר אַזאַ, וועלכער האָט גע־לייזט מיין פּראָבלעם.

ער איז געווען אַ שטיקל קרוב פון די פּליסקינס, וווּ איך האָב גע־האַט מיין אכסניה.

זיין פאַמיליע איז אויך געווען פּליסקין. ער פלעגט קומען יעדן זומער קיין ווילנע, גרייטן זיך צו די עקזאַמענס פאַר דעם יידישן לערער־אינ־סטיטוט, אָבער ער פלעגט יעדן מאָל דורכפאַלן, ווייל ער איז שוין געווען צו־פיל פאַרטון מיט פּאָליטיק.

ער איז געווען, לאָזט זיך אויס, אַ ציוניסט־סאָציאַליסט, אָדער אַן „עסע־סאָוויעץ", ווי מען פלעגט עס זאָגן פאַרקירצטערהייט.

האָט ער מיר דערקלערט, דער חבר פּליסקין (ער איז געווען אויף גוטע צוויי יאָר עלטער פון מיר), אַז ווען מען איז אַן „עסעסאָוויעץ״, קען מען גלייכצייטיק קעמפן פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און אויך שטרעבן צו אַ יידישער טעריטאָריע אפילו אויסער ארץ־ישראל (ס׳האָט זיך דעמאָלט געהאַט שטאַרק געטומלט וועגן אוגאַנדע, וואָס ד״ר הערצל האָט פאָרגע־לייגט, ווי אַ מין „נאַכט־אַזיל״, ביז מען וועט באַקומען דעם „טשאַרטער״ אויף ארץ־ישראל).

איז מיר דער דאָזיקער איינפאַל פון די „עסעסאָווצעס״ שטאַרק געפעלן געוואָרן!

כ׳האָב שוין זייער געבענקט נאָך עפּעס אַ נייעם מין „נאַכט־אַזיל״, ווו כ׳זאָל קענען שלאָפן אויף אַן אמתן בעט און האָבן אַ צימער פאַר זיך אַליין.

האָט מיר דער חבר פּליסקין פאַרטרויט אַ סוד, אַז אויב נאָר איך קען האַלטן „קאָנספּיראַציע״, וועט ער מיך מאַכן פאַר זיין שותף צו דער רחבות־דיקער בורזשואַזער דירה פון איינעם אַ רייכן יידישן וואַלד־הענדלער, וועלכער וווינט טאַקע אין דעם זעלבן הויז, ווו ס׳געפינט זיך מיין אכסניה.

(דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן גוט־באַקאַנטן ווילנער וואַלד־סוחר וויל איך דאָ נישט אָנרופן, ווייל וויבאַלד כ׳האָב געשווירן קאָנספּיראַציע — מוז מען האַלטן סוד אפילו אין אַמעריקע).

די דאָזיקע בורזשואַזע דירה ווערט פריי יעדן זומער אויף גאַנצע דריי חדשים, אָנהויבנדיק פון אויף מאָרגן נאָך שבועות ביז די ימים־נוראים.

די גבירטע פאָרט אַוועק אויף דעם גאַנצן זומער קיין דרוזגעניק אָדער קיין קאַרלסבאַד און דער גביר אַליין פאַרברענגט דעם גאַנצן זומער ער־געץ־ווו אין מעמעל, צי אין דאַנציג, וווהין עס קומען־אָן מיטן וואַסער זיינע פליטן פון די וועלדער אין ליטע.

אָבער אין ווילנע טאָר מען נישט לאָזן פוסטעווען קיין שום דירה, ווייל מען וועט זיי זיכער באַגנבענען.

דעריבער לאָזט מען איבער אין דער דירה אַ פּאָר גוט־באַקאַנטע בחורימלעך, דאָס רוב קלויזניקעס אָדער עקסטערנעס, וואָס קיינער צווייפלט נישט אין זייער ערלעכקייט, און פאַר אַ פּאָר רובל אַ חודש, היטן זיי אָפּ די בורזשואַזע דירה מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט.

אַזוי ווי מיין חבר פליסקין האָט שוין אַ חזקה אויף דער אויבן־אָנגע־וויזענער דירה אין אוצעכאָווסיקס הויז, ווייל ער האָט זי שוין צוויי זומערן אָפּגעהיט — וועט ער היינטיקן זומער מיך פאַרשטעלן פאַר די באַלעבאַ־טים און זיי וועלן זיכער איינגיין צו באַשטימען מיך פאַר דעם שומר נו־מער צוויי.

אַזוי ווי ס׳האָט שוין געהאַלטן אַ וואָך פאַר שבועות — האָב איך דער מאַמען אָנגעשריבן, אַז כ׳וועל שוין נישט קומען אַהיים אויף שבועות, ווי כ׳האָב געהאַט צוגעזאָגט, ווייל עס מאַכט זיך מיר זייער אַ גוטע געלעגנ־הייט צו קענען פאַרברענגען דעם גאַנצן זומער אין זייער אַ רייכער דירה, אויף דעם פינפטן עטאַזש, ווו ס׳איז פאַראַן אַ סך זון און לופט, און אַז דער שותף מיינער, מיט וועמען כ׳וועל אויף דער דירה אַכטונג געבן, איז זייער אַ ווילער בחור, טאַקע פון דער זעלבער פליסקין־משפחה, און ער האָט מיר צוגעזאָגט, דער בחור, מיך צוצוגרייטן צו די עקזאַמענס פאַר דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט, ווו מען לערנט אָן אַ גראָשן געלט און מען האַלט נאָך אויס אויף אַלץ פאַרטיקן, ד״ה מען גיט פרייע דירה און קעסט.

(כ׳האָב פאַרשטייט זיך, דער מאַמען נישט געשריבן, אַז ער אַליין, דער צוקינפטיקער לערער מיינער, איז שוין, נעבעך, צוויי מאָל דורכגעפאַלן ביי די עקזאַמענס אין דעם זעלבן אינסטיטוט, פאַר וועלכן ער וויל מיך צוגרייטן).

די באַלעבאַטים פון מיין אכסניה האָבן זיך זייער דערפרייט, וואָס איך פאַרבלייב דעם זומער אין ווילנע און טאַקע אין דעם זעלבן הויז, ווו זייער אכסניה געפינט זיך.

זיי האָבן זיך שוין צו מיר שטאַרק צוגעווינט, די באַלעבאַטים, און איך — צו זיי אויך!

די פיר פליסקין־טעכטער האָבן מיך געהאַט באַהאַנדלט ווי אַ לייב־לעכן ברודער און זיי פלעגן זיך שוין נישט שעמען פאַר מיר אַרומצו־לויפן אפילו אין נאַכט־העמדער.

מער נישט, די הינקענדיקע, נעבעך, וואָס איז געווען באַדעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך פון קאָפּ ביז די פיס, האָט זיך זייער גענומען צום האַרצן, וואָס איך האָב בדעה צו פאַרלאָזן זייער אכסניה אויף גאַנצע דריי חדשים.

זי האָט מיך זעט אויס ליב באַקומען נאָך מער ווי מען האָט ליב אַ ברודער.

כ׳בין דאָך געווען איר לערער. איך האָב דאָך איר שוין אויסגע־לערנט אַלע פיר „דיעסטוויעס”: חיבור, חיסור, כפל און חילוק און כ׳האָב שוין געהאַלטן מיט איר ביי דעם אַזוי גערופענעם „דראָב” (ברוכצאָלן, ווי זאָלן מיר כפלען אָנדערהאַלבן אויף דריטהאַלבן, אָדער צונויפחיבורן, דריי־פערטל מיט פינף זעקסטל).

ווען כ׳האָב אָבער מיין רויט־האָריקער תלמידה אָנגעהויבן צו דער־קלערן דעם שכל פון „דראָב” — האָבן זיך ביי איר פלוצלינג אַלע זומער־שפּרענקעלעך אָנגעצונדן, ווי פּיטשעמאָנטשיקע רויטע לעמפּעלעך, וועל־כע זאָגן־אָן אויף דער געפאַר, אַז ווייטער גיין טאָר מען שוין נישט!

ווי עס זעט אויס, האָט די ליבע נישט ליב קיין „דראָב”...

איז מיר שוין דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז כ׳מוז זיך טאַקע ראַטעווען פון מיין קעלער־אכסניה אין דער צייטווייליקער בורזשואַזער דירה, וועל־כע כ׳האָב באַצייטנס אַ נאָמען געגעבן „אוגאַנדע”.

שוין בעסער אַ צייטווייליקער „נאַכט־אַזיל”, ווי ד״ר הערצל האָט גע־זאָגט, אָבער אָן די זומער־שפּרענקעלעך, וועלכע סיגנאַליזירן תמיד אויף עפּעס אַ געפאַר...

V

רעוואָלוציע און סעקס

מיין איבערגאַנג פון אַ פּראָלעטאַרישן לעבן צו אַ בורזשואַזן איז מיר אָנגעקומען גאַנץ גרינג.

ווי עס זעט אויס, קען מען זיך צוגעוווינען צו גוטס אַ סך גיכער ווי צו שלעכטס.

אַ דאַנק מיין חבר פליסקין, האָב איך באַלד נאָך שבועות זיך אַריבערגעפּעקלט פון דער קעלער־אכסניה, וואָס איז געלעגן ניין איילן טיף אין דער ערד, צו דער גביריש־רחבותדיקער דירה פון זעקס צימערן אויף דעם פינפטן עטאַזש פון דעם זעלבן הויז.

אמת, די דאָזיקע בורזשואַזע דירה איז געווען פאַר אונדז נאָר אויף די דריי זומער־חדשים, ווען די באַלעבאַטים פאָרן אַוועק אויף דאַטשע, אָבער אַ חיי־שעה איז דאָך אויך גוט!

האָב איך איינמאָל אַ זאָג געטון צו מיין חבר פליסקין:

— ווייסט, ווען אַלע פּראָלעטאַריער וואָלטן כאָטש דריי חדשים אין יאָר געהאַט אַזעלכע פיינע דירות מיט אַזוי פיל באַקוועמלעכקייטן, וואָלטן זיי, לכל־הפחות, געוווסט, פאַרוואָס זיי דאַרפן קעמפן!

— ווען מען וועט אַרונטערוואַרפן ניקאָלאַיקען, וועלן אַלע אָרעמעלייט האָבן אַזעלכע דירות! — האָט מיך דער חבר פליסקין פאַרזיכערט.

— אויב אַלע אָרעמעלייט וועלן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע באַקומען אַזעלכע פיינע דירות — איז צו וואָס זאָלן דעמאָלט די יידישע האַרעפּאַשניקעס פאָרן קיין ארץ־ישראל, צי אפילו קיין אוגאַנדע? — האָב איך געפּרוווט אָפּצופרעגן דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק ביי מיין חבר פליסקין.

— ס'יידישע פאָלק איז גאַנץ אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער אין גאַר דער וועלט! — האָט מיר חבר פליסקין אָנגעהויבן מסביר צו זיין דעם געדאַנק־גאַנג פון די „עסעסאָווצעס" (ציוניסטן־סאָציאַליסטן).

— אַלע פעלקער פון דער וועלט לעבן אויף זייערע אייגענע טערי־טאָריעס, דעריבער קענען זיי איינהיטן זייער שפּראַך, זייער קולטור, זייער אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, בעת די יידן זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער גאַר דער וועלט און מען לאָזט זיי אין ערגעץ נישט פּראָלעטאַרי־זירן זיך, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. דעריבער זענען יידן געוואָרן אַ פאָלק פון קרעמערס, הענדלערס, פאַרמיטלערס און גלאַט אַזוי לופט־מענטשן. אָבער ווען מיר וועלן האָבן אַן אייגענע טעריטאָריע — וועלן מיר שאַפן אַן איי־גענעם פּויערים־קלאַס, אַן אייגענעם פּראָלעטאַריאַט, מיט אַן אייגענער פאָלקס־אינטעליגענץ, און אַזוי אַרום וועלן מיר זיך, ענדלעך, אויסגלייכן מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון גאַר דער וועלט.

— האָסטו שוין איצטער פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מיר מוזן זיין עסע־סאָווצעס? — האָט מיך חבר פליסקין אַ פרעג געטון מעשה לערער.

— יאָ, איצטער פאַרשטיי איך שוין! — האָב איך תיכף מסכים געווען מיט חבר פליסקינען, כאָטש דעם אמת געזאָגט האָב איך נאָך בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, צוליב וואָס, אַן ערך, מוזן דאָס די יידן זיך אויס־גלייכן מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט.

כ'האָב אָבער געמוזט מסכים זיין מיט מיין עלטערן חבר. פּשוט צוליב דעם, ווייל ער האָט דאָך מיר שוין געגעבן אַ שטיקל אַוואַנס אויף אַן אייגע־נער טעריטאָריע — דאָס איז די גבירישע דירה, וווּ כ'וועל אין משך פון די דריי זומער־חדשים קענען אויסגלייכן דיביינער און ווערן טאַקע אַ באַ־לעבאָס פאַר זיך!

אויסער דעם האָב איך אים שוין געהאַט צוגעשווירן „קאָנספּיראַציע", ד"ה, אַז כ'וועל קיינעם קיין וואָרט נישט דערציילן וועגן דעם אַלץ, וואָס כ'וועל זען און הערן אין אונדזער זומער־רעזידענץ.

שוין אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך דערזען, אַז חבר פליסקין האָט טאַקע נישט אומזיסט גענומען ביי מיר די קאָנספּיראַציע־שבועה.

די גבירישע דירה איז באַלד פול געוואָרן מיט אַזעלכע מאָדנע קאָנספּי־ראַציעס, וואָס איינע האָט זיך נישט געקלעפּט צו דער צווייטער.

קאָנספּיראַציע נומער איינס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די באַלעבאַטים פון אונדזער דירה האָבן איבערגעלאָזט אין ווילנע אַ זון, אַ בן־יחיד, וועלכער האָט געדאַרפט זיין דער אויבער־משגיח איבער אונדז, די געדונגענע משגיחים, פון דער גבירישער דירה.

באַלד נאָכדעם ווי זיינע עלטערן האָבן פאַרלאָזט ווילנע אויף גאַנצע דריי חדשים, איז צו אונדז געקומען זייער בן־יחיד, דער אויבער־משגיח, און ער האָט צו אונדז געזאָגט אין אַ הויך־קלינגענדיקן רוסיש אַזוי צו זאָגן:

— „סלושאַיטיע, רעביאַטאַ“ — הערט נאָר, בחורימלעך, וואָס איך וועל אייך זאָגן: איך האָב אַ חברטע אַן אַקטריסע פון דעם זומער־טעאַטער, זי הייסט קאַטיאַ — וועט זי קומען אַהער נעכטיקן אין מיין ביבליאָטעק־צימער, וואָס איז אויך מיין שלאָף־צימער. איז טאָמער וועט איר דערהערן אַרום איינס ביינאַכט, אַז עמיצער שליסט אויף די טיר פון אונדזער דירה, זאָלט איר זיך נישט דערשרעקן — ס'איז קאַטיאַ! געוועגלעך שלאָפט זי ביז צען־עלף אינדערפרי. ווען זי וועט אויפשטיין — זאָלט איר מאַכן פאַר איר אַ גלאָז טיי און אַרויפטראָגן אַ פּאָר בייגל מיט פּוטער. איר וועט פון מיר באַקומען וואָכן־געלט אויף אַלע זאַכן...

„פּאָניאַלי, רעביאַטאַ?“ — האָט איר פאַרשטאַנען, חברה־לייט, וואָס איך רעד צו אייך? — האָט דער יונגער באַלעבאָס אַ פרעג געטון מיין חבר פּליסקינען, וועלכן ער האָט שוין גוט געקענט פון פאַראַיאָרן.

— „טאַק טאָטשנאָ!“ — אַלץ פאַרשטאַנען! — האָט פּליסקין אַן ענטפער געטון צו אונדזער אויבער־משגיח ווי אַ סאָלדאַט ענטפערט צו זיינעם אַן אָפיציר.

ביים געזעגענען זיך האָט אונדז דער יונגער באַלעבאָס איבערגעלאָזט אַ זילבערנעם רובל אויף די פּרישטיקס פאַר זיין קאַטיען און ער האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז טאָמער פּאַסירט עפּעס אין הויז — זאָלן מיר אים תיכף געבן צו וויסן אין האָטעל בריסטאָל אויף געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט, ווו ער שטייט איין, אָדער אין דער רעדאַקציע פון „ווילענסקי וועסטניק“, ווו ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

ווען דער חברה־מאַן איז געווען אַוועקגעגאַנגען, האָב איך אַ פרעג געטון מיין חבר פּליסקין, ווי קומט עס, וואָס אַ זון פון אַ חשובן יידישן באַ-

לעבאָס זאָל גאָר אַרבעטן אין דעם אַנטיסעמיטישן „ווילענסקי וועסטניק“, אָדער „ווילענסקי סמעטניק“, ווי די ווילנער יידן פלעגן רופן די דאָזיקע צייטונג.

— דאָס איז דאָך דער פועל־יוצא פון אונדזער גלות! — האָט מיר פליסקין געענטפערט. — די טאַטעס זענען גבאים אין דער יידישער קהילה און די זין זייערע ווערן שמשים ביי די שונאי־ישראל. דאָס איז דאָך דער גלות אונדזערער!

— אָבער צו וואָס דאַרפן מיר דאָ האָבן אַ שיקסע אין הויז? — האָב איך ווידער אַ פרעג געטון.

— נישט מיר דאַרפן זי, נאָר ער דאַרף זי! פּאַרפּאַלן, ברודערל, אויך מיר זענען אין גלות! האָט מיין חבר אַן ענטפער געטון מיט אַ קאָנספּי־ראַטיוו שמייכעלע, וואָס פאַרענטפערט גאָרנישט.

שפּעטער אַ ביסל איז מיר שוין קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס מיין חבר פליסקין האָט זיך שטילערהייט געפרייט מיט דער אַקטריסע, וועלכע ער האָט געדאַרפט האָבן צוליב זיינע אייגענע קאָנספּיראַטיווע מעשים.

ער האָט, נעמלעך, איינגעשטעלט אין אונדזער בורזשואַזער דירה אַן „עסעסישע“ דרוקעריי.

די גאַנצע „דרוקעריי“ איז באַשטאַנען פון אַזאַ מין העקטאָגראַף, אויף וועלכן מען קען אין משך פון סך־הכל איין שעה אָפּדרוקן ביי הונדערט פּראָקלאַמאַציעס.

די דאָזיקע געהיימע אַרבעט פלעגט געמאַכט ווערן אין דעם וואַנע־צימער, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ בלעכענער אויוון אויף צו מאַכן הייס דעם וואַסער־רעזערוואַר — איז טאָמער, חלילה, קומט אַן פּאָליציי — קען מען צלע פּראָקלאַמאַציעס תיכף ומיד אונטערצינדן און אַוועקלאָזן מיטן רויך.

ווען די פּראָקלאַמאַציעס פלעגן פאַרטיק ווערן, פלעגט זיי חבר פליס־קין צונויפלייגן אין איין גלייכן פּעקל און זיי אונטערלייגן אונטער דעם באַרג שווערע רוסישע זשורנאַלן, וואָס זענען געלעגן אין דעם ביבליאָטעק־צימער, ווו די אַקטריסע פלעגט שלאָפן.

דער פּאָליציי וועט דאָך קיינמאָל נישט איינפאַלן צו זוכן אומלעגאַלע ליטעראַטור אין דעם צימער, ווו עס שלאָפט אַזאַ קראַסאַוויצע, ווי די קאַיאַ!

ווילנע

האָבן מיר שוין, הייסט עס, געהאַט אין אונדזער גבירישער דירה צוויי קאָנספּיראַציעס מיטאַמאָל: די שיקסע און דעם העקטאָגראַף.

אָבער גאָר אין גיכן איז צוגעקומען אַ דריטע קאָנספּיראַציע. אַ קאָנ־ספּיראַציע צווישן קאַטיען מיטן חבר פּליסקין.

צוערשט פּלעגט ער יעדן אינדערפרי לויפן אַלע ווײַלע צו דער טיר פון איר שלאָף־צימער און אַרײַנקוקן אין שליסל־לאָך, צי זי איז שוין אויפגעשטאַנען?

ווען כ׳האָב אים אײנמאָל אַ זאָג געטון, אַז ס׳איז נישט שײן צו קוקן דורך אַ שליסל־לאָך אין אַ פרויען־צימער — האָט ער מיר צוערשט גע־זאָגט אַ ליגן, אַז דאָס קוקט ער כלומרשט, צי זי פּאָרקעט זיך נישט אַרום די רוסישע זשורנאַלן צווישן וועלכע ס׳ליגט פאַרשטעקט די אומלעגאַלע לי־טעראַטור פון „עס־עס“.

ווי ס׳זעט אויס, האָט מײן חבר פּליסקין צונויפגעפּלאָנטערט רעוואָלו־ציע מיט סעקס.

שפּעטער האָט זיך מײן חבר מודה געווען, אַז דאָס קוקט ער ווי די אַקטריסע מאַכט אירע טאַנץ־רעפּעטיציעס אַנטקעגן דעם גרויסן וואַנט־שפּיגל, אָבער גאָר אינגאַנצן אַ נאַקעטע.

— האָסט נאָך קײנמאָל נישט געזען קײן נאַקעטע פרוי? — האָב איך אַ פרעג געטון מײן חבר, ווי כ׳וואָלט שוין געווען אַן איבערגעזעטיק־טער בעל עבירהניק.

— ווו האָב איך געקענט זען? — האָט מיך דער חבר אָנגעקוקט פאַר־חידושט.

— כ׳מײן, אַ מאַמע, אַ שוועסטער! — האָב איך געפּרווט דערקלערן מײן מײן.

— וואָס פאַרגלײכסטו אַ מאַמען, צי אַ שוועסטער מיט אַ טענצערקע פון טעאַטער! ס׳איז דאָך הימל עפּן זיך! — האָט מײן חבר אַ זאָג געטון מיט גרויס באַגײַסטערונג און ער האָט אויך מיך געוואָלט אָנשטעקן מיט זײַן באַגײַסטערונג.

— ווילסט גאָרנישט אַ קוק טון, ווי זי טאַנצט?

— קוקן וויל איך, אָבער נישט דורך אַ שליסל־לאָך! — האָב איך אים קאַלטבלוטיק געענטפערט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז מיר שוין קלאָר געוואָרן די קאָנספּי־ראַציע נומער דריי, כ׳מיין די קאָנספּיראַציע צווישן מיין חבר מיט דער אַקטריסע.

לאָזט זיך אויס, אַז אונדזער איבער־משגיח, דער זון פון אונדזער באַלעבאָס, וואָס איז געוואָרן קאַטיעס ליובאָווניק האָט אויף איר פּלוצלינג געוואָרפן אַן אומחן און ער האָט אַנגעזאָגט דעם חבר פּליסקין, אַז ער זאָל זי מער נישט לאָזן נעכטיקן אין אונדזער בחינמדיקער דירה.

ער האָט שוין אפילו אויפגעהערט געבן דעם רובל אַ וואָך פאַר די פּריש־טיקס, וואָס מיר פלעגן איר געבן.

איז זי פאַרבליבן, קאַטיע, אָן אַ דירה און אָן געלט.

האָט זי זיך אָבער צוגעשאַרט צו מיין חבר פּליסקין און זיך איינגעג־בעטן ביי אים, אַז ער זאָל איר נאָך לאָזן נעכטיקן ביי אונדז, ביז זי וועט געפינען אַ נייעם צימער, ריכטיקער געזאָגט — אַ נייעם ליבהאָבער.

דערפאַר פלעגט זי אים געבן יעדן טאָג אומזיסט טאַנץ־פאַרשטעלונגען.

מיין חבר פּליסקין פלעגט מיך נישט רופן צו די דאָזיקע פאַרשטע־לונגען, וויל ער האָט געמיינט, אַז איך בין נאָך צו־יונג דערפאַר (ער איז שוין געווען איבער אַכצן און איך —נאָך נישט קיין פולע זעכצן).

אָבער קאַטיע האָט אים באַפוילן, אַז ער זאָל אויך מיך אַריינרופן צו איר אין צימער, וויל זי גייט טאַנצן אַ יידישן טאַנץ.

האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געלאָזט זיך לאַנג בעטן און כ׳בין גע־קומען צו דער „פאַרשטעלונג״.

קאַטיע האָט אויף איר נאַקעטן לייב אַרויפגעוואָרפן אַ טערקישן שאַל און אונטערזינגענדיק עפּעס אַן אָריענטאַלישן מאָטיוו האָט זי אָנגעהויבן מאַכן אַנטקעגן דעם שפּיגל פאַרשידענע מינים באַוועגונגען און האַווייעס, וואָס אַזעלכע האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען.

אָט שטעלט זי זיך אַוועק „שמונה עשרה״ אַנטקעגן דעם ביכער־אַל־מער מיטן ווילנער ש״ס און מיט די אַנדערע הייליקע ספרים און הויבט אָן שטיל און צניעותדיק צו מורמלען עפּעס אַ תפילה, ווי זי וואָלט געווען, להבדיל, די מוטער רחל און אָט גיט זי זיך פּלוצלינג אַ רייס אָפּ פון יע־נער וועלט און זי הויבט אָן צו מאַכן אַנטקעגן שפּיגל אַזעלכע ווילדע

און אויסגעלאָסענע הענט־ און פיס־באַוועגונגען, ווי זי וואָלט געוואָרן, רחמנא לצלן, אַ רחב הזונה.

איר אוידיטאָריע, וואָס איז באַשטאַנען סך־הכל פון צוויי פּערזאָן (פון מיר מיטן חבר פּליסקין), האָבן אויסגעדריקט קאַטיען אונדזער העכסטע באַגייסטערונג און יענעם פרי־מאָרגן האָבן מיר איר געמאַכט אַ פּיינקוכן צום פרישטיק און כ׳האָב איר „אויסגעבאָרגט״ אַ זילבערנעם רובל פון מיינע אייגענע אָפּשפּאָרונגען.

קאַטיע האָט מיר דערפאַר אַ קניפּ געטון אין באַק און אַ זאָג געטון: „לאַדני כלאָפּאַק״ (אַ פיינער בחור!) — האָב איך זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין יענער פּאַציענטקע ביי מיין דאָקטאָר סווידערסקי, וועלכע האָט מיר אויך איינמאָל אַ קניפּ געטון אין באַק, ווען זי איז געווען געלעגן מוטער־נאַקעט מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים אונטער דעם אולטראַ־וויאָלעטן הייל־לאָמפּ.

האָב איך זי פּלוצלינג אַ פרעג געטון, צי זי קען מיין דאָקטאָר סווידערסקי פון געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט?

— דערוויַיל דאַנקען גאָט, קען איך אים נאָך נישט! — האָט מיר קאַטיע אָן ענטפער געטון מיט עכט־רוסישער אָפנהאַרציקייט.

ווען קאַטיע איז שפּעטער אַוועק פון הויז און מיר האָבן אָנגעהויבן אויפצוראָמען דעם ביבליאָטעק־צימער, וואָס איז אויך געווען איר שלאָף־צימער — האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז פון איינער אַ ביכער־שאַפע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן די פילבענדיקע רוסישע ענציקלאָפּעדיע פון בראָקהאַוז און עפראָן.

בין איך באַלד אַוועקגעלאָפן אין רעדאַקציע פון „ווילענסקי וועסטניק״ פרעגן אונדזער אויבער־משגיח, צי האָט ער נישט אַרויסגענומען פון דער ביכער־שאַפע די רוסישע ענציקלאָפּעדיע?

האָט ער זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָס איז קאַטיעס אַ שטיקל אַרבעט און ער האָט אונדז באַפוילן אָפּצושליסן זיין צימער און ברענגען אים דעם שליסל.

האָט מיין חבר פּליסקין קודם־כל אַרויסגעראַטעוועט דאָס ביסל אומ־לעגאַלע ליטעראַטור, וואָס איז נאָך געווען פאַרשטעקט צווישן די אַלטע רוסישע זשורנאַלן און אַזוי אַרום איז איינאיינעם מיט דער אומלעגאַלער

ליטעראַטור אויך פאַרשווונדן פון אונדזער הויז די געווועזענע „ליובאַווניצע״ פון אונדזער באַלעבאָס זינדעלע...

זי איז פאַרשווונדן געוואָרן, קאַטיושקע, נישט נאָר פון אונדזער הויז, נאָר פון דער וועלט בכלל.

זי האָט זיך אויפגעהאנגען אין דעם זעלבן האָטעל „בריסטאָל״, ווו ס׳איז איינגעשטאַנען איר געוועזענער „ליובאָווניק״...

פאַרוואָס האָט זי זיך געהאָנגען, קאַטיושקע? זי איז דאָך געווען שיין, יונג און באַגאַבט?

מיין חבר פליסקין איז אומגעגאַנגען וואָכן־לאַנג ווי אַן אבל און איך — אויך.

און דער „עסעסישער״ העקטאָגראַף האָט יענעם זומער אומזיסט גע־וואַרט אויף נייע פראָקלאַמאַציעס...

VI

ווילנער דלות

מיין ברודער ברוך (דער שפּעטער־געוואָרענער ב. וולאַדעק) האָט זיך אַזוי לאַנג געגרייט צו די עקזאַמענס אויף זעקס צי אויף זיבן קלאַסן גימ־נאַזיע — ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין דער מינסקער טורמע.

ווען איך בין נאָך געווען אין מינסק אינאיינעם מיט די ברידער, האָב איך שוין געהאַט דעמאָלט באַמערקט, אַז מיין ברודער ברוך לערנט אַזעלכע מאָדנע זאַכן פון וועלכע מען קען נאָר באַקומען אַ קאָפּ־שווינדל.

אַזוי, למשל, פלעגט ער האַלטן אין איין כפלען (קייפלען) איקסן אויף איגרעקס, כדי צו באַקומען „זעטס״.

וואָס האָט מען פון אַזאַ מין כפלעריי (קייפלעריי), ווען מען ווייס נישט קיינמאָל וויפל ס׳באַטרעפט דער איקס און וויפל ס׳באַטרעפט דער איגרעק?

ווען מען זאָגט, למשל, צוויי מאָל צוויי איז פיר — ווייס מען, אַז עס שטעקט אין דעם אַ שטיק אמת, וועלכן קיינער קען שוין נישט אָפּפרעגן. אָבער וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו כפלען איין לאַטייניש בוכשטאַב אויף אַ צווייטן, כדי צו באַקומען אַ דריטן לאַטייניש בוכשטאַב?

ווען כ׳האָב איינמאָל אַ פרעג געטון מיין ברודער צוליב וואָס ער פאַר־נעמט זיך מיט אַזעלכע מינים „חשבונות״, וועלכע פירן נישט צו קיין שום באַשטימטן סך־הכל? — האָט ער מיר געענטפערט, אַז די דאָזיקע איקס־איגרעק־זאַדאַטשעס געהערן שוין צו דער אַזוי גערופענער „העכערער מאַ־טעמאַטיק״, צו דער אַלגעברע, וועלכע איך קען נאָך נישט פאַרשטיין, ווייל איך האַלט ערשט ביי דער „נידעריקער מאַטעמאַטיק״, ד״ה, ביי דער אַריפמעטיקע.

(צווישן אונדז גערעדט האָלט איך נאָך אויך איצטער אַ סך מער פון דער „בידעריקער מאַטעמאַטיק“, ווי פון דער „העכערער“, ווייל די איקסן מיט די איגרעקס האָבן אונדז שוין אָנגעמאַכט אַ סך צרות...).

איך האָב אָבער נישט געוווסט, אַז מיין ברודער ברוך פאַרנעמט זיך נאָך אויך מיט אַזאַ מין כפלעריי, וועלכע האָט שוין צו טון פיל מער מיט פּאָליטיק ווי מיט מאַטעמאַטיק.

ער האָט, נעמלעך, אָנגעהויבן צו כפלען דעם ציוניזם אויף דעם סאָציאַליזם און ער האָט זיי אַזוי לאַנג געכפלט ביז ס׳האָט זיך באַקומען עפּעס אַ נייער מין „זעט“, וועלכער שמעקט שוין גאָר מיט טורמע, צי מיט סיביר, רחמנא לצלן!

לעבנדיק אין ווילנע, האָב איך נישט געקענט וויסן, אַז מיין ברודער ברוך זיצט שוין חדשים־לאַנג אין דער מינסקער טורמע.

איך פלעג פון אים באַקומען גאַנץ פריילעכע בריוועלעך, ווי זיי וואָלטן געשריבן געוואָרן אויף דער פריי און ס׳וואָלט מיר גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז די דאָזיקע בריוועלעך ווערן אַרויסגעשמוגלט פון דער מינסקער טורמע און איבערגעשיקט צו מיר קיין ווילנע.

אָבער אָט איז אָנגעקומען קיין ווילנע דער צווייטער ברודער מיינער פון די גאָר עלטסטע, מיין ברודער זאַלקע, וועלכער פאָרט שוין אויך קיין אַמעריקע מיט אַ פולן זאַק ביר־סוכאַרעס פון שוואַרצן ברויט און מיט די אַלע אַנדערע וויכטיקע סגולות קעגן ים־שווינדל — האָב איך זיך פון אָט דעם דאָזיקן ברודער דערוווסט, אַז ברוך זיצט שוין ביי אַ האַלב יאָר אין דער מינסקער טורמע און אַז דער ברודער שמואל (דער שפּעטער־געוואָרענער ש. ניגער) האָט זיך צוליב דעם טאַקע אָפּגעטראָגן פון מינסק אין אַן אַנדער שטאָט, אַ סברה קיין דווינסק, פון וואַנען ער וועט מיר געוויס אָנשרייבן אַ בריוו.

מיין ברודער זאַלקע וואָלט עס מיר זיכער נישט געהאַט דערציילט, ווען ער באַקומט נישט אין מינסק קיין שליחות פון די חברים מיך צוצוגרייטן צו דעם גאַנצן ענין, צוליב וועלכן מען וועט מיך באַלד אַרויסרופן קיין מינסק.

לאָזט זיך אויס, אַז די מינסקער זשאַנדאַרמעריע איז גרייט אַרויסצולאָזן מיין ברודער אויף ערבות־געלט ביזן פּראָצעס, אָבער די ערבות־

געלט קען אַריינטראָגן נאָר אַ נאָענטער משפּחה־מענטש: אַ טאַטע, אַ מאַמע צי אַ ברודער.

בין איך, הייסט עס, דער איין און איינציקער ברודער, וועלכער קען אויסלייזן ברוכן פון דער מינסקער טורמע.

שמואל קען דאָס נישט טון, ווייל ער אַליין איז שוין אויך כמעט אַ „פאַרשאָלטענער" און ער האָט געמוזט צוליב דעם פאַרלאָזן מינסק.

ער, מיין ברודער זאַלקע, קען דאָס אויך נישט טון, ווייל ער פאָרט דאָך אַוועק קיין אַמעריקע און ער וועט די ערבות־געלט קיינמאָל נישט קענען באַקומען צוריק.

די מאַמע קען דאָס אוודאי נישט טון, ווייל זי איז דאָך שוין נישט מער קיין טשאַרני, נאָר אַ קליאָנסקי און ס'איז בכלל בעסער, אַז די מאַמע וויס נישט פון די אַלע זאַכן!

האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרק צו קלעמען, וואָס מיין הייס־געליבטער ברודער פאָקוטעוועט אין טורמע און ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו וויינען, אָבער זאַלקע האָט מיך אָנגעהויבן צו טרייסטן, אַז ברוך פילט זיך אין טורמע גאַנץ גוט. ער שרייבט פון דאָרטן זייער פריילעכע און מוטיקע בריוו, אָבער ער איז שוין נישט מער קיין פּועלי־ציוניסט, נאָר אַ בונדיסט...

— וואָס הייסט אַ בונדיסט? — בין איך צעטומלט געוואָרן פון דער אומגעריכטער נייעס.

— מען דערציילט שוין וועגן דעם אין מינסק פאַרשידענע מעשיות! — האָט מיר זאַלקע געענטפערט.

— אָט, למשל, האָב איך געהערט, אַז ווען איינע אַ פּועלי־ציוניסטקע האָט מעשה כלה געבראַכט אים אין טורמע אַ פּעקל עסן־זאַכן — זאָל איר ברוך האָבן געהאַט געזאָגט:

אַ דאַנק, די בונדיסטקעס טראָגן שוין!"

— איך האָב אויך געהערט — האָט מיך זאַלקע ווייטער איינפאָרמירט, אַז דער באַרימטער בונדיסט קאָליע טעפּער, וועלכער זיצט אויך אין דער מינסקער טורמע האָט אַזוי לאַנג דעבאַטירט מיט ברוכן וועגן בונד און פּועלי־ציוניזם — ביז ברוך האָט זיך אונטערגעגעבן און ער איז געוואָרן אַ בונדיסט.

— איז ווער וועט פאַר אים איצטער שאַפן די ערבות־געלט? — בין איך געוואָרן נייגעריק צו וויסן.

— פאַרשטייט זיך, אַז די בונדיסטן! — האָט מיר זאַלקע געענטפערט.

האָב איך זיך מודה געווען פאַר מיין ברודער, אַז איך מיש זיך שוין אויך אַ ביסל אין פּאָליטיק. איך האָב אַ חבר אַן „עסעסאָוויעץ" (ציוניסט־סאָציאַליסט), האָט ער מיך אַריינגעצויגן אין דער אומלעגאַלער אַרבעט און כ׳טו שוין עפּעס אויך פאַר דעם יידישן פאָלק...

האָט זיך מיין ברודער שטאַרק דערשראָקן, וואָס איך פאַרנעם זיך שוין מיט אומלעגאַלער אַרבעט און ער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— ביסט דאָך געקומען קיין ווילנע היילן זיך, איז צו וואָס דאַרפסטו די „קאָנספּיראַציעס"? מער פעלט נישט, ווען מען זאָל דיך, חלילה, אַרעס־טירן! ווער וועט זיך פאַר דיר דעמאָלט איינשטעלן? ס׳איז שוין גענוג, וואָס שמואל מיט ברוכן פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק! פאַרלאָז זיך אויף זיי! מען וועט זיך שוין באַגיין אָן דיר אויך!

האָב איך מיין ברודער דערציילט דעם אמת, אַז אין ווילנע קען מען נישט אַנדערש! אין ווילנע מוז מען צו עמיצן געהערן, ווייל גאַנץ ווילנע גייט כאַדראַם און מען קען נישט שטיין פון דער ווייטנס. יעדן טאָג אַרעסטירט מען אומשולדיקע מענטשן און אויב מען געהערט נישט צו קיין שום פּאַרטיי — קען מען דעמאָלט פאַרפוילט ווערן אין טורמע, צי אין סיביר און אפילו אַ האָן וועט נישט אַ קריי טון, ווען מען געהערט אָבער צו אַ פּאַרטיי — שטעלט מען זיך איין פאַר דיר. טראָגט מען דיר פּעקלעך און מען זוכט מיטלען ווי אַזוי דיך צו באַפרייען, אָט ווי מיט אונדזער ברוכן איצטער, ווען דער „בונד" וועט שוין זיכער אַרויסשלעפּן פון טורמע! — האָב איך מסביר געווען מיין ברודער דעם גאַנצן ענין, כדי ער זאָל זיך אַ ביסל באַרואיקן.

— ביסט דאָך אָבער געוואָרן, זע איך, אַן „עסעסאָוויעץ" נישט על־פּי שכל און נישט על־פּי נויט, נאָר על־פּי ריינעם צופאַל! — האָט שוין דער ברודער געפּרוווט ווירקן אויף מיר מיט ריינער לאָגיק.

— אויב די מיינסט, ברודער־לעבן, אַז ווילנע ווערט יעדע נאַכט פאַרקלעפּט מיט פּראָקלאַמאַציעס „נישט על פּי שכל און נישט על פּי נויט", ווי דו זאָגסט — וועל איך דיר באַלד באַווייזן דעם ווילנער שכל

און די ווילנער גויט! — בין איך שוין אַריין אין עקשנות און כ׳האָב אָװעקגעפּירט מיין ברודער צום ווילנער שול־הויף, דורכמאַרשירנדיק גרויס־סטעפּן גאַס, רודניצקי, די טײַטשישע גאַס און די פאַרשידענע מינים זאַווולקעס אַרום דעם שול־הויף.

אַט שטייט אין אַ שפּאַלט צווישן צוויי מויערן אַ יידענע מיט אַ קאַ־שיק איבערגעפּוילטע עפּעלעך און זי גוואַלדעוועט איבער אַלע אַרומיקע געסלעך:

— דריי פלעשער ווין פאַר אַ קאָפּיקע, קויפט ווייבעלעך, דריי פאַר אַ קאָפּיקע, דריי ווייבעלעך פאַר אַ קאָפּיקע, קויפט!

אין אַ צווייטן מויער־שפּאַלט שטייט אַן אַנדער יידענע מיט אַ טשוהון הייסע באָבעס און זי שרייט איבער די ערשטע:

— קויפט אַ פולע גלאָז באָבעס פאַר אַ גראָשן, הייסע באָבעלעך פאַר אַ גראָשן, אַ פולע גלאָז מיט באָבעס פאַר אַ גראָשן, קויפט, יידישע קינדער, קויפט!

אין שכנות מיט דער באָבעס־פאַרקויפערין שטייט אַ דריטע יידענע און גוואַלדעוועט איבער די ערשטע צוויי:

— רעטשישניק אָקאַרשט פון אויוון, אַ קאָפּיקע אַ שטיק, קויפט רע־טשישניק און איר דאַרפט נישט קיין וועטשערע. קויפט, יידעלעך, קויפט פאַר אַ קאָפּיקע אַ וועטשערע, קויפט!

מיין ברודער זאַלקע איז, נעבעך, צעטומלט געוואָרן פון די ווייבער־שע גוואַלט־געשרייען.

— נו, זאָג אַליין, קען מען דען אין ווילנע בלייבן גלייכגילטיק, הערנ־דיק טאָג־איין טאָג־אויס די דאָזיקע גוואַלט־געשרייען? — האָב איך אַ פרעג געטון מיין ברודער.

— יעדע יידענע איז דאָך אַ מאַמע און זי וויל אויסהאָדעווען אירע קינדער צו גאָט און צו לייטן, אָט ווי די מאַמע אונדזערע האָט אויסגעהאָ־דעוועט אירע זעקס יתומים! — האָב איך אַריינגעטענהט צו מיין ברודער.

— און ווייסטו — האָב איך אים נישט אויפגעהערט ווייטער צו עג־בערן, אַז פון אָט די קאָשיקעס און טשוהונעס, אַז פון אָט די מויער־שפּאַלטן און קעלער־שטיבלעך איז דאָך אַרויסגעוואַקסן די גאַנצע יידישע

פּאָלקס־אינטעליגענץ, וועלכע וויל ענדערן דעם סדר העולם און איינפירן אַ ביסל יושר און גערעכטיקייט.

— מיינסטו, אַז די בונטאַרישע יוגנט פון ווילנע איז נישט גערעכט, ווען זי רופט צו שטרייקס און צו דעמאָנסטראַציעס? — בין איך צוגע־שטאַנען צו מיין ברודער.

מיין ברודער אָבער האָט געשוויגן. ער האָט זיך, קענטיק, נישט גע־ריכט צו הערן פון מיר אַזעלכע רייד...

האָב איך אים דעמאָלט אַריינגעפירט אין אַ יידיש קרעמל און אים באַוויזן, ווי אַזוי דער קרעמער צעשניידט אַ הערינג אויף זעקס שטיקלעך און פאַרקויפט צו איין גראָשן אַ שטיקל הערינג.

האָב איך געקויפט צוויי שטיקלעך הערינג פאַר אַ קאָפּיקע און כ׳בין מיט אים אַריין אין אַ כשרן וווּרשט־געשעפט, ווו כ׳האָב געקויפט פאַר דריי קאָפּיקעס אַן אַכטל פונט „אָברעזקעס״, ד״ה די עקן פון די ווורשטן אינאיינעם מיט די שטריקלעך, די אָפּשניצלעך פון די געפּיקלטע צונגען און פון די „גרודינקעס״ (ברוסט־פלייש) און ווען מען האָט גליק פאַלט אַמאָל אַריין צווישן די „אָברעזקעס״ אַן אמת שטיקל צונג אָדער אַ פיין עקל פון אַ ווורשט און דעמאָלט דאַרף מען שוין ווירקלעך נישט האָבן קיין בעסערע וועטשערע.

— פאַר וועמען קויפסטו דאָס די אַלע זאַכן? — האָט מיך דער צע־טומלטער ברודער פלוצלינג אַ פרעג געטון.

— וואָס הייסט, פאַר וועמען? פאַר אונדז ביידן! — האָב איך תיכף געענטפערט.

— אָבער וואַרט נאָר, וואַרט! מיר וועלן נאָך קויפן פאַר דריי קאָפּיקעס פינף ווילנער בייגל אָן לעכער און פאַר דריי קאָפּיקעס פּוטער — וועלן מיר אַרום און אַרום האָבן פאַר סך־הכל צען קאָפּיקעס אַ גאַנץ פיינע וועטשערע, צו פינף קאָפּיקעס פאַר אַ נפש! נישט אַזוי, ברודער־לעבן?

מיין ברודער זאַלקע האָט מיך אָנגעקוקט מיט פייכט־געוואָרענע אויגן, וועלנדיק דערגיין צי איך מיין עס טאַקע ערנסט, אָדער איך שטודיר מיט אים איין אַ קאַפּיטל ווילנער דלות — ער זאָל אים געדענקען אַזש אין אַמעריקע.

— און וואָס עסטו צו מיטאָג? — האָט מיך דער ברודער פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

— מיטאָג עס איך שוין אין אַ גאַרקיך, אָבער ס׳קאָסט מיר אויך נישט מער ווי פינף אָדער זעקס קאָפּיקעס: צוויי קאָפּיקעס אַ גרויסער טע־לער סופּ און דריי קאָפּיקעס אַ קייקל געהאַקטע פלייש, מסתמא פון לונ־גען אָדער מילץ.

— איז וויפל גייט ביי דיר אַוועק אַ חודש אויפן עסן? — האָט מיך דער ברודער ווייטער עקזאַמענירט.

— מיט פּאַפּיראָסן און אַנדערע קליינע הוצאות גייט ביי מיר אַוועק ביי זעקס רובל אַ חודש.

— איז וואָס טוסטו מיט די איבעריקע פיר רובל אַ חודש? — איז דער ברודער געוואָרן נייגעריק צו וויסן (כ׳פלעג באַקומען דעמאָלט פון מיין שטיפטאַטן צען רובל אַ חודש).

— די איבעריקע פיר רובל אַ חודש גייט אַוועק פאַר דער פּאַרטיי... האָב איך געזאָגט דעם אמת.

— וואָס הייסט פאַר דער פּאַרטיי? — האָט מיך דער ברודער אָנגע־קוקט אַ פאַרחידושטער.

— אַלע וואָך קלייבט מען געלט אויף פאַרשידענע זאַכן. אָט דאַרף מען געלט פאַר דער זעלבסטשוץ; אָט דאַרף מען אויסהאַלטן אַ גרופּע שטרייקנדיקע אַרבעטער; אָט דאַרף מען שיקן פּעקלעך צו די אַרעסטירטע חברים און אָט דאַרף מען האָבן אַ נייעם העקטאָגראַף אויף צו דרוקן פּראָקלאַמאַציעס, איז ווי גיט מען נישט כאָטש אַ רובל אַ וואָך אויף די אַלע זאַכן? — האָב איך אַ פרעג געטון מיין ברודער.

מיין ברודער האָט ווידער עקשנותדיק געשוויגן.

ווי עס זעט אויס, איז ער נישט געווען צופרידן מיט מיין אַרט לעבן אין ווילנע, אָבער אים האָט אויסגעפעלט מוט מיר צו זאָגן דאָס...

האָב איך אים דערציילט אַ קוריאָז, אַז די הויפּט־מאַסע פון די „עסעס״ אין ווילנע באַשטייט, דער עיקר, פון זאָקנמאַכערינס. אַ סברה, אַז דער ווילנער „בונד״ האָט נישט אַזוי פיל זאָקנמאַכערינס ווי די „עסעס״. האָב איך איינמאָל אַ פרעג געטון מיין חבר פּליסקין — דעם הויפּט־מאַכער פון „עסעס״, פאַרוואָס די זאָקנמאַכערקעס קלעפּן זיך מער

צו „עסעס״, ווי צום „בונד״? — האָט ער מיר געענטפערט, אַז די בונדיסטן זיצן דאָך תמיד אויפן אָרט — פֿאַרבלייבן זיי מיט גאַנצע זאָקן, בעת די „עסעסאָווצעס״ אָבער האַלטן דאָך אין איין אַרומלויפן נאָך טעריטאָריעס — ווערן ביי זיי די זאָקן זייער גיך צעריסן און דעריבער מוזן מיר האָבן אַ סך זאָקנמאַכערקעס...

מיין ברודער זאַלקע האָט ענדלעך אַ שמייכל געטון. ס׳איז אים, קענטיק, געפעלן געוואָרן דער איינפאַל פון מיין חבר פּליסקין.

שפּעטער אַ ביסל האָב איך מיין ברודער אַרויסבאַגלייט צו דער באַן, וואָס פֿאָרט צו דער דייטשישער גרענעץ.

ווען דער צוג איז אָוועק, בין איך שטיין געבליבן אויף דער ליידיק־געוואָרענער פּלאַטפֿאָרמע מיט פּאַרוויינטע אויגן, ווי מען וואָלט מיך שוין ווידער אַמאָל באַגנבעט פון קאָפּ ביז די פּיס!

שוין דעם צווייטן ברודער אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע!

הלוואי וואָלטן שוין אויך שמואל און ברוך געווען בעסער אין אַמע־ריקע.

פאָרט בעסער ווי אין טורמע!

נישט אַזוי?

VII

כ׳באַפריי אַ ברודער פון טורמע

אַמאָליקע יאָרן זענען די דאָקטוירים אין רוסלאַנד געווען גאָר גרויסע אידעאַליסטן.

זייער מעדיצינישע פּראָפעסיע פלעגן זיי באַטראַכטן נישט ווי עפּעס אַ גוט־גייענדיקן געשעפט פון וועלכן מען קען מאַכן אַ גאַנץ פיינעם לעבן, נאָר ווי עפּעס אַ מין הייליקע שליחות צו טון גוטס זייער קראַנקער סביבה.

דער אַמאָליקער דאָקטאָר פלעגט זיך אינטערעסירן נישט נאָר מיט דער קרענק פון זיין פּאַציענט, נאָר אויך מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן, מיט זיין הויז־געזינט און מיט דער גאַנצער סביבה אין וועלכער דער פּאַ־ציענט זיינער לעבט און קרענקט.

דער אַמאָליקער דאָקטאָר פלעגט אויך נישט מאַכן קיין שום אונ־טערשיד צווישן אַן אָרעמען חולה און אַ רייכן. ער פלעגט אויך דעם אָרעמען חולה באַזוכן פונקט אַזוי אָפט, ווי דעם רייכן, און גאַנץ אָפט פלעגט דער דאָקטאָר ביים אָרעמען חולה איבערלאָזן אַ מזומנעם רובל, כדי ער זאָל זיך קענען איינשאַפן די נויטיקע מעדיקאַמענטן און די נוי־טיקע עסן־זאַכן פאַר זיין דיעטע.

דאָס זענען געווען די אמת־ריכטיקע און אויפריכטיקע פאָלקס־דאָק־טוירים, וואָס פלעגן אַלע פיר און צוואַנציק שעה פון מעת־לעת זיין שטענדיק גרייט צו העלפן די קראַנקע מענטשהייט.

ווער פון אונדז, ליטוואַקעס, געדענקט נישט דעם ד״ר פייערטאַג פון באָברויסק, דעם ד״ר עלקעס פון בערעזין (און שפּעטער אין קאָוונע),

דעם ד״ר כאַזאַנאָוויטש פון ביאַליסטאָק, צי דעם ד״ר צמח שאַבאַד פון ווילנע?

אָבער נישט נאָר די יידישע דאָקטוירים אַליין זענען געווען גרויסע אידעאַליסטן און געטרייע פאָלקס־מענטשן.

אויך די רוסישע אָדער פּוילישע דאָקטוירים פלעגן זיך אין זייער גרעסטער מערהייט מקריב זיין פאַרן פאָלק, אָן אונטערשיד פון ראַסע און גלויבן.

די אַזוי גערופענע „זעמסקע״ דאָקטוירים, וועלכע פלעגן היילן כמעט אומזיסט די רוסישע פויערים אין די דערפער, זענען געווען די ריכטיקע „נאַראָדניקעס״, וואָס פלעגן זיך זאָרגן נישט נאָר פאַר דעם פיזישן מצב, נאָר אויך אפילו פאַר דעם גייסטיקן מצב פון זייערע פּאַציענטן.

א דאַנק דער הויכער מאָראַלישער קוואַליטעט פון די אַמאָליקע דאָקטוירים — בין איך טאַקע אויך געוואָרן אַ שטיקל מענטש נישט נאָר אין פיזישן זין, נאָר אויך אין מאָראַלישן.

זיי האָבן מיך נישט נאָר געהיילט אָן אַ גראָשן געלט, נאָר זיי פלעגן מיך אויך לערנען ווי צו ווערן אַ ניצלעכער בירגער פון דער וועלט.

אָט, למשל, פלעגט מיין פּוילישער דאָקטאָר סווידערסקי פון דעם גע־אָרגיעווסקי פּראָספּעקט אין ווילנע געפינען שטענדיק גענוג צייט צו פאַרהערן מיך אין מיינע וועלטלעכע קענטענישן.

ער האָט געוואָלט וויסן, ד״ר סווידערסקי, וועלכע ביכער איך לייען און מיט וועלכע מענטשן איך באַגעגן זיך?

האָב איך אים ליב באַקומען, דעם דאָקטאָר, כמעט ווי אַ טאַטן, כאָטש איך ווייס נאָך נישט ביז היינט, ווי אַזוי אַ זון האָט ליב זיין טאַטן? (ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן — בין איך קוים אַלט געוואָרן איין יאָר...).

פלעג איך זיך צו אים אויך פאַרטרויען, ווי צו אַ טאַטן, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, מיינע „עסעסישע״ קאָנספּיראַציעס, וועלכע מען מוז באַ־האַלטן אפילו פון אַן אייגענעם טאַטן!

האָב איך אים איינמאָל דערציילט, דעם דאָקטאָר סווידערסקי, אַז איך לייען שוין די רוסישע קלאַסיקער, ווי פּושקין און לערמענטאָוו, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי.

— פאַרשטייסטו דען אַלץ, וואָס דו לייענסט? — האָט מיך דער דאָק־טאָר איבערגעשלאָגן.

— דעם סיפּור המעשה פאַרשטיי איך, אָבער דעם מוסר השכל פון זייערע ווערק פאַרשטיי איך נאָך נישט — האָב איך אים געזאָגט דעם אמת...

— אָט דאָס טאָקע וויל איך דיר זאָגן, אַז פאַר דיר איז נאָך צו־פרי צו לייענען די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער — האָט דאָקטאָר סוויי־דערסקי אָנגעהויבן רעדן צו מיר, ווי אַ קלוגער באַלעזענער טאַטע.

— דאָס רוב פון זייערע ווערק זענען געבויט אויף ליבעס און זנות, אויף פאַרברעכנס און מערדערייען, אויף דועלן און פּריצישער צעלאָזנקייט, און איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז אפילו צו די ווערק פון דעם וועלט־באַרימטן לעוו טאָלסטאָי האָב איך אויך אַ קנאַפּן צוטרוי, ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין געשריבן, ווייל עס פעלט אין זיי דער עיקר — עס פעלט אין זיי ליבשאַפט און רחמים, וואָס דער מחבר אַליין באַזיצט נישט.

— סטייטש, הער דאָקטאָר, מען שרייבט דאָך, אַז טאָלסטאָי איז גע־וואָרן דאָס געוויסן פון רוסלאַנד! — האָב איך געפּרוווט אָפּפרעגן מיין דאָקטאָרס ביטול־באַציאונג צו טאָלסטאָיס ווערק.

— אויב אַ רוסישער פאָלקס־שרייבער האָט שוין אין זיינע רייפע פערציקער יאָרן געוואָלט פרייוויליק וואָלונטירן אין דער צאַרישער אַר־מיי, כדי צו אונטערדריקן דעם פּוילישן „מיאַטעזש“ (אויפשטאַנד), קען שוין, לויט מיין מיינונג, אַזאַ שרייבער נישט ווערן קיין פריידיקער פון מאָראַל, און ווער רעדט נאָך — דאָס געוויסן פון פאָלק! — האָט דאָקטאָר סווידערסקי אַ זאָג געטון צו מיר מיט גרויס פאַרביטערונג קעגן טאָל־סטאָין.

— איז וועלכע ביכער זאָל איך לייענען, הער דאָקטאָר? — האָב איך אַ פרעג געטון מיט אַ שולדיקער מינע, ווי איך וואָלטווירקלעך גע־ווען שולדיק אין דעם, וואָס טאָלסטאָי איז גרייט געווען צו אונטערדריקן דעם פּוילישן אויפשטאַנד.

— לייען די ביכער פון מיצקעוויטשן, פון סלאָוואַצקין, פון שענקע־וויטשן, צי פון אָזשעשקאָ און דו וועסט געפינען אין זיי אַ סך מער מענטש־לעכקייט און רחמים, ווי אין די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער!

האָב איך, פאַרשטייט זיך, צוגעזאָגט מיין דאָקטאָר אויפצוזוכן אין דער רוסישער איבערזעצונג די ווערק פון די פוילישע שרייבער, אָבער ביז וואַנען וואָס־ווען קען מיר דער דאָקטאָר סווידערסקי טון אַ טובה, אַ גאָר גרויסע טובה און געמלעך, אַרויסגעבן מיר אַ פּאַפּיר, אַז איך בין זיינער אַ שטענדיקער פּאַציענט. אָבער אַזוי ווי מיין קרענק קען ריכטיק געהיילט ווערן נאָר אין ווין, ווו עס זענען שוין פאַראַן דערצו די נויטיקע ליכט־אַפּאַראַטן — דעריבער שיקט ער מיך קיין ווין און צוליב דעם צוועק האָבן מיר מיינע ברידער פון אַמעריקע צוגעשיקט צוויי הונדערט רובל.

— ס׳איז זייער פיין פון דיינע ברידער, וואָס זיי האָבן דיר אַזוי גיך צוגעשיקט אַזאַ היפּשע סומע געלט צו קענען פאָרן קיין ווין! — האָט דאָקטאָר סווידערסקי אַ גלעט געטון זיין לאַנגע, גרויע באָרד.

— דאָס געלט, הער דאָקטאָר, האָב איך באַקומען נישט פון די ברי־דער אין אַמעריקע און נישט אויף צו פאָרן קיין ווין! — האָב איך אויס־געלייגט דעם גאַנצן אמת אויף מיין דאָקטאָרס טיש.

— דאָס געלט האָב איך נויטיק אויף צו באַפרייען איינעם אַן עלטערן ברודער, וועלכער זיצט שוין ביי אַכט חדשים אין דער מינסקער טורמע און די צוויי הונדערט רובל באַקום איך פון דער יידישער אונטערערדי־שער באַוועגונג, וואָס הייסט „בונד״...

— איז צו וואָס דאַרפסטו פון מיר אַזאַ מין פּאַפּיר? — האָט מיך דאָקטאָר סווידערסקי אָנגעקוקט פאַרחידושט.

— אַזוי ווי איך בין נאָך אַ מינדעריעריקער, הער דאָקטאָר, וועלן די מינסקער זשאַנדאַרמען מיך זיכער אָנהויבן אויספרעגן אַוווּ איך האָב באַקומען דאָס געלט? — וועל איך זיי דעמאָלט ווייזן אייער פּאַפּיר און זיי וועלן מיך אויפהערן צו פרעגן...

— אָ, איצטער פאַרשטיי איך שוין וואָס דו ווילסט פון מיר! — האָט דאָקטאָר סווידערסקי אַ זאָג געטון אַ באַרואיקטער.

— געוויס וועל איך דיר געבן אַזאַ מין פּאַפּיר, אָבער ביסטו זיכער, אַז דו וועסט די 200 רובל באַקומען צוריק?

— אויב נאָר מיין באַפרייטער ברודער וועט זיך צושטעלן צום פּראָ־

צעס — מוז מען מיר דעמאָלט אומקערן צוריק דאָס געלט — האָב איך אינפאָרמירט מיין דאָקטאָר.

דאָקטאָר סווידערסקי האָט איראָניש אַ שמייכל געטון אין זיין גרויער באָרד אַריין און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט שרייבן פאַר מיר דאָס פּאַפּיר.

— אַ נאָר וועט ער זיין, אויב ער וועט זיך מעלדן צום פּראָצעס, דער ברודער דיינער...

— זאָל בעסער פאַרפאַלן ווערן דאָס געלט, איידער מיין ברודער זאָל, חלילה, פאַרפוילט ווערן אין דער מינסקער טורמע! — האָב איך באַלד אונטערגעכאַפּט דעם דאָקטאָר סווידערסקיס געדאַנק.

— ביסט גערעכט, מיין זון, אויב מען קען פון זייערע הענט אַרויס־ראַטעווען פאַר געלט אַ מענטשן מוז מען דאָס טון! — האָט דאָקטאָר סווידערסקי זייער פּאַטערלעך אַ זאָג געטון צו מיר, דערלאַנגענדיק דאָס אָנגעשריבענע פּאַפּיר.

פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט צו מיין דאָקטאָר האָבן זיך ביי מיר גע־שטעלט טרערן אין די אויגן און עס האָבן מיר אויסגעפעלט ווערטער, ווי אים אָפּצודאַנקען פאַר דער גרויסער טובה, וואָס ער האָט מיר געטון.

— האָסט מיר נישט וואָס צו דאַנקען, — איז מיר דער דאָקטאָר פאַרלאָפן דעם וועג. — אין די פּוילישע פּרייהייט־קאַמפן האָבן זיך באַ־טייליקט, ווייס איך, אַ סך יידן און אויך איצטער אפילו באַטייליקן זיך אַ סך יידן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג פון פוילן. דער פאַרפלוכ־טער צאַריזם איז אונדזער אַלעמענס פיינט און איך טו נאָר מיין פליכט... — האָט מיך דער דאָקטאָר סווידערסקי באַרואיקט.

זע איך איצטער, אַז אַמאָליקע יאָרן זענען געווען נישט נאָר גוטע פאָלקס־דאָקטוירים, נאָר אויך אפילו גוטע פּאָליאַקן!

אַ דאַנק מיין פּוילישן דאָקטאָר איז מיר טאַקע געלונגען צו באַפרייען אין מינסק מיין ברודער.

ווי נאָר די מינסקער זשאַנדאַרמען האָבן מיך אַ פרעג געטון אַוווּ איך האָב גענומען די 200 רובל ערבות־געלט? — האָב איך זיי גלייך באַוויזן דעם דאָקטאָר סווידערסקיס בריוו און עס איז געוואָרן רעכט.

מער נישט איינער פון די זשאַנדאַרמען האָט מיך כיטרע אַ פרעג געטון:

— וועסט דאָך שוין נישט קענען פאָרן קיין ווין היילן זיך...

— כ׳מיין, אַז באַפרייען אַ ברודער איז וויכטיקער פון מיין קוראַציע! — האָב איך תיכף אַן ענטפער געטון.

אין דעם טאָג פון מיין ברודערס באַפרייאונג האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט אַרום דער מינסקער טורמע ביי צען־צוועלף חברים און חברטעס פון „בונד“.

אויך אַ פּאָר פועלי ציוניסטקעס האָב איך באַמערקט פון דערווייטנס, אָבער סיי־ווי האָט מען זיך נישט געטאָרט באַגריסן, ווייל אַרום טורמע האָבן זיך שטענדיק אַרומגעדרייט שפּיאָנען.

ווען מיין ברודער האָט זיך באַוויזן פון טורמע — האָב איך אים קוים־קוים דערקענט.

ער איז געווען שרעקלעך דאַר און בלאַס און ער האָט נאָר געטראָגן איין שוך. אויף דעם צווייטן פוס האָט זיך געבאַמבלט עפּעס אַן אָפּגעריבענער פּאַנטאָפל.

— אַוו איז דער צווייטער שוך? — האָב איך אים אַ פרעג געטון.

— געוואָרפן אין קאָפּ אַריין צו איינעם אַ פּראָוואָקאַטאָר — איז שוין דער שוך ביי אים פאַרבליבן.

פלוצלינג האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אונדז אַ איזוואָשטשיק מיט גומענע רעדער. אַ מיידל, וואָס איז געזעסן אינעווייניק, האָט אונדז אַ ווונק געטון, אַז מיר זאָלן זיך אַריינזעצן.

מיין ברודער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַ חברטע פון „בונד“, וועלכע פירט אונדז ביידן צו אַ געוויסן פּלאַץ, וווּ עס איז שוין פאַר אים צוגעגרייט דער געהעריקער קבלת־פּנים.

כ׳האָב די גאַנצע צייט געהאַלטן ברוכס האַנט אין מיינער, ווי איך וואָלט מורא געהאַט אים צו פאַרלירן. ס׳איז אייגנטלעך נישט געווען קיין האַנט, נאָר אַ בינטל פון פינף לאַנגע דאַרע פינגער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ביינדלעך באַצויגענע קוים־קוים מיט אַ דינעם הייטל.

— האָסט געהונגערט? — האָב איך אים שטיל אַ פרעג געטון.

— מיר האָבן פרייוויליק געהונגערט. מיר פלעגן גאַנץ אָפט דורכפירן „גאַלאָדאָווקעס“ (הונגער־שטרייקס).

ווילנע

דער איזוואָשטשיק האָט אונדז צוגעפירט צו איינעם אַ הויז אויף דער זיבעציקסטער גאַס, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַן אכסניה.

אין איינעם אַ צימער זענען שוין געזעסן ביי אַ צוואַנציק בחורים און מיידלעך און ברוך האָט זיך מיט זיי אַלעמען געקושט, ווי זיי וואָלטן שוין פון לאַנג געווען זיינע נאָענטסטע פריינט.

אייניקע מיידלעך האָבן זיך אויך מיט מיר צעקושט, כאָטש איך האָב נישט געוווסט פאַרוואָס?

איינער אַ לאַנגער טיש איז געווען געדעקט מיט כל טוב און מיט פאַרשידענע מינים שנאַפּסן.

די „ליאַמע" (באַנקעט) האָט זיך אָנגעהויבן.

די בונדיסטן האָבן אָנגעהויבן צו באַגריסן מיין באַפרייטן ברודער.

צו יעדער באַגריסונג אַ נייעם „לחיים". האָב איך מיטגעטרונקען. בין איך באַלד געוואָרן שיכור. איך האָב נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט איך בין.

פּלוצלינג דערהער איך אַ קלאַפּ אין טיש און איינער אַ חבר שרייט אויס:

— שאַ, שטיל זאָל זיין! אונדזער באַפרייטער חבר נויטיקט זיך נישט איצטער אין רעדעס! מען דאַרף אים צוערשט אָנטון אַ נייעם קאָסטיום, נייע שיך, נייע וועש. זאָל ער פון זיך וואָס גיכער אַראָפּוואַרפן די טורמע, אַ גיכפּע אין איר!

— העי, חברטעס, וואָס זיצט איר ווי די גולמים! בינדט פונאַנדער די פּעקלעך. איר האָט דאָ אַלץ! העלפט אים איבערטון זיך!

איז מיין צעטומלטער ברודער פּלוצלינג באַפאַלן געוואָרן פון די חברטעס. איינע טראָגט אים אונטער אַ שפּאָגל־נייעם קאָסטיום, אַ צווייטע — אויבערהעמדער מיט שניפּסן, אַ פערטע — אַ טוץ זאָקן, אַ פינפטע — אַ פּאָר שיך, אַ זעקסטע — אַ פּאָר קאַלאָשן און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אַ גרופּע חברים האָבן מיט זייערע פּלייצעס געמאַכט אַרום מיין ברודער אַ מין „שפּאַנישע ווענטל". ער האָט זיך אָנגעהויבן איבערצוטון פון קאָפּ ביז די פיס.

ווען די לעבעדיקע „שפּאַנישע ווענטל“ האָט זיך פונאַנדערגערוקט — האָב איך ווידער אַמאָל נישט דערקענט מיין ברודער!

אין איין מינוט איז פון אַן אַרעסטאַנט געוואָרן אַ דזשענטעלמען, אַ קאַוואַליער...

דעמאָלט האָט איינער פון די חברים אַ כאַפּ געטון די אַלע שמאַטעס, וואָס מיין ברודער האָט פון זיך געהאַט אַראָפּגעוואָרפן, און זיי אַריינגע־שטופּט אין דעם אָפענעם שוואַרצן פּיסק פון דער „לעזשאַנקע“.

— גיט מיר אַ שוועבעלע, גיט! — האָט אַ חבר אַ געשריי געטון.

— לאָמיר פאַרברענען דעם חמץ, לאָמיר!

ביים שיין פון די אויפגעפלאַמטע שמאַטעס האָט דער שיכור־געוואָ־רענער עולם אַ זונג געטון אין כאָר:

„ברידער און שוועסטער,
נעמט זיך פאַר די הענט —
לאָמיר צעברעכן
די אייזערנע ווענט!
אַי־אַי־אַי, אַי־אַי־אַי —
אַ קלאָג צו דיר ניקאָלאַי“.

צוקוקנדיק זיך צו דעם דאָזיקן הערלעכן בילד, ווי אַזוי די בונדיסטן און בונדיסטקעס נעמען אויף מיין באַפרייטן ברודער — האָט מיך שוין אָנגעהויבן צו פאַרדריסן, וואָס איך האָב אין ווילנע געשווירן „קאָנספּי־ראַציע“ צו די „עסעס“ (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן).

ווער ווייס, אפשר איז גאָר דער „בונד“ גערעכט?

— האַ, וואָס?

...„ברידער און שוועסטער,
לאָמיר זיך נישט אירצן —
לאָמיר דעם קייסער
די יאָרן פאַרקירצן!“

— האַ, וואָס?

— בין איך שיכור פון פרייד, וואָס מיין ברודער ברוך איז פריי, אָדער איך בין שיכור פון דעם שנאַפּס?

ווילנע

...ברידער און שוועסטער...

שוין נישט מער „גענאָסן און גענאָסינען, נאָר „ברידער און שוועס־טער" — האָב איך זיך פונאַנדערגעוויינט פאַר פרייד וואָס מיין ברודער ברוך האָט אַרום זיך אַזוי פיל ברידער און שוועסטער, וואָס היטן אים, ווי אַן אויג אין קאָפּ.

VIII

די קאָנספּיראַטיווע כלה

ווי באַלד איך האָב אויסגעלייזט פון דער מינסקער טורמע מיין על־טערן ברודער ברוך (דעם שפּעטער־געוואָרענעם ב. וולאַדעק) — בין איך שוין געוואָרן ביים „בונד" אַן אייגענער מענטש.

דער מינסקער קאָמיטעט פון „בונד", וועלכער האָט תיכף ומיד איבערגענומען מיין באַפרייטן ברודער אונטער זיין קאָנספּיראַטיווער שוץ האָט מיר אפילו דערלויבט צו נעכטיקן די ערשטע נאַכט אין איין צימער מיט מיין ברודער, ווייל וואָס מיר זענען — זענען מיר, אָבער ברידער זענען מיר!

די מינסקער בונדיסטן האָבן שוין געוווסט, אַז כ'האָב זיך אַרומגע־דרייט אין ווילנע מיט די „עסעסאָווצעס" (מיט די ציוניסטן־סאָציאַליסטן), אָבער מיין ברודער ברוך האָט זיי באַרואיקט, אַז ס'איז ביי מיר נישט מער, ווי אַ שפּיל אַזאַ... איך בין נאָך, הייסט עס, צו־יונג צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק. ווען כ'וועל, אם ירצה השם, אונטערוואַקסן — וועל איך, מסתמא, ווערן אַ בונדיסט פונקט ווי ער — דער ברודער מיינער.

(מעגלעך, אַז מיין ברודערס נבואה וואָלט טאַקע מקוים געוואָרן, ווען כ'וואָלט, ווירקלעך, „אונטערגעוואַקסן", בין איך אָבער פאַרבליבן, קען מען זאָגן, ביי דעם זעלבן פּאָליטישן שכל, וואָס מיט פינף און פערציק יאָר צוריק און כ'ווייס נאָך נישט ביז היינט, ווער עס זענען אין די יאָרן 1904—1905 געווען מער גערעכט: די בונדיסטן, צי די „עסעסאָווצעס"?).

ווען כ'האָב אַ פרעג געטון מיין ברודער ברוך, פאַרוואָס די בונדיסטן רינגלען אים אַרום מיט אַזאַ מין גרויסער קאָנספּיראַציע, ווייל סוף־כל־סוף איז ער דאָך באַפרייט געוואָרן אויף אַ לעגאַלן אופן און ער קען זיך באַ־

וועגן איבער מינסק פראַנק און פריי — האָט מיר ברוך דערקלערט, אַז מען האָט איבער אים איינגעפירט די קאָנספּיראַציע צוליב די מינסקער פּועלי־ציוניקעס... ווען זיינע געוועזענע חברים און חברטעס דערוויסן זיך ווו ער שטייט איין — וואָלטן זיי אים אָפּגעשלאָגן די שוועלן מיט פּראַגעס און מיט טענות, אַלעמאַי ער איז פון זיי אַוועק און ער איז גאָר געוואָרן, זיצנדיק אין טורמע אַ בונדיסט, אַ „שונא ציון"...

— איז טאַקע אמת, וואָס מען דערציילט, אַז קאַליע טעפּער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ בונדיסט? — האָב איך געפּרוווט אָנטאַפּן דעם דופק.

— דאָס זענען באָבע־מעשיות — האָט מיך דער ברודער גלייך איבער־געשלאָגן. נישט קאַליע טעפּער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ בונדיסט, נאָר דער טורמע־רעזשים! ווען מען זיצט הינטער די גראַטעס — דערזעט מען ערשט ריכטיק, ווער עס איז דיין שונא נומער איינס!

— וועגן קאַליע טעפּער, אגב, וויל איך דיר זאָגן, אַז כ'האָב נאָך ביז היינט נישט באַגעגנט אַזאַ מין טשיקאַווע פּערזענלעכקייט, ווי ער. זען, זעט ער אויס, ווי אַ טל ומטרל פון אַ קליינעם סידורל, אָבער ער איז אָנגעפּיקעוועט מיט חכמה און איינפאַלן, ווי דער גרעסטער פי־לאָזאָף!

— אַזאַ איינער, ווי קאַליע, קען ענדיקן זיין לעבן אָדער אויף דער תליה אָדער אין אַ מאָנאַסטיר! — האָט מיין ברודער פּלוצלינג אַ זאָג געטון, ווי צו זיך אַליין און ס'איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז מיין ברודער בענקט שטאַרק נאָך טעפּערן, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט אין טורמע.

— און וואָס איז מיט דיר? — האָט מיך מיין ברודער אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע גוטע מאַמע־אויגן.

ווי עס זעט אויס, האָט ברוך געוואָלט מיט עפּעס־וואָס פאַרטומלען זיין בענקשאַפט נאָך דער טורמע, ווו ער האָט אַזוי פיל געליטן און געלערנט.

האָב איך אים דערציילט דעם אמת, אַז ביי מיר איז אַלץ, ווי געוועזן. נישט די קרענק טוט זיך פון מיר אָפּ און נישט די קינדישקייט, כאָטש אויך איך ווער עלטער פון יאָר צו יאָר.

— דו היילסט זיך דאָך — האָב איך געהערט, ביי זייער אַ גוטן דאָקטאָר — האָט מיך דער ברודער איבערגעשלאָגן.

— דער זין פון מיין היילן זיך באַשטייט אין דעם, אַז די קרענק זאָל נישט פאַרכאַפּן קיין נייע פלעצער, אָבער דאָס וואָס זי האָט שוין אַריינגעכאַפּט — איז פאַרפאַלן!

שטעל זיך פאָר, אַז ס׳ברענט אַ הויז און ס׳איז דאָ די געפאַר, אַז די שכנותדיקע הייזער זאָלן זיך אויך אָנצינדן, ווייל די פונקען פון דער שרפה שפּריצן אויף זייערע דעכער. קומען דעמאָלט די פייערלעשער און גיסן וואַסער אויף די שכנותדיקע הייזער — זיי זאָלן זיך נישט אָנצינדן! — האָב איך דעם ברודער געבראַכט אַ משל צו מיין קרענק.

— רעדסט דאָך, ווי אַ פּאָעט! — האָט ברוך אַ זאָג געטון מיט התפּעלות.

— ס׳איז נישט קיין פּאָעזיע, נאָר דערפאַרונג! — ברודער־לעבן! איך האָב שוין צו־פיל דערפאַרונג אויף דעם דאָזיקן געביט. כ׳בין ביי מיין דאָקטאָר נישט נאָר אַ חולה, נאָר אויך אַ „רופא”, אַ מין אַסיסטענט זיינער, וואָס העלפט אים באַשטראַלן די אַנדערע קראַנקע, די מער־אומ־באַהאָלפענע. האָב איך איינמאָל דערזען ביי אים אַזאַ מין חולה, וואָס טראָגט מיין קרענק, אָבער נישט אויף דער האַנט, נאָר אויפן פּנים, נישט פאַר מיר געדאַכט. ווען כ׳האָב אים דערזען, דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מענ־טשן — בין איך שיעור נישט געפאַלן אין חלשות פאַר שרעק. נישטאָ קיין נאָז, נישטאָ קיין ליפּן, נישטאָ קיין אויערן — אַן אָפּגעשיילטער קירבעס! אַזאַ מין מענטש קען זיך נישט באַווייזן אין קיין שום געזעלשאַפט, מיט אַזאַ מין מענטשן קענען אפילו אייגענע משפּחה־לייט נישט זיצן ביי איין טיש, ווייל ס׳שלאָגט פון אים אָפּ דער אַפּעטיט צום עסן, צום טרינקען און בכלל צו לעבן מיט אים אונטער איין דאַך! פאַרפאָלגט מיך איצטער, דער דאָזיקער אָפּגעשיילטער קירבעס אויף שריט און טריט און ער וואָרנט מיך, אַז אויך איך קען נאָך ווערן פּונקט ווי ער, אויב נאָר כ׳זאָל נישט האַלטן אין איין לעשן מיין קרענק. אָבער כ׳וועל פון אים, דאַכט זיך מיר, משוגע ווערן נאָך איידער איך וועל שטאַרבן! מען קען דאָך נישט לעבן אַ לעבן־לאַנג אין אַ פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע. אומעטום ברענט! די גאַנצע וועלט ברענט! און כ׳ווער אַ האָלאָוועשקע! — אַזוי דאַכט זיך מיר.

— דאָניע, באַרואיק זיך, וואָס איז מיט דיר? — האָט מיך ברוך אָנגעהויבן צו גלעטן און צו האַלדזן — האָסט אַריינגעכאַפּט ביי דער

„ליאַמע״ אַן איבעריקע כוסה, דאַכט זיך דיר, אַז די וועלט גייט שוין אונטער....

האָב איך זיך פאַרשעמט פאַר מיין ברודער, וואָס איך בין פלוצלינג אַריינגעפאַלן אין אַ נישט־נאַטירלעכן, היסטערישן טאָן און כ׳האָב זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן:

— כ׳האָב דיר נאָר געוואָלט דערקלערן, פאַרוואָס איך פיל זיך נאָך אַזוי קינדיש־אומבאַהאָלפן לגבי די אַנדערע בחורים אין מיינע יאָרן. די אַנדערע אין מיינע יאָרן פאַרנעמען זיך שוין מיט אומלעגאַלע אַרבעט, פירן שוין ליבעס און האַלטן זיך שוין פאַר דערוואַקסענע, בעת מיך ציט נאָך עד היום צו דער מאַמעס פאַרטוך... ס׳איז נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט מיר נאָך פון קינדוויייז אָן איינגעשמועסט, אַז כ׳וועל לאַנג נישט לעבן און דעריבער האָב איך אָנגעהויבן צו לעבן נאָר פון טאָג צו טאָג אָן קיינע שום זאָרג און באַוואָרעניש פאַר אַ מאָרגן, פאַר אַן איבערמאָרגן. לערן איך זיך אָן קיין שום סיסטעם און כ׳בין אפילו געוואָרן אין ווילנע אַן „עסעסאָוויעץ״ אָט גלאַט אַזוי פון פריילעכקייט וועגן... כ׳וויל זיין צווישן מענטשן. כ׳מוז זיין מיט מענטשן כל־זמן איך קען נאָך! פאַרשטייסטו שוין, ברודער־לעבן, פאַרוואָס איך בין אָט אַזאַ!

— כ׳זע שוין, דאַניע, אַז דו ביסט טאַקע געוואָרן אַן „אָט אַזאַ״ און הלוואי פאַרבלייבסטו אָט אַזאַ ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר! איך ווייס, דאַניע, אַז אַלע האָבן דיך האָלט נאָר דערפאַר, ווייל דו ביסט „אָט אַזאַ״ און נישט קיין אַנדערער!

— אָבער צו וואָס, דאַניע, פאַרנעמסטו זיך מיט פּאָליטיק? — האָט מיך דער ברודער פלוצלינג אַ פרעג געטון. טאָמער, חלילה אַרעסטירט מען דיך, וועסטו נישט האָבן אפילו ווו דיין האַנט איבערצובינדן. פאַרלאָז זיך שוין אויף מיר מיט שמואלן. טאָמער וועט שמואל אויספירן — וועסטו מיט אים קענען פאָרן אין דער יידישער טעריטאָריע און טאָמער וועל איך אויספירן — וועט דיר שוין אויך אין רוסלאַנד זיין נישט שלעכט. וועסט ווערן ביי מיר דער קאָמיסאַר איבער אַלע שפּיטעלער און לאַזאַ־רעטן פאַר הויט־קראַנקע...

...ווער ווייס, ווי לאַנג ברוך וואָלט זיך מיט מיר אָט אַזוי געשפּילט, כדי צו הויבן מיין שטימונג, ווען ס׳קלאַפּט נישט אָן אין טיר פון אונדזער

צימער די באַלעבאָסטע פון דער קאָנספּיראַטיווער דירה מיט צוויי גלעזער טיי און זייער אַ סך צוקערגעבעקס אויף אַ פייַן־סערווירטן טאַץ.

— און וווּ איז די דריטע גלאָז טיי? האָט זי מייַן ברודער תּיכּף אַ פרעג געטון.

— כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל אייך שטערן! — האָט די באַלעבאָסטע געענטפערט אין פאַרלעגנהייט.

— ברענגט אַרייַן, פּאַזשאַלויסטאַ, אַ דריטע גלאָז טיי! — האָט דער ברודער ווי באַפוילן.

ווען די באַלעבאָסטע איז געוועזן אַרויס נאָכן דריטן גלאָז טיי — האָט מיר ברוך דערציילט, אַז ווען ער איז געזעסן אין טורמע — איז זי געוואָרן כלומרשט זייַן פאַרשטעלטע „כּלה“. זי פלעגט באַקומען מיט אים „סווידאַ־ניעס“, זי פלעגט אים ברענגען עסן־זאַכן, פּאַפּיראָסן און אים אַרייַנ־שמוגלען נאָך אַנדערע זאַכן אויך (אומלעגאַלע, הייסט עס).

ווען די „כּלה“ איז אַרייַנגעקומען מיטן דריטן גלאָז טיי — האָב איך ערשט דעמאָלט דערזען, אַז זי איז ווירקלעך ווערט צו זייַן מייַן ברודערס אַ כּלה טאַקע אויף צו דער אמתן. זי איז, אפשר, געוועזן מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מייַן ברודער, אָבער אירע צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, וועלכע האָבן זיך געצויגן ביז צו די הויכע שלאַנקע פיס אירע האָבן זי געמאַכט אויסזען, ווי אַ גימנאַזיסטקע פון זיבעטן קלאַס און אירע צוויי גרויסע צעשטיפטע אויגן זענען שוין געווען פול מיט קאָנספּיראַציעס, וואָס נאָר געציילטע מענטשן האָבן, אפשר, געוווסט פון זיי.

ביים געמיינזאַמען טיי־טרינקען האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אונדזער כּלה־באַלעבאָסטע הייסט סאָניע. זי איז די ערשטע צושניידערין ביי דער באַרימטער פּרויען־מאָדיסטקע ראָזע סלעפּיאַן, וועלכע נייט קליידער און מאַנטלען פאַר די ווייבער און טעכטער פון דעם גובערנאַטאָר אַליין, ווי אויך — פון דעם פּאָליצמייסטער און „גאָראָדסקאָי גאָלאָוואַ“ (מעיאָר). צוליב דעם קומט איר אויס, סאָניען, צו זייַן גאַנץ אָפט אין די סאַלאָנען פון דער העכסטער מאַכט אין מינסק, ווייל ביים אָנמעסטן די קליידער נעמט זי. ראָזע סלעפּיאַן שטענדיק מיט. חוץ דעם האָט נאָך סאָניע אויך אַן אייגענע אַטעליע, וווּ זי לערנט אירע יינגערע שוועסטער די גרויסע קונסט פון צושניידעריי אַ־לאַ־פּאַריז, אָדער אַ־לאַ־ „ווינער שיק“.

דערפאַר האָט סאָניע אַן אייגענע דירה מיט אַן אייגענער קליענטעלע פון די אָרעמערע שיכטן, וועלכע קענען זיך נישט דערלויבן צו נייען קליי־דער ביי דער אַריסטאָקראַטישער ראָזע סלעפּיאַן.

קען דען דער פּאָליציי ווען עס איז איינפאַלן, אַז אָט די אָפּטע איינגיי־ערקע אין גובערנאַטאָרס הויז און אין די אַנדערע הויך־געשטעלטע היי־זער פון מינסק זאָל גאָר זיין אַ קאָנספּיראַטיווע טוערקע פון „בונד״? ווער דען עמיצן פון די זשאַנדאַרמען איינפאַלן צו זוכן פּראָקלאַמאַציעס צווישן די ווייבערשע מאָדע־זשורנאַלן פון פּאַריז, צי פון ווין?

אויסהערנדיק פון סאָניען אָט די דאָזיקע מעשיות אירע — איז זי מיר געוואָרן זייער נאָענט צום האַרצן און ס׳האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, ווען זי האָט אונדזביידן געהייסן גיין שלאָפן, ווייל ס׳איז שוין געוואָרן זייער שפּעט.

ווען סאָניע האָט פאַרלאָזט אונדזער צימער, צווינטשנדיק אונדז אַ גוטע נאַכט — האָב איך אַ פרעג געטון ברוכן, וואָס ער דענקט ווייטער צו טון?

האָט מיר דער ברודער געענטפערט, אַז ער פאַרבלייבט אין מינסק נישט מער ווי געציילטע טעג — נאָכדעם מוז ער פאָרן קיין ווילנע, קיין ביאַליסטאָק, קיין וואַרשע, וווּ ער וועט אויפטרעטן אויף אומלעגאַלע פאַר־זאַמלונגען פון „בונד״ און אויף דיסקוסיעס מיט די ציוניסטן און מיט די „עסעסאָווצעס״.

איז מיר געוואָרן זייער אומעטיק אויפן האַרצן, וואָס מיין ברודער ברוך גייט ווייטער ריזיקירן מיט זיין פרייהייט און מיט זיין גאַנצן לייב־און לעבן.

האָב איך פאַר גרויס אומעט בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן.

איך האָב נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן מיין ברודער, אָבער איך האָב געהערט, אַז ער שלאָפט שוין.

פּלוצלינג אָבער האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרק צו ברענען אויפן האַרצן ביז צום ברעכן. ס׳האָבן מיר, זעט אויס, פאַרשאַדט די שנאַפּסן מיט די פּרעסערייען אויף דער „ליאַמע״ לכבוד מיין באַפרייטן ברודער.

האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פינצטער זוכן די קיך, ווו ס׳איז פאַראַן אַ קראַן מיט קאַלטער וואַסער.

האָב איך זיך פאַרבלאָנדזשעט אין סאָניעס אַטעליע, ווו עס זענען געשטאַנען אַ סך נאַקעטע פּרויען־מאַנעקענס, אָבער אָן קעפּ.

האָב איך אָנגעהויבן פּלאָנטערן זיך צווישן די געקעפּטע פּרויען, זוכנדיק די טיר צו דער קיך.

פּלוצלינג איז איין מאַנעקען געפאַלן און איך — אויף אים!

האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן און כ׳האָב אָנגעהויבן בעטן זיך ביי דער געקעפּטער פרוי — זי זאָל מיך אָפּלאָזן:

— קאַטיושקע, אַ געזונט צו דיר, איך בין דאָך נישט שולדיק, וואָס דו ביסט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב דער אומגליקלעכער ליבע מיטן רעצענזענט פון דעם „ווילענסקי וועסטניק״, קאַטיושקע, לאָז מיך אָפּ! איך בעט דיך!

— דאָניע, וואָס טוט זיך מיט דיר? שטיי אויף! — האָב איך דערהערט איבער זיך אַ זייער באַקאַנטע פרויען־שטימע.

ס׳איז געווען סאָניע...

האָט זי מיר געבראַכט קאַלט וואַסער. זי האָט מיך אָפּגעמינטערט. זי האָט מיר געמאַכט אַ גלאָז סאָדע־וואַסער, זי האָט מיך איינגעלייגט אויף אַ קושעטקע נישט ווייט לעבן איר בעט. בין איך געקומען אַ ביסל צו זיך און כ׳האָב איר דערציילט, סאָניען, די גאַנצע געשיכטע מיט קאַטיען, דער אַקטריסע, וועלכע איז קאָנספּיראַטיוו געשלאָפן אין מיין ווילנער זומער־דירה, ביז איר „ליובאָווניק״ האָט געוואָרפן אויף איר אַן אומחן און זי האָט זיך צוליב דעם אויפגעהאָנגען...

— האָסט זי ליב געהאַט, די קאַטיען? — האָט מיך סאָניע ווייבעריש אַ פרעג געטון.

— ווי קום איך צו פירן ליבעס מיט שיקסעס? אָבער ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף איר.

— האָסטו געמיינט, אַז דער מאַנעקען איז קאַטיושקע?

— כ׳ווייס נישט, סאָניע, כ׳האָב מסתמא פאַרלוירן מיין באַוווסטזיין.

— איז זי געווען אַ שיינע? — האָט סאָניע מיך ווייטער געפאָרשט.

— יע, סאָניע, זי איז געווען זייער אַ שיינע און זי האָט געהאַט פונקט אַזעלכע לאַנגע צעפּ, ווי איר, סאָניע...

— קום אַהער, דאָניע, וועל איך דיר געבן אַ קוש!

ווילנע

— פאַרוואָס קומט עס מיר, סאָניע?

— ווייל דו דערציילסט שיינע מעשיות — קומט דיר דערפאַר אַ קוש!

בין איך אַרונטער פון מיין קושעטקע, אַוועקגעשטעלט זיך אויף די קני לעבן סאָניעס בעט און זי האָט זיך מיט מיר צעקושט.

— און איצטער, דאָניע, גיי שלאָפן, אָבער וועק נישט אויף ברוכן, גיי פאַרזיכטיק!

— אַ גוטע נאַכט, סאָניע!

— אַ גוטע נאַכט, דאָניע!

האָב איך זיך ווידער אַריינגעלייגט אין דער אייזערנער בעט, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון מיין ברודערס און כ'האָב געטראַכט, אַז ווען אָט די געהיימניספולע סאָניע גיט מיך אַ בעט לעבן איר בעט — כ'זאָל איר שווערן אייביקע קאָנספּיראַציע צום „בונד" — וואָלט איך דאָס זיכער געטון!

כ'האָב דאָך אין ווילנע נישט געוווּסט, אַז דער „בונד" פאַרמאָגט אַזעלכע וווּנדערלעכע יידישע טעכטער, ווי אָט די סאָניע!

— לאַנג לעבן זאָל זי, סאָניע, אויב זי לעבט נאָך ערגעץ?

IX

אויסגעצייטע העמדלער

„קאַמאַשי, קאַלאָשי, דיעשאָווי טאָוואַר!" — די דאָזיקע פיר רוסישע ווערטער האָבן אין 1904טן יאָר אויפגעשטורעמט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין מינסק.

נאָך איצטער אפילו, ווען צוויי מינסקער יידן באַגעגענען זיך אין ניו־יאָרק צי אין בוענאָס איירעס, צי אין מעלבורן און זיי הייבן אָן זיך צו דערמאָנען אין די בונטאַרישע יוגנט־יאָרן פון דער אַלטער היים, בליצן באַלד אויף אין זייער געדעכעניש די פיר רוסישע ווערטער: „קאַמאַשי, קאַלאָשי, דיעשאָווי טאָוואַר", וואָס מיין ברודער ברוך (וואָלאָדעק) האָט אינעם יאָר 1904 געהאַט אויסגעשריגן אויף אַ מיטינג פון די „פריקאַז־טשיקעס" אין דער גרויסער „קאַלטער שול" אין מינסק.

דאָס איז געווען ברוכס ערשטער עפנטלעכער אויפטריט באַלד נאָכדעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער מינסקער טורמע.

דער „בונד" האָט דעמאָלט געוואָלט אַרויסרופן אַ שטרייק פון אַלע „פריקאַזטשיקעס" אין מינסק.

האָט מען צוליב דעם געמוזט פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט סיי צווישן די אָנגעשטעלטע און סיי צווישן די קרעמערס, וועלכע פלעגן זייערע אָנגעשטעלטע שטאַרק עקספּלואַטירן.

ווו אָבער האָט מען אין יענע פינצטערע יאָרן פון דער צאַרישער רעאַקציע געקענט פּאַקן דיביידע צדדים אונטער איין דאַך?

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געקענט זיין נאָר ביי אַ שבתדיקן דאַווענען אין איינעם פון די גרעסטע בתי־מדרשים אין מינסק.

דער פּאָליציי וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז די יידישע בונ־

טאָוושטשיקעס קענען נאָך אויסנוצן די סינאַגאָגע פאַר זייערע פּראָפּאַ־גאַנדע־טריבונעס.

האָט מען טאַקע פונקט פאַר קריאת התורה אַרויפגעפירט מיין 18־יאָריקן ברודער ברוך אויף דער בימה. צוויי געזונטע חברה־לייט פון דעם „באַיעוואָי אָטריאַד“ (שלאָג־בריגאַדע פון „בונד“) האָבן אים געשיצט פון ביידע זייטן. איינער פון די „באַיעוויקעס“ האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין בימה־טיש און אַ געשריי אויס:

— שטיל זאָל זיין, דער „בונד“ רעדט צו אייך!

די דאַוונערס אין זייערע טליתים זענען שטיין געבליבן ווי פאַרגלי־ווערטע פון נייגעריקייט און שרעק.

די „פריקאַזטשיקעס“, וועלכע מען האָט עקסטרע געהאַט צונויפגעטריבן אין שול אַריין, האָבן פאַרנומען אַלע „סטראַטעגישע“ פּאָזיציעס ביי דער בימה און ביים אַרויסגאַנג.

ס'איז אויסגעבראָכן אַזאַ מין געשפּאַנטע שטילקייט, אַז אפילו אין דער ווייבערשער שול איז געוואָרן טויט־שטיל, ווי אין אַ מתים־שטיבל...

דעמאָלט ערשט איז מיין ברודער ברוך אַרויס מיט לשון!

צוערשט האָט ער דערציילט דעם געשפּאַנטן עולם, אַז ביז 17 יאָר האָט ער „געגעסן טעג“ און געלערנט תורה אין די ישיבות פון מינסק, אָבער די בעסטע „ישיבה“ זיינע האָט ער דורכגעמאַכט לעצטנס אין דער מינסקער טורמע, ווו ער האָט דערזען באַשיימפּערלעך, אַז מען מוז ענ־דערן דעם גאַנצן סדר העולם, מען מוז אָפּשאַפן די קלאַסן־געזעלשאַפט, וואָס באַשטייט פון אונטערדריקערס און אונטערדריקטע. דערביי האָט מיין ברודער געשאָטן מיט פסוקים און משלים פון תנ״ך און פון מדרש.

באַלד נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן צו שילדערן דאָס לעבן פון אַ פריקאַזטשיק, וועלכער מוז שטיין ביי צוועלף שעה אַ טאָג אין דרויסן און שלעפן קונים אין געשעפט אַריין, שרייענדיק דערביי ווי אַ פּאָפּוגיי: קאָ־מאַשי, קאַלאָשי, דיעשאָווי טאָוואַר!״

— יאָ, קאָמאַשן און קאַלאָשן זענען טאַקע אַ ביליקע סחורה, ווייל מען טרעט אויף זיי, אָבער מענטשן, לעבעדיקע מענטשן, קענען נישט געטראָטן ווערן אונטער די פיס, ווי קאָמאַשן און קאַלאָשן, ווייל זיי זענען די זעלבע יחסנים און אפשר נאָך גרעסערע יחסנים פון די, וועלכע טרעטן

אויף זיי! דער „יידישער אַרבעטער־בונד פון ליטע, פּוילן און רייסן" קען נישט דולדן מער אַזאַ מין צושטאַנד!

ביים יידישן אַרבעטער־בונד איז נישטאָ מער קיין „דיעשאָווי טאָ־וואַר". מיר וועלן שטרייקן! איר וועט מוזן שליסן די געשעפטן ביז איר וועט נישט העכערן די געלטער און פאַרקירצן די אַרבעטס־שעהען! זאָל לעבן דער יידישער אַרבעטער־בונד פון ליטע, פּוילן און רייסן! — האָט דער ברודער ברוך געגעבן אַ געשריי אויס, און תיכף נאָך דעם האָט זיך דערהערט דאָס געזאַנג פון דער בונדישער שבועה:

„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט;
אַלע, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט;
צוזאַמען, צוזאַמען — די פאָן איז גרייט;
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!"

(און אַזוי ווייטער און ווייטער).

אונטער די קלאַנגען פון דער בונדישער שבועה איז מיין ברודער מיט זיינע באַשיצערס פאַרשווונדן פון בית־מדרש און פון מינסק בכלל.

איך האָב אים שוין אין מינסק מער קיינמאָל נישט געזען.

ער איז אַוועק אונטער אַן אַנדער נאָמען קיין ווילנע, קיין וואַרשע, קיין לאָדזש. און ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיין ברודער ברוך הייסט שוין גאָר „דער יונגער לאַסאַל".

ווער ס'איז געווען לאַסאַל — האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געהאַט געוווסט, אָבער אין איינער אַן ענציקלאָפּעדיע האָב איך אויסגעלייענט, אַז אויך לאַסאַל איז געווען אַ ייד, וועלכער האָט אין די יונגע יאָרן זיינע זיך געהאַט אַרומגעטראָגן, פּונקט ווי מיין ברודער, מיטן געדאַנק צו גרינדן אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן דער גרינדער און פירער פון דער דייטשישער אַרבעטער־פּאַרטיי על פי נוסח קאַרל מאַרקס, מיט וועמען ער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט, און אַז אויפן פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן איז לאַסאַל גאָר אומגעקומען אויף אַ דועל מיט איינעם אַ רומענישן גראַף ראַקאָוויץ (צוליב אַ ליבע, פאַר־שטייט זיך...).

האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז דער „צווייטער לאַסאַל", ד"ה דער

ברודער מיינער, וואָלט קיינמאָל נישט געגאַנגען שיסן זיך אויף דועלן צו־ליב אַ פרוי.

אמת טאַקע, אויך מיין ברודער איז געווען אַ גרויסער ראָמאַנטיקער, אַ פּאָעט און אַ וויזיאָנער, אָבער ווער האָט עס אין יענע יאָרן פון שטו־רעם און דראַנג צייט געהאַט צו פירן ליבעס און זיך צו פאַרנעמען מיט די ווייבערישע סענטימענטן?

ווען כ׳בין געווען געקומען אין אָוונט צו סאָניען: צו דער באַלעבאָסטע פון דער קאָנספּיראַטיווער דירה פון „בונד", ווו איך מיטן ברודער האָבן געהאַט אונדזער נאַכט־לעגער, און כ׳האָב זי אַ פרעג געטון, צי ווייסט זי, סאָניע, ווו מיין ברודער געפינט זיך, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ בריוועלע, וואָס דער ברודער האָט אָנגעשריבן, שוין זיצנדיק אין דער באַן.

אין אָט דעם בריוועלע האָט מיר ברוך געשריבן, אַז ער פאָרט איצ־טער אַוועק אין אַ לאַנגער רייזע איבער די שטעט און שטעטלעך אין לי־טע און פוילן. ער בעט מיך, דער ברודער, אַז וויבאַלד איך בין שוין אין מינסק, זאָל איך אומבאַדינגט צופאָרן צו דער מאַמען. כ׳זאָל אָבער דער מאַמען קיין וואָרט נישט דערציילן פון דעם אַלעם, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין דער לעצטער צייט. איך זאָל פאַרבלייבן ביי דער מאַמען ביז נאָך סוכות (ס׳איז דעמאָלט געווען ימים־נוראים צייט), און ער וועט אונדז שרייבן אַהין בריוו מיט אַדרעסן, אויף וועלכע מען קען אים ענט־פערן.

דאָס איז אַלץ, וואָס דער ברודער האָט מיר געשריבן, אַנטלויפנדיק פון מינסק.

ווען כ׳האָב סאָניען געוויזן ברוכס בריוו, האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט זייער אומעטיקע אויגן און אַ זאָג געטון מיט באַהאַלטענער קנאה:

— דו וועסט שטענדיק וויסן ווו ברוך געפינט זיך, און איך וועל אים שוין, מסתמא, קיינמאָל מער נישט זען...

— ער וועט, מסתמא, אויך צו אייך שרייבן — האָב איך געפּרווט טרייסטן די אומעטיק געוואָרענע סאָניע.

— ווען ברוך זאָל אָנהויבן שרייבן בריוו צו יעדער איינער, וואָס האָט אים געטראָגן פּעקלעך אין טורמע, וועט אים דעמאָלט נישט בלייבן

קיין צייט פאַר זיינע מער וויכטיקע אַרבעטן! — האָט מיר סאָניע גע־ענטפערט מיט עפּעס אַ מאָדנער ביטול־באַציאונג צו זיך אַליין.

האָב איך זיך דערפילט אַ ביסל שולדיק לגבי סאָניען, וואָס מיין ברו־דער וועט שטענדיק האָבן „וויכטיקערע אַרבעט", ווי שרייבן בריוו צו איר, צו סאָניען, וועלכע איז זעקס חדשים נאָכאַנאַנד, לויטן באַפעל פון „בונד", געווען מיין ברודערס „פאַרשטעלטע כלה", כדי זי זאָל יעדע וואָך קענען האָבן מיט אים „סווידאַניעס" (זעאונגען), טראָגן אים פּעקלעך, איבערגעבן אים געהיימע אינסטרוקציעס פון „בונד" און קושן זיך מיט אים מעשה חתן־כלה, כדי די פּאָליציי זאָל נישט חושד זיין, אַז זי איז אים, חלילה, אַ פרעמדע, אַן אונטערגעשיקטע פון דער פּאַרטיי...

אָבער ווען אַ מיידל קושט זיך אין טורמע מיט אַ חבר זעקס חדשים נאָכאַנאַנד — מעג עס אפילו זיין לויטן באַפעל פון דער פּאַרטיי — ווערט זי צו אים דאָך צוגעבונדן און נאָענט, ווי זי וואָלט שוין ווירקלעך געוואָרן זיין כלה...

דעריבער איז סאָניע געוואָרן זייער טרויעריק, וואָס זי וועט שוין מיין ברודער קיינמאָל מער נישט זען, און עס איז געווען זייער נאַטיר־לעך, ווען זי האָט געוואָלט כאָטש אַ טייל פון אַלע אירע סענטימענטן און בענקשאַפטן איבערגעבן צו מיר, דעם ייִנגערן ברודער זיינעם...

אָבער סאָניע איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ יאָר זעקס־זיבן. און ווען זי האָט מיר מיט אַ נאַכט פריער אַ קוש געטון, האָב איך געהאַט דאָס געפיל ווי ס'וואָלט מיך געקושט די איינציקע שוועסטער מיינע, מירל.

ווען סאָניע האָט דערזען, אַז איך קלייב זיך שוין אָוועקצוגיין, האָט זי מיך אַ בעט געטון — כ'זאָל בלייבן ביי איר נעכטיקן, ווייל באַלד קומען אַריין די ייִנגערע צוויי שוועסטערס אירע, וועלכע האָבן פאַר מיר פיינע מתנות.

— פאַרוואָס זאָלן זיי מיר געבן מתנות, אַז זיי קענען מיך נישט? — האָב איך אַ פרעג געטון סאָניען.

— שוין דאָס אַליין, וואָס דו ביסט ברוכס אַ ברודער, פאַרדינסטו פון זיי מתנות! — האָט מיר סאָניע דערקלערט.

— אויך זיי זענען בונדאָווקעס, און כ׳לערן זיי ווערן שניידערקעס, זיי זאָלן ווערן זעלבסטשטענדיק! — האָט סאָניע באַלד צוגעגעבן.

— און ווו זענען אייערע עלטערן? — בין איך געוואָרן נייגעריק צו וויסן.

— מיר האָבן נאָר אַ טאַטן, אָבער נישט קיין מאַמען... — האָט סאָניע אַ זיפץ געטון... — די מאַמע אונדזערע איז זייער יונג געשטאָרבן. האָט דער טאַטע באַלד חתונה געהאַט, און די שטיף־מאַמע האָט אונדז, קען מען זאָגן, פאַרטריבן פון הויז. אַזוי אַרום בין איך שוין געוואָרן די מאַמע פון מיינע צוויי יינגערע שוועסטערס, און מיר האַלטן זיך שטענדיק צו־זאַמען.

— אַט זענען זיי טאַקע! — איז סאָניע אויפגעשפּרונגען מיט פריידי, וואָס אירע שוועסטערס האָבן זיך באַוויזן אין הויז.

— דאָס איז בלומע און דאָס איז פייגעל — האָט סאָניע פאָרגע־שטעלט פאַר מיר די צוויי זייער פיינע מיידלעך, וועלכע זענען געווען שטאַרק ענלעך צו דער עלטערער שוועסטער זייערער, צו סאָניען.

— מיר האָבן פאַר אייך אויפגעגייט צוויי פיינע העמדלעך; טראָגט זיי געזונטערהייט! — האָבן ביידע מיידלעך מיטאַמאָל אַ זאָג געטון צו מיר מיט איין אָטעם.

— פאַרוואָס קומט עס מיר? — האָב איך זיי אָנגעקוקט פאַרחידושט.

— סאָניע האָט אונדז געזאָגט, אַז איך קומט... — האָבן די ביידע מיידלעך ווידער אַמאָל אַ זאָג געטון צו מיר מיט איין אָטעם, ווי די ביידע וואָלטן געהאַט אויף שותפות נאָר איין שטימע.

די צוויי מיידלעך האָבן באַלד פונאַנדערגעוויקלט די צוויי העמדלעך, וועלכע זענען געווען זייער פיין אויסגעהאַפטן. איינס פון זיי איז געווען פול מיט בלימעלעך, און דאָס צווייטע — מיט פייגעלעך...

— דאָס האָבן זיי בכיוון אַזוי געמאַכט, כדי דו זאָלסט וויסן וועלכעס העמדל איז פון בלומען און וועלכעס פון פייגלען... — האָט מיר סאָניע דערקלערט דעם שכל.

בין איך געוואָרן זייער גערירט פון אָט דער אומגעריכטער מתנה און איך האָב זיי דערציילט דעם אמת, אַז אויך אין ווילנע האָבן מיר שוין

צוויי חברטעס געשענקט צוויי העמדלעך, אָבער יענע זענען גאָר „עסע־סאָווקעס“ (דאָס הייסט, ציוניסטקעס און סאָציאַליסטקעס).

— נו, ווּעסטו איצטער זען: וועלכע העמדלעך ס׳וועלן זיך האַלטן לענגער, צו יענער פּאַרטיי וועסטו דאַרפן געהערן! — האָט מיר סאָניע אַ זאָג געטון זייער קלוג.

כ׳מיין, אַז אונדזערע העמדלעך וועלן זיך האַלטן לענגער, ווייל זיי זענען פון זייער שטאַרקן סאַטין — האָבן בלומען און פייגעל ווידער אַמאָל אויסגעשריגן צו מיר מיט איין שותפותער שטימע, ווי זיי וואָלטן געווען אַ צווילינג.

האָב איך זיי דעמאָלט דערציילט די געשיכטע ווי אַזוי איך האָב דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד געמוזט טראָגן די וועש און די קליידער פון מיין עלטערן ברודער ברוך, ווייל ער פלעגט פון זיי זייער גיך אַרויסוואַקסן, און די מאַמע האָט נישט געהאַט קיין געלט צו מאַכן פאַר מיר נייע וועש מיט נייע קליידער, וויבאַלד ברוכס זענען גוט פאַר מיר...

— דאַכט זיך מיר איצטער, אַז איך וועל שוין ווידער טראָגן די העמדלעך, וואָס געהערן גאָר צו מיין ברודער ברוך...

די קלוגע סאָניע האָט באַלד פאַרשטאַנען מיין אָנצוהערעניש און זי האָט מיך אָנגעהויבן צו פאַרזיכערן, אַז די צוויי העמדלעך האָבן אירע שוועסטערס אויפגעבייט און אויסגעבייט ספּעציעל פאַר מיר, און כ׳זאָל זיי טראָגן געזונטערהייט.

בין איך מיט אָט די דאָזיקע פיר העמדלעך: צוויי „עסעסישע“ פון ווילנע און צוויי בונדישע פון מינסק, אַוועקגעפאָרן צו מיין מאַמען אויף די ימים נוראים.

ווען די מאַמע האָט געהאַט דערזען מיינע פיר אויסגעבייטע העמד־לעך — האָט זי מיך אַ פרעג געטון ווו כ׳האָב געקויפט אַזעלכע פיינע העמדלעך?

— דאָס זענען נישט קיין געקויפטע, נאָר געשענקטע! — האָב איך באַרימעריש אַן ענטפער געטון דער מאַמען.

— ווער האָט זיי דיר געשענקט? — האָט די מאַמע ווייטער געפאָרשט.

— חברטעס! — איז געווען מיין ענטפער.

— ווער זענען די חברטעס?

— יידישע טעכטער.

— איז פאַרוואָס שענקען זיי דיר אַזעלכע פיינע העמדלעך?

— ווייל זיי האָבן מיך האָלט!

— און דו זיי — אויך?

— געוויס!

— ווי קען מען דאָס האָלט האָבן פיר חברטעס מיטאַמאָל? — איז שוין די מאַמע געוואָרן נייגעריק.

— זעסט דאָך, מאַמעלע! — איז געווען מיין קורצער ענטפער.

האָט זיך שוין דעמאָלט די מאַמע אַרומגעזען, אַז איך בין שוין, דאַנקען גאָט, אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער און וויבאַלד אַזוי — דאַרף מען מיר שוין רעדן אַ שידוך...

מיין שטיף־טאַטע האָט שוין טאַקע געהאַט פאַר מיר אין שטעטל אַ פאַרטיקע כלה, וואָס וואָלט געקרן מיט מיר חתונה געהאַט, אָבער באַלד נאָך סוכות האָב איך זיך אָפּגעטראָגן צוריק קיין ווילנע און פון דעם שידוך איז גאָרנישט געוואָרן...

X

איך קאָלאָניזיר זיך אויף אַן „עסעסישער" טעריטאָריע

ווײַבאַלד די מאַמע מיטן שטיף־טאַטן האָבן מיר שוין אָנגעהויבן צו רעדן שידוכים — איז דאָך קלאָר, אַז איך בין שוין אַ גרויסער, אַ דער־וואַקסענער!

אויב אַזוי — מוז איך שוין, הייסט עס, אויך עפּעס אָנהויבן צו טון און אויפצוטון פאַר דער וועלט בכלל און פאַר דעם יידישן פאָלק בפרט.

בפרט נאָך, ווען דער דאָקטאָר סווידערסקי, וועלכער האָט מיך גע־היילט אַן אַ גראָשן געלט, האָט מיר געהאַט איינמאָל געזאָגט, אַז כּל־זמן מיין קרענק האָט מיך נאָך נישט איזאָלירט פון דער געזעלשאַפט — זאָל איך אַריינכאַפּן פון לעבן, וואָס נאָר איך קען!

אָבער וואָס, פרעגט זיך, האָט אַ יידיש בחורל פון 17—18 יאָר גע־קענט אַריינכאַפּן אין ווילנע, אין די יאָרן 1904 און 1905, אויב נישט אַן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג ערגעץ־ווו הינטער רוזעלע, אַ פאַרביטערטע דיסקוסיע צווישן „בונד" מיט „עס־עס" (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) אָדער עטלעכע שמיץ פון אַ צעיושעטן קאָזאַק.

ס'איז אָבער געווען כדאי, האָב איך געטראַכט, ווייל דורך דעם אַליין, וואָס איך וועל זיך אָנשליסן אָן אַ וועלכער נישט איז פּאַרטיי — וועל איך שוין במילא ווערן נענטער צו מיינע עלטערע צוויי ברידער, וואָס איינער פון זיי, שמואל, איז שוין געווען דעמאָלט דער טעאָרעטיקער פון די גאָר ערשטע „עס־עס", און דער צווייטער, ברוך, איז שוין געוואָרן דער הויפּט־פּראָפּאַגאַנדיסט פון „בונד".

צוליב מיין גרויסער ליבשאַפט צו די ביידע ברידער מיינע, וואָלט

איך גאַנץ גערן געאַרבעט סיי אין „בונד“ און סיי אין „עסעס“, ווייל ווער ווייס דען, ווער פון זייביידן איז מער גערעכט?

אָבער די אַלע, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אין צאַרישן רוסלאַנד די זייער שטורמישע יאָרן 1904 און 1905 וועלן מוזן מסכים זיין מיט מיר, אַז אויך זיי זענען געווען דעמאָלט יינגער אויף אַ יאָר פינף און פערציק און במילא שוין זענען זיי אויך געווען, פונקט ווי איך, אַ סך ראָמאַנטישער און נאַאיווער, ווי איצטער.

ווער פון אונדז געדענקט נישט, ווי מיר פלעגן שלינגען די פּראָקלאַמאַציעס און די אומלעגאַלע בראָשורקעס אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, ווי דאָס וואָלט געווען תורת משה.

אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט אויף אונדז די בראָשורקע, וואָס האָט געהייסן „אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע“, וווּ איינער אַ פאַנטאַסט האָט אונדז געשילדערט דעם פּרעכטיקן גן־עדן, וואָס וועט איינטרעטן באַלד נאָך דער רעוואָלוציע. מען האָט געדאַרפט זיין ממש אַ בורזשוי אָדער אַן אידיאָט נישט צו קעמפן פאַר אָט דעם גאָלדענעם „מאָרגן“ פון נאָך דער רעוואָלוציע!

(ווען איך האָב, אגב, מיט יאָרן שפּעטער באַקומען די גאָלדענע געלעגנהייט דורכצומאַכן פּערזענלעך דעם אַזוי גערופענעם „מאָרגן“, און אפילו דעם איבערמאָרגן פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד — האָב איך זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך די אַמאָליקע אומלעגאַלע בראָשורקעלעך אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר...).

אין יענע ראָמאַנטישע יאָרן פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג אין רוסלאַנד· האָבן מיר אויך געשלונגען די גאָלדענע רייד פון אונדזערע אַגיטאַטאָרס און פּראָפּאַגאַנדיסטן, ווי מען שלינגט איצטער וויטאַמינען, כאָטש ווייט נישט אַלע ווערטער און פראַזן זענען אונדז געווען באַקאַנט און פאַרשטענדלעך.

מיר האָבן אונדזערע מאַרקסיסטישע פּאַרטיי־פירערס געמוזט גלויבן אויפן וואָרט, אַז נאָר דער „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם“ אַליין דרייט די רעדער פון דער גאַנצער וועלט־געשיכטע, אָבער אַזוי ווי ס'יידישע פאָלק איז, לאָזט זיך אויס, נאָך אַ סך עלטער פון דעם „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם“ וועלן דעריבער די יידישע מאַסן אפילו נאָך דער רעוואָלו־

ציע אין רוסלאַנד זיך שטאַרק נויטיקן אין אַן עמיגראַציע, וועלכע וועט מוזן פירן צו אַ קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע אויף אַן אייגענער טערי־טאָריע (און לאוו דווקא אין ארץ־ישראל).

אַזוי, אַן ערך, האָט מיט אונדז געהאַט אַריינגעקנעלט „אברהם דער אַדעסער" (וויינשטיין), וואָס איז געווען דעמאָלט דער הויפּט־אַגיטאַטאָר פון די „עס־עס" אין ווילנע.

(„עמיגראַציע, קאָלאָניזאַציע און קאָנצענטראַציע" איז געווען די הייליקע דריי־איינִיקייט פון דער עס־עסישער טעאָריע).

ווען כ'האָב זיך שוין געהאַט געניג אָנגעהערט מיט די עסעסישע רעפעראַטן וועגן עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע — האָב איך איינמאָל איינגעלאַדן אַן עס־עסישע זאָקנמאַכערקע, וועלכע האָט מיר שוין גע־האַט אויסגעצייט אַ גאַנץ פיין העמדל פון סאַטין, זי זאָל מיט מיר „עמי־גרירן" צום ווילנער שלאָסבאַרג.

— וואָס וועלן מיר טון אויף דעם שלאָסבאַרג? — האָט מיך די זאָקנ־מאַכערקע גאַנץ ערנסט אַ פרעג געטון.

— מיר וועלן זיך דאָרטן „קאָנצענטרירן"... — איז געווען מיין ענטפער.

— און וואָס וועט שוין זיין, אַז מיר וועלן זיך קאָנצענטרירן? — האָט זי מיך ווייטער געפרעגט.

— אַז מיר וועלן זיך גוט קאָנצענטרירן — וועלן מיר זיך, מירצע־שעם, „קאָלאָניזירן", ווי „אברהם דער אַדעסער האָט געזאָגט! — פלעג איך איר מסביר זיין די עס־עסישע תורה.

האָב איך אַזוי לאַנג „עמיגרירט" מיט דער זאָקנמאַכערקע צום שלאָס־באַרג ביז זי האָט מיך טאַקע „קאָלאָניזירט" אין דער עס־עסישער צוזאַ־מענוווינונג, ווו איך האָב, ענדלעך, געפונען מיין ריכטיקע טעריטאָריע.

די גאַנצע „טעריטאָריע" פון די ווילנער „עס־עס" איז באַשטאַנען פון אַ פיר־צימערדיקער דירה אויף דעם צווייטן עטאַזש אין דעם הינ־טערשטן מויער פון איינעם אַ פירקאַנטיקן הויף אויף דער קאַמיניצקער גאַס (אָדער „זשמודסקאַיאַ", ווי זי האָט געהייסן אויף רוסיש).

דאָס ערשטע צימער איז באַשטאַנען פון אַ פינצטערער קיך, ווו האַרט

לעבן אויוון איז געשטאַנען אַן אייזערן בעט, אין וועלכן ס׳פלעגן שלאָפן דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע.

דאָס צווייטע צימער מיט איין פענצטער צום הויף איז געווען דער וואַרשטאַט פון די צווי טעכטער, וואָס האָבן אויף צוויי זאָקן־מאַשינען פאַבריצירט גאַנצע טעג שקאַרפעטקעס פאַר מאַנסבילן. אין דעם זעלבן „פאַבריק״־צימער איז געשטאַנען אַ ברייטער טאַפּטשאַן, אויף וועלכן עס פלעגט שלאָפן דער איינציקער זון פון די באַלעבאַטים — שימקע דער מעכאַנישער שוסטער (אַזוי פלעגט מען אים רופן).

דאָס דריטע צימער, דאָס סאַמע גרעסטע, האָט שוין געהאַט צוויי פענצטער צום הויף. ביי איינער פון די אָפּגעקראָכענע ווענט זענען גע־שטאַנען צוויי אייזערנע בעטן אין אַ גלייכער שורה. אין איינער פלעגן שלאָפן די צוויי טעכטער — די שקאַרפעטקע־מאַכערקעס, און אין דער צווייטער — די צוויי קוואַרטיראַנטקעס — די זאָקנמאַכערקעס, וואָס איינע פון זיי האָט מיך צוגערעדט צו ווערן דאָ אַ קוואַרטיראַנט.

ביי די אַנדערע צוויי ווענט זענען געשטאַנען צוויי אַלטמאָדישע קו־שעטקעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, מסתמא, אין די צייטן פון לודוויג דעם פערצנטן, אָבער נישט אין פראַנקרייך.

איינע פון די דאָזיקע „פראַנצויזישע״ קושעטקעס איז שוין געווען פאַרדונגען צו איינעם אַן „עקסטערן״ פון לידע, צום חבר ראַבינאָוויטש, וועלכער פלעגט יעדעס יאָר גיין צו די עקזאַמענס אויף זעקס קלאַסן גימנאַזיע און שטענדיק דורכפאַלן אויף געאָגראַפיע, כאָטש ער איז גע־ווען אַן עסעסאָוויעץ, וועלכער האָט געמוזט קענען אויף אויסנווייניק אַלע לענדער פון גאָר דער וועלט. די צווייטע קושעטקע האָט מען, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון מיין „קאָנצענטרירטער״ זאָקנמאַכערקע, פאַרדונגען צו מיר פאַר סך־הכל איין רובל מיט פופציק קאָפּיקעס אַ חודש און די באַלעבאָסטע פלעגט מיר נאָך דערפאַר געבן עטלעכע מאָל אין טאָג הייס וואַסער צום פאַרקאָכן טיי אָדער „מאָגנבלעטלעך״.

(יע, כ׳האָב אייך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז כ׳האָב זיך אין די ווילנער גאָרקיכן אָדער קוכמיסטערקעס שוין געהאַט אַרויפגעאַרבעט אויף אַ מאָגן־געשוויר אָדער „אָלסער״, ווי מען רופט עס אין אַמעריקע, און כ׳פלעג אים אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך מוזן באַרואיקן דורך אַזעלכע מאָגנ־

בלעטלעך, וואָס פלעגן ציען, ווי טיי, אָבער דער טעם איז געווען אַ חלשות־דיקער).

דאָס פערטע און דאָס גאָר לעצטע צימער מיט איין שמאָלן פענצטער צום הויף איז געווען אָן אָפּגעשלאָסן מיט צוויי זייער סקריפּנדיקע טיר־לעך, ווייל אין דעם דאָזיקן צימערל האָט געלעבט אַ יונגע פּאָרפאָלק, אויך אַן עס־עסישע, פאַרשטייט זיך, נאָר אַזוי ווי ס׳ווייבל איז שוין געווען אין פינפטן חודש האָט פון דעם דאָזיקן צימערל געשמעקט שטענדיק מיט קאָנספּיראַציע, כאָטש איין טירל איז שטענדיק געווען אָפן, כדי עס זאָל אַריינקומען אַהין אַ ביסל לופט פון די אַנדערע צימערן.

דעם אמת געזאָגט, איז די לופט אין די אַנדערע צימערן אויך נישט געווען קיין גאָר פרישע, מען האָט שוין געהאַט אַריינגעשטעלט די „פּאָד־ווּאינע״ פענצטער און זיי גוט פאַרקלעפּט מיט צייטונגס־פּאַפּיר, כדי ס׳זאָל נישט אַריינקומען פון הויף די נאָך פיל ערגערע לופט.

איך זאָג „נאָך פיל ערגערע״, ווייל גראָד אונטער אונדזער דירה האָט זיך געפונען דער „אשר־יצר״־אַנשטאַלט פאַר דעם גאַנצן הויף, וואָס האָט געציילט ביי עטלעכע און צוואַנציק משפחות, וואָס אַלע פון זיי האָבן שטילערהייט אונטערגעהונגערט על־פּי נוסח ווילנע.

XI

אַ געהיימע באַגעגעניש מיט אַ ברודער

נאָר אויב אפילו אונדזער עס־עסישע טעריטאָריע וואָלט זיך געהאַט געפונען אויפן שלאָסבאַרג — וואָלט די לופט פון אונדזער הערמעטיש־אָפּגעשלאָסענער דירה סיי־ווי־סיי נישט געווען אויף אַ סך בעסער, ווי אויף דער קאָמניצקער גאַס, ווייל אַ חוץ די עלף מיט אַ האַלב שטענדיקע איינוווינער פון אונדזער דירה פלעגן כמעט יעטוועדן אָוונט קומען צו אונדז נאָך אַמאָל אַזוי פיל חברים און חברטעס, וועלכע פלעגן ביז נאָך האַלבער נאַכט דיסקוטירן צווישן זיך וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן אין לאַנד און וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער עס־עסישער פּאַרטיי, וועלכע האָט געפירט דעמאָלט אַ פאַרביטערטן קאַמף נישט נאָר קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, נאָר אויך (און אפשר טאַקע דער עיקר) קעגן דעם „בונד“, קעגן די יידישע „איסקראָווצעס“ (גלאַט אַזוי סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָן קיין שום נאַציאָנאַלן קאָפּ־ווייטיק), קעגן די אַל־געמיינע ציוניסטן, קעגן די סיימיסטן אָדער „וואָזראָזשדענצעס“, וואָס זייער טעאָריע איז נאָך פאַר מיר ביז היינט נישט אינגאַנצן קלאָר, כאָטש פאַר די פירער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי (בן אַדיר, נחום שטיף, משה זילבערפאַרב און ישראל יעפּרויקין) האָב איך שוין דעמאָלט געהאַט דעם גרעסטן דרך ארץ.

ווען עמיצער פון די חברים פלעגט אָנהויבן שיטן פעך און שוועבל אויפן „בונד“ — פלעגט עס מיך שטאַרק פאַרדריסן, ווייל כ׳האָב דאָך געוווסט, אַז מיין עלטערער ברודער ברוך, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געהייסן „דער יונגער לאַסאַל“ איז דאָך געווען איינער פון די וויכטיקסטע „בונד“־פּראָפּאַגאַנדיסטן און כ׳האָב זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז

מיין גוטער, האַרציקער ברודער, וועלכער האָט אין די ישיבות איינגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל יידישקייט און אהבת ישראל זאָל ווערן, חלילה, אַ שונא ציון, צי גאָר אַ שונא ישראל, ווי די עס־עסאָווצעס פלעגן טענהן.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, קיינעם נישט דערציילט — אויך נישט אפילו מיין געטרייער זאָקנמאַכערקע, וועלכע פלעגט מיך אָפּט קושן נאָר דערפאַר, ווייל איך דערמאָן איר, פלעגט זי זאָגן, אירן אַ יינגערן ברודערל אין סווענציאַן — פלעג איך קיינעם נישט דערציילן, אַז איך בין אַ לייב־לעכער ברודער פון דעם „יונגן לאַסאַל" מיט וועמען אפילו „אברהם דער אָדעסער" פלעגט מורא האָבן עפּנטלעך צו דיסקוטירן, ווייל קעגן דעם בונדישן „לאַסאַל" פלעגט מען שוין מוזן אַרויסשטעלן אַזעלכע גוט־גע־שולטע עס־עסישע אָפּאָנענטן, ווי „דאַניעל" (טשערניכאָוו) אָדער „אַוו־רעמלען" פון דווינסק.

דער חבר „אַווּרעמל" פון דווינסק איז געווען, לאָזט זיך אויס, מיין ברודער שמואל (דער שפּעטער געוואָרענער ש. ניגער).

דאָס האָב איך זיך דערוווּסט פון שימקען, דעם מעכאַנישן שוסטער, דעם זון פון מיינע באַלעבאַטים, וועלכער איז געווען דער „באָיעוויק" (שלאָגער) און דער קאָנספּיראַטאָר פון דער עס־עסישער פּאַרטיי אין ווילנע.

ער איז איינמאָל געקומען צו מיר צו לויפן, שימקע, אַ פאַרסאָפּעטער און אַ פאַרשמייעטער מיט דער גרויסער בשורה, אַז דער באַרימטער חבר „אַווּרעמל", וועלכער געפינט זיך איצטער קאָנספּיראַטיוו אין ווילנע, וויל מיך אומבאַדינגט זען.

— צו וואָס דאַרף ער מיך? — האָב איך אומרואיק אַ פרעג געטון.

— כ'ווייס נישט, ער זאָגט, אַז ער איז דיינער אַ קרובֿ! — האָט מיר שימקע מעכאַניש אַן ענטפער געטון.

האָט מיך שימקע באַלד אַוועקגעפירט צו דעם געהיימניספולן חבר אַווּרעמל, וואָס איז איינגעשטאַנען אין אַ ביליקן האָטעל און כ'האָב דער־זען פאַר זיך מיין ברודער שמואל, אַ געזונט צו אים!

האָבן מיר זיך ביידע געשמאַק צעקושט און, ווען שימקע דער קאָנ־ספּיראַטאָר האָט געהאַט דערזען, אַז איך בין טאַקע אַ לייבלעכער ברודער פון דעם חבר אַווּרעמל — האָט ער אונדז איבערגעלאָזט אַליין.

מיין ברודערס ערשטע בקשה צו מיר איז געווען, אַז איך זאָל נישט צו לאַנג פאַרבלייבן אין דער דירה, ווו איך האָב זיך באַזעצט, ווייל די דאָזיקע דירה איז, לאָזט זיך אויס, די „יאַווקע״, ד״ה די מעלדונגס־קוואַר־טיר פאַר אַלע עס־עסאָווצעס פון דער פּראָווינץ און אויב, חלילה, די דאָזיקע דירה פאַלט דורך — וועט מען דאָך אויך מיך אַרעסטירן און כ׳וועל האָבן גרויסע צרות.

האָב איך דעם ברודער צוגעזאָגט, אַז כ׳וועל זען בייטן די דירה, אָבער כ׳האָב געוווסט, אַז איך זאָג אים אַ ליגן, ווייל ס׳איז מיר געווען שווער צו שיידן זיך מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע מענטשן, צווישן וועלכע כ׳האָב זיך שוין געפילט זייער היימיש און משפּחהדיק.

מער נישט, וואָס דער געלעגער מיינער איז געווען נישט גאָר קיין באַקוועמער, ערשטנס, האָט מיין קושעטקע געהאַט נישט מער, ווי דריי פיסלעך. דאָרטן, וווּ ס׳איז געווען אַמאָל צוקאָפּנס די פערטע פוס האָט מען אונטערגעלייגט צוויי שייטלעך האָלץ. אויך דער „שעניק״, וואָס איז געלעגן אויף דער קושעטקע איז שוין געווען זייער אַ פאַרלעגערטער. מען האָט די היי פון שעניק שוין עטלעכע יאָר נישט געביטן. האָט גע־טראָגן פון אים אַ שלעכטער ריח און אויסער דעם האָט זיך די היי צענויפ־געקנוילט אין איינצלנע האַרטע בינטלעך, ווי ציגל, וועלכע פלעגן מיר אָפּרייבן די זייטן.

אָבער שטעלט זיך פאַר מיין גדולה, אַז ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט אַ היים פון מיין באַגעגעניש מיט מיין ברודער שמואל — „אוורעמל״ — איז שוין מיין שעניק געווען אָנגעשטאָפּט מיט פרישן גוט־שמעקעוודיקן היי און אָנשטאָט די צוויי שייטלעך האָלץ האָט מיין קושעטקע, ווי דורך אַ כשוף באַקומען אַ פערטע קינסטלעכע פוס.

די דאָזיקע שנעלע אָפּעראַציע האָט דורכגעפירט דער זייער פלינקער שימקע, דער מעכאַנישער שוסטער, וועלכער האָט נישט געקענט דערלאָזן, אַז חבר אוורעמלס אַ לייבלעכער ברודער זאָל שלאָפן אויף אַ ציגלנעם שעניק מיט צוויי שייטלעך האָלץ צוקאָפּנס ווי, חלילה, אַ מת.

זענען מיינע אַקציעס אין דער קאָנספּיראַטיווער דירה פון עס־עס נאָך מער געשטיגן און די צוויטע זאָקנמאַכערקע, וואָס פלעגט שלאָפן

אין איין בעט מיט מיין חברטע פון סוועגציאַן האָט אויך אָנגעהויבן גאַנץ גערן צו „עמיגרירן" מיט מיר צום ווילנער שלאָסבאַרג.

אָבער זאָלן מיינע געטרייע לעזערינס נישט ווערן, חלילה, אייפער־זיכטיק צו די דאָזיקע צוויי כשרע יידישע טעכטער, וועלכע זענען געוואָרן קרבנות פון דעם אויבנדערמאָנטן „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם".

דער דאָזיקער „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם" דרייט, לאָזט זיך אויס, נישט נאָר די רעדער פון דער וועלט־געשיכטע, נאָר ער דרייט אויך די גאַנץ קליינינקע רעדלעך פון יעטוועדן מענטשלעכן גורל באַזונדער און ער דרייט זיי אַזוי לאַנג ביז מען ווערט פון אים גאָר אינגאַנצן פאַרדרייט אָדער צעדרייט.

האָט מיר שטאַרק אימפּאָנירט, וואָס די דאָזיקע צוויי זאָקנמאַכערינס, וועלכע זענען געווען עלטער פון מיר מיט אַ יאָר דריי־פיר האָבן זיך צו מיר פאַרטרויט, ווי צו אַן עלטערן חבר, וועלכער קען שוין באַרואיקן אַ ביסל זייערע אויפגעברויזטע געמיטער און אויב אפילו מיר פלעגן זיך אויפן שלאָסבאַרג קושן פון צייט צו צייט איז עס געווען נאָר צוליב דעם, כדי מיר זאָלן וואָס בעסער קענען „קאָנצענטרירן" זיך אויף די דעמאָל־טיקע גאַנץ קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דעם קלאַסן־קאַמף, וועלכער האָט געפאָדערט גרויסע קרבנות אויך אפילו אויף דעם ליבע־פראָנט.

אין וואָס די דאָזיקע קרבנות זענען באַשטאַנען און ווי אַזוי שימקע דער מעכאַנישער שוסטער האָט זיי געהאָט פאַר אונדז פונאַנדערגעוויקלט אין איינעם אַ ספּעציעלן רעפעראַט וועגן דער געשלעכטס־פראַגע וועלן מיר זען אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

XII

ווי האָט אויסגעזען מיין נייע היים?

די באַפעלקערונג פון דער עס־עסישער „טעריטאָריע" אויף דער קאָמיניצקער גאַס אין ווילנע איז באַשטאַנען פון עלף מיט אַ האַלב פערזאָן (אַ חוץ די וואַנצן...).

פינף פון זיי זענען געווען איינגעבוירענע אָדער „בייטיווס", ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, און נעמלעך: דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע, זייערע צוויי טעכטער — די שקאַרפעטקע־מאַכערקעס און זייער זון — שימקע דער מעכאַנישער שוסטער.

די אַנדערע זעקס און האַלב פערזאָן זענען געווען צוגערייזטע פון דער פראָווינץ. זיי האָבן זיך „קאָלאָניזירט" אין אונדזער קאָנספּיראַטיווער דירה, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון די עסעסישע פראָווינץ־קאָמיטעטן.

דאָס זענען געווען די צוויי זאָקנמאַכערקעס פון סווענציאַן, וואָס איינע פון זיי פלעגט מיך אָפט קושן נאָר דערפאַר, ווייל איך דערמאָן איר שטאַרק אירן אַ יינגערן ברודערל אין דער היים, און די צווייטע איז לכתחילה געווען אַ בונדיסטקע, נאָר צוליב דעם וואָס דער בונדישער קאָמיטעט אין סווענציאַן האָט געהאַט געפּסלט אירע אַ ליבע, וועלכע האָט נישט געשטימט מיט דעם דעמאָלטיקן „קלאַסן־קאַמף" (זי האָט זיך, נעבעך, געהאַט פאַרליבט אין דעם זון פון דעם זאָקן־פאַבריקאַנט, בײַ וועמען זי האָט געאַרבעט, און כאָטש דער „פאַבריקאַנט" האָט פאַרמאָגט סך־הכל דריי מאַשינדלעך — איז ער דאָך געווען אָפיציעל איר „עקספּלואַטאָר", וואָס לעבט פון פרעמדער האָרעוואַניע). איז די זאָקנמאַכערקע געוואָרן צוליב דעם שטאַרק ברוגז אויף דעם בונד, וועלכער מישט זיך אין אירע אינטימע אָנגעלעגנהייטן און זי איז אַריבער צו די עסעסאָווצעס,

וועלכע האָבן זיך פאַרנומען פיל מער מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, איידער מיטן קלאַסן־קאַמף", אויך אפילו אויף דעם ליבע־פראָנט.

דיביידע עסעסאָווקעס פון סוועניציאַן זענען געווען קרובות און זיי פלעגן פאַרנעמען נישט מער, ווי איין בעט. דאָס פלעגט זיי קאָסטן נישט מער, ווי צוויי מיט אַ האַלבן רובל אַ חודש.

אין שכנות מיט זייער בעט איז ביי דער צווייטער וואַנט געשטאַנען די קושעטקע פון דעם חבר ראַבינאָוויטש — אַן „עקסטערן" פון לידע, וועלכער איז שוין, ווי געזאָגט, אַ פּאָר מאָל דורכגעפאַלן ביי די עקזאַמענעס אויף זעקס קלאַסן און דווקא אויף געאָגראַפיע, כאָטש ער איז דאָך אויך געווען, ווי מיר אַלע, אַ טעריטאָריאַליסט און ער האָט שוין געקענט דעם גאַנצן גלאָבוס אויף אויסנווייניק!

צוליב דעם, וואָס די קושעטקע איז געשטאַנען פּערפּענדיקולאַר צו דער אייזערנער בעט, ווי אַ פּיסל פון אַ „דאַלעד", איז ראַבינאָוויטשעס צוקאָפּנס אויסגעקומען אַקוראַט ביים צופוסנס פון די ביידע זאָקנמאַכערקעס. האָט ער באַקומען די מיאוסע טבע צו קיצלען זיי אין די פּיאַטעס, ווען מען פלעגט שוין דאַרפן שלאָפן. האָבן די ביידע חברטעס אַזוי לאַנג געוואַלדעוועט — ביז די קלוגע באַלעבאָסטע האָט איבערגעדרייט דעם צוקאָפּנס פון דעם חבר ראַבינאָוויטש. האָט ער דעמאָלט אָנגעהויבן צו ציען זיי פאַר די צעפּ, ווי אַ קונצנמאַכער ציט די שטריקלעך פון זיינע מאַריאָנעטקעס.

ס'האָט אפילו נישט געהאָלפן דער מוסר פון שימקע, דעם מעכאַנישן שוסטער, וואָס איז געווען דער הויפּט־פירער פון אונדזער קאָמונע. ער האָט אים איין מאָל אַריינגעזאָגט, אַז ער, ראַבינאָוויטש, האָט, זעט אויס, מיטגעבראַכט פון לידע זיינע קליינבירגערלעכע געווענלעך ווי באַלד ער לאָזט נישט רואיק שלאָפן די צוויי האַרעפּאַשניצעס פון אונדזער פּאַרטיי.

דער סוף איז געווען, אַז מען האָט ראַבינאָוויטשעס בעטגעוואַנט אַריבערגעטראָגן אויף מיין קושעטקע, וועלכע איז געשטאַנען פּערפּענדיקולאַר צו דער צווייטער אייזערנער בעט, וווּ ס'פלעגן שלאָפן די ביידע שקאַרפּעטקע־מאַכערקעס — די טעכטער פון אונדזערע באַלעבאַטים, וועלכע זענען נישט געווען קיין קיצלדיקע און מיך האָט מען אַריבערגעפּעקלט צו דער קושעטקע פון דעם חבר ראַבינאָוויטש.

דער מקח איז דאָך געווען סיי ווי דער זעלבער: צו 1 רובל מיט 50 קאָפּיקעס אַ חודש פאַר אַ קושעטקע.

די ביידע חברטעס האָבן זיך ממש מחיה געווען, וואָס זיי האָבן מיך באַקומען פאַר זייער שלאָף־שכן.

זיי האָבן געוווסט, די מיידלעך, אַז איך בין בטבע נישט קיין אַנגריי־פער, ווייל איך האָב שוין דעמאָלט געהאַלטן פון דעם כלל, אַז די ליבע טאָר מען נישט וועקן און שרעקן ביז זי אַליין וועט נישט אָנהויבן צו גלוסטן צו דיר, ווי עס שטייט אין שיר השירים: „אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ" (נישקשה, שלמה המלך האָט געוווסט, וואָס ער רעדט!).

(דעם זעלבן פּסוק, אגב, האָט י. ל. פּרץ איבערגעדיכטעט אויף אַזאַ מין אופן: „וועקט זי נישט, וועקט די ליבע נישט ביז זי בליט נישט אויף אַליין!" און יהואש האָט דעם זעלבן פּסוק איבערגעזעצט מער ווערטלעך און נעמלעך: „אויב איר וועט וועקן און אויב איר וועט אויפוועקן די ליבשאַפט ביז זי וועט באַגערן").

ווי עס זאָל נישט זיין — בין איך נאָך ביז היינט שטאַרק צופרידן, וואָס איך בין דעמאָלט שוין אַוועק אין די וועגן פון שלמה המלך און נישט, חלילה, אין די וועגן פון דעם קלאַסן־באַוווסטלאָזן חבר ראַבינאָ־וויטש! דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די ביידע חברטעס האָבן גאַנץ גערן אָנגעהויבן מיט מיר צו „עמיגרירן" צום ווילנער שלאָסבאַרג, בעת מיט ראַבינאָוויטשן זענען זיי דאָרטן נישט געווען קיין איינציקן מאָל! אַהאַ!

די אַנדערע דריטהאַלבן פאַרשוינען פון אונדזער עסעסישער דירה איז געווען דאָס קאָנסעפּיראַטיווע פּאָר פאַלק (נאָך אָן חופה וקדושן), וואָס איז שוין אין דעם פאַבריקן קאַפּיטל געווען ביי אונדז אין דעם פינפטן חודש. האָט מען זיי פאַר דריי רובל אַ חודש אַריינגעקוועטשט מיט זייער ערב־קינד אין דעם סאַמע לעצטן און קלענסטן צימערל פון אונדזער כלומרשט פיר־צימערדיקער דירה. אין דעם צימערל איז צווערשט גע־שטאַנען נישט מער, ווי איין איינציק בעט, אַ טישל און צוויי טאַבורעטקעס, אָבער ווען דאָס יונגע ווייבל איז שוין אַריין מיט מזל אין די הויכע חדשים און זי האָט שוין געמוזט פאַרנעמען לכל הפחות ביי דריי פערטל בעט —

האָט מען פאַר דעם יונגן מאַן אַריינגעשטעלט אַ ברייטן טאַפּטשאַן צוליב וועלכן איין טירל פון דעם צימער האָט געמוזט זיין שטענדיק צוגעקלאַפּט. דערפאַר אָבער איז דאָס צווייטע טירל שטענדיק געשטאַנען אָפן, כדי עס זאָל צו זיי אַריינקומען וואָס מער „פרישע" לופט פון די אַנדערע חדרים (סוף כל סוף האָט דאָך די ערב־מאַמע שוין געמוזט אָטעמען כמעט פאַר צווייען!).

אַזוי אַרום האָבן זיך די זעקס און אַ האַלב קוואַרטיראַנטן און די פינף „בייטיווס" (די באַלעבאַטים מיט די קינדער) זיך צונויפגעגאָסן אין איין משפחה און זענען מיר זענען געווען זייער גליקלעך...

אָבער גליקלעכער פון אַלעמען איז געווען שימקע דער מעכאַנישער שוסטער, ווייל ער האָט שטענדיק געהאַט ביי זיך, אין דער היים, אַ דאַנק־באַרע אוידיטאָריע פון צען מענטשן (טאַטע־מאַמע אַריינגערעכנט), פאַר וועמען ער האָט געקענט רעפּעטירן אַלע זיינע רעפעראַטן, וועלכע ער פלעגט שפּעטער האַלטן פאַר די פאַרשידענע עסעסישע קרייזלעך פון ווילנע.

שימקע איז געווען, לאָזט זיך אויס, נישט נאָר אַ מעכאַנישער שוס־טער, נאָר אויך שוין אַ „האַלבער אינטעליגענט", ווי מען פלעגט עס דע־מאָלט זאָגן. ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעלייענט מיט פאַרשידענע מינים לעגאַלע און אומלעגאַלע ביכער און בראָשורן וועגן סאָציאַליזם בכלל און וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע — בפרט.

אין די דעמאָלטיקע דיסקוסיעס צווישן „עס־עס" און „בונד" האָט די נאַציאָנאַלע פראַגע געשפּילט אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָלע.

פאַר די בונדיסטן, למשל, איז געווען געגנוג אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, וואָס די יידן וועלן באַקומען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָבער די עסעסאָווצעס האָבן אומבאַדינגט געוואָלט ביידע זאַכן: אי אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, אי אַן אייגענע טעריטאָריע.

„אָן אַן אייגענער טעריטאָריע וועלן זיך די באַפרייטע יידן אַסימי־לירן מיט די אַנדערע באַפרייטע פעלקער פון רוסלאַנד און ס'וועט שוין נישט העלפן קיין שום נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע!"

אַזוי, אַן ערך, פלעגט מיט אונדז אַריינקנעלן שימקע דער מעכאַני־שער שוסטער.

אָבער אַ חוץ די צענטראַלע פּראָבלעמען פון „עס־עס״, וועגן וועלכע מען האָט געקענט עפנטלעך דיסקוטירן און קאָכן זיך — זענען אויפגעשווומען דעמאָלט נאָך אייניקע אַנדערע זייטיקע פּראָבלעמען פאַר דעם רייך־אינערלעכן געברויך.

איינע פון די דאָזיקע אינערלעכע פּראָבלעמען איז געווען די אַזוי גערופענע „געשלעכטס־פראַגע״, וועלכע איז געוואָרן פאַר „עס־עס״ באַזונדערס אַקטועל.

ס'איז געווען צוליב דעם, וואָס די מיטגלידערשאַפט פון דער עסעסישער פּאַרטיי איז באַשטאַנען דאָס רוב פון אַ מער אָדער ווייניקער באַלעבאַטישן עלעמענט.

דאָס זענען געווען פּריקאַשטשיקעס, עקסטערנעס, וואָס האָבן געטרוימט פון זעקס קלאַסן גימנאַזיע, לערערס, געוועזענע ישיבה־בחורים, סטודענטן, איינבינדערס און זייגערמאַכערס, וועלכע האָבן געהערט צו די אײדעלע פּראָפעסיעס; זאָקנמאַכערקעס, מאָדיסטקעס און גלאָט אַזוי באַלעבאַטישע טעכטער, וואָס האָבן זיך געריסן צו דער נייער וועלט.

דער אמתער יידישער פּראָלעטאַריאַט, ווי שניידער געזעלן, שוסטער־יונגען, קצבים, בעקערס, סטאָליאַרעס, שמידן, שניידערקעס, דינסטמיידלעך און פּאַפּיראָסן־מאַכערקעס זענען כמעט אַלע געווען ביים „בונד״.

צוליב דעם, וואָס דער גרעסטער טייל חברים און חברטעס פון „עס־עס״ זענען געווען האַלב־פּראָלעטאַריש און האַלב־באַלעבאַטיש, איז זייער שווער געווען דורכצופירן די ריכטיקע ליניע אויף דעם, אַזוי גערופענעם, קלאַסן־פּראָנט.

ווען דער עסעסישער קאָמיטעט פלעגט, למשל, דערקלערן אַ שטרייק פון אירע חברים־פּריקאַשטשיקעס — פלעגן אָפטמאָל די פּריקאַשטשיקעס גופא זיך בעטן רחמים ביים קאָמיטעט — מ'זאָל זיי נישט צווינגען צו שטרייקן, ווייל זיי — די אָנגעשטעלטע — ווייסן דאָך גאַנץ גוט, אַז זייערע באַלעבאַטים, די כלומרשטע עקספּלואַטאַטאָרס, זענען אויף גרויסע צרות. זיי זענען איינגעטונקט אין חובות, זיי האָבן דערוואַקסענע טעכטער צום אויסגעבן און די קרעמער, צי די הענדלער וואָלטן זיך גערן געביטן מיט זייערע כלומרשט עקספּלואַטירטע אָנגעשטעלטע, אַבי נאָר פּטור צו ווערן פון אַלע זייערע קאָפּ־דרייעניש און התחייבותן!

ס'פּלעגט אויך אָפּט פּאַסירן, אַז אַן אַנגעשטעלטער אין אַ געשעפט, צי אין אַ קראָם האָט גאָר געפירט אַ שטילע ליבע מיט דער טאָכטער פון זיין באַלעבאָס, און אויב נאָר „עס־עס" וועט אים צווינגען צו שטרייקן — קען ער דעמאָלט פאַרלירן נישט נאָר זיין שטעלע, נאָר אויך — זיין געליבטע.

אַזוי אַרום האָט אויך ביי די „עס־עס" די ראָמאַנטיק אָנגעהויבן צו שטערן דעם קלאַסן־קאַמף.

עפנטלעך האָט מען וועגן דעם נישט געקענט דיסקוטירן, ווייל די קעגנערישע פּאַרטייען וואָלטן גלייך צעלייגט אויף טעלערלעך, אַז די עס־עסאָווצעס זוכן גאָר נישט קיין טעריטאָריעס, נאָר כלות און, אַז די בור־זשואַזע געשלעכטס־פראַגע פאַרנעמט ביי זיי אַ וויכטיקערן פּלאַץ, ווי דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־קאַמף.

צוליב אָט די דאָזיקע גרויסע שטרויכלונגען אויפן וועג צו דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע — האָט שימקע דער מעכאַנישער שוסטער איינמאָל באַשלאָסן צו לייענען פאַר אונדז אַ רעפעראַט וועגן קלאַסן־קאַמף און ליבע.

ער האָט אונדז אָבער פריער געוואָרנט, אַז דער דאָזיקער רעפעראַט איז נאָר פאַר דעם אינערלעכן געברויך פון דער פּאַרטיי.

דעם זעלבן רעפעראַט וועט ער, פאַרשטייט זיך, לייענען אויך אין די אַנדערע קאָנספּיראַטיווע קרייזלעך פון „עס־עס" און מיט אונדז, הייסט עס, מיט די היימישע מאַכט ער די ערשטע רעפּעטיציע.

ער האָט אָבער ליב געהאַט, שימקע, צו לייענען פאַר אונדז זיינע רעפעראַטן נאָר אין דער פינצטער, ווען מיר פלעגן זיך שוין אויסלייגן אויף אונדזערע געלעגערס, ווי צום שלאָפן.

ביים אויסלעשן דעם איינציקן קעראָסין־לאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען איבער דעם לאַנגן „עס־עס"־טיש (קיין עלעקטריע האָט מען אין אונדזער „טעריטאָריע" נאָך נישט געהאַט איינגעפירט) — פלעגט אונדז שימקע דערקלערן פאַרוואָס ער טוט עס.

ערשטנס, האָט ער אונדז געזאָגט, וועלן די חברטעס נישט שעמען זיך אויסצוטון אין דער פינצטער (זיינע אייגענע צוויי שוועסטער פלעגט ער אויך רופן „חברטעס").

צווייטנס, ווייל ער נישט, שימקע, אַז דער סטרוזש פון הויף זאָל זען אַזוי שפּעט ליכט פון אונדזערע פענצטער, ווייל ער קען עס נאָך דערציילן צו דער נאַכט־פּאָליציי.

דריטנס, וועט דאָס שוואַנגערע פּאָר פּאָלק פון דערבייאיקן צימערל קענען האַלטן אָפּן דאָס טירל און אויך זיך צוהערן צו זיין רעפעראַט.

און פערטנס שפּאָרט מען טאַקע איין אַ ביסל קעראָסין, וואָס איז אויך גאַנץ וויכטיק!

אַרום צען אין אָוונט פלעגן שוין אַלע זיין אין דער היים, ווייל נאָך צען פלעגט מען שוין מוזן קלינגען צום סטרוזש און געבן אים טרינקגעלט.

דער לעצטער פלעגט קומען ראַבינאָוויטש, וואָס פלעגט לעבן פון אוראָקן און זיין לעצטער אוראָק איז געווען אויף גרויס־פּאָהוליאַנקע, ווו מען פלעגט אים יעדן אָוונט אָפּצאָלן מיט אַ פליישיקער וועטשערע.

פלעגט ער שטענדיק קומען, ראַבינאָוויטש, אַ זאַטער, אַ פריילעכער, אָבער מיר אַלע פלעגן אים דאָס פאַרגינען פון פולן האַרצן.

צוליב דעם טאַקע האָט ער זיך נישט געקענט אָפּגעווינען פון זיינע „קליינבירגערלעכע געוווינהייטן", ווי שימקע פלעגט זאָגן און די זאָקנמאַכערקעס פלעגן צוליב אים גאַנץ אָפּט האָבן שלאָפלאָזע נעכט.

אויך, אפילו, אין יענער נאַכט, ווען שימקע דער מעכאַנישער שוסטער האָט אונדז געלייענט זיין רעפעראַט וועגן דער געשלעכטס־פראַגע — האָט ראַבינאָוויטש אויפגערודערט אונדזער גאַנצע קאָמונע.

אפילו אונדזער באַלעבאָסטע, וואָס איז געווען דאַר און הויך ווי אַ שטעקן און אַזוי ווי איין פּוס איז ביי איר געווען, נעבעך, קירצער אָדער לענגער — פלעגט זי אויסזען, ווי אַ פּאָמפּעדיקל פון אַ וואַנט־זייגער, וואָס באַוועגט זיך קרום הין און צוריק און ווי אַ פּאָמפּעדיקל טאַקע פלעגט זי ציילן אירע ווערטער, ווי זיי וואָלטן געווען רגעס — האָט שוין אָט די דאָזיקע שטילע און מוטערלעכע באַלעבאָסטע נישט געקענט מער אויסהאַלטן די מיאוסע געוווינהייטן פון ראַבינאָוויטשן און זי האָט אים גוט אויסגעמוסערט, ווי זי וואָלט אים טאַקע געווען אַ מאַמע.

— טו נאָר אַ קוק אויף דאָניען (דאָס האָט זי געמיינט מיך), טו נאָר אַ קוק, ווי פיין און איידל ער באַנעמט זיך מיט מענטשן, און ווער רעדט

נאָך — מיט מיידלעך! ס׳איז פשוט חלשות צו קוקן, ווי אַ חבר באַהאַנדלט זיינע חברטעס פון דער זעלבער פּאַרטיי!

האָט ראַבינאָוויטש זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק. ווען ער איז געקומען אַהיים איז שוין געווען פינצטער און דוואָשקע האָט זיך געהאַט אויסגעלייגט אויף זיין קושעטקע, ווי ביים טאַטן אין ווייננאַרטן.

(דאָס איז די זעלבע דוואָשקע, וועלכע איז איבערגעלאָפן פון בונד צו „עס־עס״, מחמת דער סווענציאַנער „בונד״ האָט איר קאַליע געמאַכט אַ ליבע).

האָט ער שוין קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ראַבינאָוויטש, ווי צו פאַרנעמען איר ליידיקן פּלאַץ אין דעם בעט, וווּ עס איז שוין געווען געלעגן ביילקע — דוואָשקעס שלאָף־חברטע.

אָבער ביילקע האָט אים נישט דערציילט, אַז מען האָט שוין דאָ אָן אים אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער געשלעכטס־פראַגע — האָט זיך ראַבינאָוויטש ווייטער פאַרטיידיקט. ווען ער וויים פריער, אַז מ׳האָט שוין אָנגענומען אַ רעזאָלוציע — וואָלט ער, פאַרשטייט זיך, זיך אונטערגע־וואָרפן דער מערהייט...

(כ׳האָב אייך, אגב, פאַרגעסן צו דערציילן, אַז ווען שימקע דער מע־כאַנישער שוסטער פלעגט פאַר אונדז האַלטן אין דער פינצטער אַ וועלכן נישט איז רעפעראַט — פלעגט ער קודם כל אָפּשטימען די רעזאָלוציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין רעפעראַט, ווייל ווען ער לאָזט איבער די רע־זאָלוציע אויף שפּעטער — פּאַסירט אָפּט, אַז אייניקע שלאָפן שוין, און ער קען נישט באַקומען די נויטיקע מערהייט).

האָט טאַקע דער חבר ראַבינאָוויטש קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן דעם, אַז מיר אַלע האָבן שוין אָפּגעשטימט וועגן דעם, אַז ביים פּראָלעטאַ־ריאַט איז נישטאָ קיין שום געשלעכטס־פראַגע און דעריבער האָט ער אונדז אַלעמען איבערגעשראָקן אין מיטן דער נאַכט, ווען שימקע איז נאָך נישט געווען פאַרטיק מיט זיין זייער אינטערעסאַנטן און אַקטועלן רעפעראַט פאַר אונדזער אינערן געברויך, ווי ער האָט אונדז געוואָרנט.

וועגן דעם עצם רעפעראַט, ווי אויך וועגן דער רעזאָלוציע וועט איר לייענען אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

XIII

די געשלעכטס־פראַגע

ס׳האָט געדויערט גאַנצע דריי וואָכן ביז שימקע דער מעכאַנישער שוסטער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין רעפעראַט וועגן דער „געשלעכטס־פראַגע״.

דעם רעפעראַט גופא האָט שימקע צעטיילט אין דריי טיילן פאַר דריי באַזונדערע אָוונטן, אין אונדזער עסעסישער קאָמונע פלעגט ער קענען רעפערירן נישט מער ווי איינמאָל אין דער וואָך און נעמלעך — פרייטיק ביינאַכט, (שבת קען מען דאָך שלאָפן שפעטער) — זענען מיר צוליב דעם דריי וואָכן נאָכאַנאַנד אַרומגעגאַנגען צעטראָגענע וועגן דער געשלעכטס־פראַגע.

אין די אַנדערע זעקס אָוונטן פון דער וואָך, ווען שימקע פלעגט זיך אַרומטראָגן מיט דעם זעלבן רעפעראַט איבער די פאַרשידענע „סכאָדקעס״ (אומלעגאַלע קרייזלעך) פון דער עסעסישער פאַרטיי אין ווילנע, פלעגן מיר, איינוווינער פון דער קאָנספּיראַטיווער קאָמונע אויף דער קאָמניצקער גאַס, אַליין און פאַר זיך דיסקוטירן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון שימקעס רעפעראַט.

אין די דאָזיקע דיסקוסיעס פלעגן זיך אויך באַטייליקן שימקעס על־טערן, וועלכע זענען אויך געווען שטאַרק אַריינגעטון אין דער באַוועגונג פון עס־עס, ווייל זיי האָבן זיך ווירקלעך שטאַרק געגויטיקט אין אַ בע־סערער און גרעסערער „טעריטאָריע״, ווי די וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר־נומען אויף דער קאָמניצקער גאַס באַלד נאָך זייער חתונה.

אמת, זיי האָבן דאָ טאַקע אויפגעהאָדעוועט זייערע דריי קינדער, וואָס צוויי פון זיי — די מיידלעך — זענען געוואָרן זאָקנמאַכערקעס און זייער

בן יחידל שימקע איז געוואָרן אַ מעכאַנישער שוסטער, אָבער פון די קינדערשע פאַרדינסטן אַליין האָט מען בשום אופן נישט געקענט ציען די חיונה — איז מען דעריבער געווען געצוווּנגען צו פאַרדינגען די בעסטע צוויי צימערן פון זייער דירה צו אייגענע מענטשן, ד״ה צו חברים און חברטעס פון דער עס־עסישער באַוועגונג.

פון די אַלע זעקס קוואַרטיראַנטן און נעמלעך: דאָס שוואַנגערע פּאָר פּאַלק פון אַשמענע, די צוויי זאַקנמאַכערקעס פון סווענציאַן, דער עקסטערן ראַבינאָוויטש פון לידע און איך — האָט די באַלעבאָסטע געהאַט אַכט רובל מיט פופציק קאָפּיקעס אַ חודש דירה־געלט.

איך זאָג, די „באַלעבאָסטע״ און נישט דער באַלעבאָס, ווייל דער באַלעבאָס פון אונדזער דירה איז שוין פון לאַנג געווען אַן אויסגעשפּילטער.

ער איז געווען אַמאָל אַ טרעגער. ער פלעגט שטיין אַמאָל גאַנצענע טעג מיט זיין שטריק אַרום די לענדן און וואַרטן ביים האַלץ־מאַרק אויפן ווינקל זאַוואַלנע און נאָוואָגראָדער, טאָמער דאַרף עמיצער אַריבערטראָגן אַן אַלמער, אַ קאָמאָד, אַ קושעטקע, צי אַ זאַק מעל. קיין זאַך איז אים דעמאָלט נישט געווען שווער! אָבער זינט ער איז איינמאָל געפאַלן אונטער אַ צו־שווערער לאַסט — איז ער געוואָרן אויס טרעגער און בכלל אויס מענטש! דאָך אָבער פלעגט ער, לויט זיין אַלטער געוווינהייט, אַוועקגיין יעדן טאָג פון הויז און קומען ערשט מיט־נאַכט צו גלייך, ווי ער וואָלט ערגעץ־ווו געהאַט אַ שטעלע. דאָס פלעגט ער אָפּשטיין גאַנצענע טעג ביים וואָקזאַל און טשאַטעווען פּאַסאַזשירן מיט לייכטע סאַקוואַיאַזשלעך אָדער קערבלעך, וועלכע מען דאַרף צוטראָגן צו אַ נישט־וויטער אכסניה אָדער האָטעל.

פלעגט ער פון צייט צו צייט ברענגען אַהיים עטלעכע מזומענע גראָשנס און דעמאָלט פלעגט ער שוין אויסזען אַ ביסל העכער פון זיין נאַטירלעכן וווקס.

על פּי טבע איז ער געווען אַ גאַנץ נידעריקער און דיקער, ווי אַ יאַטקע־קלאָץ, בשעת זי, די באַלעבאָסטע איז געווען „הויך און דאַר, כאָטש אין קוימען שפּאַר״. ווען דיביידע פלעגן אַמאָל שטיין בלייבן, איינע לעבן די אַנדערע — פלעגן זיי אויסזען, ווי אַ לולב מיט אַן אתרוג.

די באַלעבאָסטע איז געווען אַמאָל אַ סך אינטעליגענטער פון איר מאַן, אויך איר יחוס איז געווען אַ סך אַ גרעסערער, אָבער צוליב דעם, וואָס זי איז געווען, נעבעך, אַ בעל־מום (אַ הינקענדיקע) — האָט זי שוין גע־מוזט חתונה האָבן מיט אַ טרעגער פון נאָווגאָראָדער האָלץ־מאַרק.

מיט דער צייט האָבן זיך דיביידע כמעט ווי אויסגעגליכן אין זייער אינטעליגענץ. צוליב איר פינצטערער ראָלע, אין דער פינצטערער קיך, וואָס איז אויך געווען זייער ביידנס שלאָף־צימער און עס־צימער — האָט זי כמעט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן ווי צו לייענען און ווי צו שרייבן, בעת ער אָבער, זינט די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און ס'האָבן זיך באַ־וויזן אין שטוב ביכלעך צום לייענען, איז אויך דער באַלעבאָס געוואָרן איידעלער און לייטישער.

צוליב דעם, וואָס טאַטע־מאַמע פלעגן זייער זעלטן רעדן צווישן זיך — זענען אויך די ביידע עלטערע מיידלעך זייערע אויסגעוואַקסן גרוי־סע שווייגערקעס. זיי פלעגן אָפּזיצן גאַנצע טעג ביי זייערע קיילעכדיקע זאָקן־מאַשינדלעך, וועלכע פלעגן פּראָדוצירן נאָר שקאַרפּעטקעס און זיי פלעגן שווייגן אַזוי לאַנג ביז ביי איינער פון זיי פלעגט פּלוצלינג געבן אַ שפּרונג אַרויס פון דעם מאַשינדל אַ נאָדל מיט אַן אָפענעם מיילכל, אין וועלכן דער באַוולנער פאָדעם איז געווען שטייף אָנגעצויגן, ווי אַ סטרונע. מיט אַזאַ מין קאַפּריזנער נאָדל, וואָס פלעגט זיך פּלוצלינג געבן אַ שטעל אַוועק דיבאָם, נישט אַרויסלאָזנדיק דעם פאָדעם פון איר צע־עפנטן פּיסקל, האָט מען שוין געמוזט וויסן ווי צו באַגיין זיך. דעמאָלט פלעגט שוין אַין שוועסטער רופן צו הילף די צווייטע און ס'פלעגט נעמען אַ היפּשע צייט ביז מען פלעגט די משוגע־געוואָרענע נאָדל ווידער איינפּראַווען אין איר שטענדיקער נעסט.

אַזוי ווי שימקע דער מעכאַנישער שוסטער האָט ביים לייענען זיין רעפעראַט וועגן דער געשלעכטס־פראַגע אַרויסגעשטעלט זיינע אייגענע עלטערן, ווי קרבנות פון דער פאַרפלוכטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדע־נונג — האָב איך דאָ געפונען פאַר נויטיק צו באַקענען אייך אַ ביסל נענטער מיטן אַלטן פאַרפאָלק, וואָס האָט אינגאַנצן מסכים געווען מיט זייער זון. מיט שימקען, אַז זיי זענען, ווירקלעך, קרבנות פון דער קאַפּי־טאַליסטישער אָרדענונג!

צוליב דעם טאַקע האָבן אויך שימקעס עלטערן געהויבן זייערע האָרעפּאַשנע הענט פאַר זייער זונס רעזאָלוציע, וועלכע איז אויך באַשטאַנען פון דריי טיילן אָדער פּאַראַגראַפן, ווי זיין דריי־טייליקער רעפּעראַט.

דער אינהאַלט פון דער רעזאָלוציע איז געווען, אַן ערך, פאָלגענדיקער (איך ציטיר זי דאָ על פּי זכרון, ווייל אין יענע יאָרן האָט מען זיך נישט געטאָרט אַרומטראָגן מיט געשריבענע אָדער געדרוקטע רעזאָלוציעס):

פּאַראַגראַף נומער איינס:

„מיר, די איינגעשווירענע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי ציוניסטן־סאָציאַליסטן („עס־עס"), אויסהערנדיק אין משך פון דריי אָוונטן דעם זייער באַלערנדיקן רעפעראַט וועגן דער פרויען־פראַגע בכלל און וועגן דער געשלעכטס־פראַגע בפרט, באַשטימען, אַז פון היינט אָן און ווייטער ווערט נישט געמאַכט אין אונדזערע רייען קיין שום אונטערשיד צווישן מאַן און פרוי, ווייל מיר האַלטן, אַז די פרוי איז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט פונקט אַזוי פריי און פולבאַרעכטיקט ווי דער מאַן".

פּאַראַגראַף נומער צוויי:

„וואָס איז נוגע דער געשלעכטס־פראַגע, זענען מיר מסכים מיט דאַרווינען, אַז אַלע מינים חיות און עופות, ווי אויך מענטשן, וועלכע שטאַמען פון זיי אָפּ, פאַרמערן זיך לויטן פּרינציפּ פון „נאַטירלעכן אָפּקלייב", און דעריבער טאָר קיינער נישט שטערן און קיינער טאָר זיך נישט מישן אין די אינטימע אָנגעלעגנהייטן צווישן מאַן און ווייב".

(דער צווייטער פּאַראַגראַף איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר דעם פאָר פאַלק פון אָשמענע, וואָס האָט טאַקע „חתונה געהאַט" לויטן „נאַטירלעכן אָפּקלייב", און זיי האָבן די ערשטע געהויבן די הענט).

פּאַראַגראַף נומער דריי:

„אין דער צוקינפטיקער יידישער מדינה, וועלכע וועט לכתחילה זיין געבויט אויף דעמאָקראַטישע יסודות, וועט נישט עקזיסטירן קיין שום פרויען־האַנדל און קיין שום פרויען־עקספּלואַטאַציע, ווייל אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן, אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן און אוניווערזיטעטן וועלן שטיין פאַר דער פרוי אָפן פונקט ווי פאַר דעם מאַן, און די זאָרג פון האָדעווען קינ־

דער און פון דערציען זיי אין דעם יידיש־סאָציאַליסטישן גייסט ווערט איבערנעמען אויף זיך די מלוכה". טאַטשקאַ!

די אויבנגעבראַכטע רעזאָלוציע האָבן מיר אָנגענומען איינשטימיק בלינדערהייט, נאָך איידער מיר האָבן געהאַט אויסגעהערט שימקעס דריי־גאָרנדיקן רעפעראַט, ווייל ווי כ'האָב שוין דערציילט אין פריערדיקן קאַפּיטל האָט שימקע דער מעכאַנישער שוסטער געהאַט אַ מאָדנע טבע אָפּצושטימען קודם כל די רעזאָלוציע און נאָכדעם ערשט פלעגט ער לייענען דעם רעפעראַט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער רעזאָלוציע.

ווען מיר האָבן איינמאָל אַ פרעג געטון שימקען, פאַרוואָס ער טוט ביי אונדז קאַפּויער ווי אויף אַלע אַנדערע „סכאָדקעס", ווו צוערשט הערט מען אויס דעם רעפעראַט און נאָכדעם ערשט נעמט מען אָן די געעריקע רעזאָלוציע? — האָט אונדז שימקע געזאָגט דעם אמת, אַז ביי זיך אין דער היים מוז ער אַזוי האַנדלען פשוט דערפאַר, ווייל זיינע רעפעראַטן לייענט ער דאָך פאַר אונדז אין דער פינצטער (צווישן צען און איינס ביי דער נאַכט), ווען זיין גאַנצע „אוידיטאָריע" ליגט שוין אויסגעלייגט אין די בעטן, ווי צום שלאָפן, און ווען עס קומט צום אָפּשטימען אַ רעזאָלוציע — זענען שוין איניקע פון אונדז האַלב־שלעפעדיק און די אַנדערע זענען שוין גאָר אינגאַנצן איינגעשלאָפן. דעריבער, הייסט עס, וויל ער קודם כל באַוואָרענען זיך מיט דער רעזאָלוציע, וועלכע ער האָט נויטיק פאַר די אַנדערע „סכאָדקעס" און נאָכדעם ערשט וויקלט ער פאַר אונדז פונאַנדער דעם גאַנצן ענין. צוליב וועלכן מיר האָבן די רעזאָלוציע געמוזט אָננעמען.

צוליב דעם דאָזיקן מאָדנעם סיסטעם שימקעס איז פאָרגעקומען דער פיינלעכער אינצידענט צווישן דעם חבר ראַבינאָוויטש פון לידע מיט איינער אַ זאָקנמאַכערקע פון סווענציאַן.

אויב איר געדענקט, האָט דער חבר ראַבינאָוויטש נאָך אין דעם פאַריקן קאַפּיטל זיך געהאַט „צוגעשפּאַרט" אויף אַ ווילע אינעם בעט, ווו ס'איז געווען געלעגן איינע אַ זאָקנמאַכערקע, ווייל די צווייטע האָט געהאַט פאַרנומען זיין קושעטקע — איז גראָד דעמאָלט, ווען שימקע האָט געהאַלטן אין שילדערן פאַר אונדז די גרויסע פּלאָג פון פרויען־שקלאַפעריי און פרויען־האַנדל, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דער פאַרשאָלטענער קאַפּי־

טאַליסטישער אָרדענונג — איז גראָד דעמאָלט האָט זיך דערהערט פּלוצ־לינג אַ געשריי פון דער זאָקנמאַכערקע:

— פע, ראַבינאָוויטש, איר גייט דאָך קעגן דער רעזאָלוציע, גייט איר דאָך!

האָבן מיר אַלע אויסגעשאָסן אַ גרויס געלעכטער. מיר האָבן דאָך געוווסט לכתחילה, אַז דער חבר ראַבינאָוויטש האָט אַ שוואַכקייט צו ווערן כלומרשט קלאַסן־באַוווסטלאָז ווי נאָר ער רוקט זיך צו צו אַ וועלכער נישט איז חברטע, אָבער שימקע האָט גענומען די זאַך אַ סך ערנסטער און, איבעררייסנדיק דעם פאָדעם פון זיין רעפעראַט — האָט ער אָנגעהויבן צו מוסרן ראַבינאָוויטשן, וואָס ער האָט זיך נאָך נישט אָפּגעוווינט פון זיינע מיאוסע קליינבירגערלעכע געוווינהייטן, וועלכע ער האָט, זעט אויס, מיטגעבראַכט פון זיין „מעשטשאַנסקער" היים (דאָס וואָרט „מעשטשאַנין", ד"ה, קליינבירגער, איז געווען אין יענע יאָרן אַ זידל־וואָרט).

אויף שימקען קוקנדיק, האָט שוין אויך די מאַמע זיינע אָנגעהויבן שטאַרק צו מוסרן ראַבינאָוויטשן, וואָס פירט זיך אויף ווי אַ גאַסן־יונג, רחמנא לצלן.

— מעגסט זיך לערנען פון דאַניען (דאָס האָט זי געמיינט מיך) צו זיין אָנשטענדיק, כאָטש ער איז מיט עטלעכע יאָר יינגער פון דיר! — האָט זי אים אָריינגעזאָגט.

ס'האָבן נישט געהאָלפן ראַבינאָוויטשעס טענות, אַז ווען ער איז גע־קומען אַהיים — איז שוין די רעזאָלוציע געווען אָפּגעשטימט און די חברטע, וועלכע האָט פּלוצלינג געמאַכט אַ געוואַלד, האָט אים אפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט, אַז ס'איז שוין פאַראַן אַזאַ מין רעזאָלוציע!

האָט אים שימקע געוואָרנט, אַז אויב ער וועט זיך נאָך אַמאָל אַזוי באַנעמען — וועט מען אים פּראָסט־פּשוט מוזן אויסשליסן פון אונ־דזער עסעסישער קאָמונע און אפשר אויך פון דער פּאַרטיי.

אויף מאָרגן, ווען איך בין פאַרבליבן מיט ראַבינאָוויטשן אויג־אויף־אויג — האָט ער זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז ער איז טאַקע באַגאַנגען אַ נאַרישקייט. ער האָט צוערשט געהאַט געמיינט, אַז נאַכאַמקע (אַזוי האָט זי געהייסן די זאָקנמאַכערקע) איז זיין „נאַטירלעכער אָפּקלייב", ווי דאַר־

ווין זאָגט, אָבער מיידלעך וואָס קוויטשען פון יעדער נאַרישקייט, האָט ער נישט ליב!

(ער איז געווען אַ כיטרער, דער ראַבינאָוויטש, אָדער אַ ציניקער, ווי מען וואָלט געזאָגט אין איצטיקע צייטן).

ווען דער זעלבער ראַבינאָוויטש האָט מיך שפּעטער אַ פרעג געטון, וואָס טו איך מיט דער זעלבער נאַכאַמקען אויפן שלאָסבאַרג? — האָב איך אים תמעוואַטע געענטפערט, אַז מיר ציילן דאָרטן די צלמים פון אַלע ווילנער קלויסטערס און קאָשטשאָלן.

(בין איך דען מחויב צו דערציילן אים אַלע מיינע שלאָסבאַרג־אַוואַנ־טורעס, ווי באַלד ער איז אַזאַ ציניקער?).

XIV

מיין דאָקטאָר גיט מיר אַ רעצעפּט צום לעבן

איצטער, ווען איך פיר דאָ אונטער דעם לעצטן סך הכל צו מיין גאַנצענעם לייב־ און לעבן — דאַנק איך דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט מיך פון אָנהויב אָן באַשענקט מיט אַלע זיינע תרי״ג מחלות, וועלכע האָבן מיך דערהויבן צו אריכת ימים ושנים.

אַ דאַנק מיינע מחלות האָב איך שוין דורכגעמאַכט אַ וועלט מיט שטעט און לענדער, ווו איך האָלט שוין זעכציק יאָר נאָכאַנאַנד אין איין ראַטעווען זיך פון טויט.

אמת, יעטוועדע מחלה איז טאַקע פאַרבונדן מיט געוויסע ווייטיקן און אַנדערע מינים אָנשיקעניש, אָבער די פרייד פון געזונט צו ווערן דעקט שפּעטער אַלע דורכגעמאַכטע צרות.

אפילו אַזאַ מין קלעפּיקע קרענק, ווי טיפוס, רחמנא לצלן, האָט אויך אירע ספּעציפישע איינפאַלן און פיינקייטן.

ווען די טעמפּעראַטור הויבט זיך אויף, לויטן אַמעריקאַנער גראַ־דוסניק, ביז צו 105 און 106 — דערהויבט מען זיך דעמאָלט צו אַזעלכע גאָר הויכע פאַנטאַסטישע וועלטן, וואָס געזונטערהייט וואָלט זיך צו זיי נישט געקענט דערקלייבן אפילו דער גרעסטער דיכטער־וויזיאָנער.

ווען דער געזונט־געוואָרענער טיפוס־קראַנקער וואָלט געקענט שפּע־טער באַשרייבן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט זיך געהאַט אָנגעזען און אָנגע־הערט אויפן שוועל פון יענער וועלט — וואָלט ער פאַר אַזאַ מין בוך זיכער באַקומען אויב נישט דעם נאָבעל־פּרייז — איז, לכל הפּחות, דעם פּרייז פון דעם לואיס לאַמעד־פאָנד...

נאָר געציילטע שרייבער־וויזיאָנערן, ווי זאָגן מיר — דאַנטע, דאָס־

טאַיעווסקי, עדגאַר אַלען פּאָ, אָסקאַר ווײַלד און אונדזער אייגענער ה. לייוויק זענען געווען בכוח אויפצוהויבן פאַר אונדז דעם פאָרהאַנג פון יענער וועלט, נישט האָבנדיק אפשר דורכגעמאַכט פריער אַ וועלכע נישט איז היץ־קרענק.

אָבער דעמאָלט, מיט אַ יאָר פינף און פערציק צוריק אין ווילנע — האָב איך נאָך כמעט ווי נישט געוווסט פון די דאָזיקע שרייבער־וויזיאָנערן. פלעג איך אין מײַנע דערהויבענע טעמפּעראַטור־מאָמענטן אַליין און פאַר זיך כאַפּן אַ קוק הינטער דעם מתענעם פאָרהאַנג פון יענער וועלט, ווו אַלץ איז עפּעס פונקט קאַפּויער, ווי בײַ אונדז.

איך גלויב, אַז יעטוועדע לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד, צי אין דער לופטן, אָנהויבנדיק פון אַ מילב ביז אַן אָד־לער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ געהיימע יענעוועלטיקע טרײַבקראַפט, וועלכע דיריגירט מיט אַלע אירע באַוועגונגען און האַנדלונגען.

מען רופט עס „אינסטינקט״, „נשמה״, „שכל״, „אונטערבאַוווסטזיין״ אאַז״וו, אָבער וועלכער בלינדער כוח האָט עס אין די יאָרן 1903—1904 און 1905 געהאַט אַרויסגעטריבן פון די קלויזן און ישיבות, פון די גימ־נאַזיעס און אוניווערזיטעטן, פון די וואַרשטאַטן און פאַבריקן צענדליקער טויזנטער יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך פלוצלינג אַרומ־געזען, אַז מען מוז מאַכן אין צאַרישן רוסלאַנד אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, אָדער אַז מען מוז באַצייטנס ראַטעווען זיך פון רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל, צי לכל הפחות — קיין אוגאַנדע אָדער אין אַנדער מין טעריטאָריע?

צי איז דען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, אין די ערשטע יאָרן פון ניקאָלאַי דעם צווייטנס ממשלה געוואָרן ערגער, ווי אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, וועלכער האָט גע־האַט אײַנגעפירט די אַזוי גערופענע „רעקרוטשינע״, ווען מען פלעגט כאַפּן חדר־ייִנגלעך אין די גאַסן און זיי אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן אויף גאַנצע דרייסיק יאָר?

פאַרוואָס, פרעגט זיך, האָבן דעמאָלט נישט רעוואָלטירט די יידישע בחורים און מיידלעך קעגן דעם הערשנדיקן רעזשים און פאַרוואָס, פרעגט זיך, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד געמוזט וואַרטן אַזוי לאַנג אויף איר ריכטיקן תיקון ביז דער אַסימילירטער יידיש־דײַטשישער

זשורנאַליסט פון ווין האָט געהאַט אַוועקגעלייגט אין באַזעל דעם ערשטן גרונטשטיין פאַר אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער און פּאָליטישער פאָלקס־באַוועגונג קיין ארץ־ישראל?

און אויב דער „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם" זאָל ווירקלעך זיין די איינציקע טרייב־קראַפט פאַר אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פאָלקס־באַוועגונגען — איז ווי קומט עס, וואָס צוויי לייבלעכע ברידער, וועלכע האָבן באַקומען איין און די זעלבע דערציאונג און געלעבט אונטער איינע און די זעלבע עקאָנאָמישע אָדער „היסטאָריש־מאַטעריעלע" באַדינגונגען, אַז איינער פון זיי זאָל ווערן אַ פירער פון „בונד" און דער צווייטער — פון „עס־עס", ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט מיינע אייגענע צוויי ברידער שמואל און ברוך?

ווי עס זעט אויס, האָבן אויך די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען נאָך איינע „אַן אַנדער זייט", וועלכע האָט גאָרנישט צו טון מיט דעם אַזוי גערופענעם „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם", צי מיט דעם אָדער יענעם פּאָליטישן רעזשים.

אָט די דאָזיקע פראַגן האָבן זיך דעמאָלט געבאָמבלט אין מיין אַכצן־יאָריקן מוח און כ'האָב געזוכט אויף זיי אַן ענטפער.

האָב איך איינמאָל אַ פרעג געטון שימקען, דעם מעכאַנישן שוסטער, וואָס איז געווען דער אָנפירער פון עטלעכע עסעסישע „סקאָדקעס" (אומלעגאַלע קרייזלעך) — ער זאָל מיר דערקלערן דעם שכל פאַרוואָס זאָלן אונדזערע חברים און חברטעס זיצן אין די טורמעס און פאַרשיקט ווערן אַזש קיין סיביר צוליב דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווי באַלד מיר האָבן בדעה אויסצוואַנדערן פון רוסלאַנד, ווי נאָר מיר וועלן באַקומען אַן אייגענע טעריטאָריע?

האָט מיר שימקע דעמאָלט געענטפערט, אַז אויב מיר, עסעסאָווצעס, זאָלן זיך נישט באַטייליקן אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — וועט דעמאָלט דער „בונד" גאָר איינגאַנצן פאַרכאַפּן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס און מיר וועלן נישט האָבן מיט וועמען אויפצובויען אונדזער אייגענע טעריטאָריע...

— זענען מיר, הייסט עס, געוואָרן מאַרקסיסטן נאָר צוליב דעם, ווייל אויך דער „בונד" איז מאַרקסיסטיש? — האָב איך ווייטער גע־

טענהט צום חבר שימקען, וואָס איז נאָך אַליין אויך נישט געווען, זעט אויס, געגנוג באַהאַווגט אין אַלע פּרטים פון דער ציוניסטישער־סאָציאַ־ ליסטישער טעאָריע, וועלכע האָט געוואָלט קאָנקורירן מיטן „בונד".

האָט מיך שימקע באַרואיקט, אַז ער וועט גאָר אינגיכן איינאָרדענען ביי אונדז אין דער דירה אַן עפנטלעכע דיסקוסיע צווישן „עס־עס" און „בונד" און דעמאָלט וועלן שוין פאַר מיר קלאָר ווערן אַלע מיינע ספקות.

ער האָט מיך אָבער געבעטן, שימקע, אַז כ'זאָל וועגן דער דאָזיקער געפּלאַנטע דיסקוסיע קיין וואָרט נישט זאָגן אפילו צו אונדזערע היימי־ שע מענטשן, ווייל זי וועט דורכגעפירט ווערן שטרענג קאָנספּיראַטיוו.

האָט מיך די דאָזיקע געפּלאַנטע דיסקוסיע צווישן „עס־עס" און „בונד" אין אונדזער קאָנספּיראַטיווער דירה געמאַכט נאָך אַ סך אומרואי־ קער און נערוועזער ווי פריער.

כ'האָב זיך דערמאָנט אין דער וואָרנונג פון מיין ברודער שמואל, וועלכער האָט שוין געהייסן דעמאָלט „חבר אַוורעמל", אַז איך זאָל זיך באַצייטנס אָפּטראָגן פון מיין עס־עסישער קוואַרטיר, ווייל זי קען זייער לייכט דורכפאַלן און דעמאָלט וועל איך אויך מוזן פאַרזוכן דעם טעם פון דער צאַרישער טורמע...

קען איך דען זיצן אין אַ טורמע, ווען כ'מוז יעדן טאָג גיין צו מיין דאָקטאָר סווידערסקי באַשטראַלן מיין קראַנקע האַנט און איך מוז אויך אָפּהיטן מיין דיעטע קעגן דעם מאָגן־געשוויר, וואָס פלעגט מיך שטאַרק פּייניקן.

דער דאָקטאָר סווידערסקי, וועלכער איז געווען צו מיר שטענדיק פּאַטערלעך־גוט, האָט באַלד באַמערקט, אַז איך בין שטאַרק צעטראָגן.

האָט ער מיך אַריינגענומען אין זיין קאַבינעט און מיך אַ פרעג געטון, צי בין איך נישט פאַרליבט?

— ווי אַזוי קען איך פירן ליבעס, הער דאָקטאָר, ווען איך זע ביי אייך טאָג־טעגלעך דעם טראַגישן רעזולטאַט פון די ליבעס...

(מיין דאָקטאָר איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף ווענערישע קרענק).

האָט זיך דער דאָקטאָר פונאַנדערגעלאַכט פון מיין יינגלשן ענטפער און ער האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבן צושטיין צו מיר — איך זאָל אים דערציילן דעם אמת, פאַרוואָס איך זע אויס לעצטנס אַזוי שלעכט?

האָב איך אים דערציילט דעם אמת. אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ דירה, ווו איך מוז ווילנדיק־נישט־ווילנדיק פאַרנעמען זיך מיט אומלעגאַלער אַרבעט, אַז אַ העלפט פון די צוועלף רובל אַ חודש, וואָס איך באַקום צום לעבן גייט ביי מיר אַוועק פאַר די אַרעסטירטע חברים און חברטעס און פאַר אַנדערע פאַרטיי־צוועקן, און דעריבער איז מיר זייער שווער אָפּצוהיטן די דיעטע וואָס ער האָט מיר געהאַט פאַרשריבן קעגן מיין בוידווייטיק. אויסער דעם פייניקט מיך לעצטנס די פראַגע, וואָס איז העכער: קלאַס אָדער נאַציע?

ווען דער דאָקטאָר האָט געהאַט אויסגעהערט אַלע מיינע נייע קלעמענישן — האָט ער זיך ווידער אַמאָל שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט און, געבנדיק מיר פאַטערלעך אַ גלעט איבערן קאָפּ — האָט ער צו מיר אַזוי געזאָגט:

— דו ביסט נאָך צו־יונג און צו־קראַנק צו פאַרנעמען זיך מיט קלאַס־און נאַציע־פּראָבלעמען! לאָז דאָס איבער פאַר דיינע ברידער, וועלכע זענען עלטער און געזינטער פון דיר!

— מיינע ברידער ווילן טאָקע נישט, אַז איך זאָל זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, ווייל עס איז פאַר מיר צו געפערלעך! — האָב איך אינפאָרמירט דעם ד״ר סווידערסקי.

— ווי באַלד דו האָסט אַזעלכע קלוגע און גוטע ברידער — מוזטו זיי פאָלגן! — האָט דער דאָקטאָר כמעט ווי אָנגעשריען אויף מיר און ער האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט שרייבן פאַר מיר אַ רעצעפּט.

בין איך זיצן געבליבן אַנטקעגן אים, ווי אַ באַשולדיקטער, וועלכער וואַרט אויף דעם אורטייל פון דעם ריכטער.

איך האָב דאָך געוווסט אין פאָראויס, אַז איך וועל סיי־ווי נישט אָפּהיטן די פאַרשריפטן פון מיין דאָקטאָר און איך האָב זיך געפילט לגבי אים שולדיק, וואָס ער פטרט אויף מיר אומזיסט אַזוי פיל צייט.

אָבער היינטיקן מאָל האָט דער דאָקטאָר געשריבן פאַר מיר זיין רעצעפּט שוין צו־לאַנג און צו־אָנגעשטרענגט. אָט שרייבט ער וואָס אָן און אָט מעקט ער עס אויס!

עס האָט גענומען אוודאי ביי אַ האַלבער שעה ביז דער דאָקטאָר איז פאַרטיק געוואָרן מיטן איבערשרייבן אויף ריין זיין רעצעפּט, און זייענדיק

אַליין צופרידן פון זיין „ווערק“, וואָס ער האָט אָקאָרשט פּאַרפּאַסט ספּעציעל צוליב מיר — האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אויף מיטן מאַנוסקריפּט אין דער האַנט און ער האָט אָנגעהויבן פאַר מיר פּאַרצולייענען זיינע „עשרת הדברות“, וועלכע דאַרפן מיך מאַכן פאַר אַ מענטשן.

אָט זענען זיי:

1) זאָלסט וויסן זיין, אַז יעדער טאָג פון דיין לעבן איז אַ געשענקטער, דעריבער מוזטו יעדן טאָג פון דיין לעבן אָנפילן מיט פרייִשע פרייד און מיט מעשים טובים.

2) פאָדער נישט פון דיינע מיטמענטשן מערער, וויפל דו אַליין קאָנסט זיי געבן. וועסט דעמאָלט נישט האָבן קיינע שום אַנטוישונגען און טראַגעדיעס.

3) מייד אויס הויכע רייד און פראַזן, וועלכע האָבן נישט הינטער זיך קיין שום דעקונג. רעד איינפאַך און באַשיידן — וועלן דיך אַלע פאַרשטיין און ליב־קריגן.

4) שרעק זיך נישט פאַר רחמנות, ווייל רחמנות איז די מאַמע פון אַלע גרויסע ליבשאַפטן. אָבער האָב רחמנות אויף די, וועלכע האָבן אויף דיר רחמנות (עקספּלואַטיר זיי נישט צו פיל...).

5) פאָדער נישט פון דיין געליבטער דעם מאַקסימום, וואָס זי קען דיר געבן. ער געהערט דאָך סיי־ווי־סיי צו דיר.

6) מיט געדולד און עקשנות וועסטו שטענדיק דערגרייכן פיל מער, ווי מיט דיינע עלנבויגנס.

7) האָב די אַמביציע נישט צו האָבן קיינע שום אַמביציעס. די וועלט איז דיר קיין שום זאַך נישט שולדיק.

8) שריי נישט איבער דיין קעגנער ביים דיסקוטירן מיט אים, ווייל איבערשרייען הייסט נאָך נישט איבערצייגן.

9) הויב אָן דיין טאָג מיט דער זון צו גלייך — וועסטו האָבן אריכת ימים.

10) פאַרנעם זיך נישט מיט קיין שום פּאָליטיק, ווייל יעטוועדע פּאָליטישע טעטיקייט אין רוסלאַנד פירט קיין סיביר אָדער צו דער תליה און דו האָסט נאָך נישט קיין שום גרונט צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

ווען דער ד״ר סווידערסקי האָט געענדיקט לייענען זיינע „צען געבאָטן״, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן ספּעציעל פאַר מיר אויף זיינע רעצעפּט־בלאַנקן — האָט ער מיך אַ פרעג געטון, צי איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט מיר פאָרגעלייענט?

האָב איך אים געענטפערט, אַז צוערשט מוז איך זיין „רעצעפּט״ אויסלערנען אויף אויסנווייניק און דעמאָלט וועל איך שוין אַלץ פאַרשטיין און באַנעמען.

— „פאַרשטיין און באַנעמען״ איז נאָך ווינציק! — האָט מיר דער דאָקטאָר איבערגעשלאָגן. דו מוזט מיך נאָך אויך פאָלגן, אויב נאָר דו ווילסט ווערן אַ לייטישער מענטש!

— ווי אַזוי קען איך אייך נישט פאָלגן, הער דאָקטאָר, אַז איר טוט פאַר מיר נאָך פיל מער, ווי אַן אייגענער טאַטע וואָלט פאַר מיר געקענט אויפטון! איך האָב דאָך אייך אַזוי ליב, אַזוי ליב!

און אַט אַזוי רעדנדיק צו אים בין איך פלוצלינג געוואָרן זייער סענטימענטאַל. האָב איך אָנגעכאַפּט דעם דאָקטאָרס האַנט און זי אָנגעהויבן צו קושן און צו וויינען, צו קושן און צו וויינען, ווי איך וואָלט ווירקלעך דערזען פאַר זיך מיין טאַטן פון יענער וועלט!

האָט מיך דער דאָקטאָר סווידערסקי אויסגעמוסרט, וואָס איך בין סענטימענטאַל, ווי אַ גימנאַזיסטקע פון פינפטן קלאַס. דאָס פּאַסט נישט פאַר מיר. איך מוז זיך, זאָגט ער, פאַרהאַרטעווען און ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז טאַמער פּאַסירט מיט מיר עפּעס אויף מיין אומלעגאַלער קוואַרטיר — זאָל איך אים תיכף אָנזאָגן, ווייל כמעט אַלע פּריסטאַווס און זשאַנדאַרמען פון ווילנע זענען דאָך זיינע פּאַציענטן...

***

ערשט קומענדיק אַהיים — האָב איך גוט דורכגעשטודירט ד״ר סווידערסקיס ווונדערלעכן „רעצעפּט״ און איך האָב דערזען, אַז אויך אפילו אַ דאָקטאָר פון „מיאוסע קרענק״ און נאָך אַ קריסט דערצו פאַרמאָגט אויך עפּעס נאָך איינע אַ געטלעכע זייט, אַ יענוועלטיקע, וואָס איז פול מיט חכמה און דערפאַרונג.

ווילנע

האָב איך באַשלאָסן היינטיקן מאָל אים צו פאָלגן און ווי ווייט מעג־לעך לעבן לויט זיינע פאָרשריפטן.

ווען איך האָב אין אָוונט פאָרגעלייענט מיין דאָקטאָרס צען געבאָטן פאַר די צוויי זאָקנמאַכערקעס פון סוועגציאַן, וואָס איינע פון זיי, אויב איר געדענקט, פלעגט מיך אָפט קושן נאָר דערפאַר, ווייל איך דערמאָן איר, זאָגט זי, אירן אַ יינגערן ברודער אין דער היים — האָט גראָד די פלוצלינג מיך אָ פרעג געטון מיט גרויס מיטגעפיל:

— פאַרוואָס האָט דיר דער דאָקטאָר פאַרבאָטן דעם „מאַקסימום"? ביסט, חלילה, קראַנק?

ווי עס זעט אויס, האָט די דאָזיקע זאָקנמאַכערקע פראָסט־פשוט נישט פאַרשטאַנען דעם טיפן זין פון מיין דאָקטאָרס 5טן געבאָט.

און פון דעמאָלט אָן האָבן שוין דיביידע זאָקנמאַכערקעס מיך אָנגע־הויבן צו רופן „דער מאַקסימום".

מילא, זאָל זיין נאָך אַ צונעמעניש!

XV

די דורכגעפאַלענע דיסקוסיע

פאַסירט האָט עס אין איינעם אַ שבת פאַרנאַכט. ס׳איז געווען פורים־צייט. אין ווילנע האָבן שוין די טעג אָנגעהויבן ווערן גרעסער, אָבער נישט אויף דער קאַמיניצקער גאַס, ווו עס איז געווען די עס־עסישע „טעריטאָריע״. די זון פלעגט צו אונדזערע פענצטער קיינמאָל נישט דערגיין. די שויבן זענען אַ גאַנצן ווינטער געווען באַזילבערט פון פראָסט, און אויב נאָר מען האָט פאַרמאָגט אַ גענוג גרויסע עס־עסישע פאַנטאַזיע, האָט מען אויף די פראָסט־באַמאָלענע שויבן געקענט שטענדיק זען אַלע מינים עקזאָטישע בלומען און ביימער, וואָס וואַקסן שוין אָדער וועלן נאָך, אי״ה, וואַקסן אין דער צוקינפטיקער יידישער טעריטאָריע אויף יענער זייט ים.

אין איינעם אַזאַ מין עקזאָטישן שבת איז פאָרגעקומען אין אונדזער דירה די לאַנג געפּלאַנטע דיסקוסיע צווישן בונד און עס־עס.

שימקע, דער מעכאַנישער שוסטער, וואָס איז געווען דער הויפּט־קאָנספּיראַטאָר פון אונדזער באַוועגונג, האָט די דאָזיקע דיסקוסיע זייער גוט געהאַט צוגעגרייט.

עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט פופצן „אַקטיוויסטן״ פון עס־עס און פופצן פון בונד. (אַן „אַקטיוויסט״ האָט געהייסן אַזאַ מין פאַרטיי־אינטעליגענט, וועלכער קען שוין אָנפירן מיט אַ „סכאָדקע״).

יעדער איינגעלאַדענער חבר, סיי פון בונד און סיי פון עס־עס, האָט געהאַט דאָס רעכט מיטצונעמען אַ חברטע אויף זיין פערזענלעכער אחריות.

שימקע האָט בפירוש אָנגעזאָגט, אַז צוליב געוויסע קאָנספּיראַטיווע טעמים קען מען מיטברענגען חברטעס, אָבער נישט קיין חברים.

ער האָט, נעמלעך, באַשלאָסן צו פֿאַרמאַסקירן די דיסקוסיע אונטער דעם שלייער פֿון אַ זילבערנער חתונה ביי זיינע עלטערן.

אין פֿאַל פֿון אַ דורכפֿאַל, וועט מען קענען זאָגן דער פּאָליציי, אַז די אַלע פֿאַרזאַמלטע פֿאַרלעך זענען געקומען פֿייערן די זילבערנע חתונה פֿון שימקעס עלטערן, וועלכע האָבן זיך טאַקע צוליב דעם צוועק אויס־געפּוצט אין זייערע שבתדיקע בגדים.

שימקע האָט אויך געמאָלדן דעם סטרוזש פֿון הויף, אַז אין דעם באַ־שטימטן שבת וועלן קומען צו זיי אַ סך קרובים און גוטע פֿריינט גראַטו־לירן זיינע עלטערן, וואָס פֿייערן שוין מיט מזל זייער זילבערנע חתונה. דערביי האָט שימקע, פֿאַרשטייט זיך, אַריינגעשטעקט דעם סטרוזש אַ זיל־בערנעם רובל און אים נאָך צוגעזאָגט אָפּצוגעבן זונטיק די רעשטלעך פֿון דעם שנאַפּס, וואָס וועט בלייבן נאָך דער שׂמחה.

מען האָט טאַקע צוליב „קאַמופֿליאַזש" אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אַ פּאָר פֿלעשער שנאַפּס מיט צובייסן.

די דיסקוסיע גופֿא איז באַשטימט געוואָרן אויף דריי בייטאָג, אָבער מען האָט נאָך מיט דריי שעה פֿריער שוין אָנגעהויבן אַריינצולאָזן מענטשן, כּדי ס׳זאָל זיך נישט וואַרפֿן צופֿיל אין די אויגן.

איבער דער גאַנצער קאַמיניצקער גאַס זענען צעשטעלט געוואָרן פּאַט־רולן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אָנווייזן דעם וועג צו אונדזער דירה. ווי נאָר אַ כּלומרשטע פֿאַרפֿאָלק פֿלעגט געבן אַ זאָג צום פּאַטרול דעם פֿאָראויס־באַשטימטן פּאַראָל „שימקע" — האָט מען שוין געוווּסט, אַז זיי גייען צו דער דיסקוסיע — פֿלעגט מען זיי געבן דעם נומער פֿון הויז און דער הויף־פּאַטרול פֿלעגט שוין אָנווייזן די טרעפּ, וועלכע האָבן געפֿירט דירעקט צו אונדזער דירה.

דריי בייטאָג איז שוין אונדזער דירה געוואָרן איבערגעפֿילט מיט חברים און חברטעס, ווי אַ פֿאַס מיט הערינג.

די בונדיסטן מיט די בונדיסטקעס האָט שימקע ווי עס איז אויסגע־זעצט אויף די בעטן, קושעטקעס און טאַבורעטקעס, ווייל ווי באַלד זיי זע־נען געסט פֿון אונדזער עס־עסישער „טעריטאָריע", דאַרף מען צו זיי זיין גאַסטפֿריינטלעך. די עס־עסאָווצעס מיט די עס־עסאָווקעס, ווי אויך די שטענדיקע איינוווינער פֿון אונדזער דירה האָבן שוין געמוזט שטיין.

ביי דעם איינציקן לאַנגן טיש זענען געזעסן שימקעס אויסגעפּוצטע עלטערן, וואָס זענען געווען כלומרשט די הויפּט־מחותנים פון דער גרויסער דיסקוסיע.

לעבן שימקעס טאַטן האָט מען אַוועקגעזעצט דעם גענעראַל־רעדנער פון עס־עס און לעבן זיין מאַמען — דעם גענעראַל־רעדנער פון בונד.

דער גענעראַל־רעדנער פון עס־עס איז געווען דער באַרימטער „אברהם דער אָדעסער" — אַ הויכער, שלאַנקער יונגערמאַן מיט אַ פראַנצויזישן בערדל, וואָס האָט אים געמאַכט עלטער אויף עטלעכע יאָר.

דער גענעראַל־רעדנער פון בונד איז פונקט קאַפּויער געווען נידעריק געוואַקסן, אָבער ברייטפּלייציק, און ווען נישט זיינע ברילן, וואָלט מען אפילו נישט געוווּסט, אַז ער איז אַן אינטעליגענט. זיינע צוויי שוואַרצע וואָנצעס אויף דער ברייטן, קיילעכדיקן פּנים האָבן אויסגעזען ווי צוויי ווייזערס אויף אַ ציפערבלאַט, ווען ס'איז שוין אַ פערטל צו דריי.

אָבער די דיסקוסיע גופא האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אַ פערטל נאָך דריי, ווייל צוערשט האָט שימקע, דער מעכאַנישער שוסטער, געגעבן אינסטרוקציעס ווי מען זאָל זיך האַלטן אין פאַל פון, חלילה, אַ דורכפאַל.

ער האָט דערציילט, אַז ביים טויער שטייען צוויי פּאַטרולן, וואָס איינער פון זיי וועט אונדז באַצייטנס אָנזאָגן, צי מען דאַרף זיך ראַטעווען. אויב דער פּאַטרול וועט צו אונדז אַ געשריי טון „ראַטעוועט זיך", זאָל אַ טייל פון די פאַרזאַמלטע זיך דורכרייסן דורכן טויער, אויב ער וועט זיין אָפן, און אַ צווייטער טייל זאָל זיך אַריינכאַפּן אין דער וועשערײ וואָס האָט איין טיר צום הויף און די צווייטע טיר צו דער גאַס.

די יעניקע, וואָס וועלן נישט באַוויזן זיך אַרויסצוכאַפּן פון הויף, קענען אייניקע פון זיי זיך פאַרשטעקן אין דעם „אשר יצר"־אַנשטאַלט, וואָס געפינט זיך פונקט אונטער אונדזער דירה, און די אַנדערע זאָלן ווידער אַרויפקומען צו אונדז און זיך מאַכן שיכור, ווייל דער סטרוזש ווייס, אַז מיר פייערן היינט די זילבערנע האָכצייט פון מיינע עלטערן. ווען פּאָליציי וועט אַריינקומען, זאָלן מיר זיי באַגעגענען מיט גלעזלעך שנאַפּס און איינלאַדן צום טאַנץ.

— און איצטער, מיינע ליבע חברים און חברטעס, טרעטן מיר צו צו דער דיסקוסיע! — האָט שימקע פייערלעך געמאָלדן.

— דער גענעראַל־רעדנער פון בונד וועט זיין דער ערשטער, נאָכדעם וועט אים ענטפערן דער גענעראַל־רעדנער פון עס־עס. נאָכדעם וועט דער פאַרטרעטער פון בונד ווידער אַמאָל באַקומען אַ וואָרט, און דאָס שלוס־וואָרט וועט, פאַרשטייט זיך, האָבן דער פאַרטרעטער פון עס־עס, ווייל די היינטיקע דיסקוסיע איז דאָך אָרגאַניזירט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי.

— שאַ, שטיל זאָל זיין! דער חבר פון בונד באַקומט דאָס וואָרט! — האָט שימקע אַ קלאַפּ געטון אין טיש, ווי אַ שמש אין שול פאַרן דאַווענען.

האָט טאַקע דער חבר פון בונד אָנגעהויבן זיין רעדע מיט די זעלבע ווערטער, מיט וועלכע שימקע האָט פאַרענדיקט זיין אַריינפיר־וואָרט.

— יע, חברים און חברטעס, די היינטיקע דיסקוסיע איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי, און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל קיין אַנדער אַרבעט ווי דיסקוטירן האָבן דאָך נישט די אַזוי גערופענע עסעסאָווצעס. קיין קלאַסן־קאַמף פירן זיי נישט, קיין ארץ־ישראל פאַרן זיי נישט — מוז מען דאָך מיט עפּעס פאַרנעמען די צייט, דיסקוטירן זיי וועגן קלאַס און נאַציע, וועגן סטאַטיק און דינאַמיק, וועגן עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע און וועגן נאָך אַזעלכע אויסלענדישע ווערטער, וועלכע האָבן נישט קיין שום שייכות צו אונדזער בלוטיקן קאַמף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד!

אדרבה, זאָל מיר דער פאַרטרעטער פון עס־עס גאַנץ אויפריכטיק ענטפערן, ווי קומט אַ פּאַטש צו אַ גוט־שבת? — האָט זיך שוין דער בונדישער רעדנער ריכטיק פונאַנדערגעשאָקלט — אדרבה, זאָל ער מיר דערקלערן וואָס פאַר אַ סמיכות הפרשה עס האָט ציוניזם מיטן סאָציאַליזם? ציוניזם, ווי באַקאַנט, איז אַ קלעריקאַל־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע איז לכתחילה אויפגעבויט געוואָרן אויף דעם אוראַלטן שאָוויניסטישן „אתה בחרתנו“־קאָמפּלעקס. די גאַנצע אַזוי גערופענע ציוניסטישע אָדער טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג איז אויפגעבלאָזן געוואָרן פון עטלעכע אויסלענדישע פילאַנטראָפּן, ליטעראַטן און פּראָפעסיאָנאַלע הויף־שתדלנים, וועלכע קלאַפּן אין אַלע הינטער־טירן פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. מען האָט שוין אפילו געקלאַפּט אין די הינטער־טירן פון דעם פּאָגראָם־מיניסטער פּלעווע!

פרעג איך איך, חשובער חבר פון עס־עס, וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַזאַ מין פילאַנטראָפּישער שתדלנות־ציוניזם מיטן יידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, און בכלל, מיט דעם אַלוועלטלעכן־פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם, וועלכער גייט באַפרייען די גאַנצע וועלט און במילא שוין אויך דאָס יידישע פאָלק!

אָט אַזוי, אַן ערך, האָט דער גענעראַל־רעדנער פון בונד אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד געהאַמערט די „קליינבירגערלעכע באַוועגונג פון עס־עס" און איך האָב פשוט נישט געקענט צוזען דעם צער פון שימקעס עלטערן, וועלכע זענען געזעסן איינגעקלאַמערט צווישן די בײדע רעדנער און געמוזט, נעבעך, אויסהערן די בייזע אַטאַקעס קעגן די עס־עס, פאַר וועמען זייער בן־יחידל, שימקע, גיט דאָך אַוועק זיין גאַנצענעם לייב און לעבן!

פאַרשטייט זיך, אַז „אברהם דער אָדעסער" איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער.

קודם כל האָט ער אויפגעוואָרפן דעם גענעראַל־רעדנער פון בונד, הלמאי ער רעדט נאָך יידיש. מיט אַזאַ מין אַנטי־נאַציאָנאַלער און אַנטי־יידישער איינשטעלונג, וואָס עס האָט דער חבר פון בונד, האָט ער שוין געדאַרפט בעסער רעדן רוסיש. אָבער וואָס איז דען דער בונד, אויב נישט דער געשווירענער איבערזעצער פון רוסיש אויף יידיש ביים צווייטן אינטערנאַציאָנאַל! — האָט „אברהם דער אָדעסער" געגעבן אַ געשריי אויס. — און ווי קען געמאָלט זיין אַן אינטערנאַציאָנאַל אָן נאַציעס! דער חבר פון בונד ווייס פשוט נישט דעם טייטש פון דעם וואָרט „אינטערנאַציאָנאַל", מיט וועלכן ער האַלט אין איין שרעקן די געגנדז, פונקט ווי ער ווייס נישט דעם טייטש פון די ווערטער „סטאַטיק און דינאַמיק"!

(דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך דעמאָלט אויך נישט געוווּסט דעם ריכטיקן טייטש פון די דאָזיקע צוויי פרעמדע ווערטער. און דעריבער ווייס איך נאָך נישט ביז היינט, צי ס'יידישע פאָלק דאַרף זיין סטאַטיש אָדער דינאַמיש).

אָבער ווי נאָר „אברהם דער אָדעסער" האָט אָנגעהויבן צו ווערן זייער דינאַמיש אין זיין ענטפער צום חבר פון בונד, האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַ געשריי פון אַ פּאַטרול:

ווילנע

— „ראַטעוועט זיך!" און עס איז אויסגעבראָכן די ריכטיקע פּאַניקע. מען האָט אָנגעהויבן לויפן פון אונדזער דירה ווי פון אַ שׂרפה.

דער ערשטער קרבן פון אונדזער דיסקוסיע איז געווען דער גאָראָדאָוואָי, וועלכן די אַנטלויפנדיקע מאַסע האָט אומגעוואָרפן אויף די אייזערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו אונדזער דירה, און ביי פופציק חברים און חברטעס האָבן זיך דורכגעטאָפּטשעט איבער דעם גאָראָדאָוואָיס קערפּער און זיך אָפּגעטראָגן פון הויף ווו דער שוואַרצער פעפער וואָקסט.

ווען דער גאָדאָדאָוואָי איז געקומען צו זיך און דערזען, אַז ער לעבט נאָך, האָט ער קודם כל אָנגעהויבן צו פייפן טרעוואָגע, כאָטש ער איז נאָך געלעגן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

דער סטרוזש פון הויף איז געשטאַנען לעבן אים און אים געהאָלפן שטעלן זיך אויף די פיס. ערשט דעמאָלט האָט דער גאָראָדאָוואָי דערזען, אַז עס רינט אים בלוט פון דער נאָז. איז דער סטרוזש אַוועקגעלאָפן ברענגען וואַסער מיט אַ האַנטוך.

— ברענגט פריער פּאָליציי! — האָט דער גאָראָדאָוואָי אויף אים אָנגעשריען.

— מיין ווייב איז שוין אַוועק נאָך פּאָליציי — האָט אים דער סטרוזש באַרואיקט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזער דירה אַ גאַנצע באַנדע פּאָליציסטן, שפּיאָנען מיטן פּריסטאַוו סניטקין בראש.

(פאַר דעם דאָזיקן פּריסטאַוו האָבן אַלע אין ווילנע געציטערט אימת מות).

די פּאָליציי איז אָבער צעטומלט געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען אַ פולע הויז מיט משוגעים אָדער שיכורים (שימקע האָט דאָך אונדז אָנגעזאָגט, אַז אַלע זאָלן זיך מאַכן שיכור).

מיר אַלע, פאַרבליבענע אין הויז, האָבן זיך משוגענערווייז געדרייט אַרום טיש. ווו עס זענען נאָך אַלץ געזעסן שימקעס עלטערן, וועמעס זילבערנע חתונה מיר האָבן אַזוי פיין געפייערט...

— סטאָי, סמירנאָ! — האָט זיך באַלד דערהערט די קאָמאַנדע פון דעם פּריסטאַוו.

ערשט דעמאָלט האָבן מיר כלומרשט באַמערקט די נייע געסט און

מיר האָבן אָנגעהויבן צוצושטיין צום פּריסטאַוו מיט זיינע משרתים, אַז זיי זאָלן מיט אונדז אויסטרינקען לכבוד דעם „זילבערנעם" פּאָרפּאָלק.

— פּאָזשאַלויסטאַ, גאָספּאָדאַ, פּאָזשאַלויסטאַ!" — האָט שימקע נישט אויפגעהערט צו באַלאַמוטשען.

— שפּילט נישט פאַר מיר קיין טעאַטער, „סוקיני דיעטי". די פּאַ־פּירן אַהער! — האָט שוין דער פּריסטאַוו אָ קאָמאַנדע געטון מיט גרויס רציחה.

ערשט דעמאָלט האָבן מיר זיך שוין כלומרשט אויסגעניכטערט און יעדער איינער פון אונדז האָט גענומען אונטערטראָגן זיינע פּאַפּירן.

דער פּריסטאַוו האָט אָנגעציילט צוואַנציק מענטשן. עלף פון זיי שטענ־דיקע איינוווינער פון אונדזער דירה און ניין „געסט", וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן.

ווען עס איז געקומען די ריי צו שימקעס מאַמען, וואָס איז געוועזן, נעבעך, אַ הינקענדיקע, האָט דער פּריסטאַוו געפּסקנט, אַז זי קען בלייבן אין דער היים, ווייל מיט איין פוס וועט זי שוין פון אים צו וויט נישט אַנטלויפן.

ווען עס איז געקומען די ריי צו דער שוואַנגערער חברטע, וועלכע איז שוין געוועזן אין אַכטן, צי אין ניינטן חודש, האָט דער פּריסטאַוו אַ גע־שריי געטון, אַז ער האָט נישט אין „אוטשאַסטאָק" קיין אַקושאָרקעס און זי קען אויך בלייבן אין דער היים.

ווען דער צעמזיקטער גאָראָדאָוואָי האָט געהאַט דערהערט די פאַ־מיליע פון דער שוואַנגערער חברטע, האָט ער זיך פלוצלינג אָנגערופן, אַז אָט צוליב איר איז ער דאָך צעמזיקט געוואָרן! (ער האָט איר געטראָגן, לאָזט זיך אויס, די מעטריקע אירע פון אָשמענע, וועלכע זי האָט נויטיק געהאַט, כדי צו קענען חתונה האָבן מיט איר חבר נאָך איידער ס'קינד וועט געבוירן ווערן...).

ווען ס'איז געקומען די ריי צו מיר, האָט דער פּריסטאַוו באַלד באַ־מערקט, אַז איך האַלט, ווי תמיד, די רעכטע האַנט מיינע פאַרשטעקט אין דער הויזן־קעשענע. האָט דער פּריסטאַוו אַ געשריי געטון: „וואָס האָסטו דאָרטן אין דער הויזן־קעשענע?"

— די קראַנקע האַנט מיינע, גאָספּאָדין פּריסטאַוו — האָב איך גע־זאָגט דעם אמת.

— באַווייז! — האָט ער צו מיר אַ קאָמאַנדעווע געטון.

— פּאַר פּרעמדע מענטשן טו איך דאָס קיינמאָל נישט, גאָספּאָדין פּריסטאַוו, אָבער אָט האָט איר אַ באַווייז, אַז איך בין קראַנק! — און איך האָב אים דערלאַנגט ד״ר סווידערסקיס „רעצעפּט" מיט זיינע צען געבאָט, ווי איך זאָל זיך אויפפירן...

— ביסט ד״ר סווידערסקיס אַ פּאַציענט? — האָט מיך דער פּריסטאַוו אָנגעקוקט מיט פאַרחידושטע אויגן.

— יע, גאָספּאָדין פּריסטאַוו. איך בין ד״ר סווידערסקיס אַ שטענ־דיקער פּאַציענט...

— אויב אַזוי, קאָנסטו אויך בלייבן אין דער היים! — האָט דער פּריסטאַוו תיכף געפּסקנט.

די אַלע איבעריקע האָט מען מיט גרויס פּאָמפּע אַוועקגעפירט אין אוטשאַסטאָק אַריין, אויך אפילו שימקעס טאַטן, דעם „זילבערנעם" חתן, נעבעך...

האָב איך זיך דערפילט שרעקלעך באַליידיקט, וואָס דער פּריסטאַוו האָט מיך אויסגעבראַקירט, איבערלאָזנדיק מיך ווי עפּעס אַ שמאַטע מיט די צוויי ווייבער, וואָס איינע פון זיי איז אַן אינוואַליד און די צווייטע — אין אַכטן, צי אין ניינטן חודש.

האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געבעטן גאָט, אַז די שוואַנגערע חברטע זאָל פון גרויס שרעק און אויפרעגונג נישט ווערן, חלילה, צו־דינאַמיש און אַנהויבן גיין צו קינד נאָך איידער זי האָט חתונה געהאַט מיט איר אַרעס־טירן מאַן־חבר.

XVI

מיין דאָקטאָר באַהאַנדלט מיך ווי אַ טאַטע

איך האָב אַמאָל געהערט, אָדער אויסגעלייענט אין די ביכער, אַז ווען דער רוסישער מוזשיק שלאָגט נישט זיין ווייב, איז זי דערפון זייער אומגליקלעך. ס׳איז פאַר איר אַ באַווייז, אַז דער מאַן האָט זי נישט גע־נוג ליב.

אויך קינדער ווערן אַ סך מער צוגעבונדן צו אַ טאַטן, וואָס שטראָפט זיי און שמייסט זיי, ווייל אַזאַ מין טאַטע קען זיך אויך מוסר נפש זיין פאַר זיינע קינדער, ווען עס איז נויטיק.

דאָס נעמלעכע, אַן ערך, האָט אויך פּאַסירט צווישן מיר מיט מיין דאָקטאָר סווידערסקי פון ווילנע.

ער איז געווען צו מיר שטענדיק אויסערגעוועגלעך גוט. איך וואָלט אפילו געזאָגט: פּאַטערלעך־גוט, ווייל ער האָט זיך דאָך געזאָרגט נישט נאָר פאַר מיין געזונט, נאָר אויך אפילו פאַר מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג.

ער האָט דאָך מיר איינמאָל געהאַט פאַרשריבן אַזאַ מין מעדיציניש־פילאָזאָפישן רעצעפּט, לויט וועלכן איך האָב געדאַרפט ווערן אַ לייטישער מענטש.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך לעב נישט לויט זיין „רעצעפּט״, האָט ער מיר געמאַכט אַזאַ מין סקאַנדאַל, ווי אַ טאַטע טוט עס מיט זיין פאַרזינדיקטן זון...

דאָס האָט פּאַסירט באַלד נאָכדעם ווי עס איז דורכגעפאַלן די גרויסע דיסקוסיע צווישן עס־עס און בונד.

די דאָזיקע דיסקוסיע איז דורכגעפאַלן, אויב איך געדענקט, שבת פאַר־נאַכט, אָבער שוין מאָנטיק אינדערפרי, ווען איך בין געווען געקומען ווי

אַלעמאָל צו מיין דאָקטאָר נעמען מיינע באַשטראַלונגען — האָט ער שוין געוווּסט, דער ד״ר סווידערסקי, אַלע איינצלהייטן פון דעם גרויסן אַרעסט אין מיין דירה.

לאָזט זיך אויס, אַז דער פּריסטאַוו סניטקין, וועלכער האָט געהאַט דורכגעפירט דעם אַרעסט, איז געווען, פּונקט ווי איך, אַ שטענדיקער פּאַציענט פון דעם הויט־דאָקטאָר סווידערסקי, (אָבער אויף אַ מיאוסע קרענק, פאַרשטייט זיך...) — האָט ער שוין באַוויזן, דער פּריסטאַוו, אויסצובאַרימען זיך פאַר דעם דאָקטאָר סווידערסקי, אַז ער האָט מיך נישט אַרעסטירט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט דערזען, אַז אויך איך בין זיינער אַ פּאַציענט...

האָט דעם דאָקטאָר סווידערסקי שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דער פּריסטאַוו האָט אים געמאַכט פאַר אַן אומדירעקטן „שותף" צו דער ווילנער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע — האָט ער זיין גאַנצן כעס אויסגעלאָזט צו מיר.

— איך האָב דאָך דיר בפירוש אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין שום פּאָליטישער טעטיקייט, ווייל טורמע אָדער סיביר איז פאַר דיר זעלבסטמאָרד! — האָט דאָקטאָר סווידערסקי צו מיר געגוואַלדעוועט. — נאָר אויב דיר ווילט זיך בעסער באַגיין זעלבסטמאָרד, איז צו וואָס זאָל איך דיך אומזיסט היילן? — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געדונערט. — און בכלל איז פאַר דיר קיין אָרט נישט צו לעבן אויף אַן אויבערשטן עטאַזש פון אַ קהלשן בית הכסא, ווי דער פּריסטאַוו האָט מיר דערציילט.

— דו מוזט האָבן פרישע לופט, זון, זויבערקייט און איידעלע אכילות, ביסטו גאָר פאַרקראָכן אין אַן אָנגערויכערטן קלאָזעט פול מיט אומצוכט! — האָט דער דאָקטאָר סווידערסקי ווייטער געעקבערט מיין צעווייטיקט האַרץ.

— גיב מיר דעם אַדרעס פון דיינע אַמעריקאַנער ברידער, וועל איך זיי אָנשרייבן אויף וואָס דו פאַרטאַכלעוועסט זייערע שווער־פאַרהאָרוועטע גראָשנס! — האָט שוין דער דאָקטאָר מיך אָנגעהויבן צו שרעקן מיט אַ מסירה־בריוו צו מיינע צוויי ברידער אין אַמעריקע.

ווען איך האָב דערזען, אַז דער דאָקטאָר סווידערסקי וויל מיך טאָקע

גאַנץ ערנסט אָנלערנען, האָב איך זיך פּלוצלינג פונאַנדערגעוויינט, ווי אַ געשמיסענער חדר־ייִנגל, וועלכער ווייס גאַנץ גוט, אַז ער האָט די דאָזיקע שמיץ כשר פאַרדינט.

מיין חרטה־געוויין האָט, זעט אויס, געמאַכט אויפן דאָקטאָר דעם גע־עריקן איינדרוק — איז ער באַלד אַוועק צו זיינע פּאַציענטן קאָנטראָלירן די היילנדיקע כשוף־לאָמפּן, וואָס ער האָט אויף זיי אָנגעשטעלט.

בין איך פאַרבליבן איינינקער אַליין אין דעם דאָקטאָרס רחבותדיקן קאַבינעט און איך האָב לחלוטין נישט געוווּסט וואָס אָנהויבן צו טון מיט זיך.

אייגנטלעך האָב איך נאָך אַזאַ מין אומגעריכטער אַטאַקע געדאַרפט זיך אַרויסגנבענען פון דעם דאָקטאָרס קאַבינעט און אַנטלויפן וואָס גיכער פון דעם גויאיש־אַריסטאָקראַטישן געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט צוריק צו מיין אָרעמער און עלנדער קאָמניצקער גאַס, וווּ אויף איינעם „אַן אויבערשטן עטאַזש פון דעם קהלשן בית־הכסא״ זיצן צוויי אומגליקלעכע פּרויען, וועל־כע קוקן אויס זייערע פאַרווייִנטע אויגן אויף די מענער זייערע, וואָס זיצן נאָך אַרעסטירטע.

(איינע פון די פּרויען איז די הינקענדיקע באַלעבאָסטע, וואָס איז געוועזן דאַר און קוואַר, ווי אַ לולב נאָך הושענה רבא, און די צווייטע איז די שוואַנגערע חברטע פון אָשמענע, וועלכע האָט יעדע רגע געקענט, נישט פאַר אונדז געדאַכט, געלעגן ווערן, כאָטש זי האָט נאָך נישט באַוויזן חתונה צו האָבן מיט איר אַרעסטירטן חבר כדת משה וישראל).

אָבער דער שכל הישר האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז ווען איך גנבע זיך איצטער אַרויס פון דעם דאָקטאָרס קאַבינעט, איז טאַקע פאַר מיר אַלץ איינס ווי צו באַגיין זעלבסטמאָרד!

צוליב וואָס, פרעגט זיך, האָט מען מיך געשיקט קיין ווילנע, אויב נישט צו היילן זיך ביים ד״ר סווידערסקי?

צוליב וואָס, פרעגט זיך, שיקן מיר מיינע אַמעריקאַנער ברידער צוועלף רובל אַ חודש, אויב נישט דערפאַר איך זאָל קענען רויִק אָנגיין מיט מיין קוראַציע און ווערן מיט דער צייט אַ מענטש צו לייטן גלייך?

האָט מיר דער זעלבער שכל הישר אונטערגעזאָגט, אַז איך זאָל בלייבן זיצן אין דעם דאָקטאָרס קאַבינעט ביז ער וועט זיך צוריקקערן, און דע־

מאָלט האָב איך שוין פאַר אים אַ פּאַרטיקן תירוץ פאַרוואָס איך האָב נאָך ביז היינט נישט געביטן מיין דירה.

איך וועל אים דערציילן, אַז אין קיין שום לייטישן הויז וויל מען מיר נישט פאַרדינגען קיין צימער, ווייל מען האָט מורא איך זאָל צו זיי נישט פאַרשלעפּן, חלילה, די מיאוסע קרענק...

דער תירוץ איז, ווירקלעך, זייער אַ גוטער. ער לייגט זיך אויפן שכל און דער ד״ר סווידערסקי וועט אים אָננעמען פאַר גוט געלט!

(אין דער אמתן האָט נאָך קיין איינמאָל נישט געהאַט פּאַסירט, אַז גמיצער פון מיינע חברים אָדער חברטעס זאָל, חלילה, מורא האָבן צו קושן זיך און צו האַלדזן זיך מיט מיר נאָר דערפאַר, ווייל איך בין אַ שטענדיקער פּאַציענט ביי די הויט־דאָקטוירים...).

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז דאָקטאָר סווידערסקי האָט זיך ווידער אַריינגעשטעלט אין זיין קאַבינעט.

ער האָט שוין אָבער אויסגעזען גאַנץ אַנדערש ווי פריער.

אויב פריער איז ער געווען צו מיר האַרט און ווילד, ווי אַ צערייצטע חיה, איז ער פּלוצלינג געוואָרן צו מיר ווייך און מילד, ווי אַן אמתער טאַטע.

זיין ברייטע גרויע באָרד איז געוואָרן שטאַרק ענלעך צו דער געט־לעכער באָרד פון דעם ווילנער גאון, ז״ל, און די גרויסע גרויע אויגן זיינע זענען געוואָרן פול מיט רחמים און פאַרגעבונג.

— נו, וואָס זיצסטו דאָ אַזוי צעקראָכן און אָפּגעלאָזן ווי אַן עובר בטל! גיי, נעם די באַשטראַלונג. דיין לאָמפּ איז שוין פריי! — האָט מיך דער דאָקטאָר סווידערסקי אויפגעמונטערט מיט זיין פּאַטערלעכער שטימע.

— אָבער ניין, וואַרט אַ ווײַלע! — האָט דער דאָקטאָר באַלד חרטה געהאַט. — לאָמיר צוערשט אויסטרינקען צו טעפּלעך קאַווע!

ער האָט אַ דריק געטון אַן עלעקטרישן קנעפּל, וואָס פירט צו דער קיך, און עס האָט זיך באַלד געמאָלדן די יונגע קעכין אין אַ ווייסן פאַר־טוך, ווי אַ באַרעמהערציקע שוועסטער.

— כ׳מוז, לכל הפּחות, יעדע שעה אויסטרינקען אַ טעפּל קאַווע, אַ נישט פאַרליר איך דעם געדולד צו מיינע פּאַציענטן! — האָט זיך דער דאָקטאָר סווידערסקי אָנגעהויבן פאַר מיר ווי צו פאַרענטפערן זיך.

איך האָב געשוויגן.

— קאַווע סטימולירט די געדאַנקען, סטימולירט די געפילן. אַלע גרויסע מענטשן האָבן געטרונקען אַ סך קאַווע! — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט צו מיר.

איך האָב אָבער ווייטער עקשנותדיק געשוויגן (איך האָב זיך נאָך אַלץ געשראָקן, צי וויל ער נישט מיך ווי דעמאָלט נעמען אויפן צימבל).

— וואָס שוויגסטו? זאָג עפּעס! — האָט שוין דער דאָקטאָר אָנגעהויבן צו מיר צושטיין.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, הער דאָקטאָר, איך האָב מורא צו רעדן.

— פאַר וועמען האָסטו מורא?

— פאַר אייך, הער דאָקטאָר!

— ווייל איך האָב אויף דיר פריער געשריען?

— ניין, נישט דערפאַר! איך האָב מורא פאַר אייער גוטסקייט, פאַר אייער אויסערגעוועגלעכער גוטסקייט צו מיר. נאָר אַ טאַטע קען זיין אַזוי גוט און אויך אַזוי שטרענג צו זיינעם אַ זון, אָבער איך האָב דאָך קיינמאָל נישט געפילט איבער זיך אַ טאַטנס שטראָפנדיקע אָדער בענטשנדיקע האַנט, ווייס איך נישט ווי צו רעדן צו אַ טאַטן. כ׳ווייס נאָר, אַז איך האָב אייך האָלט, ווי אַ טאַטן און כ׳האָב פאַר אייך אויך מורא, ווי פאַר אַ טאַטן! — האָב איך זיך פּלוצלינג פונאַנדערגעפּלוידערט, נישט וויסנדיק אַליין וואָס איך רעד.

אַ נס, וואָס די קעכין איז אַריין אין קאַבינעט מיט אַ פולן טאַץ קאַווע און צובייסנס און איך בין געבליבן שטיל.

— רעד ווייטער, מיין זון, רעד ווייטער, ס׳איז זייער אינטערעסאַנט! — האָט מיך דאָקטאָר סווידערסקי אויפגעמונטערט מיט דעם פיינשמעקעוודיקן טעפּעלע קאַווע, וואָס זיין אַראָמאַט האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע מיינע גלידער.

— איך קען נאָר פּלוידערן, הער דאָקטאָר, אָבער נישט רעדן...

— נו, אויב דאָס הייסט ביי דיר פּלוידערן, טאָ פּלוידער ווייטער! איך הער — האָט מיך דאָקטאָר סווידערסקי אויפגעמונטערט, געבנדיק

נחת־רוחדיק אַ זופּ פון זיין טעפּעלע קאַווע, ווי דאָס וואָלט געווען אַ געט־לעכער געטראַנק.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, הער דאָקטאָר, אַז פאַר די אַלע אַכצן יאָר פון מיין לעבן זייט איר דער ערשטער, וואָס האָט אויף מיר היינט ריכטיק אָנגעשריען. צוערשט האָב איך זיך געהאַט דערשראָקן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז איר ווילט שוין פון מיר גאָר אינגאַנצן פּטור ווערן, אָבער איצטער זע איך, אַז איר זייט טאַקע אויסן מיין טובה און איך בין זייער שטאָלץ אויף דעם.

— געוויס וועל איך איצט מוזן בייטן מיין דירה, בייטן מיין סביבה. אָבער איך קען דאָך נישט בייטן דעם גורל מיינעם, הער דאָקטאָר! — האָב איך ווייטער געפּלוידערט.

— וואָס איז דען דיין גורל? — האָט מיך דער דאָקטאָר בייגעריק אָנגעקוקט.

— איר האָט דאָך מיר אַליין אָנגעשריבן, הער דאָקטאָר, אַז יעדער טאָג פון מיין לעבן איז אַ געשענקטער, און דעריבער דאַרף איך יעדן טאָג פון מיין לעבן אָנפילן מיט מעשים טובים...

— צי דען ווייסטו נישט, זון מיינער, אַז פאַר אַזעלכע „מעשים טובים“ ווי דיינע שפּאַרט מען איין אין טורמע אָדער מען פאַרשיקט קיין סיביר?

— איך ווייס עס גאַנץ גוט, הער דאָקטאָר, אָבער איך מוז דאָך ער־געץ־ווו געפינען פאַר זיך אַ שטיקל תיקון. איך קען דאָך נישט אָפּלעבן אַ לעבנלאַנג נאָר צווישן די הויט־קראַנקע, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי זענען סיפיליטיקער אָדער ווענעריקער — ראַטעווע איך זיך ביי די אידעאַליסטן און קעמפערס, וועלכע האָבן אויך מיך דערהויבן צו עפּעס אַ נייעם אידעאַל, פאַר וועלכן ס'איז כדאי צו ליידן! נישט אַזוי, הער דאָקטאָר?

— איך פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט, אָבער ס'איז נישט פאַר דיינע כוחות. קאָנסט טאַקע זיין אַן אידעאַליסט און אַ ראָמאַנטיקער, אָבער נישט פאַר־נעמען זיך מיטן פּאָליטישן קאַמף, וועלכער וועט מאַכן פון דיר אַ תל. דאַרפסט וויסן זיין, אַז די ווילנער פּאָליציי וועט איצטער נאָכשפּיאָנירן יעטוועדע באַוועגונג דיינע און דו וועסט זיך פילן ווי אין אַ פאַסטקע, כאָטש דו ביסט כלומרשט אויף דער פריי. דעריבער עצה איך דיר, אַז דו

זאָלסט אויף עטלעכע חדשים פאַרלאָזן ווילנע. פאַר אַוועק צו דיין מאַ־מען. ס׳גייט דאָך צו פרילינג. וועסט דאָרטן האָבן אַ סך זון, גרינס און מילכיקס, און דאָס איז נישט ווינציקער וויכטיק פאַר דיין געזונט ווי מיינע לאָמפּן, מיט וועלכע איך הייל דיך! האָסט פאַרשטאַנען, וואָס איך רעד צו דיר? — האָט דער דאָקטאָר ווידער אַ זופּ געטון פון זיין טעפּעלע קאַווע.

— געוויס פאַרשטיי איך וואָס איר רעדט צו מיר, הער דאָקטאָר, אָבער עס וועדט מיר דערפון זייער אומעטיק אויפן האַרץ.

— אויך מיר וועט זיין אומעטיק אָן דיר. איך האָב זיך שוין צו דיר צוגעוווינט ווי צו אַן אייגן קינד, און דו וועסט מיר טאַקע אויך אויספעלן צו דער אַרבעט. דו ווייסט דאָך שוין ווי צו באַגיין זיך מיט אַלע מיינע לאָמפּן און מיינע פּאַציענטן האָבן דיך אויך ליב באַקומען, אָבער מיין נישט, אַז נאָר דיין גורל איז אַזאַ טרויעריקער. יעדן מענטשנס גורל איז סוף־כל־סוף זייער אַ טרויעריקער, אָבער מען דאַרף זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל פון אָט דעם טעפּעלע קאַווע, וועלכן דו טרינקסט. די קאַווע אַליין איז צו־שוואַרץ — גיסט מען צו מילך עס זאָל ווערן ווייסער. די קאַווע אַליין איז צו־ביטער — שיט מען אַריין צוקער עס זאָל ווערן זיס... אַזוי איז אויך דאָס לעבן פון יעטוועדן מענטשן. ס׳איז צו־שוואַרץ און צו ביטער — מוז מען אים פאַרווייסן און פאַרצוקערן מיט גלויבן און בטחון און דעמאָלט קאָן מען שוין פון דעם לעבן הנאה האָבן און געניסן. נישט אַזוי, מיין זון? — האָט מיך דר. סווידערסקי אָנגעקוקט מיט זיינע פילאָזאָפיש־פּאָעטישע אויגן, ווי ער וואָלט גאָר נישט געווען קיין דאָקטאָר פון די „מיאוסע קרענק״...

האָב איך צוגעזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז איך וועל טאַקע אין די נאָענט־סטע טעג פאַרלאָזן צייטווייליק ווילנע, ווייל זיין משל מיטן טעפּעלע קאַווע האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק...

(פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכער קאַווע־טרינ־קער, כאָטש מיין ליבער גוטער דאָקטאָר סווידערסקי איז שוין לאַנג־לאַנג אויף יענער וועלט!).

האָב איך געפאָלגט מיין דאָקטאָר און כ׳בין אַוועק פון ווילנע ביז די שטורעמווינטן פון דעם רעוואָלוציע־יאָר 105 וועלן שוין זיין פאַרביי...

אָבער אין 1906 בין איך שוין ווידער אַמאָל געווען אין ווילנע.

XVII

דער רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור

ווען די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 וואָלט, חלילה, געווען פונקט אַזאַ מין „דערפאָלג״, ווי די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע פון 1917, כ׳מיין — די אָקטאָבער־רעוואָלוציע — וואָלטן מיר שוין דענסטמאָל כמעט נישט געהאַט מער קיין יידיש פאָלק.

די יידן פון די סאָוועטיזירטע רוסלאַנד, פוילן, ליטע, לעטלאַנד און רומעניע וואָלטן פונקט ווי איצטער נישט געקאָנט מער האָבן קיין שום מגע ומשא מיט די יידן פון די אַנדערע נישט־סאָוועטיזירטע לענדער.

אין אַמעריקע וואָלט צוליב דעם אויסוואַנדערונגס־פאַרבאָט פון די מזרח־לענדער געווען איצטער מיט אַ פאָר מיליאָן יידן ווינציקער (און גראָד מיט אַזעלכע פאָר מיליאָן יידן, וועלכע טראָגן נאָך אין זיך ביז היינט געוויסע יידיש־נאַציאָנאַלע סענטימענטן און אחריותן).

פון אַזעלכע ניי־אויפגעקומענע יידישע ישובים, ווי אין מעקסיקאָ, קובאָ, טשילע, דרום־אַפריקע און דרום־אויסטראַליע וואָלטן מיר בכלל נישט געוווּסט, ווייל זיי וואָלטן כמעט, ווי נישט עקזיסטירט.

דעריבער מיין איך, אַז פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט איז עס געווען ממש אַן אצבע אלוקים, וואָס די ערשטע רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד איז דורכגעפאַלן. אַ דאַנק דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון נייע פאָגראָמען — האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום.

די עמיגראַנטן פון רוסלאַנד און פוילן האָבן זיך געצויגן, דער עיקר קיין אַמעריקע.

די עמיגראַנטן פון ליטע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן זייער גליק אויש

קיין דרום־אַפריקע און די עמיגראַנטן פון בעסאַראַביע, וועלכע זענען געווען דאָס רוב ערד־אַרבעטער — האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו די קאָלאָניעס פון דעם באַראָן הירש אין אַרגענטינע.

אַ גאַנץ קליינער טייל פון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל.

אָט דער דאָזיקער עמיגראַנטן־שטראָם פון נאָך דער ערשטער דורכ־געפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע איז שוין געווען מער קלאַסן־באַוווסט־זיניק, ווי דער עמיגראַנטן־שטראָם פון נאָך די רוסישע פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע נייע אימיגראַנטן פון די יאָרן 1905־1914 (ביז דער ער־שטער וועלט־מלחמה) האָבן אין אַמעריקע אויפגעטאָן ממש וווּנדער איבער וווּנדער.

זיי האָבן געשאַפן יוניאָנס, זיי האָבן אויפגעבויט אַ ברייט־פאַרצווייגטע יידישע פּרעסע, זיי האָבן זיך גרופּירט אין לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס זענען געוואָרן גוטע שטיץ־פּונקטן פאַר די אַלטע היימען זייערע און אַזוי אַרום איז אַ דאַנק דער דורכגעפאַלענער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אויפ־געקומען דער מעכטיקער יידישער קיבוץ פון אַמעריקע, וואָס אָן אים וואָלטן מיר איצטער, נאָך דעם דריטן חורבן אונדזערן אין אייראָפּע, נישט געהאַט דעם אויסזען און דעם אָנזען פון אַ פאָלק, וואָס נאָך יעדער קאַטאַס־טראָפע פאַסירט מיט אים עפּעס אַ נייער נס...

נישט אומזיסט טאָקע זאָגט אַ יידיש ווערטל, אַז „גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה״.

אָבער נישט אַלע יידישע סאָציאַליסטן און נאַציאָנאַליסטן האָבן נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע געוואָלט אָדער געקענט אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע אָדער אין אַ וועלכן נישט איז אַנדער לאַנד.

עס האָט זיי נאָך געהאַט פאַרפירט די האַלב־לעגאַלע מעגלעכקייט צו קעמפן ווייטער קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, ביי וועמען מען האָט שוין אין 1905טן יאָר געהאַט אַרויסגעצוווּנגען דעם כלומרשטן פאָלקס־פּאַרלאַמענט, די אַזוי גערופענע „גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ״, וווּ אויך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געקאָנט קומען צום וואָרט.

די דאָזיקע „דומעס״ פלעגן צו־לאַנג נישט קענען אַרבעטן, ווייל ווי נאָר

די צאַרישע רעגירונג פלעגט דערזען, אַז די „דומע" פאָדערט שוין פון דער רעגירונג צופיל פרייהייטן — פלעגט מען זי פונאַנדערלאָזן און באַשטימען וואַלן צו אַ נייער „דומע".

אַזוי אַרום האָט מען אין משך פון עטלעכע יאָר געהאַט עטלעכע פאַר־שידענע „דומעס" מיט עטלעכע ריזיקע וואַל־קאַמפּאַניעס, אין וועלכע ס'האָבן זיך געהאַט באַטייליקט אַלע פאַרטייען פון סאַמע רעכטס ביז סאַמע לינקס.

אָבער צוליב דעם, וואָס אויך די לינקע פאַרטייען האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו פירן אַ האַלב־לעגאַלע עקזיסטענץ — האָבן די צאַרישע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס באַקומען די גוטע מעגלעכקייט צו האַלטן אַן אויג אויף אַלע „אַקטיוויסטן" פון די לינקע פאַרטייען. אַ סך פון זיי פלעגן שפּעטער ווערן אַרעסטירט און פאַרשיקט אין די גאָר ווייטע מקומות.

האָבן אַ סך יידישע סאָציאַליסטן, צווישן זיי — אויך בונדיסטן, „עס־עסאָווצעס" און פּועלי־ציוניסטן איבערגעשריבן די באַנקראָטירטע רוסישע רעוואָלוציע אויף דעם ווייבס נאָמען, ווי מען שרייבט איבער אַ שלעכטן געשעפט, איידער מען גייט אַנזעצן.

אויב, למשל, דאָס ווייב אָדער די חברטע האָט געהייסן אָלגע — האָט מען זיך אַ נאָמען געגעבן אָלגין, אויב זי האָט געהייסן אַנע — איז מען געוואָרן אַנין (דר. שאַץ פון ריגע), אויב באַשע — איז מען געוואָרן אַ באַזין (דר. משה זילבערפאַרב) און אויב כאַשע — איז מען געוואָרן אַ כאַשין (אַלעקסאַנדער אַווערבוך־באַרוכסאָן), און אים צו לאַנגע יאָר, אונדזער באַ־ליבטער פריינט און קאָלעגע צביון (דר. האָפמאַן), איז אויך געוויס אַזאַ מין ווייב־פּסעוודאָנים פון יענע „דומע"־יאָרן אין צאַרישן רוסלאַנד.

מער פון אַלע אַנדערע ווייבערשע פּסעוודאָנימען איז מיר דענסטמאָל געפעלן געוואָרן דער פּסעוודאָנים פון דעם „עסעס"־פירער ווילהעלם בער־טאָלדי (וו. לאַצקי פון ריגע), ווייל זיין ווייב האָט געהייסן בערטע (און אויך זיין ווייב איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן) .

ווען „ווילין" (אַזוי פלעגן מיר רופן בערטאָלדין אין די היימישע קרייזן) וואָלט זיך אַ נאָמען געגעבן „בערטין" — וואָלט עס נישט געקלונגען אַזוי שיין, ווי „בערטאָלדי", וואָס רופט ארויס ביי אונדז געוויסע אַסאָציאַ־ציעס מיט, זאָגן מיר, מענדעלסאָן־בערטאָלדי, דעם קאָמפּאָזיטאָר, אָדער

מיט פרידריך באַרטאָלדי, דעם סקולפּטאָר פון פּאַריז, וועלכער האָט גע־שאַפן די וועלט־באַרימטע סטאַטוע פון פרייהייט, וואָס שטייט נאָך עד־היום אויפן ברעג פון דעם מאַנהעטן־אינדזל מיטן פּנים צום אַטלאַנטישן אָקעאַן און באַגריסט אַלע ניי־איינגעוואַנדערטע אימיגראַנטן.

אָבער נישט אַלע אומלעגאַלע אָדער האַלב־אומלעגאַלע סאָציאַליסטן און לינקע ציוניסטן האָבן שוין געהאַט אין יענע יאָרן ווייבער, צי חברטעס אַזעלכע אויף וועמענס נאָמען זיי זאָלן קאָנען איבערשרייבן זייער שלעכט־גייענדיקע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט — פלעגן זיי דענסטמאָל אויס־טראַכטן פאַר זיך פּסעוודאָנימען „פון דער הפטורה", ווי, למשל, „בן אדיר" (ראָזען), „בעל דמיון" (שטיף), „דאַניעלי" (יוסף טשערניכאָוו) און אים צו לאַנגע יאָר „זרובבל", וואָס זיין אמתע פאַמיליע האָט ער שוין, מסתמא, אַליין לאַנג פאַרגעסן...

אויך מיינע עלטערע צוויי ברידער שמואל און ברוך האָבן פאַר זיך צוגעטראַכט נייע פּסעוודאָנימען, כאָטש זיי האָבן שוין געהאַט אַזעלכע פון פריער.

שמואל האָט אין די „עסעסישע" קרייזן געהייסן גאָר „חבר אַורעמל" און ברוך האָט אין די בונדיסטישע קרייזן געהייסן „דער יונגער לאַסאַל", אָבער אין די רעאַקציע־יאָרן פון1906־1907 האָבן זיך מיינע ברידער ווידער אַמאָל פאַרשטעקט אונטער גאַנץ נייע פּסעוודאָנימען, און אַזוי אַרום איז פון דעם „חבר אַורעמל" געוואָרן ש. ניגער און פון דעם „יונגן לאסאל" — ב. וולאַדעק.

אונטער די דאָזיקע נייע פּסעוודאָנימען זייערע האָבן מיינע ברידער אויך אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן זייערע ערשטע פּאָליטישע, געזעלשאַפט־לעכע און ליטעראַרישע אַרטיקלען אין דער לעגאַלער פּרעסע פון „עס־עס" און פון „בונד".

אָבער אויך אַפילו די לעגאַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען פלעגן צוליב דער צאַרישער צענזור מוזן אָפט ענדערן זייערע נעמען און יעדער פּאַרטיי־אָרגאַן האָט געמוזט האָבן זיין ספּעציעלן „זיץ־רעדאַקטאָר".

דער אַזוי גערופענער „זיץ־רעדאַקטאָר" האָט געקאָנט זיין אַפילו אַ האַלב־גראַמאַטנער חבר, אַבי נאָר ער איז גרייט געווען אָפּצוזיצן אין טורמע די דריי אָדער די זעקס חדשים, וואָס מען פלעגט, געוויינלעך, באַ־

קומען פאַר א צו־שאַרפן אַרטיקל, וועלכן מען פלעגט ווי עס איז דורכ־שמוגלען דורך דער צענזור.

אין די דאָזיקע פּאָר איבערגאַנגס־יאָרן פון רעוואָלוציע צו דער באַ־נייטער צאַרישער רעאַקציע איז אויך געשלאָסן געוואָרן דער שידוך צווישן דער יידישער ליטעראַטור מיט דער יידישער פּאַרטיי־פּרעסע.

די אָרגאַנען פון „בונד", פון „עס־עס", פון „פּועלי־ציון" און פון די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן בכיוון אָנגעהויבן צו דרוקן לידער, דערציילונגען און קריטישע אַרטיקלען, כדי צו שאַפן ביי דער צענזור דעם איינדרוק, אַז די צייט־שריפטן זענען מער פאַרטאָן מיט דער ניי־אויפקומענדיקער יידישער ליטעראַטור, ווי מיט דער פּאָליטיק...

מען האָט אויך צוליב דעם צוועק געשאַפן אין אַלע שטעט און שטעט־לעך פאַרשידענע מינים קולטור־פאַראיינען, דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן און אַנדערע ענלעכע קולטור־אינסטיטוציעס, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט אויפצוטרעטן פאַר דער עפנטלעכקייט מיט לידער און דעקלאַמאַציעס צווישן וועלכע מען פלעגט שוין ווי עס איז דורכשמוגלען אַ רעפעראַט פון אַ וועלכן נישט איז גוט־באַקאַנטן פאַרטיי־פירער.

אַזוי, למשל, איז דער וואַרשעווער „הזמיר" געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, ווו מען פלעגט יעדע וואָך דורכפירן ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן, אויף וועלכע ס'פלעגן אויפ־טרעטן אונדזערע קלאַסיקער פּרץ, אַנסקי, נאָמבערג, און, זיי צו לאַנגע יאָר — שלום אַש און אַברהם רייזען, שוין נישט רעדנדיק פון די ייגגערע טאַ־לענטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן סיי אין פּוילן און סיי אין ליטע.

אַזוי אַרום האָט מען שוין אונטער דער מאַסקע פון קולטור און קונסט געקאָנט עפנטלעך זינגען אברהם רייזענס „קירכען־גלאָקן" אָדער „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן", צי גאָר אַפילו די „בונדישע שבועה", וואָס ש. אַנסקי, דער עסעראָווער, איז געווען איר פאַרפאַסער.

צווישן איין ליד און דעם צווייטן פלעגט מען פאַרלייענען פּרצס אַ סימבאָלישע דערציילונג, וואָס האָט געשמעקט מיט רעוואָלוציע, צי שלום־עליכמס מעשה מיטן „פעטער פיניע און דער מומע רייזל", וואָס אַלע האָבן

געוווסט, אַז דער „פּעטער פּיניע״ איז יאַפּאַן און די „מומע רייזל״ איז רוסלאַנד...

ס׳איז איצטער שווער פעסטצושטעלן ווער וועמען האָט אין יענע יאָרן מער אויסגענוצט: צי די צעשלאָגענע יידישע פּאַרטייען האָבן געהאַט אויסגענוצט די ניי־אויפקומענדיקע יידישע ליטעראַטור, כדי צו קאָנען בעסער פאַרמאַסקירן זייער רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, אָדער די ניי־אויפגעקומענע יידישע ליטעראַטור האָט אויסגענוצט די פאַרמאַסקירטע פּאַרטיי־טריבונעס, וועלכע זי אַליין, די ליטעראַטור, וואָלט מיט אירע אייגענע שוואַכע כוחות נאָך נישט געקאָנט אויפשטעלן.

איך דערצייל דאָס אַנטקעגן דעם, ווייל אייניקע קאָלעגן, וועלכע זענען מיט אַ יאָר פערציק צוריק נתגלה געוואָרן אַ דאַנק די פּאַרטיי־אָרגאַנען און די פּאַרטיי־טריבונעס, האַלטן איצטער אין איין אַטאַקירן די יידישע פּאַרטייען — למאַי זיי נוצן אָפּטמאָל אויס די יידישע שרייבערס פאַר זייערע פּאַרטיי־צוועקן.

אָבער ווען נישט די יידישע פּאַרטייען און די יידישע אַרבעטער־אָרדענס, וואָלט אויך אַפילו אין אַמעריקע די יידישע ליטעראַטור נישט געקאָנט באַקומען איר תקומה און איר תיקון.

דאָס נעמלעכע איז אויך מיט דער העברעאישער ליטעראַטור.

ווי וואָלט אויסגעזען די מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור אָן דער ציוניסטישער באַוועגונג?

ווו וואָלט דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין געקאָנט שרייבן יעדע וואָך זיינע פּרעכטיקע קריטישע עסייען, אויב נישט אין דעם פּועלי־ציוניסטישן „אידישער קעמפער״? ווו וואָלט דער פּובליציסט און קריטיקער לעאָ פינקעלשטיין געקאָנט שרייבן זיינע זייער באַלערנדיקע רעצענזיעס און קריטיקס, אויב נישט אין דעם בונדישן „וועקער״? און ווו וואָלט דער דיכטער מלך ראַוויטש געקאָנט אַזוי פריי קעמפן אויף רעכטס און אויף לינקס, אויב נישט אין דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבייטער שטימע״?

אַזוי איז עס איצט און אַזוי איז עס אויך געווען מיט אַ יאָר 45 צוריק אין צאַרישן רוסלאַנד.

וואַרשע און ווילנע זענען נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע גע־

ווילנע

וואָרן די הויפּט־צענטערס פון דעם ליטעראַרישן רענעסאַנס, און אַ סך פריער־געוועזענע פּאַרטיי־פירערס און טעאָרעטיקערס זענען גאָר געוואָרן פּאָעטן, בעלעטריסטן און ליטעראַטור־קריטיקער.

די רעוואָלוציע איז געשטאָרבן — זאָל לעבן די יידישע ליטעראַטור!

XVIII

פּראָוואָקאַטאָרס

אַז די ליבע און דער טויט זאָלן מגזם זיין דעם מענטשן — איז גאַנץ נאַטירלעך.

אַז דער פאַרליבטער זאָל, לכל הפּחות ביז דער חתונה, נישט זיין זיכער, אַז זיין געליבטע איז דאָס שענסטע וועזן אויף גאָר דער וועלט, — וואָלט ער דאָך מיט איר קיינמאָל נישט חתונה געהאַט....

דאָס נעמלעכע איז אויך מיט אַ... מת, נישט פאַר אונדז געדאַכט. ווען מען זאָל ביי אַ לויה דערציילן, חלילה, דעם פולן אמת, וועגן יעדן מת — וואָלט דאָך דעמאָלט דער גן־עדן גאָר אינגאַנצן געפּוסטעוועט!

אָבער נישט נאָר די ליבע און דער טויט האָבן אַ טבע מגזם צו זיין דעם מענטשן.

אויך די רעוואָלוציע טוט דאָס נעמלעכע.

כ׳האָב עס באַשיימפּערלעך דערזען אין די יאָרן 1907־1908, ווען די כוואַליעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע זענען אָפּגעפאַלן, און דער פריער געוועזענער מענטש־גאָט איז, נעבעך, שטיין געבליבן אַ נאַקעטער...

אַ סך באַלעבאַטישע יידישע זין און טעכטער, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן זיי געוואָרן גאַנץ גוטע פּריקאַזשטשיקעס און וואָיאַזשאָרן, אַקושאָר־קעס און באַרמהערציקע שוועסטערס, זענען אָבער אין די געהויבענע יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע דערהויבן געוואָרן צו דער גאָר הויכער מדרגה פון קדושים און מאַרטירערס, וואָס די מאַסע האָט זיי געהאַט ממש פאַרגעטערט.

אָט די דאָזיקע פּאָטענציאָנעלע פּריקאַזשטשיקעס און וואָיאַזשאָרן, וואָס די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן זיי דערהויבן צו פירערשאַפט, האָבן

שוין אַליין אויך אָנגעהויבן צו גלויבן אין זייערע אייגענע איבערמענטש־לעכע כוחות, ווייל ס'האָט זיך זיי שוין געהאַט געדאַכט, אַז מיט זייערן אַ סיגנאַל קאָנען זיי פּלוצלינג אָפּשטעלן אינמיטן גאַנג אַלע באַנען און שיפן אין רוסלאַנד און פּאַראַליזירן דאָס גאַנצע לאַנד.

דאָס וואָלט אפשר אויך געווען פּאַסירט, ווען די סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען גופא וואָלטן נישט אָנגעהויבן אַביסעלע צו־פרי צו רייסן זיך צווישן זיך פאַרן פעלץ פון רוסישן בער, וועלכן מען דאַרף ערשט שיסן...

אַ חוץ די רייסערייען צווישן די פּאַרטייען גופא, פון וואָס די צאַרישע רעגירונג איז געווען שטאַרק צופרידן, האָט זיך באַוויזן אַ גאַנץ נייע מכה, וואָס האָט געפרעסן די פּאַרטייען פון אינעווייניק, און דאָס איז געווען דער „קענסער" פון פּראָוואָקאַציע.

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון כמעט יעדער פּאַרטיי האָט זיך אַריינגע־כאַפּט אַזאַ מין ראַפינירטער פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט געקאָנט יאָרנלאַנג דינען איינצייטיק סיי דער רעוואָלוציע און סיי דער צאַרישער רעגירונג.

ביי די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן איז עס געווען יונה אַזעף און ביי די בונדיסטן — ישראל מיכל קאַפּלינסקי.

אַזעף, ימח שמו, האָט קונציק אויסגעמיטן דעם עס־ערישן טויט־אור־טייל. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ דייטש. האָט חתונה געהאַט מיט אַ דייטשקע (זיין גאָר ערשטע פרוי איז געווען אַ בונדיסטקע), און ער איז אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געפּגרט אין אַ בערלינער שפּי־טאַל. מ'האָט אים באַגראָבן אויף איינעם פון די בערלינער קריסטלעכע בית־עולמס.

האָב איך געהאַט איינמאָל די גוטע געלעגנהייט זיך גוט אויסצושפּייען אויף זיין קבר, וואָס איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילדגראָז און שטעכלקעס. אויף זיין מצבה, וואָס די דייטשקע האָט אים אַוועקגעשטעלט, איז נישטאָ קיין שום נאָמען. מער נישט — אַ נומער. דאָס איז דער נומער פון קבר, ווי ער איז פאַרעגיסטרירט אין דעם קברים־בוך פון קריסטלעכן בית־עולם.

אָבער דעם הויפּט־פּראָוואָקאַטאָר פון „בונד" — ישראל מיכל קאַפּ־לינסקין — האָב איך יאָ געהאַט אַ געלעגנהייט צו קענען פערזענלעך.

דאָס איז געווען אויף איינער אַ ליאַמע (באַנקעט), וואָס קאַפּלינסקי

האָט אין נאָמען פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין ווילנע איינגעאָרדנט לכבוד מיין ברודער ברוך (װלאַדעק).

די דאָזיקע ליאַמע איז פאָרגעקומען אין איינעם אַ קאַווקאַזער קעלער־רעסטאָראַן אויף געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט. אין דעם דאָזיקן רעסטאָראַן פלעגט מען מאַכן זייער גוטן „שאַשליק" (געבראָטענע שטיקלעך שעפּסן־פלייש, אָנגעשטאָכן אויף אַ הילצערן שטעקעלע). דעם „שאַשליק" מוז מען פאַרטרינקען מיט קאַווקאַזער וויין, וואָס וואַשט אַרונטער פון גאָרגל די שעפּסענע פעטקייט אינאיינעם מיט דעם פריקרען שעפּס־גערוך.

מיין ברודער ברוך האָט מיך מיטגענומען אויף דער דאָזיקער ליאַמע, ווייל ער האָט געוואָלט כאָטש איין אָוונט האָבן מיך לעבן זיך...

אין דער דאָזיקער ליאַמע האָבן זיך געהאַט באַטייליקט אַלע וויכטיקסטע טוערס פון „בונד" און צווישן זיי אויך ישראל מיכל קאַפּלינסקי. אַלע האָבן אונטערן רויש פון די שנאַפּסן און ווײַנען געזונגען און געװערטלט זיך. מער נישט צוויי מענטשן האָבן אויף דער דאָזיקער שאַשליק־ליאַמע געשוויגן ווי — שעפּסן. איינער פון זיי איז געווען דער בלאָסער און דאַרער ישראל מיכל, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, וועלכער חלשט שלאָפן, נאָר מען לאָזט אים נישט... דער צווייטער שווייגער איז געווען „לאַסאַלס ברודערל", ד"ה איך אַליין, ווייל איך בין דאָך געווען נישט מער ווי אַ גאַסט, און דערצו נאָך כלומרשט אַן „עסעסאָוועץ", ד"ה, אַ מיטגליד פון אַ „קליינבירגערלעכער פּאַרטיי", לויט דער דעמאָלטדיקער טערמינאָלאָגיע פון „בונד".

איך געדענק נאָר, אַז אויף יענער „ליאַמע" האָט מיך חברטע אסתר (פרומקינא) אַ פּאָר מאָל אַ גלעט געטאָן ווי זי וואָלט געווען מיינע אַן עלטערע שוועסטער. אָבער אין איר גלעטן מיך האָט אויסגעפּעלט יענע ווייבערישע צערטלעכקייט, וואָס עס האָט געהאַט פאַרמאָגט די חברטע בערטע, די פרוי פון דעם עס־עס־פירער ווילהעלם בערטאָלדי (לאַצקי).

האָב איך אונטערן רויש פון דעם קאַווקאַזער וויין געהאַט פאַרגליכן די ביידע פרויען: אסתרן פון „בונד" און בערטען פון עס־עס — און כ'בין געקומען צום באַשלוס, אַז ס'לוינט מיר שוין בעסער צו פאַרבלייבן ווייטער אַן „עסעסאָוועץ"..

ערשט ביים שלוס פון דער ליאַמע האָב איך דערהערט די עטלעכע

געציילטע ווערטער פון ישראל מיכל קאַפּלינסקין, נעמלעך: „די רעכענונג איז שוין באַצאָלט".

ווי עס זעט אויס, איז ער געווען דעמאָלט דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ליאַמע און ער האָט שוין שטילערהייט באַצאָלט דעם באַלעבאָס פון דעם קאַווקאַזער רעסטאָראַן פאַר אַלעמענס שנאַפּסן און צובייסנס.

ווען כ'האָב מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיך געהאַט דערוווסט, אַז ישראל מיכל קאַפּלינסקי איז געווען דער הויפּט־פּראָוואָקאַטאָר פון „בונד", האָב איך זיך דערמאָנט די עטלעכע ווערטער זיינע, אַז „די רעכענונג איז שוין באַצאָלט", ד"ה, אַז די צאַרישע געהיים־פּאָליציי האָט אים שוין אויך באַצאָלט פאַר דער שאַשליק־ליאַמע, וועלכע ער האָט נייטיק געהאַט פאַר זיינע פּראָוואָקאַטאָרישע צוועקן.

באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן אים די באָלשעוויקעס דערשאָסן אָן קיין שום געריכט — און דעמאָלט האָב איך אויטאָמאַטיש איבערגעחזרט ישראל מיכלס ווערטער: „די רעכענונג איז שוין באַצאָלט!"

אָט די דאָזיקע קליינע און גרויסע אַזעפס און קאַפּלינסקיס האָבן געהאַט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די רעשטלעך פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן נאָך האַלב־לעגאַל פונקציאָנירט, לויט דער כלומרשטער „קאָנסטיטוציע" פון 1905.

ס'האָט זיך געשאַפן נישט נאָר אַן אומצוטרוי פון א חבר צו אַ חבר, נאָר אַפילו אויך אַן אַנטאַגאָניזם, אַ מין באַהאַלטענע שינאה מצד דער אַנטוישטער מאַסע צו איר אינטעליגענץ. דאָס וואָרט „אינטעליגענט" איז געוואָרן דעמאָלט אַ מין זידל־וואָרט.

זענען טאַקע אַ סך פריער געוועזענע פּאַרטיי־אינטעליגענטן ווידער־אַמאָל געוואָרן פריקאַזשטשיקעס און וואָיאַזשאָרן, וואָס זוכן פאַרמעגלעכע כלות און שטילע געמיטלעכע היימען.

די פריער געוועזענע פּאַרטיי־חברים און חברטעס זענען אונטערן דרוק פון יאוש און פאַרצווייפלונג געוואָרן, דוכט זיך מיר, אַפילו פיזיש קלענער און איינגעשרומפּן, און אויך אַפילו דער ווילנער שלאָסבאַרג האָט שוין מער נישט אויסגעזען אין מיינע אויגן אַזוי הויך און מאַיעסטעטיש ווי ער האָט געהאַט אויסגעזען מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען כ'בין צום ערשטן מאָל געקומען קיין ווילנע.

אָבער די אָנגעזאַמלטע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, וועלכע איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרברויכט געוואָרן, האָט געפונען איר ריכטיקן תיקון אין דער ניי־אויפגעקומענער יידישער קולטור־באַוועגונג.

אַנשטאָט די פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע לידער, האָט מען אין די לעגאַלע קולטור־קלובן און פאַראיינען אָנגעהויבן צו זינגען די ניי־אויפגע־קומענע ליבע און לבנה־לידער (דאָס רוב אין רוסיש, ווייל יידישע ראָמאַנסן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען), און ביז היינט נאָך קלינגט אין מיינע אויערן: —

„אָטשי טשאָרניאַ,
אָטשי יאַסניאַ
אי פּרעקראַסניאַ,
קאַק סטראַדאַיו יאַ...״
קאַק ליובליו יאַ וואַס,
(און אַזוי ווייטער און ווייטער).

מיט איין וואָרט: מיר האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן צו „סטראַדאַיען״ (ליידן) צוליב אַ פּאָר שוואַרצע מיידל־אויגן, און אַרציבאַשעווס סעקסועלער ראָמאַן „סאַנין״ איז געוואָרן ווי אַ מין וועגווייזער אין דער ליבע.

ערשט דעמאָלט האָב איך מיך אַרומגעזען, אַז מיין „פּאַרטיי־כלה״ סאָניע פון בערעזין האָט דאָך אויך געהאַט שוואַרצע אויגן, אָבער איך האָב צוליב זיי לחלוטין נישט „געסטראַדאַיעט״, דאָס הייסט — נישט געליטן.

דאָס איז געווען, מסתמא, נאָר צוליב דעם, ווייל דעמאָלט האָב איך נאָך געהאַט געגלויבט, אַז רעוואָלוציע און ליבע זענען נישט קיין פּאָר קליידער, און באַוווּנדערנדיק דעם אידעאַליזם פון מיינע עלטערע צוויי ברידער (ניגערן און ווּלאַדעקן), האָט זיך מיר אויך געגלוסט צו ווערן בעסער אַן אידעאַליסט, איידער, חלילה, אַ „דאָן זשואַן״ צי אַ „סאַנין״.

געוויס וואָלט איך ווידעראַמאָל געקאָנט אויפזוכן אין ווילנע די עסע־סישע זאַקן־מאַכערקעס פון דער קאָמניצקער גאַס, וועלכע פלעגן מיט מיר גאַנץ גערן גיין אויפן שלאָסבאַרג „מחדש זיין די לבנה״ אַפילו אין די גאַנץ פינצטערע סוף־חודש נעכט, אָבער נאָך דער פליטה פון דער רעוואָלוציע איז שוין אויך אַפילו דער ווילנער שלאָסבאַרג געוואָרן פאַר מיר, ווי געזאָגט, צו־נידעריק.

איך האָב זיך שוין געהאַט דעמאָלט אַרויפגעאַרבעט אויף אַ פיל העכערן

פונקט ווי דער שלאָסבאַרג (אַ העכערן — נישט געאָלאָגיש, נאָר גייסטיק).
און דאָס איז געווען דער „סאַלאָן" פון דער חברטע אַנאַ זיבעל אויפן אונ־גאַרישן זאַאוליק (ווענגערסקי פּערעאולאָק), וועלכער האָט פאַראייניקט די פּראָלעטאַרישע נאָווגאָראָדער גאַס מיט דער באַלעבאַטיש־אַריסטאָקראַטישער גרויס פּאָהולאַנקע.

די חברטע אַנאַ זיבעל איז געווען אָפיציעל די „זיץ־רעדאַקטאָרשע" פון די כלומרשטע לעגאַלע עסעסישע זשורנאַלן „דער נייער וועג" אָדער „אונדזער וועג" (די נעמען פון די פּאַרטיי־זשורנאַלן פלעגט מען צוליב צענזור־טעמים מוזן אָפט בייטן).

צוליב דעם, וואָס אַנאַ זיבעל איז געווען אָפיציעל די רעדאַקטאָרשע פון אַ זשורנאַל, האָבן אַלע מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל געקאָנט פריי פאַרזאַמלען זיך יעדן אָוונט אין איר „רעדאַקציע"־צימער.

צווישן די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון די „עסעסישע" זשורנאַלן איז אויך געווען מיין ברודער שמואל (ניגער). און צוליב אים טאַקע בין איך אויך געוואָרן אַ בן־בית אין דעם אַנאַ זיבעל סאַלאָן, ווו איך האָב זיך געהאַט באַקענט מיט אַלע „צעקיסטן" פון דער עסעסישער פּאַרטיי.

אָבער מער פון אַלעמען האָט מיך דעמאָלט שטאַרק פאַרכאַפּט די פּער־זענלעכקייט פון בערטען, וואָס איז געווען די פּרוי פון דעם זייער גייסטרייכן און טשיקאַוון ווילהעלם בערטאָלדי (אָדער „וויליק", ווי מיר פלעגן אים רופן צווישן זיך).

אין פאַרגלייך מיט אַנאַ זיבעל צי אַפילו מיט דער חברטע אסתר פון „בונד", איז בערטע באמת געווען אַ קראַסאַוויצע און צו דער זעלבער צייט — אויך נאָך אַ חכמה, וואָס ביידע זאַכן צוזאַמען פאַסירן געוועהנלעך, גאַנץ זעלטן.

איך גלויב, אַז ס'איז נישט געווען קיין איין „צעקיסט" (מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט) פון „עסעס", וועלכער זאָל שטילערהייט נישט אונטער־זיפצן צוליב אָט דער בערטען.

איך פלעג שטילערהייט אונטערזיפצן, קוקנדיק אויף דער שלאַנקער און צאַרטער בערטען, כאָטש איך האָב נישט געהאַט אויף דעם קיין שום רעכט אפילו פון דעם עסעסישן שטאַנדפּונקט.

אמת, אויך איך פלעג אָפטמאָל פון בערטען אַריינכאַפּן אַ גלעט, אָט

דניאל טשאַרני

גלאַט אַזוי פון גוטסקייט וועגן, צי אפשר גאָר צוליב איר קורצזיכטיקייט... אָבער אויך אַפילו איר קורצזיכטיקייט האָט איר שטאַרק געפּאַסט. און קוקנ־דיק אויף אירע שוואַרץ־באַברעמטע פּייער־אויגן, פלעגט זיך מיר חלשן אויסצוזינגען פאַר איר:

„אָטשי טשאָרניאַ,
אָטשי יאַסניאַ
אי פּרעקראַסניאַ,
קאַק סטראַדאַיו יאַ...”
קאַק ליובליו יאַ וואַס,
(און אַזוי ווייטער און ווייטער).

XIX

זילבערנע אוירינגלעך

„ס'טרעפט אַמאָל, אַז קליניקייטן זענען געגוג, אַז דאָס אייגענע פאַר־גאַנגענע לעבן זאָל מיטאַמאָל אויפטויכן, בלייבן שטיין, אַרומנעמען ווי מיט ווייכע פרויען־אָרעמס און צודריקן צום האַרצן. אַמאָל קאָן עס זיין אַ פאַר־טריקנט בלעטל פון אַ בלימל אין אַ בוך, אַמאָל אַ פאַרגעלטער בריוו, וואָס מען געפינט צווישן אַלטע פאַפּירן, אַמאָל אַן אַלטע מעלאָדיע, וואָס עמיצער זינגט אויף, אַמאָל דער נאָמען פון אַ מענטשן וואָס מ'האָט געקענט".

אָט דעם דאָזיקן אַריינפיר צו מיין ווייטערדיקן קאַפּיטל האָב איך אויס־געבאָרגט ביי מיין פריינט און קאָלעגע מרדכי דאַנציס פון זיינעם אַ „לכבוד שבת" אין ניו־יאָרקער „טאָג".

יאָ, אויך ביי מיר פאַסירט גאַנץ אָפט, אַז גאַנץ קליינע „קלייניקייטן" אַנטפּלעקן פאַר מיר פּלוצלינג גאַנצע תקופות פון מיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אויך אונדזער אַלעמענס פאַרגאַנגענהייט!

אמת, כ'פאַרמאָג נישט אין מיין אַרכיוו קיין שום פאַרטריקנטע בלימל־בלעטלעך, קיין שום פאַרגעלטע בריוו פון די אור־אַלטע צייטן, ווייל אַלע מיינע אַרכיוון זענען אָדער פאַרברענט געוואָרן אָדער כ'האָב זיי פרייוויליק פאַרברענט אין די יאָרן פון מלחמות, רעוואָלוציעס און היטלער־אָקופּאַציעס.

דער איינציקער „אַרכיוו", וואָס איז מיר על־פּי צופאַל, צי על־פּי נס יאָ פאַרבליבן — איז עס מיין זכרון, וועלכער האָט נאָך פון קינדוויז אָן אַרויס־געוויזן אַ גרויסע שוואַכקייט דווקא צו די „קלייניקייטן" פון מיין דורכגע־מאַכטן לעבן.

מיין שוואַכקייט צו „קלייניקייטן" נעמט זיך, אפשר, פון דעם וואָס מיין

מאַמע פלעגט מיר קינדווייז שטענדיק אָנפּאַרטרויען אַזעלכע הויז־אַרבעטן, וואָס האָבן געהאַט צו טון טאַקע נאָר מיט קלייניקייטן.

אָט, למשל, שיט זי פאַר מיר אויס אַ פונט אַרבעס און כ׳מוז פון זיי אויסקלייבן אַלע ווערעמדיקע — אַ נישט ווערט דאָך טריף, חלילה, דאָס גאַנצע געקעכטס.

אָט דערלאַנגט מיר די מאַמע אַ זעקעלע מיט ישנע (ד״ה פּאַראַיאַריקע) פּערלגרויפּן און כ׳מוז גוט בודק זיין, צי ס׳האָבן זיך נישט, חלילה, פאַרקליבן אין די גרויפּן קיין מילבן.

(נאָך גוט, וואָס די מאַמע פלעגט מיר נישט געבן בודק צו זיין קיין מאַנע־גרויפּן, ווייל אַ מאַנע־גרויפּ און אַ מילב זענען בטבע פון דער זעלבער גרויס און פון דעם זעלבן קאָליר. צוליב דעם טאַקע עס איך נישט ביז היינט קיין מאַנע־קאַשעס).

אויך דער מאַמעס אָפּגעשפּאָרטער „אוצר״ איז באַשטאַנען פון צוואַנציק פּיטשעמאַנטשיקע זילבער „צענערלעך״ (פינף קאָפּיקענע מטבעות), וואָס אַלע אינאיינעם האָבן זיי באַטראָפן אַ גאַנצן רובל.

כ׳וואָלט אָבער קיין איין איינציקן זילבערנעם צענערל פון אָט די צוואַנציק נישט פאַרקויפט אפילו פאַר אַ גאַנצן רובל. יעדער איינער פון זיי איז מיר געוואָרן ממש איינגעבאַקן אין האַרצן. כ׳פלעג יעדן פערטן זונטיק פון חודש, ווען די מאַמע מיינע פלעגט זיין אַוועקגעפאָרן אויף אַ גאַנצן מעת־לעת צום יאַריד אין דוזשיץ — פלעג איך זיך דערקלייבן צו איר פאַרשטעקטן „אוצר״, צו די צוואַנציק זילבערנע צענערלעך. כ׳פלעג יעדן איינעם פון זיי שייערן מיט קרייד, וואַשן מיט טייך־וואַסער און קושן זיך נאָכדעם מיט די אָדלערלעך, וואָס יעדע מטבעלע האָט געהאַט אויף זיך.

(ווי איר זעט, קאָן אפילו די קלענסטע מטבעלע טראָגן אויף זיך דעם מעכטיקן ריזיקן אָדלער, וועלכער באַהערשט די הימלען, און פון דעם איז געדרונגען, אַז אַפילו די קלענסטע „קלייניקייט״, וואָס איז די גרויס נישט מער ווי אַן אַטאָם, קען שוין שפּאַלטן הימלען און חרוב מאַכן וועלטן, אָדער אויפבויען נייע!).

פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַ יאָר פינף־און־פערציק צוריק האָב איך נאָך קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז אָט די אַלע „קלייניקייטן״ פון מיינע קינדעריאָרן און פון מיין ערשטער יוגנט וועלן מיך שפּעטער באַפליגלען און דער־

הויבן צו אַ דערציילער פון פאַרשידענע מינים מעשיות און געשיכטעס, וואָס אַלע צוזאַמען שאַפן זיי די געשיכטע פון מיין דור, ווי דער אומגעקומענער פּראָפ. שמעון דובנאָוו, ז״ל, האָט עס מיר איינמאָל געהאַט געזאָגט.

און אויב כ׳האָב זיך היינט ווידער אַמאָל דערמאָנט אָן די 20 זילבערנע צענערלעך פון מיין מאַמעס „אוצר״, — איז שולדיק אין דעם די חברטע אַנאַ זיבעל פון ווילנע, וואָס איז געווען די „זיך־רעדאַקטאָרשע״ פון דעם עסעסישן זשורנאַל „דער נייער וועג״.

צוליב דעם, וואָס זי איז געווען שוואַרץ ווי אַ ציגיינערין און, מסתמא, אויך טעמפּעראַמענטפול ווי אַ ציגיינערין (איך זאָג „מסתמא״, ווייל איך פּערזענלעך בין נאָך געווען דענסטמאָל צו־יונג צו קאָנען קאָנטראָלירן איר טעמפּעראַמענט!) — האָט אָט די אַנאַ זיבעל, פון „עס־עס״ געטראָגן אַ פּאָר אוירינגלעך פון צוויי פּיטשעמאָנטשיקע זילבערנע צענערלעך, ווי ציגיינערקעס טוען דאָס געוועגלעך.

איז מיר אָט די אַנאַ זיבעל, שוין צוליב אירע אוירינגלעך אַליין, באַלד געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן, ווייל עס האָט זיך מיר שטענדיק געדאַכט, אַז די צוויי זילבערנע צענערלעך, וואָס באַאַדלערן אירע אויערן, שטאַמען פון מיין מאַמעס „אוצר״, וועלכער איז איינמאָל, ערב אַ יאַריד, פּלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אונדזער קאַמאָד (די מאַמע האָט זיי פּראָסט־פּשוט נויטיק געהאַט אויף דער הוצאה...).

האָט זיך מיר טאַקע נישט איין מאָל שטאַרק געגלוסט צו צעקושן זיך כאָטש מיט אַנאַס אוירינגלעך, אָבער מיכאַאיל ראַשקעס איז געווען בילכער.

דער „חבר מיכאַאיל״, ווי מען פלעגט אים דענסטמאָל רופן, איז געווען איינער פון די הויפּט־טוער פון דעם עסעסישן צענטראַל־קאָמיטעט, אָבער אַזוי ווי ער איז שוין געווען שטילערהייט פאַרליבט אין דער שוואַרצחנעוודיקער אַנאַ זיבעל — פלעגט ער זיך זעלטן ווען באַטייליקן אין די גאַר הויכע דיסקוסיעס, וואָס די אַנדערע צעקיסטן פון „עס־עס״ פלעגן שטענדיק פירן צווישן זיך.

די הויפּט־דיסקוטאַנטן פון דעם דעמאָלסטיקן צענטראַל־קאָמיטעט פון „עס־עס״ זענען געווען משה ליטוואַקאָוו און, אים צו לאַנגע יאָר, דער „חבר דאַוווע״ (אָדער ד. לוואָוויטש — דער שפּעטער־געוואָרענער הויפּט־טוער פון דעם צענטראַלן „אָרט״־פאַרבאַנד).

משה ליטוואַקאָוו איז געווען נידעריק און דאַר, ווי אַ שפּענדל, בעת דער חבר דאווע איז געווען, פּונקט פאַרקערט, זייער הויך און קאָרפּולענט, ווי עוג מלך הבשן.

ווען דיביידע פלעגן אָנהויבן צו אַמפּערן זיך וועגן דער טעריטאָריעלער פראַגע בכלל, צי וועגן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס בפרט — פלעג איך קיינמאָל נישט קאָנען קלוג ווערן, צי די עס־עסישע טעאָריע גייט באַרג־אַרויף (פון ליטוואַקאָוון צו דאַווען), אָדער זי גייט באַרג־אַראָפּ (פון דאַווען צו ליטוואַקאָוון)?

דאַווע (לוואָוויטש) האָט געשטאַמט פון זייער פאַרמעגלעכע עלטערן און צוליב דעם, אפשר, איז ער נישט געווען אַזוי שטאַרק דורכגעדרונגען מיט דעם „קלאַסן־קאַמף”, ווי דאַס איז געווען משה ליטוואַקאָוו, וועלכער האָט געשטאַמט פון אָרימע עלטערן.

דאַווע לוואָוויטש האָט גוט באַהערשט נאָר איין און איינציקע שפּראַך — רוסיש, בעת משה ליטוואַקאָוו האָט אויסער רוסיש אויך גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש, האָט אויך גוט געקענט די אַלטע און נייע העברעאישע ליטעראַטור און ער איז בכלל געווען אַ בקי און אַ חריף אין אַלע מאַרקסיסטישע און אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריעס.

על פּי שכל און על פּי יושר האָט געדאַרפט סוף כל סוף זיגן דער קליינער און דאַרער ליטוואַקאָוו, וועלכער האָט ווירקלעך געהאַט אַן אָפענעם קאָפּ פאַר אַלע וויכטיקסטע וועלט־פּראָבלעמען, אָבער זיין טראַגישער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז עס זאָל זיך באַקומען פּונקט פאַרקערט.

***

ד. לוואָוויטש איז באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געוואָרן אַ פּאָליטישער עמיגראַנט אין בערלין, ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ניי־אויפגעקומענער „אָרט”־באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אומצושיכטן די דעקלאַסירטע יידישע עלעמענטן פון מזרח־אייראָפּע אין גוט־געשולטע בעלי־מלאכות, בשעת משה ליטוואַקאָוו איז אומגעקומען פון דער זעלבער רעוואָלוציע, פאַר וועלכער ער האָט אַ לעבן־לאַנג געקעמפט.

דעם זעלבן טראַגישן גורל, ווי משה ליטוואַקאָוו האָט אויך געהאַט דער אויבנדערמאָנטער מיכאַאיל ראַשקעס.

אין די יאָרן פון דער צאַרישער רעאַקציע האָט דער „חבר מיכאַאיל" זיך אָפּגעטראָגן קיין פּאַריז.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט ראַשקעס פּרייוויליק וואָלונטירט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, כדי צו העלפן פראַנקרייך, ענגלאַנד און רוסלאַנד צו באַזיגן דאָס יונקערישע דייטשלאַנד.

באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך ראַשקעס אומגעקערט קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, אָבער שוין נישט אַליין, נאָר טאַקע מיט דער חברטע אַנאַ זיבעל, מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט, און ער איז, פּונקט ווי ליטוואַקאָוו, געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי אויך — אַן אָנגעזעענער פירער פון דער אַזוי גערופענער „יעווסעקציע".

און ווי אַ געוועזענער עסעסאָוויעץ איז ראַשקעס געוואָרן, פאַרשטייט זיך, אַ פאַרברענטער חסיד פון בירָאָבידזשאַן.

אין קלייניקייט! אַ יידישע טעריטאָריע אין סאָוויעט־רוסלאַנד גופא!

האָט אים טאַקע די סאָוויעט־רעגירונג געהאַט באַשטימט פאַר דעם הויפּט־בויער פון דער צוקינפטיקער יידיש־סאָוויעטישער רעפּובליק.

האָט מיכאַאיל ראַשקעס שוין מעשה „אַמבאַסאַדאָר" פון בירָאָבידזשאַן געהאַט באַזוכט אַמעריקע, דייטשלאַנד און ליטע.

אין אַמעריקע האָט ראַשקעס געקליבן דאָלאַרן פאַר בירָאָבידזשאַן, אין דייטשלאַנד האָט ראַשקעס געקליבן דערפאַרונג אין דער מאָדערנער בוי־טעכניק און אין ליטע האָט ראַשקעס געקליבן „חלוצים" פאַר בירָאָבידזשאַן.

וואָלט דאָך געווען גוט, ווען מען „ליקווידירט" אים נישט פּלוצלינג פּונקט אַזוי אומגעריכט און אומגערעכט, ווי מען האָט געהאַט ליקווידירט די פריערדיקע און די שפּעטערדיקע „אַמבאַסאַדאָרן" פון בירָאָבידזשאַן...

מער נישט די פרוי זיינע, אַנאַ זיבעל, איז געשטאָרבן אין בירָאָבידזשאַן מיט אַ נאַטירלעכן טויט און כ'בין זייער נייגעריק צו וויסן, ווער עס טראָגט איצטער אירע אוירינגלעך פון די צוויי פיטשעמאָנטשיקע זילבערנע צענערלעך?

איך וואָלט פאַר די דאָזיקע אוירינגלעך אָפּגעגעבן איצטער אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן (די צווייטע העלפט פון מיין פאַרמעגן האָב איך נויטיק אויף צו קויפן אוירינגלעך פאַר מיינע דריי אייניקלעך, זאָלן געזונט זיין, ווען זיי וועלן, אי״ה, ווערן כלות).

אויך אַ פּאָר אַנדערע גאָר ערשטע צעקיסטן פון „עס־עס״, וועלכע פלעגן זיין אָפטע געסט ביי דער „זיץ־רעדאַקטאָרשע״ אַנאַ זיבעל, האָבן גאַנץ טראַגיש פאַרענדיקט זייערע בונטע־בונטאַרישע לעבנס.

איינער פון זיי איז געווען דער באַרימטער רעדנער „דאַניעלי״ (ד״ר יוסף טשערניכאָוו), וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן „ליקווידירט״ אין דעם ערשטן יאָר פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער צווייטער איז געווען זלמן מייזנער אָדער „זלמן בורזשוי״, ווי מען פלעגט אים רופן אין די יאָרן 1905—1908, ווייל ער פלעגט שטענדיק טראָגן אַ סאַמעטענעם רעקל פון זאַמד־קאָליר און ער איז טאַקע געווען דער „פינאַנץ־מיניסטער פון דער עס־עסישער פאַרטיי.

אַט דער דאָזיקער שטילער און גוטמוטיקער זלמן מייזנער האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאָלפן אויפבויען אין פוילן און אין פראַנק־רייך די ניי־אויפגעקומענע טערייטאָריאַליסטישע „פריילאַנד״־באַוועגונג, אָבער אים אַליין איז נישט באַשערט געווען זיך אַרויפצואַרבעטן אפילו אויף אַזאַ מין קליין שטיקעלע „טעריטאָריע״, אויף וועלכער יעדער מענטש איז באַרעכטיקט נאָך זיינע 120 יאָר...

זלמן מייזנער איז אומגעקומען ערגעץ־ווו אין ווילנע, צי אין ביאַלי־סטאָק און אויך זיין קבר וועט פאַרבליבן אָן אַ מצבה, ווי מצבהלאָז עס זענען די קברים פון זיינע מיטקעמפער „דאַניעלי״־טשערניכאָוו, משה ליטוואַקאָוו און מיכאַאיל ראַשקעס.

מער נישט איינער פון די אַמאָל געוועזענע צעקיסטן פון „עס־עס״ — סאַניע כורגין פון קיעוו, וועלכער איז אויך געוואָרן אַ קאָמוניסט, איז אומ־געקומען, קען מען זאָגן, מיט אַ נאַטירלעכן טויט — ער איז, נעמלעך, ווי אַ פאַרטרעטער פון דער סאָוועט־רעגירונג אין ניו־יאָרק דערטרונקען געוואָרן ביים באָדן זיך אין לאָנג־איילאַנד...

כ׳האָב פון זיי אַלעמען זייער אַ סך געלערנט. איך פלעג זיי אַלעמען גאַנץ אָפט באַגעגענען אין דעם „סאַלאָן״ פון אַנאַ זיבעל אויף דעם „ווענ־

גערסקי פערעאולעק״ נומער 12 אין ווילנע און ווי נאַר כ׳פלעג פאַרטיק ווערן מיט מיינע קוראַציעס ביי דעם דאָקטאָר סווידערסקי — פלעג איך זיך אַוועקלאָזן צום „סאַלאָן״ פון אַנאַ זיבעל, ווי אַ פרומער ייד אין שול אַריין, כדי אַריינצוכאַפּן בין מנחה למעריב נאָך אַ קאַפּיטל „עין יעקב״, צי נאָך אַ פרק משניות.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס איך בענק נאָך ביז היינט נאָך אַנאַ זיבעלס זילבערנע אוירינגלעך, וואָס זייערע פּיטשעמאַנטשיקע פינף־קאָפּיקענע אָדלערלעך האָבן אויך מיך באַפליגלט און דערהויבן ביז צום זיבעטן הימל, ווו כ׳לעב איצטער איבער נאָך אַמאָל די אַלע „קליייניקייטן״ פון מיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אויך די פאַרגאַנגענהייט פון מיין וווּנדער־לעכן דור.

XX

מײן דאָקטאָר עצהט מיך צו װערן אַ שרײַבער

צו מײן ד״ר סװידערסקי אין װילנע האָב איך געהאַט גרױס צוטרוי. איך פלעג אים פאַרטרויען נישט נאָר מײנע קרענק, נאָר מײן גאַנצענעם לײב־ און לעבן (אַ חוץ, פאַרשטײט זיך, די קאָנספּיראַטיװע פּאַרטײ־ ענינים).

כ׳האָב זײער ליב געהאַט צו הערן זײנע האַלב־מעדיצינישע און האַלב־ פילאָסאָפישע אָנװײזונגען, װי איך זאָל זיך צופּאַסן צום לעבן.

— צוליב דײנע קרענק — מוזטו זיך אויסקלײַבן אַ װעלכן־נישט־איז אינטעליגענטנעם באַרוף — האָט צו מיר דער דאָקטאָר אײנמאָל אַ זאָג געטון.

— װאָס הײסט בײ אײך אַן אינטעליגענטנער באַרוף? — בין איך געװאָרן נײגעריק צו װיסן.

— זאָגן מיר, אַ בוכהאַלטער, צי „שרײבער״ אין אַ װעלכער־נישט־איז קאַנצעלאַריע. דאָס פאָדערט נישט קײן פיזישע אָנשטרענגונג! — האָט מיר דער דאָקטאָר סװידערסקי דערקלערט זײן קוק אויף מײן צוקונפט.

— מײנט איר דען, הער דאָקטאָר, אַז מיר איז נאָך כדאי צו לערנען אַ װעלכן־נישט־איז באַרוף, אַז איך האָב נאָך, הײסט עס אַ װעלכע־נישט־איז צוקונפט?

— װאָס פרעגסטו מיך אַזעלכע נאַרישע שאלות! — איז דאָקטאָר סװידערסקי געװאָרן ברוגז.

— איר האָט דאָך מיר אַלײן געזאָגט, הער דאָקטאָר, אַז מײן קרענק קען יעדן טאָג אַריבערשפּרינגען פון דער האַנט צום געזיכט און דעמאָלט װעל איך, לײדער, מוזן איזאָלירט װערן פון דער געזעלשאַפט. צוליב

דעם טאַקע האָט איר מיר געעצהט צו פאָרן וואָס גיכער קיין ווין, ווו עס איז שוין פאַראַן אַזאַ מין געשלאָסענער הייל־אַנשטאַלט פאַר אַזעלכע קראַנקע, ווי איך.

— טעאָרעטיש איז דאָס טאַקע מעגלעך — האָט מיך שוין דער דאָקטאָר אָנגעהויבן צו טרייסטן, — אָבער אָט לעבסטו דאָך שוין מיט דיין קרענק באַלד צוואַנציק יאָר און זי פּראָגרעסירט נישט ווייטער, ווי באַלד אַזוי — דאַרפסטו שוין אָנהייבן צו טראַכטן וועגן עפּעס אַ תכלית... נישט אַזוי, מיין זון? (ווען ד״ר סווידערסקי פלעגט זיין צו מיר גוט אויפגעלייגט — פלעגט ער מיך שטענדיק רופן „מיין זון״).

— ווען כ׳וואָלט געטראַכט וועגן אַ תכלית, הער דאָקטאָר, וואָלט איך דאָך געקענט פאָריקן זומער חתונה האָבן אין בערעזין מיט איינער אַ שניידערקע, וועלכע וואָלט מיך אויסגעהאַלטן, ווי אַ פּריץ!

— איז זי דען אַזוי רייך, די שניידערקע — איז מיין דאָקטאָר געוואָרן נייגעריק.

— רייך איז זי נישט, אָבער זי איז אַ גוטע פאַרדינערקע, הער דאָקטאָר!

— איז פאַרוואָס האָסטו מיט איר נישט חתונה געהאַט, מיין זון?

— ווייל זי האָט מיך צופיל ליב, הער דאָקטאָר!

— פון וואַנען ווייסטו, זון מיינער, וואָס עס הייסט אין דער ליבע צופיל אָדער צו ווייניק? — האָט שוין דער דאָקטאָר אָנגעהויבן מיט מיר צו פילאָזאָפירן.

— אמת טאַקע, ס׳איז נאָך פאַרלויפיק נישטאָ אַזאַ מין גראַדוסניק, מיט וועלכן מען זאָל קענען מעסטן די טעמפּעראַטור פון אַ ליבע, אָבער ווען אַן אומשולדיקע יידישע טאָכטער הענגט זיך אָן אויף דיר מיט איר גאַנצן לייב־ און לעבן און יעדער אבר אירער האַלט צו דיר אין איין שרייען טאָג און נאַכט: „רק דו, נאָר דו״ און ווידער אַמאָל „דו״ און „דו״ — קען מען פון דעם פּראָסט־פּשוט משוגע ווערן! — בין איך שוין אַרויסגעפאָרן מיט אַ גאַנצער מליצה וועגן דער אומגליקלעכער סאָניען, מיט וועמען די בערעזינער עסעסאָווצעס האָבן מיך געהאַט צונויפגעפאָרט צוליב רייך־קאָנספּיראַטיווע פאַרטיי־צוועקן.

— אַ ווו האָסטו דאָס אויסגעלייענט די אַלע פיינע ווערטער? — האָט מיך דער דאָקטאָר פּלוצלינג איבערגעשלאָגן.

— כ׳האָב זיי אין ערגעץ נישט אויסגעלייענט, הער דאָקטאָר, כ׳ווייס עס אַלץ פון מיין אייגענער דערפאַרונג...

— צי דען האָסטו שוין אַזוי פיל ליבע־דערפאַרונגען? — איז מיין דאָקטאָר געוואָרן נייגעריק.

— יע, הער דאָקטאָר, נישט געקוקט אויף מיינע קאָרגע צוואַנציק יאָר, האָב איך שוין זייער אַ סך ליבע דערפאַרונגען, אָבער שולדיק אין דעם זענען מיינע עלטערע צוויי ברידער, וואָס זענען שוין געוואָרן באַרימט אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פון רייסן, ליטע און פּוילן.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָבן דיינע עלטערע ברידער צו דיינע ליבעס? — איז שוין מיין דאָקטאָר ווידער אַמאָל געוואָרן נייגעריק.

— קיין דירעקטע שייכות צו מיינע ליבעס האָבן זיי טאַקע נישט, אָבער אַן אומדירעקטע — יע! — האָב איך שוין אָנגעהויבן מסביר צו זיין פאַר מיין דאָקטאָר דעם שכל פון מיין דערפאַלג ביי פרויען.

— אַזוי ווי מיינע עלטערע צוויי ברידער זענען געוואָרן באַוווּסטע רעדנערס און שרייבערס — איז דאָך גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַרום זיי זאָלן זיך שטענדיק אַרומדרייען פאַרשידענע מינים זיפּצערקעס מיט פאַרליבטע אויגן. אַזוי ווי אָבער מיינע ברידער לעבן אַן אומלעגאַלן לעבן אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָנימען און זיי בייטן גאַנץ אָפט זייערע אַדרעסן — קומען זיי צו מיר, די דאָזיקע זיפּצערקעס, נאָכפרעגן זיך אויף מיינע ברידער און ביני־לביני שיקן זיי איבער דורך מיר אַלע זייערע בעסטע סענטימענטן און געפילן צו מיינע עלטערע ברידער...

— זיי קושן מיך, זיי האַלדזן מיך, און כאָטש איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אָט די אַלע צערטלעכקייטן געהערן נישט צו מיר פּערזענלעך, אָבער דאָך איז מיר גאַנץ אָנגענעם צו זיין דער קאָלעקטאָר פון אַזעלכע נישט דערליבטע ליבעס...

— ווייסן פון דעם דיינע עלטערע ברידער? — האָט מיך דער דאָקטאָר פּלוצלינג איבערגעשלאָגן.

— ניין, הער דאָקטאָר, זיי ווייסן נישט פון דעם, ווייל וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן שעם איך זיך מיט זיי צו רעדן.

— דאָס זענען ביי דיר „נאַרישקייטן"? — האָט דאָקטאָר סווידערסקי אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע צוויי גרויסע און געדיכט־באַברעמטע אול־טראַ־וויאָלעט־אויגן.

— כ'מיין, אַז צו ליבע דאַרף מען נישט קיין שום חכמה! אפילו חיות און עופות ווייסן אויך פון דעם.

— ווען מענטשן וואָלטן געוועז געווען גענוג קלוג צו פירן זייערע ליבעס, ווי דאָס טוען חיות און עופות — וואָלט איך דעמאָלט פאַרבליבן אָן פּראַק־טיקע... — האָט דאָקטאָר סווידערסקי איראָניש אַ שמייכל געטון.

— ניינציק פּראָצענט פון אַלע מיינע פּאַציענטן און פּאַציענטקעס זענען ווענעריש־קראַנקע, און לויט מיינע דערפאַרונגען האָב איך שוין געהאַט גענוג גרונט צו ווערן אַ ציניקער, אָבער דאָך בין איך פאַרבליבן אַ ראָמאַנטיקער, ווייל איך ווייס, אַז אפילו יעטוועדע גאַסן־פרוי האָט איר אַלפאָנס, האָט הייסט עס איר געליבטן, וועגן וועלכן זי הערט נישט אויף צו טראַכטן, אפילו ווען זי פאַרקויפט זיך צו אַנדערע מענער.

— נאָך מערער! — האָט דער באַרעדעוודיקער דאָקטאָר סווידערסקי באַלד צוגעגעבן — איך ווייס אפילו, אַז אייניקע פּאַציענטקעס מיינע זע־נען געוואָרן גאַסן־פרויען נישט נאָר צוליב דער נויט אַליין! זיי שטאַמען דווקא פון באַלעבאַטישע היימען. האָט זיך איינע פון זיי געוואָלט נוקם זיין אין איר געליבטן, וועלכער האָט אויסגענאַרט איר אומשולד און ר'איז פאַרשוווּנדן; אַ צווייטע פון זיי האָט זיך אָנגעלייענט מיט די פאַרשידענע מינים פּאָרנאָגראַפישע ביכער אַ־לאַ־„סאַנין", וואָס איז איצטער שטאַרק אין דער מאָדע, און אַ דריטע פון זיי האָט געוואָלט אָפּטון אירע עלטערן, אַלמאי זיי האָלטן זי ווי אויף אַ קייט, היטנדיק איר אומשולד, וועלכע זי האָט שוין פאַרלוירן נאָך זייענדיק אַ גימנאַזיסטקע...

— ווי דו זעסט, מיין זון, זענען אויך אפילו די וועגן צו דער פּראָס־טיטוציע גאַנץ פאַרשידנאַרטיק, און דעריבער זאָג איך דיר, אַז ווען דו באַגעגנסט אַמאָל אַ גאַסן־פרוי — זאָלסטו נישט אַנטלויפן פון איר מיט עקל אויף דעם צווייטן טראָטואַר, נאָר זאָלסט אויך צו איר אַרויסווייזן מיטגעפיל, ווייל זי איז אַ קרבן פון שלעכטער דערציאונג, צי פון אַ שלעכ־טער דערפאַרונג, און מען דאַרף זי היילן נישט נאָר מיט קוועקזילבער אַליין, נאָר אויך מיט גוטסקייט און פאַרשטענדעניש.

— איך פיל נישט, חלילה, קיין שום עקל צו אייערע פּאַציענטקעס, הער דאָקטאָר — האָב איך אָנגעהויבן ווי צו פאַרענטפערן זיך, אדרבה, כ׳בין צו זיי שטענדיק געגנוג אויפמערקזאַם און געדולדיק, ווען מיר קומט אויס צו באַשטראָלן זיי (אויב איר געדעקט, האָט מיך ד״ר סווידערסקי געמאַכט פאַר זיינעם אַן אַרויסהעלפער ביים באַשטראָלן זיינע פּאַציענטן).

— איך מאַך דיר נישט, חלילה, קיין שום פאַרוואָרף וועגן דיין באַציאונג צו מיינע פּאַציענטקעס. אדרבה, זיי זענען שטאַרק צופרידן סיי מיט דיין פּינקטלעכקייט און סיי מיט דיין שעמעוודיקייט. זיי קלאָגן זיך אפילו, אלמאי דו נעמסט נישט ביי זיי קיין טרינקגעלטער („טיפּס״), אָבער מיט דעם היינטיקן שמועס וויל איך נאָר אַרויסברענגען דעם געדאַנק, אַז פּונקט ווי געוויסע באַרופן רופן אַרויס ספּעציעלע קרענק, אַזוי אויך רופן אַרויס געוויסע קרענק ספּעציעלע באַרופן.

— ווען דאָסטאָיעווסקי, זאָגן מיר, וואָלט נישט געווען קיין עפּילעפּטי־קער און ווען טשעכאָוו, זאָגן מיר, וואָלט נישט געליטן פון שווינדזוכט — וואָלטן, אפשר, דיביידע נישט געוואָרן קיין וועלט־באַרימטע שריפט־שטעלער.

— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס, הער דאָקטאָר?

— כ׳מיין, אַז אויך דו מוזט זיך באַצייטנס צוגרייטן צו אַזאַ מין באַרוף, וועלכן דו זאָלסט קענען אויספילן אפילו קראַנקערהייט אויך!

— מיינט איר דען, הער דאָקטאָר, אַז אויך איך קען ווערן אַ שרייבער? — בין איך געוואָרן שטאַרק צעטומלט פון ד״ר סווידערסקיס מאָדנעםביישפּיל.

— ווען דו זאָלסט באַשרייבן די ליבע פון דיין קליינשטעטלדיקער שניידערקע פּונקט אַזוי גוט, ווי דו האָסט עס מיר איצטער דערציילט, אָדער ווען דו באַשרייבסט, ווי אַזוי דו ביסט געוואָרן, ווי דו זאָגט, „דער קאָלעקטאָר פון נישט־דערליבטע ליבעס״ — וואָלט עס געווען זייער אינ־טערעסאַנט און באַלערנדיק! די צייטונגען און זשורנאַלן זוכן איצטער אַזאַ מין מאַטעריאַל!

— מיר איז גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, הער דאָקטאָר, אַז מען קען און מען מעג באַשרייבן די אייגענע ליבעס!

— און וואָס האָט געטון טאָלסטאָי, און וואָס האָט געטון מאָפּאַסאַן! — האָט מיך דער דאָקטאָר איבערגעשלאָגן.

בין איך זיצן געבליבן אין זיין קאַבינעט אַ צעטומלטער, נישט וויסנ־דיק אַליין, צי דער דאָקטאָר מיינער טרייבט פון מיר שפּאָס אָדער ער מיינט עס טאַקע ערנסט?

— איך וואָלט דיר געעצהט — האָט דער דאָקטאָר באַלד צוגעגעבן, אַז דו זאָלסט איבערלייענען דאָס בוך פון דעם פּראָפעסאָר אויגוסט פאָרעל וועגן דער סעקסועלער פראַגע, אָדער „פּאָלאָוואָי וואָפּראָס", ווי עס הייסט אין רוסיש, און דעמאָלט וועלן פאַר דיר קלאָר ווערן אַ סך זאַכן, וועלכע וועלן דיר שטאַרק צוניץ קומען.

— איך וועל זען קריגן דאָס דאָזיקע בוך! — האָב איך דעם דאָקטאָר באַרואיקט, ווי איך וואָלט אים געטון דערמיט אַ פּערזענלעכע טובה, און מיט דעם דאָזיקן צוזאָג מיינעם האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער אומגעו־ריכטער שמועס וועגן דער סעקסועלער פראַגע, וועלכע איז נאָך דעם דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע ווירקלעך געוואָרן זייער אַקטועל.

בין איך פון דעם דאָקטאָר סווידערסקי אַוועק אין דער סטראַשון־ביבליאָטעק, וווּ איך בין שוין געווען אַ בן־בית און כ'האָב אַ פרעג געטון דעם ביבליאָטעקער חייקל לונסקי, ז"ל, צי קען ער מיר נישט געבן אויגוסט פאָרעלס „סעקסועלע פראַגע"?

ווען חייקל לונסקי האָט דערהערט, וואָס איך ווינטש — איז ער פּלוצלינג רויט געוואָרן ביז אונטער זיין שוואַרצער באָרד אַריין, און האַלב־שטאַמלדיק האָט ער מיר דערקלערט, אַז דאָס דאָזיקע בוך וועל איך קענען באַקומען נאָר אין סירקינס ליי־ביבליאָטעק, וואָס אויף דער ברייטער גאַס.

האָב איך שוין געוואָלט גיין אין סירקינס ליי־ביבליאָטעק, אָבער פּלוצלינג האָט זיך חייקל לונסקי דערמאָנט, אַז ער האָט פאַר מיר אַ בריוועלע.

ס'איז געווען אַ צעטעלע פון פייגעלע סטראַשון (אַן אייניקל פון דעם באַרימטן ר' מתתיהו סטראַשון, וואָס האָט די ביבליאָטעק געגרינדעט).

פייגעלע זאָגט מיר אָן די גוטע בשורה, אַז מיין ברודער ברוך, וואָס איז געקומען קיין ווילנע נאָר אויף איין טאָג, געפינט זיך ביי זיי אין

הויז, און „היינט ביינאַכט" (ס'איז געווען דעם 31סטן דעצעמבער, 1906) וועט מען ביי זיי באַגעגענען דאָס נייע יאָר. כ'זאָל אומבאַדינגט קומען!

פאַר גרויס פרייד וואָלט איך זיך דעמאָלט צעקושט אפילו מיט דעם זייער שעמעוודיקן חייקל לונסקי, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט צוליב מיין „סעקסועלער פראַגע".

אַזוי ווי די דאָזיקע ניי־יאָר־נאַכט פון 1907 איז שפּעטער געוואָרן אַ גאַנץ וויכטיקע דאַטע אין מיין לעבן — וועל איך זי באַשרייבן אין אַ ספּעציעלן קאַפּיטל.

XXI

דער ליטעראַרישער סאַלאָן

אויב איך בין צוליב מיין עס־עסישן ברודער שמואל (ניגער) געוואָרן אַ בן־בית אין דעם פּאָליטישן „סאַלאָן" פון דער חברטע אַנאַ זיבעל אויף דעם וועגגערסקי זאַווּליק נומער 12, בין איך צוליב מיין בונדישן ברו־דער ברוך (וולאַדעק) געוואָרן אַ בן־בית אין דעם ליטעראַרישן סאַלאָן פון די סטראַשונס אויף דער זאַוואַלנער גאַס.

אין דעם עס־עסישן סאַלאָן פון דער חברטע אַנאַ זיבעל, האָב איך זיך געהאַט באַקענט מיט אַלע קאָריפייען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישער באַוועגונג, אָנהויבנדיק פון דעם הויפּט־טעאָרעטיקער און פירער ד"ר נחמן סירקין, ע"ה, ביז דעם סאַמע יינגסטן אָראַטאָר־פּראָפּאַגאַנדיסט „אַראָנטשיק טשענסטאָכאָווער", וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער גוט־באַ־קאַנטער ד"ר א. סינגאַלאָווסקי, וועלכער פירט אָן מיט דעם צענטראַלן „אָרט"־פאַרבאַנד.

אָבער אין דעם ליטעראַרישן סאַלאָן פון סטראַשון־מאַזאָ (מאַזאָ, אַן אײדעם פון די סטראַשונס, איז שפּעטער געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער „ווילנער טרופּע") — האָב איך זיך געהאַט באַקענט מיט די וויכטיקסטע שרייבערס און טוערס פון דער ניי־אויפגעקומענער יידישער ליטעראַטור, אָנהויבנדיק פון ליפּמאַן לעווינזאָן, ע"ה, וואָס איז שוין געווען דעמאָלט כמעט אַ קלאַסיקער ביז, אים צו לאַנגע יאָר, דוד איינהאָרן, וואָס האָט נאָך געהאַט דעמאָלט געשריבן פּראָלעטאַרישע לידער פאַר די בונדישע אויס־גאַבעס.

אויך מיין ברודער ברוך איז שוין געווען דעמאָלט מער ליטעראַט, ווי פּאַרטיי־פירער, כאָטש ער האָט נאָך געהייסן „דער צווייטער לאַסאַל".

ער האָט צו יענער צייט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אין דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" עטלעכע קריטיק־אַרטיקלען אונטער דעם טיטל „בלייפעדער־נאָטיצן", וועלכע ער האָט אונטערגעשריבן מיט דעם גאַנץ נייעם פסעוודאָנים „באַנטשע שווייגס אייניקל".

סיי די „בלייפעדער"־אַרטיקלען גופא און סיי דער פסעוודאָנים האָבן שטאַרק פאַראינטריגירט י. ל. פּרצן, ז"ל, וועלכער האָט זיך געווענדט צו דער „פאָלקס־צייטונג" אין ווילנע מיט דער בקשה, אַז די רעדאַקציע זאָל פאַר אים אַנטפּלעקן, אויב נאָר ס'איז מעגלעך, דעם אמתן נאָמען פון דעם ניי־אויפקומענדיקן שטערן אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק.

צי די רעדאַקציע פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" האָט דעמאָלט אַנטפּלעקט פאַר י. ל. פּרצן דעם אמתן נאָמען פון „באַנטשע שווייגס אייניקל", אָדער נישט — איז מיר אומבאַקאַנט.

איך געדענק נאָר, אַז פּרצס אינטערעס צו מיין ברודער ברוכס ליטעראַרישע פעליעטאָנען האָבן שטאַרק געהויבן זיין שרייבערישן פּרעסטיזש און צוליב דעם, אפשר, פלעגט ער זיינע פרייע שעהען אין ווילנע פאַרברענגען בעסער אין דעם ליטעראַרישן סאַלאָן פון די סטראַשונס, איידער אין די האַלב־לעגאַלע בונדישע קרייזן.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל, אַ דאַנק מיין ברודערס איניציאַטיווע, אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם דאָזיקן „סאַלאָן" — האָב איך זיך באַלד איבערגעצייגט, אַז ס'איז ווירקלעך כדאי צו ווערן בעסער אַ שרייבער איידער אַ פּאַרטיי־טוער.

איבערצייגט אין דעם האָט מיך תיכף ומיד פייגעלע סטראַשון, וועלכע האָט מיך די ערשטע מקבל פנים געווען מיט אירע הייסע, שטיפערישע אויגן און מיט אַזאַ מין האַרציקן שמייכל, וואָס זאָגט צו און פאַרפירט!

דאָס איז פאָרגעקומען אין דער ניי־יאָר־נאַכט פון 1906 אויף 1907.

אויב איר געדענקט, פלעגט מען אין דעם צאַריש־פּראַוואָסלאַוונעם רוסלאַנד באַגעגענען דאָס נייע יאָר „לויטן אַלטן סטיל", ד"ה, מיט 13 טעג שפּעטער, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פון גאָר דער וועלט.

דאָס איז, מסתמא, צוליב דעם, ווייל דער אַלט־רוסישער קאַלענדאַר פלעגט אָפּשטיין פון דעם וועלט־קאַלענדאַר אויף קאַרגע צוויי וואָכן.

צוליב דער זעלבער רוסישער אָפּגעשטאַנענקייט פלעגט מען אויך יע־

זוסעס געבורטסטאָג („קריסטמעס״) פייערן מיט דרייצן טעג שפּעטער, ווי אין אַלע אַנדערע קריסטלעכע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע, אָבער מיט דער אַזוי גערופענער „ראָזשדעסטוואָ״־חגא פלעגן די רוסישע יידן זיך קיינמאָל נישט פרייען, ווי דאָס טוען איצטער אַ סך אַמעריקאַני־זירטע יידן מיט דעם אַזוי גערופענעם „קריסטמעס״...

די רוסישע יידן פון דעם תחום המושב האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז גראָד אין יענעם הייליקן טאָג איז יעדער קריסט אַזוי שטאַרק פאַרקלויס־טערט און פאַרשיכורט פון יעזוסעס געבורט און פון זיין ווידערגעבורט, אַז ער איז גרייט געוועזן צו שלאָגן יעדן יידן.

מען דערציילט אפילו אַן אַנעקדאָט, אַז ווען איינער אַ ייד האָט אָנגע־קלאָגט אַן אומבאַקאַנטן קריסט, הלמאי ער האָט אים צעמזיקט אין דעם טאָג פון „ראָזשדעסטוואָ״ — האָט זיך דער קריסט פאַרטיידיקט דערמיט, אַז ווי באַלד יידן האָבן געקרייציקט יעזוסן — האָט ער דערפאַר געמוזט צעמזיקן כאָטש איינעם אַ יידן!

— דאָס איז דאָך אָבער פאַרגעקומען מיט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק! — האָט אים דער ריכטער איבערגעשלאָגן.

— ס׳איז טאַקע פאַרגעקומען מיט יאָרן צוריק, אָבער איך האָב זיך פון דעם אָקאָרשט דערוווּסט, הער ריכטער! — האָט דער פאַרקלויסטערטער קריסט אַן ענטפער געטון.

(ליידער זענען נאָך ביז איצט פאַראַן אַ סך אַזעלכע קריסטן, וועלכע דערוויסן זיך ערשט פון זייערע גלחים אין די קלויסטערס, אַז יידן האָבן כלומרשט געקרייציצט יעזוסן און זיי ווערן פון דעם מלא רציחה).

אָבער באַלד נאָך די „ווינאַכטן״ (אָדער „קריסטמעס״) קומט אָן די צעהוליעטע ניי־יאָר־נאַכט, וואָס אויך יידן האָבן זי שוין געמעגט באַנעצן מיט עטלעכע כוסות.

אַ באַזונדערס גרויסן אינטערעס צו די ניי־יאָר־פייערונגען פלעגן אין רוסלאַנד אַרויסוויזן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, ווייל אונטער דער מאַסקע פון אַ שיכורער ניי־יאָר־נאַכט פלעגט מען קענען דורכפירן גע־היימע וויכטיקע זיצונגען אָדער אפילו קאָנפערענצן.

אין די שטעטלעך, וואָס פלעגן ליגן האַרט ביי די גרענעצן צווישן רוסלאַנד מיט דייטשלאַנד אָדער צווישן רוסלאַנד מיט עסטרייך, פלעגט

מען אין דער ניי־יאָר־נאַכט זייער לייכט קענען דורכשמוגלען אומלעגאַלע ליטעראַטור, געווער אָדער אַריבערשמוגלען פון רוסלאַנד קיין אויסלאַנד וויכטיקע פערזענלעכקייטן, וואָס די צאַרישע פּאָליציי האָט זיי געהאַט אַרומגעזוכט איבערן גאַנצן לאַנד.

נעמען מיר, למשל, אַזעלכע צוויי גרענעץ־שטעטלעך, ווי ווערזשבאָ־לאָווע און איידקונען.

ווען אין ווערזשבאָלאָווע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער רוסישער זייט גרענעץ, פלעגט ערשט זיין דער 19טער דעצעמבער — פלעגט מען אין איידקונען, וואָס איז געווען אויף דער דייטשער זייט גרענעץ, שוין פייערן די ניי־יאָר־נאַכט.

פלעגן די ווערזשבאָלאָווער בחורים און מיידלעך זיך אָוועקלאָזן מיט זייערע שטענדיק־גילטיקע גרענעץ־קאַרטעס קיין איידקונען צו באַגעגענען דאָרטן דאָס נייע יאָר לויטן נייעם סטיל, ווי אין גאַנץ מערב־אייראָפּע. אינאיינעם מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע „נאָוואָגאָדניקעס" (ניי־יאָרניקעס) פלעגן זיך אויך דורכשמוגלען עטלעכע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן פון רוסלאַנד. די רוסישע גרענעץ־וואַך פלעגט, פאַר־שטייט זיך, באַקומען לכבוד דער ניי־יאָר־נאַכט אין איידקונען אַ פּאָר פלעשער שנאַפּס מיטן געהעריקן צובייסן.

דאָס נעמלעכע פלעגן מיט דרייצן טעג שפּעטער טון די איידקונענער חברה־לייט, ווען מען פלעגט אין ווערזשבאָלאָווע פייערן דעם ניי־יאָר לויטן אַלטן רוסישן סטיל. אויך די איידקונענער פלעגן מיטנעמען פולע טשעמאָדאַנטשיקלעך מיט כיבוד, אָבער אין אייניקע פון זיי פלעגט מען אָנשטאָט כיבוד אַריינפּאַקן אומלעגאַלע ליטעראַטור אָדער געווער פאַר דער אונטערערדישער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד.

אַזוי אַרום האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען גאַנץ גוט אויסגענוצט דעם אונטערשיד צווישן דעם רוסישן קאַלענדאַר מיטן וועלט־קאַלענדאַר.

צוליב דעם טאַקע האָבן אויך די ידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָנגעהויבן צו פייערן די ערשטע ניי־יאָר־נאַכט, ווי זי וואָלט געווען אויך זייערער אַ יום־טוב.

און ווי באַלד די גאָר יונגע ייִדישע ליטעראַטור איז נאָך געווען דעמאָלט שטאַרק געקניפּט און געבונדן מיט די ייִדישע פּאַרטייען — האָבן

שוין אויך די יידישע שרייבער אָנגעהויבן צו פרייען זיך מיט דער ער־שטער ניי־יאָר־נאַכט, ווי זי וואָלט געווען אויך זייער שרייבערישער יום־טוב.

דערפאַר טאַקע האָב איך אין יענער ניי־יאָר נאַכט ביי די סטראַשונס אין הויז באַגעגנט סיי פּראָפעסיאָנעלע יידישע שרייבערס און סיי פּראָ־פעסיאָנעלע יידישע פּאַרטיי־טוערס, וועלכע זענען שוין אויך געווען שריי־בערס.

אָט איז דער באַרימטער בונדיסט א. ליטוואַק (חיים יאַנקל העלפאַנד), וועלכן גאַנץ ווילנע האָט געקענט, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער אַרומגייער, נישט געקוקט אויף זיין קראַנקן פוס.

אָט איז דער באַרימטער בונדיסט־ליטעראַט א. ווייטער (איסאַק דע־ווינישעסקי), וועלכער איז אין די עטלעכע רעוואָלוציע־טעג פון 1905 געווען פאַקטיש דער „פּאָליצמייסטער" פון ווילנע.

אָט איז דער דיכטער־דערציילער פאַלק האַלפּערין, וועלכער האַלט אין איין קנעטן ווייכע שטיקלעך ברויט, ווי ער וואָלט גאָר געווען אַ סקולפּ־טאָר.

אָט איז דער שרייבער־רעציטאַטאָר ז. י. אָנכי (זלמן איטשע אַראָנ־סאָן), וועלכער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע „ר' אבא"־מאָנאָלאָגן.

אָט איז דער גרויסער שוויגער „קאַלמינקע" (ז. קאַלמאַנאָוויטש), וואָס איז שטענדיק געווען פאַרטיפט אין שאַך־ברעט און ס'פלעגט זיך דאַכטן פון דער ווייטנס, אַז די הילצערנע שאַך־פיגורן גייען אים אָן פיל מער, ווי די לעבעדיקע מענטשן, וועלכע רינגלען אים אַרום.

אָט איז דער שטילער, סאָלידער ליפּמאַן לעווין, וועלכער איז שוין געווען כמעט אַ קלאַסיקער, ווייל פּרץ אַליין האָט אים אַרויסגעגעבן סמיכה אויף שרייבעריי און צוליב דעם טאַקע פלעגט אים דער ווילנער בוכ־הענדלער און פאַרלעגער פונק געבן יעדן ערב יום־טוב אַ פינפאונצוואַנ־ציקער — ער זאָל אים צונויפשטעלן און רעדאַקטירן אַ יום־טוב־זשורנאַל, וועלכן מען פלעגט פאַרקויפן צו צען קאָפּיקעס אַ נומער.

אָט איז דוד איינהאָרן, וועלכער פלעגט שטענדיק האַלטן אין איין אַרומלויפן איבער דעם „סאַלאָן", ווי אַ הונגעריקער וואָלף אין אַ שטייג און כ'ווייס נאָך נישט ביז היינט, צי דאָס איז געווען ביי אים דעמאָלט אַזאַ

מין דיכטערישער אָנשטעל (מען זאָגט, אַז אַלע פּאָעטן האָבן ליב צו פּאָזירן) אָדער גאָר אַ נאַטור אַזאַ?

און אָט איז מאַזאָ אַליין — דער פּאַקטישער באַלעבאָס פון דעם ליטעראַרישן סאַלאָן. ער איז געווען דער מאַן פון פייגעלע סטראַשונס עלטערער שוועסטער, וועלכע האָט שוין געהאַט צווי וואונדער־שיינע מיידלעך.

ער אַליין, מאַזאָ, איז געווען דעמאָלט אַ לערער פון גימנאַסטיק און צוליב דעם האָט ער פאַרמאָגט גוט־אַנטוויקלטע מוסקולן און אַ שלאַנקע, עלעגאַנטע פיגור.

ער איז געווען פונקט דער היפוך פון זיין זייער צאַרטער, איידעלער פרוי, וועלכע איז שטענדיק געווען מיט די קינדער און מיט דער קיך־אַרבעט.

פלעגט שוין פייגעלע אַליין אויפפּאַסן אויף אַלע געסט און זען, אַז דער עולם זאָל זיך נישט לאַנגווייליקן.

אָבער ווי אַזוי האָט זיך דער ניי־יאָר־עולם געקענט, חלילה, לאַנגווייליקן, ווען יעדער איינער פון זיי איז געווען אַליין און פאַר זיך אַ גרויסע פערזענלעכקייט.

אויב איינער פון די געסט פלעגט נאָך נישט זיין גענוג זיכער מיט זיין אייגענער אומשטערבלעכקייט — פלעגט שוין פייגעלע סטראַשון אים באַפליגלען מיט איר אייגענער „אומשטערבלעכער" ליבשאַפט.

ס'איז גענוג געווען אירער אַ פאַרפירערישער שמייכל, צי עפּעס אַ צווייִדייטיק ווערטל, אַז מען זאָל גלייך דערהויבן ווערן ביז צום זיבעטן הימל...

אָט, למשל, האָב איך אין יענער ניי־יאָר־נאַכט נאָך נישט געפילט זיך גענוג זיכער, אַז איך בין שויןווירקלעך ראוי צו פאַרברענגען אין אַזאַ מין הויכער ליטעראַרישער געזעלשאַפט.

מיין ברודער ברוך (וולאַדעק) איז נאָך נישט געווען געקומען און אָן אים האָב איך זיך געפילט זייער עלנד און אומבאַהאָלפן.

אָבער די ליבע גוטע פייגעלע האָט, זעט אויס, באַלד דערשפּירט מיין טיפן אומרו — האָט זי מיך באַלד אויפגעמונטערט מיט דער פראַגע, צי איך שרייב פּאָעזיע אָדער פּראָזע?

(אַז כ׳בין שוין אויך אַ שרייבער, איז פּאָר פייגעלען נישט געווען קיין שום ספק, די פראַגע איז נאָר וואָס איך שרייב: פּאָעזיע אָדער פּראָזע?)

בין איך פון דער דאָזיקער אומגעריכטער פראַגע שטאַרק צעטומלט געוואָרן און כ׳האָב פייגעלען דערציילט דעם אמת, אַז פּאַרלויפיק שרייב איך נאָר ליבע־בריוו.

— האָט איר שוין אַ געליבטע? — איז פייגעלע געוואָרן נייגעריק.

— כ׳האָב עטלעכע! — האָב איך זיך פלוצלינג אַרויסגעכאַפּט מיט אַ יינגלשער באַרימעריי.

— אַזוי יונג און שוין עטלעכע! — האָט זיך פייגעלע פונאַנדער־קלינגלט מיט איר זילבערנעם געלעכטער איבער דעם גאַנצן סאַלאָן.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געגעבן אַ ווענד צו מיר מיט פייגעלען.

האָב איך זיך זייער פאַרלוירן און כדי צו פאַרדעקן מיט עפּעס מיין יינגלשע באַרימעריי — האָב איך פייגעלען דערקלערט, אַז אַלע חברטעס פון מיינע עלטערע צוויי ברידער זענען שוין במילא אויך מיינע חברטעס און כ׳שרייב זיי דעריבער ליבע־בריוו...

— אויב אַזוי, מעגט איר שוין אויך מיר אָנשרייבן אַ ליבע־בריוו! — האָט די שטיפערישע פייגעלע געגעבן אַ שטעל אָן אויף מיר אירע גרויסע צעפינקלטע אויגן, ווי די הייל־לאָמפּן פון מיין דאָקטאָר סווידערסקיס רענטגען־קאַבינעט.

— איז גוט, פייגעלע, כ׳וועל אייך מאָרגן אָנשרייבן אַ ליבע־בריוו — האָב איך תיכף מסכים געווען, דערזעענדיק ווי ס׳קומט אַריין מיין איבער־געפּרווירענער ברודער ברוך מיט זיינע פּענסנע אין די הענט (צוליבן שטאַרקן פראָסט זענען מיין ברודערס אויגנגלעזער איבערגעצויגן געוואָרן מיט אַ געדיכטן נעפּל, וועלכן ער האָט געמוזט אַרונטערווישן).

באַלד נאָך מיין ברודערס אָנקום האָט זיך אָנגעהויבן די ניי־יאָר־ליאַ־מע און פון יענער ניי־יאָר־נאַכט אָן האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין מיין לעבן.

כ׳בין אַריבער, קען מען זאָגן, פון דעם אַלטן סטיל אויף דעם נייעם. כ׳האָב אַריבערגעטראָגן מיין „טעריטאָריע" פון דעם עסעסישן אַנאַ זיבעל־

דניאל טשאַרני

סאַלאָן צו דעם ליטעראַרישן סאַלאָן פון די סטראַשונס און כ׳האָב טאַקע אויף מאָרגן נאָך דער שיכורער ניי־יאָר־נאַכט אָנגעשריבן צו פייגעלען מיין ערשטן ליבע־בריוו אין גראַמען און אַזוי אַרום בין איך גאָר געוואָרן אַ פּאָעט!

וויי עס זעט אויס, זענען ליבע און פּאָעזיע צוויי לייבלעכע שוועסטער!

XXII

ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ דיכטער

לאָזט זיך אויס, אַז שרייבעריי איז גאָרנישט אַזאַ שווערע מלאכה, ווי כ׳האָב זיך לכתחילה געהאַט פאָרגעשטעלט.

מען דאַרף נאָר האָבן אַ באַשטעלונג און דאָס איז אַלץ!

ווען מען ווייס אין פאָראויס, אַז עמיצער וואַרט אויף דיין שרייבעריי — וועט שוין דעמאָלט די פּען ווי פון זיך אַליין אַרומטאַנצן אויף דעם בויגן פּאַפּיר און אָנשרייבן אַ וועלט אַ גאַנצע!

נאָר אויב אייניקע גלויבן נאָך, אַז צו שרייבעריי מוז מען אויך באַזיצן טאַלאַנט — איז עס אויך ריכטיק. אָבער דעם טאַלאַנט האָט מען נויטיק נישט אַזוי צום שרייבן, ווי צום אויסמעקן וואָס מער פון דעם אָנגעשריבענעם.

(כ׳מיין, אַז אַ סך אַזוי גערופענע „גראַפאָמאַנען" וואָלטן, אפשר, געקענט ווערן פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, ווען זיי האָבן נאָר דעם מוט אויסצומעקן דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן אָנגעמעקעט אין זייערע ווערק).

אָט, למשל, האָב איך אין דער שיכורער ניי־יאָר־נאַכט פון 1907 געהאַט באַקומען אין ווילנע אַ באַשטעלונג פון פייגעלע סטראַשון אָנצושרייבן איר אַ ליבע־בריוו.

אויב מעגלעך, זאָל איך איר דעם ליבע־בריוו אָנשרייבן אין גראַמען — האָט פייגעלע צוגעגעבן און דערביי האָט זי מיך באַשענקט מיט אַזאַ מין „אוואַנס" פון צערטלעכקייטן, וועלכער זאָגט צו און פאַרפּירט אפילו ווען מען איז נאָך נישט קיין שרייבער.

פאַרשטייט זיך, אַז אויף מאָרגן נאָך ניי־יאָר האָב איך זיך אַוועקגעזעצט שרייבן פייגעלען דעם באַשטעלטן ליבע־בריוו.

אמת, כ׳האָב נאָך פֿייגעלען זייער ווינציק געקענט, כ׳האָב נאָר געוווּסט, אַז זי האָט אַ שטאַרקע שוואַכקייט צו יעדן יידישן שרייבער און באַזונדערס צו יענע שרייבערס, וועלכע קומען אָפּט אַריין אין דעם אַזוי גערופֿענעם „סאַלאָן דע קרוטשע״ (מען האָט דעם ליטעראַרישן „סאַלאָן״ פֿון מאַזאַ־סטראַשון אויף דער זאַוואַלנער גאַס אַ נאָמען געגעבן „סאַלאָן דע קרוטשע״ פּשוט דערפֿאַר, ווייל דער שרייבער רעציטאַטאָר זלמן איטשע אָנכי (אַראָנסאָן), וואָס פֿלעגט טאָגן און נעכטיקן ביי די סטראַשונס, האָט געשטאַמט פֿון דעם שטעטל קרוטשע, ווו ס׳איז, אגב, געגרינדעט געוואָרן די יידישע „סיים״־באַוועגונג אָדער „וואָזראָזשדיעניע״, ווי מען האָט זי גערופֿן אויף רוסיש).

אָבער כדי צו קענען ווערן אַ שטאַם־גאַסט פֿון „סאַלאָן דע קרוטשע״ — האָט מען קודם כל זיך געמוזט באַוואָרענען מיט סמיכה אויף שרייבעריי פֿון פֿייגעלען, וואָס איז געווען, קען מען זאָגן, די ראָזשינקע פֿון אָט דעם סאַלאָן.

האָב איך, הייסט עס, שוין געוווּסט אין פֿאָראויס, אַז פֿון מיין ערשטן ליבע־בריוו צו פֿייגעלען איז אָפּהענגיק מיין ווייטערדיקער גורל.

וועט איר מיין געגראַמטער בריוו געפֿעלן ווערן — ווער איך דעמאָלט אַ ליטעראַט און אַ בן־בית אין „סאַלאָן דע קרוטשע״, נאָר אויב, חלילה, נישט — פֿאַרבלייב איך דער זעלבער שלים־מזל, וואָס געווען און כ׳וועל שוין ווידער מוזן שטודירן די „סעקסועלע פּראָגע״ פֿון פּראָפֿ׳ פֿאָרעלס און פֿון אָטאָ וויינינגערס ביכער, וועלכע זענען געווען דעמאָלט אין רוסלאַנד זייער פּאָפּולער, אָדער ווידער אַמאָל אין די רענטגען־קאַבינעטן פֿון מיין הויט־דאָקטאָר סווידערסקי, וואָס ניינציק פּראָצענט פֿון זיינע פּאַציענטן און פּאַציענטקעס זענען שוין געווען קרבנות פֿון דער „סעקסועלער פּראָגע״.

אַזוי ווי אָבער איך בין נאָך געווען דעמאָלט אַ גרויסער ראָמאַנטיקער — האָב איך באַשלאָסן צו באַזינגען קודם כל פֿייגעלעס אויגן.

אַזעלכע הייסע ליידנשאַפֿטלעכע אויגן, ווי פֿייגעלעס האָב איך נאָך נישט געזען אפֿילו ביי די פּאַרטיי־חברטעס פֿון בונד און עס־עס.

(ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פֿייגעלעס אויגן האָבן שטענדיק געבליצט פֿיל מער פֿון שווינדזוכט, ווי פֿון ליבע, אָבער

דאָס האָט ביי קיינעם פון אונדז נישט געמינערט, חלילה, די סענטימענטן צו דער ליבער גוטער פייגעלע, וועלכע איז געווען די ערשטע „ליטעראַרי־שע ביילאַגע" אין ווילנע. אגב, מיטן נאָמען „ליטעראַרישע ביילאַגע" פלעגט מען קרוינען יעדע יידישע טאָכטער, וואָס פלעגט ווי אַ שמעטערלינג אַרומפלאַטערן לעבן יעדן יידישן שרייבער, ווי ער וואָלט געווען פאַר איר אַ בליץ־לאָמפּ אין אַ פינצטערער נאַכט).

האָב איך פייגעלעס צעבליצטע אויגן באַזונגען אויף אַזאַ מין אופן:

„דיינע אויגן שיטן שטראַלן,
ווי דער מזרח אין פרימאָרגן,
אַך, מיר דאַכט איך בין פאַרפאַלן,
כ'וועל נישט שלאָפן שוין ביז מאָרגן!

„ס'וועט מיר ענג ווערן מיין צימער,
וועל איך ס'פענצטער האַלטן אָפן
און אַ גאַנצע נאַכט ביים שימער
פון די שטערן וועל איך האָפן
און כ'וועל וואַרטן אויף דיין קומען
ביז דער טאָג וועט זיך צעשטראַלן,
כ'וועל באַשיטן דיך מיט בלומען
און דו מיך — מיט דיינע שטראַלן!"

פאַרשטייט זיך, אַז איידער איך האָב זיך געהאַט דערקליבן צו די אויבן־געבראַכטע צוועלף שורות — האָב איך זעכציק אַנדערע אויסגע־מעקט.

ערשט דעמאָלט האָב איך דערזען, אַז צום מעקן מוז מען האָבן אַ סך מער טאַלאַנט, ווי צום שרייבן.

כ'האָב דעמאָלט אויך דערזען, אַז פּאָעזיע און ליבע זענען צוויי לייב־לעכע שוועסטער: דיביידע האָבן זייער ליב מער גוזמא און וואָס מער שקר.

אין דער אמתן זענען אין מיין ערשטן פייגעלע־ליד נאָר די ערשטע צוויי שורות געווען, מער אָדער ווייניקער ריכטיק.

פייגעלעס אויגן האָבן ווירקלעך געשאָטן שטראַלן, ווי דער מזרח אין פרימאָרגן, אָבער אַז כ'זאָל צוליב זיי אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן — איז עס געווען, איידל געזאָגט, נאָך מער ווי אַ גוזמא.

פונקט אַזוי האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אַז כ'זאָל אין דער נאַכט פון צווייטן יאַנואַר, ווען דער ווילנער דרויסן האָט געגליווערט פון פראָסט — זאָל איך גאָר עפענען די גוט־פאַרקלעפּטע „פאָדוואָינע" פענצ־

טער און וואַרטן ביז טאָג אויף פייגעלען, וועלכע כ׳וועל פאַרשיטן מיט בלומען!

(אגב, אַ בלום אין ווילנע האָט ווינטערצייט געקאָסט אוודאי אַ רובל אַ שטיק!)

אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל מיין ערשט ליד איז געווען פול מיט גוזמא און באַרימעריי — איז עס דאָך געווען עכטע פּאָעזיע! (אַלע פּאָעטן, זאָגט מען, זענען בטבע גרויסע בעל מגזמס און באַרימערס!).

צוליב דעם טאַקע האָב איך שטאַרק געצווייפלט, צי פייגעלע וועט אָננעמען מיין ערשטן געגראַמטן בריוו צו איר, ווי אַן עכטע ליבעס־דער־קלערונג — האָב איך ליתר בטחון אָנגעשריבן אַ צווייט ליד, אין וועלכן איך דערקלער איר, ווי אַזוי זי האָט מיך געמאַכט פאַר אַ דיכטער.

דאָס צווייטע ליד האָט זיך געלייענט אָט אַזוי:

„איך דערקלער זיך דיר אין ליבע
אויף פאַרשידענע מאַניערן,
ווייל דערקלערונגען אין ליבע
האָסטו, ווייס איך, ליב צו הערן!

„נאָר נישט אַלע קענען, ליידער,
אין זכרון דיר פאַרבלייבן —
נוץ איך אויס נאָך טינט און פעדער
דיר מיין ליבע צו באַשרייבן.

„אָט אַזוי בין איך אַ דיכטער
אומגעריכטערהייט געוואָרן! —
בעט איך גאָט, אַז דו, מיין מוזע,
זאָלסט מיך ליבן לאַנגע יאָרן!״

ווען איך בין נאָך לאַנגע מעקענישן און איבערשרייבעכצן פאַרטיק געוואָרן מיט די צוויי געגראַמטע ליבע־בריוו — האָב איך זיי פּערזענלעך אַוועקגעטראָגן צו פייגעלען, כדי צו דערזען תיכף ומיד דעם רעזולטאַט פון מיינע שאַפונגען.

איר קענט זיך שוין אַליין אָנשטויסן, אַז דער רעזולטאַט איז געווען נאָך מער, ווי געוווּנטשן

פייגעלע האָט מיך תיכף ומיד באַשענקט מיט אַזאַ מין „האָנאָראַר״, וואָס יעדע לעזערין מיינע, ווי אַלט זי זאָל נישט זיין, וואָלט מיר, האָף איך,

געגעבן אפילו איצטער, ווען זי באַקומט נאָר פון מיר אַזעלכע צוויי גע־גראַמטע ליבעס־דערקלערונגען.

מיינע ערשטע צוויי לידער האָבן, הייסט עס, אויסגענומען און ס׳האָט מיך שטאַרק געפרייט, וואָס פייגעלע האָט מיט אירע האַנאָראַר־קושן גע־מיינט טאַקע מיך פּערזענלעך און נישט די עלטערע ברידער מיינע, ווי דאָס פלעגן טון די אַזוי גערופענע „פּאַרטיי־עגונות" פון בונד און עס־עס.

אָבער פייגעלע האָט נאָך געוואָלט, אַז איך זאָל די דאָזיקע צוויי לידער אומבאַדינגט אָפּדרוקן אין אַ צייטונג, צי אין אַ זשורנאַל. זאָל, הייסט עס, די וועלט וויסן, אַז איך בין שוין אויך אַ פּאָעט!

— אָ, ניין, פייגעלע, דאָס וויל איך נישט! — האָב איך תיכף גע־ענטפערט.

— פאַרוואָס ווילט איר נישט? — איז פייגעלע געוואָרן בייגעריק.

— ערשטנס, זענען דאָס נישט קיין לידער, נאָר געגראַמטע ליבע־בריוו, וועלכע געהערן צו איך פּערזענלעך און אינטימע ליבע־בריוו טאָר מען נישט דרוקן און, צווייטנס... יע, צווייטנס, שעם איך זיך פאַר מיינע עלטערע צוויי ברידער, וועלכע האָבן שוין אַ פיינעם נאָמען אין דער וועלט און ס׳פּאַסט נישט פאַר זיי, אַז זייער יינגערער ברודער זאָל אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אַזעלכע לייכטע און לייכטזיניקע זאַכן!

דאָס זענען אָבער געווען, צווישן אונדז גערעדט, נישט מער ווי צוויי פאַלשע תירוצים, וואָס איך האָב אָנגעגעבן פייגעלען.

אין דער אמתן גאָר האָב איך נישט געוואָלט אָפּדרוקן מיינע צוויי פייגעלע־לידער צוליב צוויי אַנדערע טעמים.

ערשטנס, האָב איך געוווּסט, אַז פייגעלע איז שוין די כלה פון איינעם אַ זייער חשובן שרייבער און חבר, פאַר וועלכן כ׳האָב געהאַט גרויס דרך ארץ און כ׳האָב אים נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש און, צווייטנס, וואָלט זיך אויך שטאַרק געקלעמט מיין „פּאַרטיי־כלה" סאָניע פון בערעזין, וואָס פלעגט מיך פאַרשיטן מיט ליבע־בריוו, ווי כ׳וואָלט שוין געווען איר אמתער חתן.

מער פעלט נישט, ווען די אומגליקלעכע סאָניע דערזעט פּלוצלינג אין אַ צייטונג, צי אין אַ זשורנאַל מיינע ליבע־בריוו געווידמעט צו אַן

אַנדער מיידל! זי וואָלט זיך, חלילה, געוואָרפן אין דער בערעזינאַ און כ׳וואָלט זי אַ גאַנץ לעבן געהאַט אויף מיין געוויסן.

האָב איך פּייגעלען געבעטן, אַז זי זאָל קיינעם נישט דערציילן וועגן מיינע לידער און איך וועל דערפאַר מאַכן אַ שוויג וועגן איר „האָנאָ־ראַר״...

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן שוין אַלע שטאָם־געסט פון „סאַלאָן דע קרוטשע״ געוווּסט, אַז איך שרייב לידער און דווקא נאָך ליבע־לידער, וואָס איז געווען דעמאָלט אַ זעלטנהייט.

אמת, אויך פּרץ הירשביין, ז. סעגאַלאָוויטש און — זיי צו לאַנגע יאָר — אברהם רייזען און דוד איינהאָרן האָבן אויך שוין אָנגעהויבן צו שרייבן ליבע־לידער (אָנשטאָט רעוואָלוציאָנערע), אָבער זייערע לידער זענען געווען פול מיט טראַגיזם און מיט וועלט־שמערץ, בעת מיינע זע־נען דאָך געווען נישט מער ווי געגראַמטע פלוידערייקעס פון אַ צעלאָ־זענעם בחורל, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ ליטעראַט נישט מיטן כוח פון טאַלאַנט, נאָר מיטן דערפאָלג ביי די דעמאָלטיקע „ליטעראַרישע ביילאָ־געס״.

אויב שוין דרוקן זיך — דאַרף מען אָנשרייבן עפּעס אַזאַ מין ליד, וואָס זאָל אויך זיין פול מיט צער און וועלט־שמערץ, ווי ס׳איז געווען דעמאָלט די מאָדע ביי די אויפגעקומענע יידישע דיכטער!

אַזוי האָב איך דעמאָלט געטראַכט און געפילט, האָבנדיק אין זינען מיינע עלטערע צוויי ברידער (ניגערן און וולאַדעקן), וועלכע כ׳האָב נישט געוואָלט, חלילה, פאַרשעמען.

אָבער, דער ערב־קלאַסיקער ליפמאַן לעווין, וואָס איז אויך געווען אַן אָפטער גאַסט אין „סאַלאָן דע קרוטשע״ האָט אָנגעהויבן צו מיר צושטיין, אַז כ׳זאָל אים געבן אַ ליד פאַר דעם פּסח־זשורנאַל, פאַר וועלכן ער זאַמלט שוין מאַטעריאַל.

(דאָס איז געווען, אגב, ליפמאַן לעווינס הויפּט־פּרנסה. יעדן ערב־יום־טוב פלעגט ער באַקומען פון דעם בוכהענדלער און פאַרלעגער פונקט אַ גאַנצן פינף און צוואַנציקער — ער זאָל אים צושטעלן אַ יום־טוב־זשורנאַל פון, לכל הפחות, 16 גרויסע זייטן. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די לידער און דערציילונגען, וואָס ליפמאַן לעווין פלעגט באַקומען פון די

יינגערע שרייבער אין ווילנע — פלעגט ער קיין האָנאָראַר נישט צאָלן).

איז מיר איינגעפאַלן צו געבן ליפמאַן לעווינען אַ ליד פון סאָניע ליפשיץ — מיין געוועזענע „פאַרטיי־כלה" פון בערעזין.

סאָניע פלעגט מיר צו יעדן בריוו אירן צולייגן, ווי אַ מין ליטעראַרישע ביילאַגע אויך נאָך אַ ליד און אין מיין טיש־קעסטל האָבן זיך שוין אָנגעקליבן אַ פּאָר צענדליק לידער אירע.

איניקע פון אירע לידער זענען ווירקלעך געווען פול מיט פּאָעזיע, אָבער אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד. האָב איך איינס פון זיי גוט אַרומגעהובלט און אָפּגעשליפט, ווי אַ בוים פון וועלכן מען דאַרף מאַכן אַ טעלעגראַפן־סלופּ און ס'האָט זיך באַקומען אָט וואָס:

„ס'רוט די מידע וועלט פאַרחלומט
אונטער שוואַרצע צויבער־פליגל,
אויפן וואַלד און פעלד און פויגל
האָט די נאַכט געלייגט איר זיגל.

„שלאָפן זאַנפט די יונגעביימער
און די נעסטן רואיק שווייגן,
די לבנה שווימט געלאַסן
דורך די שטיל־פאַרוויגטע צווייגן.

„ערגעץ טיף אין שוואַרצן הימל
בליט אַ שטערנדל אַ בלאַסער,
ווינטעלעך באָדן אים און וויגן
אין דעם שטילן, קילן וואַסער.

„מיין געליבטן ביי דעם וועלדל
זע איך, ווי אין חלום זיצן,
זיינע אויגן — צוויי בריליאַנטן
דורך די שאָטנס טועז בליצן.

„באַלד דערהער איך — ס'רופט אַ שטימע:
קום געליבטע, זיי מיין שטערן!
קום צום וועלדל דורך די גראָזן —
קיינער זאָל די טריט נישט הערן!"

ליפמאַן לעווין איז געוואָרן שטאַרק באַגייסטערט פון דעם פּאָעטישן ליבע־ליד, אָבער ער האָט מיך חושד געווען, אַז ס'איז מיינס.

— פאַרוואָס האָט איר מורא צו דרוקן דאָס ליד אונטער אייער אייגענעם נאָמען? — האָט ער מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

— ווי קען איך דרוקן דאָס ליד אונטער מיין נאָמען, אַז ס׳איז נישט מיינס! — האָב איך אים געענטפערט.

און כדי צו איבערצייגן ליפּמאַן לעווינען, אַז ס׳איז ווירקלעך נישט מיינס אַ ליד — האָב איך אים באַוויזן דעם אָריגינאַל פון סאָניע ליפשיץ.

דעמאָלט איז ליפּמאַן לעווין געוואָרן פון דעם ליד נאָך מער באַגייסטערט. ער האָט זיך דערפילט גליקלעך, וואָס ער קען אַריינפירן אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך איינע אַ יונגע דיכטערין (אין יענע יאָרן זענען געווען באַקאַנט נישט מער, ווי צוויי יידישע דיכטערינס: יהודית (בערנשטיין) פון מינסק און — איר צו לאַנגע יאָר — שרה רייזען).

אויך איך האָב זיך דערפילט גליקלעך, וואָס איך קען סאָניען באַצאָלן אַ גאָר גרויסן חוב.

אויב איך האָב איר נישט געקענט אַוועקשענקען מיין ביסל שטערבלעכקייט — זאָל זי, לכל הפחות, באַקומען דורך מיר דאָס ביסעלע אומשטערבלעכקייט!

— נישט אַזוי, מיינע פריינט?

XXIII

ווילנע ווערט אַ נייער ליטעראַטור צענטער

ערשט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק וואָלט מען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור געקענט אויסשטעלן אויף איין פּאָליצע און ס׳וואָלט נאָך פאַרבליבן גענוג פּלאַץ פאַר דער מאַמעס „קרבן מנחה״ מיט אַלע אירע תחינות.

ערשט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָבן נישט מער ווי דריי פּראָזשעקטאָרס באַלויכטן ס׳יידיש לעבן פון אינעווייניק און פון דרויסן. דאָס זענען געווען מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם.

פּאַראַלעל מיט זיי האָבן אויך געשאַפן און געווירקט יעקב דינעזאָן און מרדכי ספּעקטאָר, אָבער אין פאַרגלייך מיט די ערשטע דריי האָבן די לעצטע צוויי אויסגעזען, ווי גאַז־לאַמטערנעס אין אַ פּראָווינץ־שטאָט.

יידיש האָט נאָך דעמאָלט געהייסן „זשאַרגאָן״ אפילו ביי די יידיש־שרייבער גופא. אויך אפילו די יידישע פּאַרטיי־אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן האָט, מיט קליינע אויסנאַמען, נאָך געהאַט גערעדט צווישן זיך רוסיש אָדער פּויליש.

דער איינציקער יידישער דיכטער, וואָס איז פון אָנהויב אָן געוואָרן זייער באַליבט און פּאָפּולער ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן איז געווען (און איז נאָך עד היום ביז 120 יאָר) — אברהם רייזען.

זיינע צוויי לידער „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן״ און די „קירכן־גלאָקן״ זענען שוין דעמאָלט, ביים אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט, געזונגען געוואָרן אויף אַלע פּאַרטיי־אסיפות און ליטעראַרישע אָוונטן ווי פאָלקס־לידער און אַ סך פון די צוהערערס האָבן שוין דעמאָלט נישט געהאַט געוווסט, אַז דער מחבר זייערער איז אברהם רייזען, פּונקט ווי

אַ סך בונדיסטן ווייסן נאָך נישט ביז היינט, אַז דער פּאַרפאַסער פון דער בונדישער שבועה איז גאָר דער געוועזענער סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער („עסעראָוויעץ״) און מחבר פון דעם „דיבוק״-שפּיל ש. אַנסקי (ראַפּאַפּאָרט).

אָבער באַלד נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (פון 1905) האָבן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן (אמת, נאָך אַ גאַנץ בלוטיקן רעגן פון פּאָגראָמען און שטראָף-עקספּעדיציעס) — אין די אורוועלדער פון דעם תחום המושב זיך פּלוצלינג באַוויזן גאַנצע גרופּעס ניי-אויפגעקומענע פּאָעטן און דערציילערס און ס׳איז, ווי פון זיך אַליין, געשאַפן געוואָרן דער אַזוי גערופענער „רענעסאַנס״ פון דער יידישער (שוין נישט מער זשאַרגאָנישער) ליטעראַטור.

אָט האָט אויפגעשאָסן, ווי אַ ראַקעטע, שלום אַש מיט זיין „שטעטל״. באַלד נאָכדעם איז ער אַרויסגעשפּרונגען מיט זיין פּיעסע „גאָט פון נקמה״, וואָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען אויך אין דער נישט-יידישער וועלט.

איינציייטיק מיט אַשן האָט זיך אויך באַוויזן ה. ד. נאָמבערג, וואָס זיין דערציילונג „פליגעלמאַן״ האָט זיך זייער גוט אַריינגעפּאַסט אין די דעמאָלטיקע שטימונגען פון דער צעטומלט-געוואָרענער יידישער פאָלקס-אינטעליגענץ.

די היים פון י. ל. פּרצן אויף צעגליאַנע נומער איינס אין וואַרשע איז געוואָרן דעמאָלט דער וועלט-אַדרעס פון דער ניי-אויקומענדיקער יידישער ליטעראַטור.

פלעגן יונגע יידישע שרייבער פון אַלע עקן רוסלאַנד „עולה רגל״ זיין קיין וואַרשע, כדי צו באַקומען סמיכה אויף שרייבעריי פון אים אַליין, פון פּרצן, ז״ל.

אָבער אָט איז ווי פון זיך אַליין געשאַפן געוואָרן אַ ליטעראַרישער צענטער אויך אין ווילנע.

ס׳האָט אַזוי פּאַסירט, אַז מיין עלטערער ברודער שמואל (ניגער) האָט זיך פון אַ פּאַרטיי-פּאָליטיקער איבערגעבויט אויף אַ ליטעראַטור-קריטיקער.

זיין ערשטע קריטיק איבער שלום אַשס פּיעסע „משיחס צייטן״, וועלכע האָט געהייסן „די טראַגעדיע פון דעם יידישן גלות״, האָט באַלד

אַרויסגערופן אַ שטאַרקן רעזאָנאַנס אין די ליטעראַרישע „סאַלאָנען" פון וואַרשע און פון ווילנע און אַלע שרייבער־אויגן האָבן זיך אַ ווענד געטון צו ניגערן.

אפילו בעל מחשבות אַליין, וואָס איז געווען דעמאָלט דער איינציקער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער, איז געוואָרן זייער נייגעריק צו זיין „קאָנקורענט" און ער האָט באַלד צוגעגעבן, אַז ש. ניגער איז בפירוש ראוי צו פאַרנעמען דעם הויכן פאָסטן פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

י. ל. פרץ איז געוואָרן, זעט אויס, אַ ביסל איפערזיכטיק צו דעם ניי־אויפגעקומענעם ליטעראַטור־צענטער אין „ירושלים דליטע" און ער האָט אַריינגעשיקט קיין ווילנע זיין פליגל־אַדיוטאַנט נאָמבערגן, אָנצוקוקן וואָס אַזוינס עס קומט פאָר אין ווילנע?

האָט זיך נאָמבערג באַזעצט אין אַ ביליקן האָטעל אויפן ראָג פון ניי־קאַדימסקי פערעאולאָק, וואָס אַנטקעגן דער הייליקער „אַסטראַ־בראַמע", אָבער זיינע טעג און נעכט פלעגט ער פאַרברענגען אין מאַרוכעסעס קאַוויאַרניע, ווו ער פלעגט שפּילן שאַך אָדער ביליאַרד.

האָט די יונגע שרייבער־גרופּע אין ווילנע (משה טייטש, ז. סעגאַלאָוויטש, דוד איינהאָרן, ב. לאַפּין, ש. גאָרעליק, א. ווייטער, ז. י. אנכי, פאַלק האַלפּערין און נאָך און נאָך), וועלכע האָבן פריער געהאַט געמיינט, אַז זייערע שרייבערישע אַספּיראַציעס קען מען באַקומען נאָר אין סטראַשונס ביבליאָטעק אָדער אויף דעם זייער ראָמאַנטישן שלאָסבאַרג, האָבן זיי אויך נאָמבערגן קוקנדיק אויך אָנגעהויבן צו באַזוכן מאַרוכעסעס קאַוויאַרניע און זוכן זייערע אינספּיראַציעס ביי די הילצערנע שאַך־פיגורן אָדער ביי די ביינערנע ביליאַרד־קוילן.

אַזוי אַרום האָט זיך נאָמבערג באַפריינדעט מיט אַלע שרייבער פון ווילנע און אויך שוין, פאַרשטייט זיך, מיט זייערע „ליטעראַרישע ביילאַגעס", וועלכע פלעגן קוקן אויף נאָמבערגן ווי אויף אַ גאָט, כאָטש זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט צו זיי.

(נאָמבערג האָט שטענדיק גערעדט אויף זיין טיף־פּוילישן דיאַלעקט און אָנשטאָט צו זאָגן, למשל, „די מיידל געפעלט מיר", ווי אַלע ליטוואַקעס זאָגן דאָס שטענדיק, ווייל אַ מיידל געהערט דאָך, זיכער, צום ווייבלעכן געשלעכט! — פלעגט גאָר נאָמבערג געבן אַ שאָס אַרויס: ס'מאַידל

געפּעלט מאַ״... דאָס נעמלעכע פּלעגט ער אויך זאָגן אויף אַ בפירושער ווייבל: „ס׳וואַבל געפּעלט מאַ...״)

און ווי באַלד נאָמבערגן איז אין ווילנע אַלץ געפעלן געוואָרן, האָט ער שוין גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן זיך אומצוקערן קיין וואַרשע מיט אַ באַריכט צו פּרצן...

נאָך מער, נאָמבערג האָט זיך אין 1907טן יאָר אויף אַזוי ווייט איינ־געבירגעט אין ווילנע, אַז ער האָט אפילו באַשלאָסן אַרויסצוגעבן יום־טוב בלעטער, אָט ווי ליפּמאַן־לעווין טוט עס, לויט דער באַשטעלונג פון דעם בוכהענדלער און פאַרלעגער פּינק.

ער האָט נאָך אָבער געהאַט דערביי אַ ספּעציעלן געדאַנק. נאָמבערג האָט געוואָלט, נעמלעך, דורך זיינע יום־טוב בלעטער פאַראייניקן ביידע ליטעראַטורן אין איין ליטעראַטור, ד״ה, וואַרשע מיט ווילנע.

ווי עס זעט אויס, איז עס אים אָבער נישט געלונגען, ווייל פון דער וואַרשעווער שרייבער־גרופּע האָט נאָר איין משה סטאַווסקי צוגעשיקט אַ זאַכעלע וועגן עפּעס אַ חיה צי אַן עוף (דאָס איז געווען סטאַווסקיס הויפּט־טעמע). אַלע אַנדערע זאַכן פון נאָמבערגס ערשטן (און אויך לעצטן) נומער „ווינטער־בלעטער״ לכבוד חנוכה האָבן געהערט צו די ווילנער.

די איינציקע רעוואָלוציע, וואָס נאָמבערג האָט דורכגעפירט אין וויל־נע אַלס רעדאַקטאָר פון זיין ערשטן יום־טוב־בלאַט איז געווען דאָס אַריינפירן אין דער יידישער ליטעראַטור פון ליטע דעם „אַזוי גערופענעם „זאַכלעכן״ געשלעכט, ווייל ווו נאָר ער פלעגט דערזען אַ „דער״ אָדער אַ „די״ — פלעגט ער פון דעם מאַכן אַ „דאָס״.

מילא, אַז מען זאָגט אויף אַ קינד „דאָס קינד״, אַנשטאָט „די קינד״, ווי מיר פלעגן זאָגן אין ליטע — לייגט זיך דאָס נאָך אויפן שכל, ווייל כל זמן דאָס קינד איז נאָך אין די ווינדעלעך — קען מען נאָך, ווירקלעך, נישט וויסן, צו וועלכן מין ס׳געהערט, אָבער ווען מען זאָגט אויף אַ פּרוי־ענצימער „ס׳וואַבל״ — קלינגט שוין דאָס ווי אַ פערזענלעכע באַליידיקונג.

אָבער נאָמבערג איז געווען בטבע אַ גרויסער עקשן און ער האָט זיינס אויסגעפירט!

ער האָט אין זיין חנוכה־בלאַט אַריינגעפירט אויך דעם טומטום־גע־

שלעכט און דאָס איז שוין שפּעטער אָנגענומען געוואָרן אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור פון ליטע און רייסן.

אויך פאַר מיר פּערזענלעך האָט נאָמבערג אויפגעטון מיט זיין חנוכה־בלאַט אַ גאָר גרויסע זאַך.

ער איז נעמלעך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָן דעם וויסן פון מיינע עלטערע ברידער מיך אַריינגעפירט אין דעם היכל פון דער יידישער דיכטונג.

מיינע עלטערע צוויי ברידער האָבן נאָך קיין אָנונג נישט געהאַט, אַז כ׳פאַרנעם זיך שטילינקערהייט מיט לידער־שרייבעריי. כ׳האָב די דאָזיקע לידער נויטיק געהאַט, אויב איר געדענקט, פאַר מיין פּערזענלעכן גע־ברויך — אַ נישט וואָלטן די ווילנער גימנאַזיסטקעס נישט געשפּילט זיך מיט מיר (זיי האָבן דעמאָלט געוואָלט „נאָר אַ פּאָעט!״). צוליב דעם טאָקע זענען מיינע ערשטע לידער צו לייכט און צו לייכטזיניק!

ווען נאָמבערג האָט אָבער אָנגעהויבן צושטיין צו מיר, אַז אויך איך זאָל אים געבן אַ „זאַכעלע״, ווייל ער וויל האָבן אין זיין חנוכה־בלאַט אַלע דריי ברידער מיטאַמאָל! (ד״ה ניגערן, ווּלאַדעקן און טשאַרנין), בין איך פון דעם אַזוי שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן, אַז איך האָב ספּעציעל פאַר אים אָנגעשריבן אַ ליד פול מיט צער און וועלט־שמערץ, ווי ס׳האָט זיך געפּאַסט פאַר יענער צייט...

נאָמבערג האָט מיר, פאַרשטייט זיך, צוגעזאָגט, אַז מיינע עלטערע צוויי ברידער וועלן נישט וויסן פון דעם ביז זיין חנוכה־בלאַט וועט אַרויס פון דרוק.

קענט איר שוין איצטער אַליין פאַרשטעלן זיך די גרויסע איבעררא־שונג פון מיינע ברידער, ווען זיי האָבן געהאַט דערזען דאָס ערשטע ליד פון זייער „פּליאַגע״־ברודער אויף דער זעלבער זייט, וווּ ס׳זענען געווען געדרוקט די לידער פון די שוין גוט באַקאַנטע דיכטער משה טייטש, ז. סעגאַלאָוויטש, דוד איינהאָרן, בערל לאַפּין און נאָך אַנדערע.

אַזוי אַרום איז נאָמבערג געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיך אַריינ־געפירט אין דער יידישער ליטעראַטור און ער איז דערפאַר געוואָרן איינ־געבאַקן אין מיין האַרץ ביז צום היינטיקן טאָג.

אָבער די קאָלעגן מיינע אין ווילנע האָבן מיך שטילערהייט חושד

געווען, אַז כ׳האָב געבעטן איינעם פון מיינע ברידער, ער זאָל אָנשרייבן פאַר מיר אַ ליד.

אמת, פייגעלע סטראַשון האָט זיי טאַקע שוין געהאַט דערציילט, אַז איך שרייב שטילערהייט לידער, אָבער נאָר ליבע־לידער, וואָס זענען גע־ווידמעט צו איינצלנע פערזאָנען, אָבער ווי קומט צו מיר פלוצלינג אַזאַ מין ליד, וואָס זאָל זיין פול מיט צער און וועלט־שמערץ, ווי די אמתע פּאָעטן שרייבן?

איז מיר שוין קלאָר געוואָרן, אַז כל זמן כ׳וועל לעבן מיט ש. ניגערן אין איין צימער — וועט מען מיך שטענדיק חושד זיין, אַז דער ברודער העלפט מיר אַרויס ביים שרייבן מיינע לידער.

אָבער נישט נאָר מיינע קאָלעגן פון ווילנע, נאָר אויך אפילו מיין אייגענע מאַמע האָט מיך געהאַט חושד געווען, אַז איינער פון מיינע עלטערע ברידער העלפט מיר אונטער צו ווערן אַ שרייבער ביי יידן.

„אַז שמואל איז געוואָרן אַ שרייבער — איז פאַר מיר קיין חידוש נישט, האָט מיר די מאַמע געשריבן, ווייל שמואל איז נאָך פון קינדווייז אָן שוין געווען אַ פילאָזאָף, און אַז ברוך איז אויך געוואָרן אַ שרייבער — איז וואָס קאָן אונדזער ברוך נישט? אָבער ווי קומסטו, קינד מיינס, צו שריי־בעריי? מסתמא האָסטו אָנגעבעטן שמואלן צי ברוכן...

דער מאַמעס חשד איז געווען פאַר מיר נאָך פיינלעכער, ווי דער חשד פון מיינע פען־קאָלעגן אין ווילנע...

XXIV

כ׳וועד אַ מיטלויפער אויך פון דער יידישער ליטעראַטור

מיט קאַרגע פופציק יאָר צוריק, ווען אונדזער משוגע־געוואָרענער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט איז נאָך געווען געלעגן אין די ווינדעלעך — פלעגט מען אויף יעדער נייער דערשיינונג פון אונדזער קולטור און ציווי־ליזאַציע זאָגן און שרייבן, אַז עס איז „אַן עפּאָכע מאַכנדיקע״ דערגרייכונג.

מען האָט אַזוי גערעדט און געשריבן וועגן דעם ערשטן גראַמאַפאָן, וועלכער האָט פאַרשטופּט אין מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע די זייער ראָ־מאַנטישע קאַטערינקע, מען האָט אַזוי גערעדט און געשריבן וועגן דעם ערשטן עלעקטרישן טראַמוויי, וואָס האָט ליקווידירט די פערד־„קאָנקע״.

דאָס נעמלעכע האָט מען אויך גערעדט און געשריבן וועגן דעם ערשטן שטומען קינעמאַטאָגראַף („מוווי״), וועגן דעם ערשטן לופט־באַלאָן, וועגן דעם ערשטן טעלעפאָן, וועגן דעם ערשטן ראַדיאָ־אַפּאַראַט מיט זיינע צוויי שוואַרצע אויערן־דעקלעך — מען זאָל קאָנען עפּעס וואָס דערהערן.

יעדע נייע אַנטדעקונג איז נאָך געווען פאַרשלייערט מיט די סודות פון עפּעס אַ נייעם מין „מעשי בראשית״־אויפטו, צו וועלכן דער מענטש־לעכער גייסט האָט זיך אַליין און זעלבסטשטענדיק געהאַט דערקליבן.

שוין צוליב דעם אַליין איז יעדע נייע אַנטדעקונג געוואָרן פאַר אונדז „אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע״ דערשיינונג.

אַזוי איז עס געווען אויפן געביט פון אונדזער מאָדערנער ציוויליזאַציע און אַזוי איז עס אויך געווען אויפן געביט פון אונדזער וועלט־קולטור.

(אַמאָליקע יאָרן פלעגט מען די ווערטער: „ציוויליזאַציע״ און „קול־טור״ אויסרעדן מיט איין אָטעם, ווי זיי וואָלטן געווען לייבלעכע שוועס־טער, אין דער אמתן אָבער קען מען זיין זייער אַ ציוויליזירטער מענטש

און נישט באַזיצן אין זיך קיין טראָפּעלע קולטור און מען קאָן אויך זיין אַ גאָר גרויסער קולטור־מענטש, נישט האָבנדיק קיין שום אינטערעס צו דער מאָדערנער ציוויליזאַציע).

אָט, למשל, האָט טאָלסטאָי נאָך נישט געהאַט געוווּסט פון קיין שום טעלעפאָנען און ראַדיאָס, אָבער דאָך האָט ער אָנגעשריבן זיין מייסטער־ווערק „קריג און פרידן", וועלכן די דעמאָלסטיקע ליטעראַטור־קריטיקער האָבן געהאַט באַצייכנט ווי „אַן עפּאָכע־מאַכנדיקן" בוך.

די קריטיקער האָבן, מסתמא, געמיינט דערמיט צו זאָגן, אַז נאָך טאָלס־טאָיס קרעפטיקע און פּרעכטיקע שילדערונגען פון דעם שרעקלעכן מלחמה־אומזין וועלן די מענטשן אויפהערן סוף־כל־סוף צו מאַרדעווען איינע די אַנדערע, נישט וויסנדיק אפילו פאַרוואָס און צוליב וואָס?

דאָס נעמלעכע, אַן ערך, האָבן מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער אויך געשריבן די נאַאיווע ליטעראַטור־קריטיקער וועגן רעמאַרקס בוך „אויפן וועסט־פראָנט איז נישטאָ קיין נייעס" („אין וועסטען — ניכטס נויעס"), וואָס איז דערשינען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914—1918.

אויך רעמאַרק, הייסט עס, האָט אָנגעשריבן „אַן עפּאָכע־מאַכנדיקן בוך" נאָך וועלכן ס'וועט שוין פּשוט ווערן אוממעגלעך צו מאָביליזירן די פעלקער — זיי זאָלן זיך איינע די אַנדערע אויסשלאַכטן צוליב עפּעס אַ משוגענעם „פּרינציפּ" (פּרינציפּ, אגב, האָט געהייסן יענער סערב, וואָס האָט דעם 28סטן יוני 1914 דערמאָרדעט אין סאַראַיעוואָ דעם עסטרייכישן ערצהערצאָג פראַנץ פערדינאַנד און צוליב דעם דאָזיקן אַטענטאַט זענען עטלעכע צענדליק פעלקער אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ וועלט־שלאַכט, וואָס האָט חרוב געמאַכט שטעט און לענדער און אומגעבראַכט איבער צען מיליאָן יונגע מענטשן).

נאָך דער ערשטער וועלט־שחיטה איז טאַקע אויסגעבראָכן אַן עפּידע־מיע פון פאַרשידענע מינים אַנטי־מלחמה־ביכער, און יעדער איינער פון די מחברים איז געווען, פאַרשטייט זיך, זיכער, אַז אויך ער האָט אָנגעשריבן „אַן עפּאָכע־מאַכנדיקן בוך", וואָס וועט ענדערן דעם סדר פון דער וועלט!

ווען איך בין אָבער דעם 10טן מאַי, 1933, געשטאַנען גאַנץ האַרט ביים ערשטן שייטערהויפן אין בערלין, ווו געבעלס, ימח שמו, האָט גע־שליידערט אין פייער אַריין די גאַנצע אַנטי־מלחמה־ליטעראַטור פון אלע

צייטן און אַלע פעלקער (און באַזונדערס — פון דעם יידישן פאָלק) האָב איך דענסטמאָל ערשט, ביים מיסטישן שיין פון דעם פונקען־שפּריצנדיקן שייטערהויפן, באַשיימפּערלעך געהאַט דערזען, אַז די גאַנצע מעשה וועגן די אַזוי גערופענע „עפּאָכע־מאַכנדיקע ביכער״ איז נישט מער, ווי אַ פּוסטע איינרעדעניש פון די מחברים און זייערע קריטיקערס!

כ'האָב נעמלעך דערזען, אַז אַנשטאָט עפּאָכע־מאַכנדיקע ביכער זענען גאָר פאַראַן ביכער־מאַכנדיקע עפּאָכעס, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער פאָלקס־ליטעראַטור.

ווען אַ פאָלק מאַכט דורך אַ וועלכע נישט איז גרויסע דערשיטערונג (אַ מלחמה, אַ רעוואָלוציע, צי גלאַט אַזוי אַן ערד־ציטערניש, וואָס מאַכט חרוב אַ לאַנד) — קומען דענסטמאָל אויף גאַנצע פּלעיאַדעס (מחנות) פון פּאָעטן און דערציילערס, וועלכע באַוויינען דעם חורבן אָדער זיי באַזינגען דעם ווידעראויפבוי פון זייער פאָלק.

ווען מיר באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור, אָנהויבנדיק פון דעם גאָר ערשטן באמת „עפּאָכע־מאַכנדיקן״ ספר, וואָס משה רבינו האָט אונדז געבראַכט פון דעם באַרג סיני ביז, זאָגן מיר, ביאַליקס „מעשה נעמיראָוו״ אָדער הירש גליקס פּאַרטיזאַנען־ליד („זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״) — דערזען מיר באַשיימפּערלעך, ווי יעדע גרויסע פאָלקס־קאַטאַסטראָפע רופט אַרויס ביי אונדז נייע מחנות פון באַזינגערס און באַוויינערס, וואָס פאַראייביקן אין זייערע ווערק דעם מאַרטירער־גאַנג פון אונדזער פאָלק דורך אַלע שייטערהויפנס פון דער וועלט־געשיכטע.

אַזוי האָט עס אויך פּאַסירט אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער „ציוויליזירטן״ יאָרהונדערט, ווען די פרייהייטס־באַוועגונג אין רוסלאַנד איז דערטרונקען געוואָרן אין יידישן בלוט.

אַ סך יידישע רעדל־פירערס פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן נאָך די פּאָגראָם־יאָרן 1905־1906 זיך געהאַט אָפּגעטראָגן קיין אויסלאַנד, אָבער די וואָס זענען פאַרבליבן אויף די ערטער האָבן ווידעראַמאָל, ווי קינדער פון אַן „עם הספר״, אָנגעהויבן צו זוכן שוץ און טרייסט אין דעם יידישן בוך און אין דער ניי־אויפקומענדיקער יידישער ליטעראַטור.

אַזוי אַרום איז ווי פון זיך אַליין געשאַפן געוואָרן אין ווילנע אַ נייער

יידישער ליטעראַטור־צענטער, פון וועלכן עס איז ווי פון זיך אַליין אַרויס־געשפּרונגען אַ גאַנץ נייע און, פאַרשטייט זיך, אויך „אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע" צייטשריפט אונטער דעם נאָמען „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן".

די דאָזיקע צייטשריפט, וואָס האָט געהאַט פּראָקלאַמירט דעם רענע־סאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט געהאַט דריי רעדאַקטאָרן.

יעדער איינער פון די דריי רעדאַקטאָרן, וואָס איז נאָך געווען דענסט־מאָל יינגער פון 25 יאָר, האָט שוין אָבער געהאַט הינטער זיך אַ גאַנץ גרויסע פּאַרטיי־פּאָליטישע פאַרגאַנגענהייט, אָבער כדי צו שאַפן אַ גאַנץ נייטראַלע טריבונע פאַר דער נייער יידישער ליטעראַטור — האָבן זיי געשאַפן אַזאַ מין סאָלידע דריי־אייניקייט, וואָס אַזאַ איינע הלוואי אויף אונדזערע צייטן געזאָגט געוואָרן.

דער פריער־געוועזענער ציוניסט שמריהו גאָרעליק ע"ה, דער פריער־געוועזענער בונדיסט איסאַק ווייטער (דעווינייזשעסקי) ע"ה, און אים צו לאַנגע יאָר — דער פריער־געוועזענער „עס־עסאָוועץ" ש. ניגער האָבן, ווי רעדאַקטאָרן פון איין און דער זעלבער צייטשריפט געאַרבעט אין אַ ווונ־דערלעכן קאָנטאַקט.

דער אָפיציעלער אַדרעס פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן" איז געווען נישט מער ווי אַ נומער פון אַ גאַנץ שמאָלן פּאָסט־קעסטל פון דער ווילנער פּאָסט אויף דער ברייטער גאַס, אָבער די פּאַקטישע רעדאַקציע האָט זיך געפונען אויף „זאַרעטשע" אין דעם בשותפותדיקן צימער פון ש. ניגער און דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

שוין צוליב דעם אַליין, וואָס איך האָב געלעבט אין איין צימער מיט דעם מיטרעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן" האָב איך זיך דערפילט ווי אַ שטיקל שותף צום רענעסאַנס פון דער יידישער ליטע־ראַטור, האָב איך זיך איינגעהאַנדלט א שווארצע פּעלערינע און געלאָזט וואַקסן וואָס לענגער די האָר, ווי ס'איז געווען דעמאָלט די מאָדע ביי פּאָעטן.

(אגב האָב איך די פּעלערינע שטאַרק נייטיק געהאַט אויך נאָך צוליב מיינע אויסגעריבענע עלנבויגנס און פאַרלאַטעטע הויזן).

אָבער נישט געקוקט אויף מיין דיכטערישער פּעלערינע מיט דער

נאָך מער דיכטערישער „שעוועליורע", האָב איך קיין מוט נישט געהאַט פאַרצוליייגן דער רעדאַקציע פון די „ליטעראַרישע מאַנאַטסשריפטן" עפּעס־וואָס פון מיינע שאַפונגען, פון וועלכע איך אַליין האָב, דעם אמת געזאָגט, נישט שטאַרק געהאַלטן.

דערפאַר אָבער פלעג איך שטאַרק געניסן פון די אינטימע שמועסן, וואָס ש. ניגער פלעגט פירן מיט די ייִנגערע און עלטערע שרייבער פון ווילנע און כ'פלעג אויך שטאַרק געניסן פון די פאַרלעזונגען פון די מאַ־נוסקריפּטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון אַלע עקן רוסלאַנד.

אַט, למשל, איז אָנגעקומען א מאַנוסקריפּט אַזש פון קיעוו. ס'איז געווען אַ דערציילונג פון איינעם אַ גאָר נייעם שרייבער, וואָס האָט זיך פאַרשטעקט אונטער דעם פּסעוודאָנים „דער נסתר".

שוין די ערשטע פּאָר שורות פון נסתרס דערציילונג האָבן אונדז גע־האַט שטאַרק פאַראינטריגירט. איך געדענק זיי נאָך ביז היינט און נעמלעך:

„ווען אַ מענטש זאָגט, אַז אים האָט זיך געחלומט אַ חלום — הער איך, ווי דער חלום זאָגט, אַז אים האָט זיך געמענטשט אַ מענטש".

אמת, שמריהו גאָרעליק איז געווען קעגן אָט דעם אופן שרייבן פון דעם אומבאַקאַנטן נסתר, וואָס האָט געמישט מליצה מיט מיסטיק, אָבער ש. ניגער און א. ווייטער האָבן פאַרטיידיקט דעם זייער טשיקאַוון נסתר־סטיל, וואָס איז געווען דענסטמאָל א נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור און נסתרס „חלום" האָט זיך „אָפּגעמענטשט" אין די „ליטעראַרישע מאַ־נאַטסשריפטן".

און אָט איז אָנגעקומען אַ בינטל לידער פון וואַרשע אונטער דעם פּסעוודאָנים „מנחם".

די לידער האָבן געהייסן „שוואַרצע רויזן", און כאָטש קיינער פון די דריי רעדאַקטאָרן האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען קיין שוואַרצע רויזן — האָט מען אָבער מנחמס לידער אָנגענומען, ווייל זיי זענען געווען גוט!

די ביידע, סיי נסתר און סיי מנחם, האָבן, גלויב איך, דעבוטירט אין די „ליטעראַרישע מאַנאַטסשריפטן" און פון דענסטמאָל אָן זענען זיי גע־וואָרן גרויסע יידישע שרייבער.

און אָט האָט זיך פּערזענלעך געמאָלדן אין רעדאַקציע אַ ברייטפּליי־

ציקער יונגערמאַן פון פוילן מיט צוויי זאַכן מיטאַמאָל. איין „זאַך" איז געווען אַ דערציילונג אונטערן נאָמען „דער טאַטע מיט די בנים" און די צווייטע „זאַך" איז געווען אַ גאַנץ לאַנגע פּאָעמע, וואָס איר נאָמען געדענק איך שוין נישט.

איך געדענק נאָר, אַז די רעדאַקציע האָט געכאַפּט גרויס התפעלות פון זיין דערציילונג, אָבער נישט פון דער פּאָעמע.

דאָס האָט דעם מחבר שטאַרק פאַרדראָסן, אָבער די אָפּגעדרוקטע דער־ציילונג האָט תיכף געמאכט דעם מחבר אַ גאַנץ גרויסן נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור און דער דאָזיקער נאָמען האַלט נאָך אָן ביז היינט־צו־טאָג — ס'איז איטשע־מאיר ווייסענבערג, ע"ה.

אויך איניקע שרייבער, וואָס האָבן געלעבט אין ווילנע גופא, האָבן אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן" געפונען זייער געהעריקן תיקון, דאָס זענען געווען משה זילבורג, ז. י. אַנכי און — אים צו לאַנגע יאָר — דוד איינהאָרן.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם גאַנץ גרויסן רעזאָנאַנס, וואָס די ווילנער רענעסאַנס־צייטשריפט האָט געהאַט באַקומען בכל תפוצות ישראל — איז זי, ליידער, דאָך אונטערגעגאַנגען אויף דעם פערטן נומער.

אין דעם פערטן (און לעצטן) נומער פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטס־שריפטן" האָט נאָך די רעדאַקציע געהאַט באַוויזן אָפּצודרוקן אַלע פיר אַקטן פון שלום אַשס דראַמע „שבתי צבי", אָבער דער רענעסאַנס פון דער יידי־שער ליטעראַטור, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן", איז נישט געוועזן, חלילה, קיין שבתי צבי־רענעסאַנס.

אָנהויבנדיק פון 1908 און ווייטער, האָט די מאָדערנע יידישע ליטע־ראַטור ווירקלעך אָנגעהויבן אַ גאַנץ נייעם באַרג־אַרויף סיי אין אייראָפּע און סיי אין אַמעריקע.

אָנשטאָט די צוויי־קאָפּיקענע ראָמאַנען פון שאָמערן; אָנשטאָט די „נאַ־טור־וויסנשאַפטלעכע" בראָשורקעס וועגן דעם „שפּיפון" (פּיפּערנאָטער) און וועגן דער סאַלאַמאַנדרע פון יהושע מזח און אָנשטאָט די תחינות פון שרה בת טובים האָבן די ווילנער דרוקערייען אָנגעהויבן צו דרוקן די ערשטע לידער־ביכער פון דוד איינהאָרן, פון ב. לאַפּין, פון ז. סעגאַלאָוויטש, ווי אויך פאַרשידענע מינים זאַמלביכער און אַלמאַנאַכן און אַזוי אַרום זענען

ווילנע

די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן" ווירקלעך געוואָרן „אַן עפּאָכע מאכנ־דיקער" ווינקלשטיין פון דעם שפּעטער־געוואָרענעם אַלוועלטלעכן „אי־דישלאַנד".

בין איך זייער צופרידן, וואָס מיר איז באַשערט געווען צו זיין כאָטש אַן עדות און אַ מיטלויפער פון אָט דעם גרויסן יידישן קולטור־רענעסאַנס אין דעם פּאָגראָמירטן רוסלאַנד.

מיין יינגלשע מיטלויפעריי סיי מיט די יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען און סיי מיט דער ניי־אויפגעקומענער יידישער ליטעראַטור איז מיר שפּעטער גאַנץ גוט צונוץ געקומען.

דאָס זעט איר דאָך, אגב, פון מיינע מעמואַרן־ביכער...

צווייטער טייל

(1936 — 1935)

די שרייבער־גרופּע „יונג־ווילנע" מיט משה בראָדערזאָנען און דניאל טשאַרני, ווילנע, 1935.

עס זיצן, פון רעכטס: מאיר פופס, יעקב גערשטיין, משה בראָדערזאָן, דניאל טשאַרני, אֶטאָ שנייד און לייזער וואָלף.

עס שטייען: א. גיניגער, חיים גראַדע, בנימין עליס, שמערקע קאַטשערגינסקי, פּרץ מיראַנסקי, משה לעווין, שמשון כהן, בן־ציון מכתם און אברהם סוצקעווער.

אַריינפיר צום צווייטן טייל

ווילנע, וואָס איז ביז דער צווייטער וועלט-שחיטה פון 1940-1945 געווען פאַר אונדז אַ „ירושלים ד'ליטע" — האָב איך דורכגעמאַכט אין פאַרשידענע צייטן און תקופות.

איך זאָג „דורכגעמאַכט", ווייל יעדער באַזוך מיינער אין ווילנע איז שטענדיק געווען פאַר מיר אַ גאַר גרויסע איבערלעבונג.

כ'האָב דורכגעמאַכט אין ווילנע די שטורמישע יאָרן 1903-1908, ווען זי איז געוואָרן די וויג פון אַלע יידיש-סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַליסטישע פאַרטייען און אויך — די וויג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

כ'האָב דורכגעמאַכט אין ווילנע דעם ערשטן מלחמה-יאָר פון 1914-1915, ביז זי איז אָקופּירט געוואָרן פון די דייטשן.

כ'האָב דורכגעמאַכט אין ווילנע די ערשטע משוגענע חדשים פון 1919, ווען ווילנע איז „באַפרייט" געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס ביז ס'האָבן זי אָקופּירט די פּאָליאַקן.

כ'האָב אויך דורכגעמאַכט אין ווילנע די יאָרן 1935 און 1936, ווען ווילנע איז שוין געוואָרן אָפיציעל גאַר אינגאַנצן פּאָלאָניזירט, אָבער „ירושלים ד'ליטע" — כ'מיין אונדזער יידישע ווילנע איז אַפילו אונטער דער פּוילישער ממשלה פאַרבליבן דורכאויס יידיש און יידישלעך.

וועגן אָט דער ווילנע פון ערב דער צווייטער וועלט-שחיטה און פון ערב „פּאָנאַר" וועט זיין די רייד אין די קומענדיקע קאַפּיטלען.

XXV

ווי אַזוי ווילנע איז געוואָרן „ירושלים ד׳ליטע״?

מ׳האָט איינמאָל אַ פרעג געטון אַ ייִנגל וואָס איז וויכטיקער — די זון צי די לבנה? האָט דאָס ייִנגל תיכף געענטפערט, אַז די לבנה איז וויכטיקער, ווייל די זון לייכט בייטאָג, ווען ס׳איז סיי־ווי ליכטיק, בעת די לבנה לייכט ביינאַכט, ווען ס׳איז פינצטער....

דער דאָזיקער קלוגער ענטפער פון דעם ייִנגל איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר ווילנע, אַפילו פון ריין־מעטעאָראָלאָגישן שטאַנדפּונקט. ווילנע פאַרמאָגט זייער וויניק זון. די מעטעאָראָלאָגן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אין דורכשניט האָט ווילנע יעדן צווייטן טאָג אין יאָר אַ רעגן אָדער אַ שניי. דורכאויס זוניקע טעג האָט ווילנע פאַרמאָגט אין יאָר 1920 — 57 און אין יאָר 1930 — שוין נישט מער ווי 26. ווען ווילנע ווערט שוין יאָ אַמאָל באַגליקט מיט אַ זוניקן טאָג, געניסן פון אים פיל מער די גוים, איידער די ייִדן. צו די קעלער־דירות און בוידעם־שטיבלעך פון די אויסגעקרימטע ווילנער געטאָ־געסלעך און „זאַוווּלקעס״ קען די זון בכלל קיינמאָל זיך נישט דערקלייבן.

דערפאַר אָבער זענען די לבנה־נעכט אין ווילנע אויסערגעוויינלעך שיין און ראָמאַנטיש. אמת, אויך קלאָרע, ליכטיקע לבנה־נעכט זענען אין ווילנע נאָך אַ גרעסערע זעלטנקייט, ווי קלאָרע, ליכטיקע זון־טעג, אָבער אין די ערשטע צוויי וואָכן פון יעדן ייִדישן חודש ווען שוין די לבנה — מעג אַפילו זיין דער הימל פאַרוואָלקנט — וועט זי שוין אויסזוכן מיט אַ ספּעציפיש ווילנער עקשנות אַ וועלכע נישט איז פרייע שפּאַרונקעלע צווישן די וואָלקנס און זי וועט באַלויכטן אַפילו די אויסגעקרימטע געטאָ־געסלעך, וואָס ציען זיך, ווי ראַדיוסן, צום ווילנער שול־הויף, ווו ייִדן וואַרטן שוין מיט אומגעדולד אויף קידוש־לבנה.

דניאל טשאַרני

די עלטערע יידן זענען מחדש די לבנה אויפן שול־הויף, אָבער די יינגערע, איך מיין די בחורים און די מיידלעך, זענען „מחדש די לבנה״ אויפן שלאָסבאַרג, צי גאָר אין דעם „טעליאַטניק״ (שטאָט־גאָרטן), ווו די שמאָלע „ווילענקע״ גיסט אריין אַלע אירע קרעניצע־וואַסערלעך אין דער ברייטער, גאָסטפריינטלעכער „ווילייע״.

— שלום עליכם! — זאָגט די ווילענקע צו דער ווילייע.

— עליכם שלום! — ענטפערט די ווילייע דער ווילענקע זייער גאַסט־פריינטלעך. און באַלד נאָכדעם טראָגן זיך דיביידע אַוועק אין דער ריכטונג צו קאָוונע, ווו דער ניעמאַן וואַרט שוין אויף זיי צופוסנס דער סלאָבאָדקער ישיבה.

דאָס איז, אגב, די איינציקע לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן ווילנע מיט קאָוונע, ריכטיקער געזאָגט — צווישן פוילן מיט ליטע.

זינט די פּאָליאַקן האָבן אין יאָר 1920 פאַרכאַפּט די אייביקע „ירושלים ד׳ליטע״ און זי דערקלערט פאַר אַ פּוילישער שטאָט, איז צווישן פוילן מיט ליטע נישט געווען קיין שום יבשה־פאַרבינדונג. אָבער די ניי־אויפגעקו־מענע פּוילישע מלוכה איז ביי אַלע אירע גרעסטע אַמביציעס דאָך נישט געווען בכוח צו צווינגען די פאַרעקשנטע ווילייע אַריינצוגיסן אַלע אירע ווילנער וואַסערן נישט אין דעם ליטווישן ניעמאַן, נאָר אין דער פּוילישער ווייסל.

פלעגן די פּאָלאָניזירטע פיש פון דער ווילייע זיך אַריינשמוגלען אין ניעמאַן, און אַזוי אַרום פלעגן קאָוונער יידן קאָנען יעדן שבת באַקומען שטומע גרוסן פון זייער ווילנע דורך די געפילטע פיש.

איצטער ערשט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס די געפילטע פיש אין קאָוונע פלעגן שמעקן אַזוי גוט און יום־טובדיק; ס׳איז געווען אין די פיש געננג ליטוויש זאַלץ און פעפער. יעדעס שטיקל פיש פלעגט צעגיין איבער אַלע גלידער, ווי אַ ווילנער לבנה־נאַכט ביי קידוש־לבנה. אין ווילנע אָבער האָבן שוין אייניקע „פּאָלאָניזירטע״ באַלעבאָסטעס אָנגעהויבן מאַכן געפילטע פיש אויפן פּוילישן נוסח, ד״ה, זיסלעך־סענטימענטאַל, ווי ס׳איז די פּוילישע שפּראַך — די צעפּעשטשעטע.

קאָן דען אַ ליטוואַק עסן פרייטיק ביידערנאַכט זיסע פיש, וואָס פאַר־טרייבט דעם אַפּעטיט פון די אַלע אַנדערע שבתדיקע מאכלים?

און קאָן דען אַ ליטוואַק באַהערשן די פּוילישע שפּראַך, וואָס פּאַר־מאָגט אין זיך אַזויפיל שיפּענדיקע קלאַנגען, ווי בזש, גזש, דזש, און אַז. וו., ווען עס קומט אים אָן מיט מאַטערניש צו זאָגן „גוט שבת״, אָנשטאָט „גוט סאָבעס״, ווי אַלע זאָגן?

זענען טאַקע די ווילנער יידן לכתחילה פאַרבליבן ביי דער יידישער שפּראַך, וועלכע האָט זיי ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה דורכגעטראָגן בשלום דורך אַלע פרעמד־שפּראַכיקע קולטורן, וואָס האָבן געזאָלט באַ־הערשן ווילנע.

ווען אַ ווילנער יידישער אינטעליגענט פלעגט זיך פאַרבענקען נאָך אַ וועלכער־עס־איז גויאישער שפּראַך, פלעגט ער, די פּאָליאַקן אויף צו להכעיס, רעדן רוסיש, ווייל פּושקין און לערמאָנטאָוו זענען פאַר דעם וויל־נער יידן דאָך נאָך געווען נעענטער, ווי מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי, כאָטש דיביידע פּוילישע דיכטער זענען אויך געווען „ווילנער״.

אָט די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע ליבשאַפט און געטריישאַפט פון די ווילנער יידן צו דער יידישער פאָלקס־קולטור האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט אַפילו אויף די ווענט און שטיינער פון די ווילנער קרומע געסלעך און „זאַווולקעס״, און דאָס איז אויך באַזונגען געוואָרן פון כמעט אַלע יידישע דיכטער, וואָס זענען אין ווילנע געבוירן געוואָרן, אָדער וואָס האָבן זיך גייסטיק באַהעפט מיט אָט דער מערקווירדיקער שטאָט.

„דו ביזט אַ תהילים אויסגעלייגט פון ליים און אייזן;
אַ תפילה יעדער שטיין, אַ ניגון יעדע וואַנט...״ —

האָט דער דיכטער משה קולבאַק כאַראַקטעריזירט ווילנע.

„אָן אַלטער וואַסערטרעגער, אַ למד־וואָווניק,
שעפּט אָן אין הימל זיינע קאַלטע עמערס,
און איך שעפּ אָן אַ פול האַרץ מיט בענקשאַפט —
ווילנע, נעם עס!״ —

האָט זיך דער דיכטער חיים לייב פוקס פון לאָדזש געבעטן ביי ווילנע.

„דאָ גוססט נאָך דער וואַסערטרעגער ייד,
דאָ האָט דער פייערטאָפּ נאָך נישט אָפּגעגליט,
דאָ חלומט נאָך דער קנאָבעלנער מקובל,
דאָ טאַנצט דער לעצטער חסיד אין זיין שטיבל....״ —

האָט דער „יונג־ווילנאַנער" לייזער וואָלף, וואָס איז אומגעקומען אין סאָוועטרוסלאַנד אין אַן אויטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפּע, באַזונגען זיין מוטער־שטאָט ווילנע. און דער אַמעריקאַניזירטער דיכטער נחום יוד טרייסט אונדזער מוטער־שטאָט ווילנע:

„אָ, ווילנע, אונדזער מוטער־שטאָט!
פיל שטורעמס זענען איבער דיר אַריבער,
נאָר אונדזער גייסט איז אין דיר פאַרבליבן.
נישט אַלץ ווערט אָפּגעמעקט אין גאַנג פון לעבן,
און ס'וועט אַ וואונדערלעכער שיין
אַרום דיין נאָמען שוועבן
ביז אין דער אייביקייט אַריין!"

אָט דער דאָזיקער „וואונדערלעכער שיין" פון ווילנע איז באַזונגען געוואָרן נישט נאָר פון יידישע און העברעאישע דיכטער אַליין. אויך אין דער רוסישער, ווייס־רוסישער, פוילישער, ליטווישער, דייטשער און אַפילו אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור פאַרנעמט ווילנע אַ גאַנץ בכבודיק אָרט.

ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז אין דעם בוך „טויזנט יאָר ווילנע", וואָס דער יונגער געשיכטע־שרייבער פון ווילנע זלמן שיק האָט אַרויסגעגעבן אין 1939, האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־שחיטה, — אַ בוך, וואָס איז מסתמא צו אַמעריקע נישט דערגאַנגען, — אַז אין אָט דעם בוך פאַרנעמט די ביבליאָגראַפישע רשימה פון ביכער, אַרטיקלען, דערציילונגען און לידער וועגן ווילנע אין די אַלע אויבנדערמאָנטע ליטעראַטורן עטלעכע און פופציק זייטן.

אין דעם זעלבן בוך, אגב, ווערט אויך פובליקירט די לעגענדע, ווי אַזוי ווילנע האָט באַקומען דעם נאָמען „ירושלים ד'ליטע".

דער „ועד ארבע ארצות" (די געזעצלעכע פאַרטרעטערשאַפט פון יידישע קהילות) אין פוילן, ליטע, רייסן און וואָלין האָט אַ לענגערע צייט נישט געוואָלט איינגיין אויף דער פאָדערונג פון די ווילנער יידן צו פאַררעכענען ווילנע מיט איר מדינה פאר אַ פינפטן „ארץ". די טענה איז געווען: ווילנע איז אַ שטאָט פון כמעט הוילע בעלי־מלאכות, פועלים, האָלצהעקער, וואַסער־טרעגער און אַנדערע מינים פשוטע האָרעפּאַשניקעס. האָבן זיך די ווילנער יידן געפונען באַליידיקט און זיי האָבן געוואָלט דערוויזן, אַז די ווילנער פּראָסטאַקעס קענען מער לערנען פון די בריסקער און מינסקער רבנים. האָבן די ווילנער יידן דורכגעפירט א שטרענגע רעגיסטראַציע, און ס'האָט זיך

אַרויסגעוויזן, אַז אין ווילנע געפינען זיך של״ג, ד״ה 333 יידן, וואָס קענען אויף אויסנווייניק דעם גאַנצן ש״ס. ווען די ווילנער דעלעגאַציע האָט געבראַכט צום צענטראַלן ועד אין בריסק די דאָזיקע רשימה, האָט דער גרעסטער פון די צונויפגעפאָרענע רבנים אויסגערופן מיט יראת הכבוד און התפעלות: „כי לשלג יאמר ארץ״ (א פסוק אין איוב) — אַז וויבאַלד אין ווילנע, הייסט עס, געפינען זיך 333 גדולי תורה, וואָס קענען זיין רבנים אין די גרעסטע שטעט, דאַרף מען ווילנע אויך אַריינרעכענען אין די „אַרבע אַרצות״, ווייל „די קהילה קדושה ווילנע איז ירושלים ד׳ליטע!״

פון דעמאָלט אָן האָט מען ווילנע אָנגעהויבן רופן „ירושלים ד׳ליטע״.

דאָס האָט פּאַסירט, אַ סברה נאָך מיט אַ דריי הונדערט יאָר צוריק, ווען די יידישע באַפעלקערונג פון ווילנע האָט געציילט עטלעכע טויזנט נפשות. דאָס הייסט, אַז יעדער צענטער „פּראָסטאַק״ אָדער האַרעפּאַשניק איז שוין דעמאָלט געווען גאָר אַ גרויסער למדן.

דער חשק צו לערנען, צו גריבלען זיך און צו שטודירן כלערליי יידישע און נישט־יידישע וויסנשאַפטן איז פאַרבליבן דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַר יעדן ווילנער ייד אַ ווו ער זאָל זיך נישט געפינען.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיין ערשטע באַגעגעניש אין ווילנע מיט איינעם אַ „לאַמעדוואָוניק״, וואָס איז געווען אַ פאַקנטרעגער אויפן ווילנער וואָקזאַל. זיין אימפּעט, מיט וועלכן ער האָט געגעבן אַ כאַפּ אָן מיינע פּעקלעך, כדי זיי צו ברענגען אין מיין האָטעל, האָט, דעם אמת געזאָגט, אַרויסגערופן ביי מיר אַ שטיקל חשד. ווער ווייסט דען צי ער איז אַ ריכטיקער פאַקנטרעגער? איין אויג איז פאַרצויגן מיט אַ ווייסער בעלמע, דאָס צווייטע איז אומרואיק־באַוועגלעך, ווי אַ ווייס מייזעלע אין אַ פּאַסטקע. איין פּלייצע העכער פון דער צווייטער, ווי ביי אַ וואַסערטרעגער, ווען ער טראָגט נאָר איין עמער. דאָס געזיכט איז פאַרוואַקסן מיט אַזאַ מין בערדל, וואָס זעט אויס ווי אַ בערשטל פון ווייסע חזיר־האָר. די קורצע דיקע פיס האָבן אויסגעזען, ווי אונטערגעזעגטע דעמבענע קלעצלעך. בין איך אים נאָכגעגאַנגען פוסטריט, ביז ער האָט בשלום דערטראָגן מיינע פּעקלעך צום האָטעל. ערשט דעמאָלט האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. און ווען איך האָב אים געוואָלט באַצאָלן פאַר זיין שווערער האָרעוואַניע, האָט ער צו מיר אַזוי געזאָגט:

— כ׳וועל ביי אייך נישט נעמען קיין געלט, חבר טשאַרני. איך וויל אָבער פון אייך אַן אַרטיקעלע פאַר אונדזער זשורנאַל...

— האָבן דען די ווילנער פאַקנטרעגער אַן אייגענעם זשורנאַל? — בין איך געוואָרן נייגעריק.

— ווי קומען דען די פאַקנטרעגער צו אַן אייגענעם זשורנאַל? — האָט מיר דער ייד געענטפערט. — איך מיין דעם זשורנאַל „באַגינען״, וועלכן איר האָט זיכער געזען. איך בין דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל.

— זענט איר דער חבר גרשון מאַלאַקעוויטש? — בין איך שטיין גע־בליבן אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט.

— יאָ, איך בין גרשון... — האָט מיין „פאַקנטרעגער״ שעמעוודיק גע־ענטפערט.

ערשט דעמאָלט האָב איך זיך נאָך מער פאַרשעמט, וואָס איך האָב גע־האַט פריער חושד געווען מיין טשיקאַווען „פאַקנטרעגער״, אַז ער קאָן נאָך מיינע פעקלעך פאַרשלעפּן אין אַן אַנדער פּלאַץ...

איך האָב דערזען פאַר זיך דעם אמתן טיפּ פון א „לאַמעדוואָוניק״, ווי ער ווערט געשילדערט אין אונדזער פאַנטאַזיע.

גרשון מאַלאַקעוויטש איז אין ווילנע געווען א גוט־באַקאַנטע פּער־זענלעכקייט. ער איז געווען אַמאָל א סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. ער האָט דורכגעמאַכט שווערע יאָרן פון דער צאַרישער קאַטאָרגע. אויף די על־טערע יאָרן איז ער געווען אַ שטיינבערגיאַנער, דאָס הייסט — אַן עטישער סאָציאַליסט, און ער האָט אין ווילנע אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם חודש־זשורנאַל „באַגינען״, פון וועלכן ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג, דער פירער פון דער „פריילאַנד״־באַוועגונג, האָט געקליבן אַ סך נחת.

גרשון מאַלאַקעוויטש האָט אין זיין „באַגינען״ אָפּט געדרוקט די ניי־צוגעקומענע דיכטער פון „יונג ווילנע״, אין וועלכע ער איז געווען שטאַרק פאַרקאָכט. גרשון מאַלאַקעוויטש האָט געהאַט געברענטע צרות פון דער פּוילישער פּאָליציי, וואָס האָט אים תמיד געהאַלטן אויפן אויג. אַ פּוילי־שער אינספּעקטאָר איז איינמאָל געקומען צום רעדאַקטאָר פון „באַגינען״ אָפּצושרייבן זיין האָב־און־גוטס פאַר די פאַר הונדערט זלאָטעס שטראָף, וואָס די צענזור האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם זשורנאַל. דער אינספּעקטאָר האָט אומזיסט געזוכט די דירה פון דעם רעדאַקטאָר גרשון מאַלאַקעוויטש,

ווי ס׳איז געווען אָנגעוויזן אין דעם זשורנאַל „באַגינען״. ער האָט דערזען, דער פּוילישער אינספּעקטאָר, אַז אויף דעם דאָזיקן אַדרעס, אויף סאַדאָווע גאַס וווינט גאָר אַ יידישער שוסטער אין אַ פינצטערן קעלער, צען טרעפּ אונטער דער ערד. האָט ער אָנגעהויבן אויסצופרעגן דעם שוסטער, צי ער ווייסט נישט, וווּ עס געפינט זיך דאָ ערגעץ די רעדאַקציע פון דעם זשור־נאַל „באַגינען״. האָט דער שוסטער פאַרבעטן דעם אינספּעקטאָר צו זיך אין קעלער אַריין. הינטער דעם שוסטערס וואַרשטאַט איז געשטאַנען אַ שפּאַניש ווענטל; הינטער דעם ווענטל איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל. אונטערן אייזערנעם בעטל איז געשטאַנען אַ געפלאָכטן שטרוי־קערבל מיט אַן אָפּגעפּליקט דעקל.

— אָט אין דעם קערבל, פּאַניע פּריץ, איז די גאַנצע רעדאַקציע פון „באַגינען״.

— און וווּ איז דער רעדאַקטאָר אַליין? — איז דער פּוילישער אינ־ספּעקטאָר מיט זיינע פּילסודסקי־וואָנצעס שטיין געבליבן אַ צעטומלטער.

— דער רעדאַקטאָר אַליין דרייט זיך אַרום לעבן וואָקזאַל, טאָמער מאַכט זיך אַ פּעקל אונטערצוטראָגן... — האָט אים דער שוסטער געענט־פערט.

—ס׳קען נישט זיין, אַז די רעדאַקציע פון אַ זשורנאַל מיט אַזאַ ליכ־טיקן נאָמען זאָל זיך געפינען אין אַזאַ פינצטערן לאָך! — האָט זיך דער אינספּעקטאָר אָנגעהויבן בייזערן אויף דעם שוסטער. — ס׳איז אַ טיפּיש זשידאָווסקער „קאַמופלאַזש״. כ׳וואָלט וועלן זען דעם רעדאַקטאָר אַליין!

דער איבערגעשראָקענער שוסטער איז גלייך אַוועקגעלאָפן צום וואָק־זאַל, וואָס איז געווען נישט מער ווי אַ מינוט גאַנג, און ער האָט געבראַכט דעם רעדאַקטאָר אַליין...

ווען דער פּוילישער אינספּעקטאָר האָט דערזען פאַר זיך דעם רע־דאַקטאָר מאַלאַקעוויטש, וואָס איז שטראָפירט געוואָרן מיט צוויי הונדערט זלאָטעס פאַר עפּעס אַן אַפּיקורסישן אַרטיקל אין „באַגינען״, האָט ער זיך דריי מאָל אָפּגעשפּיגן און צו גרשונען אַזוי געזאָגט:

— איך עצה אייך אָפּצוזיצן די געלט־שטראָף אין טורמע, ווייל אין טורמע וועט איר דאָך האָבן אַ סך בעסער, ווי אין אָט דעם פינצטערן לאָך!

חבר גרשון האָט אים באַדאַנקט פאַר דער עצה, אָבער אין טורמע האָט

ער גישט געוואָלט גיין. ער האָט דערלאַנגט אַ קאַסאַציע צו דער העכערער מאַכט אין וואַרשע — מען זאָל אים פון דער שטראָף באַפרייען.

ווי קען ער דען גיין אין טורמע, חבר גרשון, ווען מען מוז יעדן חודש אַרויסלאָזן א נייעם נומער „באַגינען"! ער ווייסט, חבר גרשון, ווי זשעדנע מ'איז אין די שטעטלעך פון פוילן צו יעדן נייעם נומער „באַגינען".

גראָד דעמאָלט, ווען דער חבר גרשון האָט מיך צום ערשטן מאָל דער־זען אין ווילנע, האָט ער מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויף אַן ענטפער פון דעם פּראָווינציעלן שריפטשטעלער ראָמען ראָלאַן. נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט חבר גרשון אָפּגעדרוקט אין זיין „באַגינען" אַן אָפּע־נעם בריוו צו ראָמען ראָלאַן וועגן זיין שטעלונג צו סאָוועט־רוסלאַנד. חבר גרשון האָט אויפגעפאָדערט ראָלאַנען צו ענטפערן אים אויף אייניקע האַרבע שאלות וועגן דעם טעראָר אין סאָוועט־רוסלאַנד. ראָמען ראָלאַן האָט זיך אָבער נישט געאיילט גרשונען צו ענטפערן. מיט גרשונען איינ־איינעם האָבן געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף ראָלאַנס ענטפער הונ־דערטער און הונדערטער לייענער פון „באַגינען" אין אַלע עקן פון פוילן!

— האָט חבר גרשון באַשלאָסן, אַז ראָמען ראָלאַן איז נאָך ווייט פון צו זיין אַזוי עטיש, ווי ס'איז געווען לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי. טאָלסטאָי האָט גרשונען קיינמאָל נישט געלאָזט צו־לאַנג וואַרטן אויף אַן ענטפער... (ווען חבר גרשון איז געווען אויף קאַטאָרגע, פלעגט ער זיך איבערשרייבן מיט טאָלסטאָיען...)

אָט דאָס איז געווען גרשון מאַלאַקעוויטש — דער ערשטער „לאַמעד־וואָווניק" אין ווילנע, וואָס טראַגנדיק פּעקלעך פון ווילנער וואָקזאַל, איז גאָר זיין גרוי־געוואָרענער קאָפּ שטענדיק געווען פאַרטראָגן מיט זייער ווּיכטיקע סאָציאַל־עטישע פּראָבלעמען וועגן עפּעס אַ נייעם מין „באַגי־נען" אין דער פינצטער געוואָרענער וועלט.

איך האַלט, אַז עס איז ווירקלעך געווען אַן עוולה מצד ראָמען ראָלאַן, וואָס ער האָט דעם חבר גרשון נישט געענטפערט אויף זיין אָפענעם בריוו צו אים.

דער חבר גרשון מאַלאַקעוויטש האָט אויף זיינע קאַטאָרגע־פּלייצעס אויסגעטראָגן אַ סך מער, ווי ראָמען ראָלאַן...

XXVI

ווילנער לויות

דאָס יאָר 1935 האָט זיך אָנגעהויבן אין ווילנע מיט צוויי וויכטיקע פּאַסירונגען. די ערשטע פּאַסירונג איז געווען די פאָלקס־לויה פון דעם אומפּאַרגעסלעכן ד״ר צמח שאַבאַד. די צווייטע פּאַסירונג איז געווען דאָס אַרויסבאַגלייטן איינעם אַ ווילנער זייגערמאַכער קיין ביראָבידזשאַן. אין גרונט גענומען האָבן די ביידע פּאַסירונגען קיין שום אינערלעכן צוזאַמענהאַנג נישט. ד״ר צמח שאבאד, וועלכער איז געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט אין דער גאָרער יידישער וועלט, איז אויפן 70סטן יאָר פון זיין גרויסן שעפערישן לעבן אַוועק אויפן עולם האמת, און אַ צווייטער יידישער פאָלקסמענטש פון ווילנע — אַ זייגערמאַכער, וואָס זיין נאָמען איז געווען באַקאַנט נאָר צו אַ באַגרענעצטן קרייז מענטשן אין ווילנע, האָט אויף די עלטערע יאָרן באַשלאָסן זיך אַריבערצופּעקלען מיט זיין זעקסקעפּיקער משפחה קיין ביראָ־בידזשאַן, ווו די קינדער זיינע וועלן, אַ סברה, האָבן אַ בעסערע צוקונפט, ווי אין ווילנע.

אין ווילנע אָבער ווערט יעטוועדע לאָקאַלע פּאַסירונג פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט־געשעעניש. ווילנע האָט אַ ספּעציעלן חוש פאַר געשיכטע, פאַר יידישער געשיכטע. די ווילנער כראָניקעס־שרייבער וויסן שוין פון זייער דערפאַרונג, אַז אַפילו גאַנץ קליינע לאָקאַלע פּאַסירונגען קענען אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין גאַנץ וויכטיקע קאַפּיטלען פון דער יידישער געשיכטע.

קיין שום יידישע שטאָט אין גאָר דער וועלט פאַרמאָגט נישט אַזאַ רייכע היסטאָריאָגראַפישע ליטעראטור, ווי דאָס פאַרמאָגט אונדזער „ירושלים ד׳ליטע״. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז צווישן דער ערשטער און צוויי־

טער וועלט־מלחמה זענען דערשינען אין ווילנע און אין ניו יאָרק עטלעכע און צוואַנציק גאַנץ דיקע פּנקסים, זאַמלביכער, מעמואַרן און אַנדערע מי־נים ווערטפולע ווערק וועגן ווילנע, וואָס איצטער זענען זיי שוין אַלע גע־וואָרן באַוועגלעכע מצבות איבער דעם חרוב געוואָרענעם יידישן קיבוץ.

אָבער ווילנע, פּונקט ווי ירושלים, געהערט צו יענע שטעט, וואָס קיין שום טייוול קען זי נישט אָפּווישן פון דער ערד.

ווילנע איז שוין אין משך פון איר טויזנט־יעריקער געשיכטע נישט איינמאָל חרוב געוואָרן, אָבער נאָך יעדער פאַרוויסטונג איז זי ווידער־אַמאָל אויפגעשטאַנען תחית־המתים. שוין הונדערטער יאָרן, ווי פאַר ווילנע רייסן זיך די רוסן מיט די פּאָליאַקן, די פּאָליאַקן מיט די ליטווי־נער, און די אַלע דריי פעלקער האָבן שוין נישט איינמאָל זיך געריסן פאַר ווילנע מיט די שוועדן, מיט די פראַנצויזן און מיט די דייטשן.

מען קען מיינען, אַז ווילנע איז אַ שטאָט פון מילך און האָניק, צי פון גאָלד און זילבער — וויבאַלד אַלע פעלקער האַלטן זיך אין איין רייסן צוליב איר. אין דער אמתן אָבער איז ווילנע איינע פון די אָרעמסטע שטעט אין ליטע, צי אין פּוילן. אַפילו אין די אַלטע גוטע צייטן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, פלעגן די ווילנער „בשמים־קרעמער" צע־שניידן אַ הערינג אויף זעקס חלקים און פאַרקויפן צו — אַ גראָשן אַ שטיקל הערינג, פלעגן „באָרגן" ביים קרעמער אַביסל „ליאָק" (הערינג־יויך) אין אַ גלאָז. און ווען מען טינקט איין אַ בולבע אין אָט דעם „ליאָק" איז שוין כמעט דאָס זעלבע, ווי מען וואָלט געגעסן בולבע מיט הערינג...
דאָך אָבער האָבן די ווילנער יידן באַקומען די צונעמעניש — „נאַשערס". דאָס ווערטל „ווילנער נאַשערס" איז געוואָרן אַ שם־דבר אין גאַנץ ווילנע און רייסן. איך מיין, אַז די ווילנער יידן האָבן באַקומען די דאָזיקע נישט־פאַרדינטע צונעמעניש נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעלערנט די גרויסע קונסט צו באַקן בייגל אָן לעכער. די זשעדנעקייט נאָך אַ שטיקל ברויט איז ביי די ווילנער יידן געווען אַזוי גרויס, אַז די בעקערס האָבן זיך געקלייגט צו פאַרשטאָפּן דאָס לאָך פון אַ בייגל מיט אַ שטיקל טייג. ס'פלעגט פאַרבלייבן נישט מער ווי קליין גריבעלע, אַ מין זכר ל'לאָך...

אַזוי אַרום איז פאַר ווילנע נישט געוואָרן מער גילטיק די גוט־באַ־קאַנטע פאָלקס־רעטעניש: „וואָס בלייבט פון אַ בייגל, ווען מען עסט אים

אויף?" אין אַלע שטעט פון דער וועלט פאַרבלייבט נאָך אַן אויפגעגעסענעם בייגל — דאָס לאָך, אָבער אין ווילנע פלעגן נישט פאַרבלייבן קיין שום בייגל־לעכער. דערפאַר, זעט אויס, האָט מען די ווילנער באַשטראָפט מיט דער צונעמעניש — „נאַשערס".

יאָ, די ווילנער יידן זענען ווירקלעך געוואָרן גרויסע „נאַשערס". זיי האָבן געהאַלטן אין איין נאַשן שטיקלעך יענע וועלט. דער עולם הבאַ־קולט אין ווילנע איז דערהויבן געוואָרן צו אַ שטיק עולם־הזה... אפילו אַ לויה פון אַ פשוטן יידישן פאָלקס־מענטש פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטאָט־אָנגעלעגנהייט. יעדע פאַראַבלטע משפחה פלעגט האַלטן פאַר איר געזעלשאַפטלעכן חוב אָנצוזאָגן תיכף ומיד דער גאַנצער יידישער באַ־פעלקערונג וועגן דעם גרויסן בראָך, וואָס עס האָט איר געטראָפן. די מער פאַרמעגלעכע אבלים פלעגן מעלדן וועגן זייער משפחה־אומגליק אין די צייטונגען און אויך נאָך — דורך די אַזוי־גערופענע „קלעפּסידרעס" (געדרוקטע פלאַקאַטן), וואָס פלעגן צעקלעפּט ווערן אויף אַלע גאַסן־ווינקלען.די אָרעמעלייט פלעגן זייערע לויה־בשורות אָנשרייבן מיט דער האַנט און אַליין זיי צעקלעפּן אויף די טעלעגראַפן־סלופּעס און אויף די ווענט פון די יידישע הייזער. אַזוי ווי אָבער יעדן צווייטן טאָג אין יאָר גייט אין ווילנע אַ רעגן, אָדער עס פאַלט אַ נאַסער שניי, פלעגן די געשריי־בענע „קלעפּסידרעס" גאַנץ אָפט פונאַנדערוויינען זיך מיט זייערע טינט־טרערן פון אות צו אות און אַרונטעררינען ביז צו די קנעכלעך פון די טעלעגראַפן־סלופּעס און פון די ווענט די יידישע. דאָס פלעגט אויף די שטענדיק נייגעריקע דורכגייער, וואָס פלעגן די „קלעפּסידרעס" לייענען, מאַכן אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק. מען זעט באַשיימפּערלעך, ווי אפילו די טעלעגראַפן־סלופּעס און די געמויערטע ווענט זאַפּן איין אין זיך דעם גרויסן צער פון דער פאַראַבלטער משפחה!

אָט דער דאָזיקער לויה־קולט אין ווילנע פלעגט יעדן משפחה־אומגליק פאַרוואַנדלען אין אַ שטאָט־אומגליק, איבער וועלכן עס טרויערט „גאַנץ ווילנע". נאָך אַ לויה אין ווילנע פלעגן געוועגלעך, נאָכגיין אַ סך אומבאַקאַנ־טע מענטשן. ווער צוליב מצווה וועגן און ווער — צוליב „פריילעכקייט"־וועגן. פאַר אַ ליידיקגייער (און אין ווילנע זענען גראָד געווען אַ סך ליידיק־גייערס) איז דאָך פריילעכער צו שפּריזן אין די גאַסן אינאיינעם מיט אַ

גאַנצער עדה יידן און יידענעס און זיך צוהערן, אגב, צו דעם פריילעכן געקלאַנג פון די אָרעמע גראָשנס אין דער „צדקה תציל ממות"־פושקע...

כ'בין מודה, אַז אויך איך פלעג גאַנץ אָפט, מעשה ליידיקגייער, זיך צו־קלעפּן צו אַ װעלכער נישט איז לויה אָדער גלאַט אַזוי, „פון פריילעכקייט װעגן"... איך בין געװען אויסגעהונגערט נאָך װילנע. כ'האָב געװאָלט װאָס גיכער און װאָס ענגער באַהעפטן זיך מיט מיין מוטער־שטאָט װילנע. און ביי אַ לויה פלעגט מען האָבן די בעסטע געלעגנהייט צו קענען איינצייטיק פאַרברענגען מיט די פאַרשידענע טיפּן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

מער נישט — ביי דער באמת פאָלקסטימלעכער גראַנדיעזער לויה פון ד"ר צמח שאבאד, ע"ה, האָב איך זיך געהאַלטן אין א זייט. עפּעס האָב איך זיך געפילט שולדיק לגבי דעם פאַרשטאָרבענעם, װאָס נישט שטענדיק האָב איך אויסגעפאָלגט זיינע מעדיצינישע עצות, װאָס ער פלעגט מיר געבן. דערפאַר, אפשר, האָט מיר אויסגעפעלט מוט צו כאַפּן אויף אים דעם לעצטן קוק, װען ער איז שוין געלעגן אין אָרון. מיר האָט אָבער געקלעקט גענוג מוט צו פאַרנעמען באַלד נאָך זיין טויט די צוויי צימערן זיינע, דורך װעלכע עס איז דורכגעגאַנגען נישט נאָר גאַנץ װילנע, נאָר גאַנץ „יידישלאַנד".

די װענט פון ד"ר שאבאדס צימערן האָבן איינגעזאַפּט אין זיך נישט נאָר די יידישע צרות און קרענק פון גאָר דער װעלט, נאָר אויך אַלע ניי־יידישע קולטור־דערגרייכונגען און קולטור־פאַרמעסטונגען פון אונדזער „יידישלאַנד".

דעם מוט צו פאַרנעמען די ליידיק געװאָרענע צימערן פון ד"ר שאַבאַד האָט מיר צוגעגעבן אונדזער אומפאַרגעסלעכער פּראָפעסאָר שמעון דוב־נאָװ, ע"ה, װעלכער האָט דעמאָלט געלעבט און געשאַפן אין ריגע.

„איך בין נאָך אַלץ אונטער דעם איינדרוק פון אונדזער שאַבאַדס טויט", האָט מיר פּראָפעסאָר דובנאָװ געשריבן דעם 27סטן יאַנואַר, 1935 (פונקט אַ װאָך נאָך ד"ר שאַבאַדס טויט). „אַ שאָד, װאָס אייך איז נישט באַשערט געװען נענטער צו דערקענען די דאָזיקע שיינע, איידעלע נאַטור, דאָס האַרץ, װאָס איז שטענדיק געװען פול מיט יידישע דאגות און צרות, מיט אַ דראַנג עפּעס אויפצוטון, העלפן, אָרגאַניזירן. שװער פאַרצושטעלן זיך װילנע אָן שאַבאַדן!

„און דאָך מוז אין ווילנע געשאַפן ווערן אַ שטיקל צענטער, דער עיקר אַרום „ייוואָ".

„פאַר אייך איז דאָך ווילנע דער לעצטער שאַנס", האָט מיר פּראָפ. דובנאָוו ווייטער געשריבן. „אַרום און אַרום איז, אמת, ביטערע נויט, אָבער דאָך קען מען קריגן (אין ווילנע) אַ רואיק ווינקל. דאָס לעבן איז ביליק. פּריינט געגנוג. אידעאַליזם אויך מער ווי אין אנדערע שטעט. איך קוק אויף אייך, ווי אויף מיינעם אַ פּאַרלויפער. איך וואַקל זיך נאָך איצט צווישן אָטוואָצק (הינטער וואַרשע) און ווילנע, צווישן דער טאָכטערס משפּחה (סאָ־פּיאַ דובנאָוו־ערליך) און „ייוואָ"־משפּחה... (אגב, געפינען זיך איצט די ביידע פּאַראַבעלטע „משפּחות, אין ניו־יאָרק). פון אייך, דניאל איש חמודות, וואַרט איך ריכטיקע ידיעות וועגן דעם ווילנער לעבן אין אַלע פּרטים. דער עיקר — צי וועל איך זיך דאָרט קענען אויסבאַהאַלטן, ווי דאָ אין קיי־זערוואַלד (הינטער ריגע). איך ווייס, אַז אַזעלכער איז דאָרט נישטאָ, אַז ווייטער ווי זאַקרעט קען מען דאָרט נישט וווינען. אָבער צי זענען דאָרטן דאָ גוטע אייראָפּעאישע דירות? איך געדענק פּאָהולאַנקע און זאַקרעט מיט 28 יאָר צוריק. דעם פאַריקן זומער, ווען איך האָב פאַרבראַכט אַ וואָך אין ווילנע, האָט מען מיך אַפילו נישט געלאָזט באַזוכן דעם זאַקרעט".

„...אגב, שרייבט מיר, ווי גייט אייער פאַרמעלער „חזקת ישוב" (פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, בלע"ז) אין פּוילן. מאַכט מען אייך נישט קיין שווע־ריקייטן? זענט איר זיכער בנוגע פּראָלאָנגירונג פון וווינרעכט? מיר דאַכט, אַז אין דער הינזיכט איז מען אין פּוילן טאָלעראַנטער, איידער אין אַנ־דערע לענדער. אַ שטיקל פּרעסע־פרייהייט איז דאָך דאָרטן געבליבן. און מיר דאָ (אין לעטלאַנד) זענען „אייך" פּשוט מקנא. אַי, וואָס וועט שפּע־טער זיין? אָבער דאָס קען מען דאָך נישט פאָראויסזאָגן בנוגע צו אַ סך לענדער..."

אַזוי האָט צו מיר געשריבן פון ריגע קיין ווילנע דער פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו אָנהויב 1935, ווען קיינער פון אונדז האָט נאָך ווירקלעך נישט געקענט פאָראויסזען, אַז גאַנץ דייטשלאַנד וועט פּראָסט־פּשוט אַראָפּגיין פון זינען, און די „הויך קולטורעלע" דייטשן וועלן אָנהויבן קוילענען יידן אָט גלאַט אַזוי „פון פריילעכקייט וועגן"...

מער נישט איינער אַ זייגערמאַכער אין ווילנע האָט דורך זיין אין

אויגיקן שוואַרצן שפּאַקטיוועלע, מיט וועלכן ער פּלעגט אַריינקוקן אין די געדערים פון די קאַליע געוואָרענע זייגערלעך, האָט דער דאָזיקער זייגערמאַכער פּלוצלינג דערזען, אַז די משוגע־געוואָרענע צייט דרייט זיך אויף צוריק, און מען דאַרף זיך באַצייטנס ראַטעווען קיין ביראָבידזשאַן.

דער באַשלוס פון דעם דאָזיקן זייגערמאַכער אויסצובייטן „ירושלים ד׳ליטע״ אויף דעם ווייטן, זייער ווייטן ביראָבידזשאַן האָט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע געמאַכט גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק. אייגנטלעך וואָלט האַלב ווילנע מיט אים מיטגעפאָרן. אָבער ביראָבידזשאַן פלעגט אַריינלאָזן נאָר אויסדערוויילטע און פון פריער אָפּגעקליבענע פּאַכלייט, וואָס זענען אידעאָלאָגיש און פיזיש פעאיק זיך אַריינצופּאַסן אין די אַלע אויפבוי־פּראָצעסן פון דער צוקינפטיקער יידישער סאָוויעטן־רעפּובליק.

צו יענער צייט האָט זיך ביראָבידזשאַן גענויטיקט, זעט אויס, אין אַ גוטן זייגערמאַכער.

ביראָבידזשאַן האָט גאָר דעמאָלט נישט געוווּסט געגוי ווי שפּעט עס איז אין דער וועלט, און באַזונדערס אין דער יידישער וועלט. האָט מען אויסגעשריבן אַהין אַ ווילנער זייגערמאַכער, ער זאָל אָנשטעלן אַלע זייגערס פון ביראָבידזשאַן. איז דאָס געוואָרן אַ געשעעניש פאַר גאַנץ ווילנע. די ראַדיקאַלע יידישע אינטעליגענץ איז געוואָרן שטאָלץ, וואָס גראָד אַ ווילנער זייגערמאַכער וועט אָנהויבן צו רעגולירן די צייט פון ביראָבידזשאַן! האָט מען אָנגעהויבן קלייבן פאַר דעם זייגערמאַכער מיט זיין זעקסקעפּיקער משפחה פאַרשידענע מינים מתנות, וואָס זאָלן זיי צוניץ קומען סיי אין דעם לאַנגן און שווערן וועג זייערן און סיי אין דעם נייעם צוקונפטס־לאַנד. באַזונדערס שטאַרק האָט מען געקליבן אין שטאָט קאַליע־געוואָרענע זייגערס, ספּרונזשינעס, ווייזערס, ציפערבלאַטן און כלערליי מכשירים, וואָס זענען נויטיק פאַר אַ זייגערמאַכער.

— אין ביראָבידזשאַן — האָבן די זאַמלער געטענהט — וועט דאָס אים אַלץ צוניצקומען!

האָב איך אויך אָנועקגעשענקט איינעם אַ זייגערל מיינעם, וועלכן איך האָב געהאַט אָפּגעקויפט ביי אַן איבערגעשראָקענעם בורזשוי אין מאָסקווע באַלד נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. איך האָב געטראַכט, אַז ווי באַלד



ד"ר צמח שאבאד און די אינסטיטוציעס, וואָס ער האָט געהאָלפן שאפן
אין ווילנע. אין צענטער פראגמענט פון דער לוויה פון שאבאד.
(פאָטאָ־מאָנטאזש פון מאָטל מינקאָוו)

מיין האַרץ קען נישט קלאַפּן אין דער צוקינפטיקער יידישער סאָוויעטן־רעפּובליק, זאָל דאָרטן קלאַפּן, לכל הפחות, מיין „בּורזשואַזער" קעשענע־זייגער.

ווען די פּוילישע פּאָליציי וואָלט געווען דערלויבט אַרויסצובאַגלייטן דעם גליקלעכן זייגערמאַכער מיט זיין משפחה פּונקט אַזוי פייערלעך ווי עס ווערט אַרויסבאַגלייט אין ווילנע אַ חשובער מת, וואָלטן די גאַסן שוואַרץ געווען פון מענטשן, אָבער די ווילנער פּאָליציי פלעגט דער־לויבן יידישע גאַסן־פאַרזאַמלונגען נאָר בעת אַ לוויה...

איז דער זייגערמאַכער מיט זיין זעקס־קעפּיקער משפחה און מיט אַלע זיינע קאַליע געוואָרענע זייגערס און זייגערלעך אַוועקגעפאָרן פון ווילנע קיין בּיראָבּידזשאַן אָן קיין שום עפנטלעכע אַרויסבאַגלייטענישן. אָבער ער האָט געשפּירט, דער אַלטער זייגערמאַכער, אַז הינטער אים שטייט גאַנץ ווילנע און אַז די ראַדיקאַלע יידישע יוגנט פון ווילנע באַטראַכט אים פאַר זייערן אַ „מרגל", וועלכער וועט זיי דאַרפן גאַנץ אָפּט און גאַנץ גענוי אינפאָרמירן וועגן דער צוקינפטיקער יידישער רעפּובליק אויף דעם ווייטן מזרח.

זענען כמעט איינצייטיק אַוועק פון ווילנע צוויי גרויסע יידישע פּאָלקס־מענטשן. איינער פון זיי האָט געהייסן ד"ר צמח שאַבאַד, ע"ה, וואָס דער נאָמען זיינער איז געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט אין אַלע יידישע קיבוצים פון גאָר דער וועלט. דער צווייטער יידישער פּאָלקס־מענטש איז געווען דער שטילער האָרעפּאַשנער זייגערמאַכער מיט זיין ווייב און פינף קינ־דער. דער (ד"ר שאַבאַד) איז אַוועק פון ווילנע אין דער אייביקייט אַריין, ווי אַ פאַרענדיקטער קאַפּיטל געשיכטע על פּי נוסח דובנאָוו, ע"ה, און דער צווייטער (דער זייגערמאַכער) איז אַוועק פון ווילנע קיין בּיראָבּידזשאַן אָנצוהייבן אַ גאָר נייעם קאַפּיטל יידישע געשיכטע על פּי נוסח קאַרל מאַרקס... (אויך שוין ע"ה).

זיך איך איצטער אויפן ברעג פון דעם האַלב־איינגעפאַלענעם האָד־סאָן אין דעם מאַיאַנטעק פון אונדזער ליבן גוטן פריינט ד"ר יוסף ראָזען פון „אַגראָ־דזשאָינט" (אויך שוין ע"ה...) פון איין פענצטער זע איך ווי עס פירט אונטער איר ווייסער זיידענער העמד אַ „וויינענדיקע בעריאָזע", אַ שניי־ווייסע בעריאָזע, וואָס די איבערגעפרוירענע נאַקעטע צווייגן אי־

רע פּאַלן אַרונטער ווי שוואַרצע צעפּ ביז צו די וואָרצלען און ס'דאַכט זיך מיר, אַז די „וויינענדיקע בעריאָזע" העלפט מיר וויינען דעם גרויסן געוויין איבער די געשענדעטע קברים פון דעם גר־צדק און דעם ווילנער גאון, פון איסאַק ווייטער און ד"ר צמח שאַבאַד, פון הירש לעקערט און יולי שימעליעוויטש. און דער עיקר — איבער די זעקס מיליאָן קברים פון אונדזערע קדושים און מאַרטירער אין אַלע „קיינעמס־לענדער" פון אייראָפּע — צווישן זיי אויך דער „אומבאַקאַנטער קבר" פון אונדזער פאַרפייניקטן גרויסן היסטאָריקער, פּראָפ' שמעון דובנאָוו, ערגעץ־ווו הינטער ריגע.

אָבער פון אַ צווייטן פענצטער זע איך ווי עס באַוועגן זיך אונטער דעם פּראָסטיקן ווינט די איבערגעפרוירענע דאַרע צווייגעלעך פון די צוויי ביראָבידזשאַנער פלאַנצן, וואָס דער געניטער אַגראָנאָם, יוסף ראָזען, האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט איבערגעפלאַנצט פון ביראָבידזשאַנער באָדן אויף דעם באָדן פון זיין מאַיאָנטעק, וואָס בערגלט זיך אויפן ברעג פון דעם האָדסאָן („פאָלג מיך אַ גאַנג"!) און עס דאַכט זיך מיר, אַז די פאַרהאַרטעוועטע ביימעלעך פון ביראָבידזשאַן ברענגען מיר גוטע גרוסן פון דעם ווילנער זייגערמאַכער מיט זיינע פינף קינדער, וועלכע האָבן זיך באַצייטנס אַרויסגעראַטעוועט פון חורבן און אומקום.

XXVII

די גזירה פון שפּייקעסטלעך

די פּאָליאַקן זענען אויסערלעך זייער ציוויליזירט. זיי רעדן זיס, זיי שמייכלען זיס און זיי קושן די הענט ביי אַלע דאַמען.

ביי אַ געשפּרעך מיט אַ פּאָליאַק ווערט מען באַשאָטן פון קאָפּ ביז די פיס מיטן אײדלען וואָרט „פּאַן" (פּריץ), אָבער נאָך דעם געשפּרעך, ווען דער פּאָליאַק בלייבט אַליין, וועט ער זיך גוט אויסשפּייען מיטן גוט־באַקאַנטן פּוילישן זידל־וואָרט „פּשאַקרעוו" (הינטיש בלוט).

און פּונקט ווי די פּאָליאַקן האָבן איינגעפירט אַ ספּעציעלן קוש־קולט פאַר דאַמען, אָנהויבנדיק פון די צאַרטע, פּערפיומירטע „פּאַניענקע"־הענטלעך ביז צו די צעבאַבעטע, בלויאָדערדיקע שוויגער־לאַפּעס — אַזוי האָבן זיי אויך איינגעפירט אַ ספּעציעלן שפּיי־קולט נאָך יעדן געשפּרעך, וואָס איז געווען פול מיט צו־זיסע קאָמפּלימענטן און הבטחות.

אַזוי איז שוין די טבע פון פּאָליאַק, וואָס וויל אויסזען פאַר דער דרויסנדיקער וועלט זייער ציוויליזירט און קולטורעל.

צום אויסשפּייען זיך מוז, פאַרשטייט זיך, אַ קולטורעלער פּאָליאַק האָבן אַ שפּיי־קעסטל.

האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם זעלבסטשטענדיק־געוואָרענעם פּוילן אַ געשיכטע מיט שפּיי־קעסטלעך!

ווו נאָר אַ קאַנצעלאַריע, אַן עפנטלעכע געביידע, אַ פּאָסטאַמט, אַ שולע, אַ מיניסטעריום — זענען אין אַלע קאָרידאָרן און אין אַלע ווינקלען פון יעטוועדן צימער באַזונדער געשטאַנען הויכע הילצערנע שפּייקאַסטנס אָנגעשאָטענע מיט זאַמד.

קיין שפּייערס אין פּוילן האָבן קיינמאָל נישט געפעלט! בפרט נאָך

אין אַזעלכע געביידעס, ווו נאָך יעטוועדן „פאַן" פלעגט זיך שטאַרק פאַר־גלוסטן צו אויסשפייען פון זיך דעם „פשאַקרעוו"...

אָט דער דאָזיקער שפיי־קעסטל־קולט האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן אין די אַזוי גערופענע „קרעסן" פון פוילן, דאָס הייסט, אין די ניי־צוגעקומענע גרענעץ־געביטן, ווו די פּאָליאַקן האָבן שוין געהאַט צופיל צו טון מיט די „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן" (אוקראַינער, יידן, רוסן און ליטווינער).

אויך אונדזער ווילנע האָט געהערט צו די „קרעסן" און די גזירה מיט די שפיי־קעסטלעך האָט זיך באַזונדערס שווער געלייגט אויף אַלע „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן" פון ווילנע, באַזונדערס אויף דער יידישער!

קיין איין שטאָט אין פוילן (אַ חוץ וואַרשע, פאַרשטייט זיך,) האָט נישט פאַרמאָגט אַזויפיל יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס ווי ווילנע. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז אין 1935 האָבן די אַן ערך פופציק טויזנט יידן פון ווילנע פאַרמאָגט 72 פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן, 30 בילדונגס־קולטורעלע, 32 פּראָפעסיאָנעל־ווירטשאַפטלעכע, 20 וויסנשאַפטלעך־אַקאַדעמישע, ביי אַ צענדליק אַנדערע מינים געזעלשאַפטן, ווי ספּאָרט און יוגנט־קלובן, נישט רעכענענדיק די צענדליקער און צענדליקער שולן־ ־בתי־מדרשים, קלויזן, ישיבות, חדרים און... די פינף רעדאַקציעס פון די פינף טעגלעכע יידישע צייטונגען אין ווילנע!

אין אָט די עטלעכע הונדערט יידישע אינסטיטוציעס האָבן די פּאָליאַקן געצוווּנגען איינצופירן וואָס מער שפיי־קעסטלעך!

פון סאַניטאַר־היגיענישן שטאַנדפּונקט איז עס געווען אַ גאַנץ גוטער אויפטו, אָבער פון דעם פינאַנציעלן שטאַנדפּונקט האָט זיך דער דאָזיקער שפיי־־קעסטל־קולט פאַרוואַנדלט אין אַ גזירה.

אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין ווילנע זענען בטבע געווען זייער אָרים. מען פלעגט זיך שניידן די פינגער ביי יעדן גראָשן, וואָס מען פלעגט מוזן אויסגעבן.

איז נאָך צוגעקומען אַ צווייטע צרה און נעמלעך: די ווילנער זשוליקלעך האָבן אָנגעהויבן די פאַרפּאַסקודיעטע שפיי־קעסטלעך צו גנבענען... אויף דעם גנבים־מאַרק איז אַ שפיי־קעסטל געוואָרן אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל. מען פלעגט באַקומען פון 10 ביז 15 גראָשן (קאַרגע 2־3 סענט) פאַר אַ

שטיק. האָט מען שוין געמוזט אָנהייבן איינצומויערן אין די ווענט און אָנ־
הענגען שלעסער אויף די בלעכענע אָדער פּאָרצעלייענע שפּייז־קעסטלעך.
דאָס האָט אַריינגעטריבן אין גאַנץ גרויסע הוצאות, בפרט נאָך, ווען מען
פלעגט אויך פאַרשפּייען און פאַרפּאַסקודיען די שלעסער מיט די אייזנס,
וואָס פלעגן די שפּיי־קעסטלעך באַוואָרענען פון גנבה. קיין אָנשטענדיקער
מענטש פלעגט נישט וועלן רייניקן זיי און פּוצן זיי. פלעגט מען מוזן צאָלן
עקסטראַ־געלט דעם „סטרוזש" (הויז־וועכטער), וואָס פלעגט זיך פאַרנעמען
מיט דער דאָזיקער מיאוסער אַרבעט.

אַזוי אַרום האָט זיך ווילנע אַרויפגעאַרבעט אונטער דער פּוילישער
הערשאַפט אויף שפּיי־קעסטלעך מיט שלעסער.

לויט די השגות פון די ווילנער גנבים, קאָן מען שוין זען ווי גרויס עס
איז געווען דער דלות אין ווילנע!

מען פלעגט אגב גנבענען נישט נאָר די שפּיי־קעסטלעך אַליין. אויך די
עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן געדאַרפט באַלייכטן די טרעפּ אין די
הייזער, זענען ביי די ווילנער זשוליקעס געוואָרן א קוואל פון הכנסה.

האָט מען אויך די עלעקטרישע לעמפּלעך געמוזט באַשיצן דורך גע־
דיכטע דראָט־נעצן און זיי פלעגן קוים־קוים באַלויכטן דעם שטיקל פּלאַץ,
ווו זיי זענען געווען צוגעשרויפט.

צו אַט דער דאָזיקער „קאַמופלאַזש"־באַלויכטונג אויף די אייזערנע
שלשלת־טרעפּ פון די ווילנער הייזער איז שטענדיק נויטיק געווען א קעס־
טעלע שוועבעלעך, אָבער נישט אַלע האָבן געקאָנט האָבן שוועבעלעך...

יאָ, אויך א קעסטל שוועבעלעך איז אין דער פּאָלאָניזירטער ווילנע
געוואָרן אַ לוקסוס־אַרטיקל. אין די שטעטלעך און דערפער פון דעם ווילנער
קאַנט האָט מען זיך שוין אויסגעלערנט צו שפּאַלטן אַ שוועבעלע אויף פיר
טיילן און מען האָט אויך וועגן דער דאָזיקער נייער דערגרייכונג געשריבן
א ין די צייטונגען.

יאָ, די ווילנער יידישע צייטונגען! איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, אַז
אונדזער אָרימע ווילנע אַליין האָט אויסגעהאַלטן פינף טאָג־צייטונגען: „וויל־
נער טאָג", „די צייט", „אָוונט־קוריער", „ווילנער ראַדיאָ" און „ווילנער
עקספּרעס", נישט רעכענענדיק דעם גאַנץ גרויסן טיראַזש פון די פינף
וואַרשעווער צייטונגען („היינט", „מאָמענט", „פאָלקס־צייטונג", „אונדזער

עקספּרעס״ און „טאָגבלאַט״), וואָס מען פלעגט שוין קאָנען באַקומען גאַנץ פרי אין אַלע צייטונגס־קיאָסקן פאַר דעם זעלבן פּרייז, וואָס די ווילנער צייטונגען.

אמת, די וואַרשעווער יידישע פּרעסע האָט טאַקע געמאַכט א צו־גרויסע קאָנקורענץ דער ווילנער יידישער פּרעסע, ווייל די וואַרשעווער צייטונגען האָבן געהאַט פיל מער נייעס פון דער וועלט און אויך א סך מער לייען־מאַטעריאַל, אָבער דאָך האָבן אויך די פינף ווילנער טאָג־צייטונגען געהאַט „פּראָספּעריטי״...

ס׳האָבן געצויגן פון זיי חיונה ביי 100 יידישע משפּחות, נישט רעכענענ־דיק די צייטונגס־פאַרקויפערס אין די קיאָסקן און די לויף־יינגלעך איבער די גאַסן.

אמת, די אַלע פינף טאָג־צייטונגען צוזאַמענגענומען האָבן געהאַט אַ טיראַזש פון נישט מער ווי 8 ביז 9 טויזנט עקזעמפּליאַרן. דער טיראַזש וואָלט אָבער געווען נאָך פיל קלענער, ווען מען פירט נישט איין באַצייטנס די צייטונגס־קאָנפּקעס. דער איינפאַל מיט די צייטונגס־קאָנפּקעס איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס די קאָנפּקע שטעקט דורך די פּירפּאַך־צונויפגע־לייגטע צייטונג אויף אַזאַ מין אופן, אַז מען קען די צייטונג בשום אופן נישט עפענען כל זמן מען באַצאָלט נישט פאַר איר.

מען איז געפאַלן אויף דעם דאָזיקן איינפאַל פּשוט צוליב דעם, ווייל אַ סך נייגעריקע צייטונגס־לייענער זענען נישט געווען בכוח אויסצוגעבן יעדן טאָג 10 גראָשן (קאַרגע 2 סענט) אויף אַ צייטונג — פלעגן זיי פאַר 2־3 גראָשן אויסבאָרגן אויף אַ פאַר שעה די צייטונגביים צייטונגס־פאַרקויפער, און אַזוי אַרום פלעגט, ווי דער גוי זאָגט: „די ציג בלייבן גאַנץ און דער וואָלף פלעגט זאַט ווערן״.

דער צייטונגס־פאַרקויפער פלעגט אין משך פון טאָג קענען „אויס־באָרגן״ אַ צייטונג צו 4־5 „אַבאָנענטן״ זיינע און אזוי ארום פלעגט ער פון איין צייטונג קענען פאַרדינען 4־5 מאָל מער, ווי ווען ער וואָלט זי פאַרקויפט.

דורך אָט די צייטונגס־קאָנפּקעס האָט מען מער אָדער ווייניקער סטאַ־ביליזירט דעם טיראַזש פון די 5 יידישע צייטונגען, און דער צייטונגס־מיט־אַרבעטער איז שוין מער אָדער ווייניקער געוואָרן זיכערער מיט זיין וואָכן־

געהאַלט, וואָס פלעגט באַטרעפן אין דורכשניט פון 20 ביז 25 זלאָטעס (ד״ה, פון קאַרגע 4 ביז 5 דאָלאַר אַ וואָך).

לויט אונדזערע אַמעריקאַנער באַגריפן איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי אַ פיר־פינף־קעפּיקע משפחה קען אויסקומען מיט 4—5 דאָלער אַ וואָך?

אָבער ווילנע, כ׳מיין — די יידישע ווילנע — איז געווען אַ שטאָט פון אַלע אוממעגלעכע מעגלעכקייטן.

אויב מען האָט געקאָנט (און געמוזט) איינפירן אין ווילנע שפּיי־קעסט־לעך אויף שלעסער, עלעקטרישע לעמפּלעך אין געדיכטע דראָט־נעצן און צייטונגען אויף שיך־קנאָפּקעס, איז פאַרוואָס האָט מען נישט געקענט איינ־פירן אין ווילנע דעם גוטן מנהג צו געבן יעדן טאָג אַ נדבה?

יאָ, אויך דאָס האָט מען איינגעפירט אין ווילנע!

כמעט יעדע איינע פון די וויכטיקערע יידישע הילפס־געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס פלעגן איין מאָל אין יאָר דורכפירן אַ „בלימל־טאָג״. מען פלעגט אויף אַלע באַלעבטע גאַסן־ווינקלען צעשטעלן פּאָרלעך מיט פּושקעס אין די הענט און יעדער איינער, וואָס פלעגט אַריינוואַרפן אין פּושקע אַ פּאָר גראָשן, פלעגט באַקומען אין לאַץ אַזאַ מין „בלימל״ פון קאָלירטן פּאַפּיר (אָבער נישט, חלילה, פון רויטן...).

אין אַ בלימל־טאָג פלעגט יעדער איינער מוזן האָבן א בלימל אין לאַץ.

אַ געלונגענער „בלימל־טאָג״ פלעגט אַריינברענגען ביי 70—80 זלאָטעס (13—15 דאָלאַר) און צוליב דער דאָזיקער הכנסה פלעגט די געזעלשאַפט מאָביליזירן ביי 30־40 פּאָרלעך מיט פיין־דעקאָרירטע פּושקעס און מיט קאָשיקלעך פּאַפּיר־בלימלעך, אָנגעשטאָכענע אויף „בולאַווקעס״.

ביי די דאָזיקע „בלימל־טעג״ האָב איך זיך געקענט איבערצייגן, אַז דאָס ווערטל: „האַלב ווילנע נעמט און גאַנץ ווילנע גיט״ איז נישט קיין אויסטראַכטעניש פון אַ ווילנער באַרימער.

ווי אַזוי „האַלב ווילנע נעמט״ — האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט זען, ווייל דאָס איז שוין אַן אינטימע אָנגעלעגנהייט. איך בין זיך משער, אַז „האַלב ווילנע״ האָט באַקומען שטיצע פון קרובים אין אַמעריקע און פון אַנדערע לענדער. אַ געוויסע צאָל באַלעבאַטישע יידן, וואָס זענען געוואָרן יורדים, פלעגן שטילערהייט באַקומען „פּענסיעס״ פון דעם מתן בסתר־פאָנד ביי דער ווילנער קהילה און ביי אַנדערע הילפס־געזעלשאַפטן,

אָבער אַז „גאַנץ ווילנע גיט״ — האָט מען געקענט באַשיינפּערלעך זען בעת יעטוועדער עפנטלעכער געלט־זאַמלונג.

גאַנץ אָפט פלעגט מען אין די ווילנער יידישע צייטונגען און צייט־שריפטן זען שפּאַלטן־לאַנגע פּובליקאַציעס, וואָס פלעגן הייסן „אַ רינג אין אַ קייט״.

דער קינדער־פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך״, זאָגן מיר, פּראָקלאַמירט אַ געלט־זאַמלונג צו פאַרשטאַרקן זיין פאַרלעגערישע טעטיקייט.

מעלדן זיך די ערשטע דריי יידן, וואָס טראָגן אַריין צו גאַנצע זלאָטעס און יעדער איינער פון די מנדבים רופט אַרויס דורכן זשורנאַל צו דריי־פיר פריינט זיינע, וואָס דאַרפן אויך ביישטייערן זיך פאַר דעם דאָזיקן פאָנד. קומען די דריי־פיר אַרויסגערופענע פריינט מיט זייערע ביישטייערונגען און זיי רופן אַרויס אַנדערע 4־5 פריינט פון זייער קרייז. אַזוי אַרום הויבן אָן די רשימות צו וואַקסן פון נומער צו נומער און יעדער איינער, וואָס שליסט זיך אַריין אין „קייט״ מיט זיינע עטלעכע גראָשנס, זעט זיין נאָמען געדרוקט צוויי מאָל: דעם ערשטן מאָל, ווען ער ווערט אַרויסגערופן דורך זיין פריינט און דעם צווייטן מאָל — ווען ער אַליין רופט אַרויס אַנדערע פריינט.

צו אַזאַ מין צווייפאַכער „פּובליסיטי״ האָט מען זיך נישט דערטראַכט אַפילו אין ניו־יאָרק!

די אָרימע לייט, זעט אויס, האָבן אַ סך גרעסערע פאַנטאַזיעס און איינ־פאַלן, ווי די גבירים.

אַפילו די פּראָפעסיאָנעלע שנאָרערס פון ווילנע האָבן געהאַט אַזעלכע טשיקאַווע איינפאַלן, וואָס נאָר אין ווילנע האָט מען זיך געקענט צו זיי דערטראַכטן.

אָט, למשל, האָט איינער א גאסן־בעטלער אָרגאַניזירט אַן „אַקציע־געזעלשאַפט״ פון דריי ווייבער, וואָס דאַרפן צוזאַמען שנאָרן, ריכטיקער גע־זאָגט — באַפאַלן דעם דורכגייער אויף אַזאַ מין אופן, אַז יענער זאָל שוין מוזן געבן זיי אַ וועלכע נישט איז נדבה. איינע פון די שנאָרערקעס פלעגט שטענדיק טענהן, אַז זי איז אין דעם זיבעטן חודש און פאַר גרויס הונגער קען זי יעדע רגע „מאַפּלען״, חלילה. די צווייטע פלעגט טענהן, אַז זי איז נאָרוואָס געוואָרן אַן אלמנה און אַ פולע שטוב מיט יתומים גייען־אויס פאַר

הונגער. די דריטע פלעגט טענהן, אַז איר מאַן ליגט שווער קראַנק און זי איז די איינציקע „פאַרדינערקע" אין הויז.

איינע פון זיי איז געווען אַ ספעציאַליסטקע אויף זיסע ריידעלעך:

— האַרעלע, אַ געזונט צו אייך, שענקט עפּעס פאַר דריי אומגליקלעכע שוועסטער, וואָס זענען באַשאָטן מיט הונגעריקע עופהלעך.

ווען די זיסע ריידעלעך פון דער ערשטער פלעגן נישט העלפן — פלעגט אונטערשפּרינגען די צווייטע מיט אירע שטראָף־רייד:

— איר שעמט זיך גאָרנישט צו לאָזן אויף הפקר דריי אומגליקלעכע יידישע פרויען, וואָס איינע דאַרף „גיין צו קינד", די צווייטע איז, נעבעך, אַ וויסטע אלמנה און די דריטע האָט נישט פאַרוואָס אויסצוקויפן די רפואה אין אַפּטייק פאַר איר גוססן מאַן!

ווען אויך די שטראָף־רייד פון דער צווייטער פלעגן נישט העלפן — פלעגט שוין אונטערשפּרינגען די דריטע, וואָס איז געווען א ספעציאַליסטקע אויף שילטן זיך:

— ביי אייער הויז דאַרפן טאָקע שטיין דריי „איזוואָזשטשיקעס" (פור־לעך), מיט איינעם זאָל מען לויפן צום דאָקטאָר, מיטן צווייטן — צום אַפּטייק און מיט דעם דריטן זאָל מען לויפן אָנזאָגן, אַז מען דאַרף שוין נישט.... (אַז ס'איז שוין, הייסט עס „נאָך אַלעמען").

אַרויסדרייען זיך פון אָט די דאָזיקע דריי שנאָרערקעס מיט גאָרנישט —פלעגט פשוט זיין אוממעגלעך, ווייל זיי פלעגן נאָכלויפן נאָך זייער קרבן פון גאָס צו גאָס ביז מען פלעגט זיי אַרויסוואַרפן די נדבה.

צו מיר האָבן די דאָזיקע דריי שנאָרערקעס געהאָט אַ באַזונדערן רעס־פּעקט, ווייל זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז כ'האָב פאַר זיי שטענדיק צוגעגרייט די עטלעכע גראָשן.

ס'פלעגט אָבער אַמאָל טרעפן, אַז כ'פלעג נישט האָבן קיין קליינגעלט— פלעגן זיי מיך דעמאָלט באַרואיקן:

— נעמט זיך נישט צום האַרצן, האַרעלע, מיר באָרגן אייך די נדבה ביז מאָרגן. איר וועט אונדז מאָרגן, מירצעשעם, באַצאָלן אין צווייען...

אָט די דאָזיקע ראַפינירטע דריי שנאָרערקעס זענען געווען באַקאַנט אין ווילנע אונטערן נאָמען „ראַספּוטינס ווייבער".

זייער „מענעדזשער", הייסט עס, איז געווען דער „ראַספּוטין", וואָס

פלעגט ביי זיי יעדן אָוונט צונעמען די אָנגעקליבענע נדבות און דערפאַר פלעגט ער זיי אויסהאַלטן אין אַ פייכטן קעלער און באַשטימען יעדן טאָג, אין וועלכע גאַסן זיי דאַרפן „אַרבעטן".

אָבער אַחוץ די דאָזיקע אָרגאַניזירטע שנאָרערס און שנאָרערקעס זענען די ווילנער גאַסן געווען פול מיט יידישע קינדערלעך, וואָס פלעגן אָפּרייסן די פּאָלעס פון די פאַרבייגייער. נישט איינער פון די דאָזיקע קינדער־בעטלער פלעגט אויך פּרובירן אַריינשטעקן זיין הענטל אין עמיצנס אַ קעשענע און אַרויסציען וואָס נאָר עס לאָזט זיך.

די מינדעריעריקע קעשענע־גנבים זענען געווען אַן אמתע פּלאָג פאַר ווילנע.

האָבן די באַרמהערציקע יידישע כלל־טוער פון ווילנע געגרינדעט א ספּעציעלע געזעלשאַפט, וואָס זאָל איבערנעמען אויף זיך די זאָרג וועגן די יידישע גאַסן־קינדער פון דער ווילנער אונטערוועלט.

ווען איך בין אָנהויב 1935 אָנגעקומען קיין ווילנע מיט דער דעה צו פאַרבלייבן דאָרטן אַ לענגערע צייט — האָט מיך די „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציאונג" תיכף אויסגעקליבן פאַר איר פּרעזידענט און אַלע פינף יידישע צייטונגען פון ווילנע האָבן אָנגעזאָגט דער וועלט די גוטע בשורה, אַז איך בין געוואָרן דער פּרעזידענט פון אַלע דעפעקטיווע קינדער אין ווילנע...

איך בין, פאַרשטייט זיך, געוואָרן שטאָלץ אויף מיין ערן־אַמט, ווייל כדי צו ווערן אַ פּרעזידענט פון דעפעקטיווע קינדער — מוז מען אַליין אויך זיין אַביסעלע דעפעקטיוו...

דער עצם פאַקט, וואָס איך האָב געהאַט אויסגעביטן די וועלט־שטאָט פּאַריז אויף דער פּאָלאַניזירטער, פאַרשפּייקעסטלטער „ירושלים ד׳ליטע", איז געווען דער בעסטער באַוויז, אַז איך בין שוין גענוג דעפעקטיוו...

XXVIII

אַ מעשה מיט א ווילנער „אַנומלטן“

ערשט אין ווילנע האָב איך זיך געקאָנט ריכטיק איבערציינגן, אַז פּראָ־פעסאָר אַלבערט איינשטיין איז טאַקע גערעכט.

עס איז אַלץ רעלאַטיוו!

די באַגריפן פון צייט און שטח זענען אין ווילנע גאַנץ אַנדערע ווי אין דער איבעריקער וועלט.

אַזוי, למשל, ווען איך בין געקומען קיין ווילנע אין 1935, האָבנדיק שוין הינטער זיך אַזעלכע גרויסע וועלט־שטעט ווי ווין, בערלין, פּאַריז, מאָסקווע און פּעטראָגראַד — האָט ווילנע אויסגעזען אין מיינע אויגן גאַנץ קליין און איינגעשרומפּט. איך האָב זיך אפילו געחידושט, צו וואָס, אַן ערך, דאַרף ווילנע האָבן אַזוי פיל „איזוואָשטשיקעס“ מיט אַזוי פיל, איר זאָלט מיר מוחל זיין, שטינקענדיקע אויטאָבוסן?

אין ווילנע איז דאָך אַלץ „מיט דער האַנט צו דערלאַנגען“.

פּאָר וועלכע נישט איז 15־20 מינוט קאָן מען דורכמאַכן צופוס די שטרעקע פון ווילנער וואָקזאַל ביז צו דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינס־טיטוט (ייוואָ) אויף דעם צווייטן עק ווילנע.

פאַר אַ ווילנער תושב אָבער האָט שוין אַזאַ מהלך געהייסן „פּאָלג מיך אַ גאַנג“ און מען פלעגט וואַרטן אַ האַלבע שעה אויף אַן אויטאָבוס...

אויך בנוגע צייט האָט אַ ווילנער ייד געהאַט פונקט אַ פאַרקערטן באַגריף ווי אין דער איבעריקער וועלט.

אַ ווילנער ייד האָט שטענדיק געהאַט גענוג צייט נישט צו רעכענען זיך מיט קיינע שום צייטן.

ווען אַ ווילנער ייד פלעגט זאָגן „אַנומלטן“ האָט עס געקאָנט הייסן מיט דריי־פיר וואָכן צוריק און אויך — מיט דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק...

אַט, למשל, האָב איך זיך איינמאָל צוגעשטעלט צו א געזעמל יידן אויף דעם ווילנער שולהויף און איך האָב אָנגעהויבן צוהערן זיך וועגן וואָס, אַן ערך, שמועסן ווילנער יידן אין אַ מיטן מיטוואָך?

נישט וועגן פּרנסה האָבן זיי געשמועסט און נישט וועגן פּילסודסקיס האַרץ האָט מען געשמועסט (גראָד דעמאָלט האָט מען מיט גרויס פּאָמפּע מקבר געווען אין ווילנע פּילסודסקיס האַרץ), נאָר וועגן עפּעס איינעם א באַנדער, וואָס האָט „אַנומלטן" געוווּנען די „דין תורה" צווישן די ווילנער יידן מיט די קאַראַאימער.

בין איך שוין געוואָרן נייגעריק צו דערוויסן זיך וואָס פאַר אַ מין „דין תורה" ס'איז געווען פאָרגעקומען צווישן די ווילנער יידן מיט די קאַראַאימער.

אין די ווילנער צייטונגען האָב איך וועגן דעם קיין זאַך נישט געהאַט געלייענט.

לאָזט זיך אויס, אַז די מעשה מיטן באַנדער און מיט דער „דין תורה" איז פאָרגעקומען אין ווילנע מיט גוטע פיר הונדערט יאָר צוריק, אָבער די ווילנער שול־יידן האָבן נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו דערציילן און צו דערמאָנען זיך אַלע איינצלהייטן וועגן יענעם וווּנדערלעכן באַנדער, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט די באַרימטע גרויסע שול פון די קאַראַאימער.

אָבער לאָמיר אייך דערציילן די מעשה כסדר, ווי איך האָב זי געהערט.

מיט אַ יאָר פיר הונדערט צוריק, האָבן די קאַראַאימער אָנגעזעצט זיך אויף דער יידישער קהילה פון ווילנע, אַז מען זאָל זיי אָפּגעבן די גרויסע שול, ווייל זיי, — די קאַראַאימער, — האָבן זיך באַזעצט אין ווילנע פריער פון די יידן און דעריבער קומט זיי די גרויסע שול.

האָבן די יידן מיט די קאַראַאימער אַזוי לאַנג געקריגט זיך און גע־משפט זיך, ביז דער ענין איז דערגאַנגען צו דעם דוכוס אַליין, וואָס איז געווען דעמאָלט דער האַר און דער געוועלטיקער איבער גאַנץ ווילנער קאַנט.

האָט דער דוכוס באַפוילן, אַז די ביידע צדדים, דאָס הייסט די יידן און די קאַראַאימער, זאָלן שיקן צו אים זייערע פאַרטרעטער, און דעמאָלט וועט ער אַליין באַשטימען צו וועמען עס זאָל געהערן די גרויסע שול.

האָט מען אָנגעהויבן זוכן צווישן די ווילנער יידן אַזאַ מין קלוגן און

ווירדיקן מאַן, וואָס זאָל קאָנען ריכטיק אויסטענהן זיך מיט דעם דוכוס און מיטן שליח פון די קאַראַאימער.

האָט זיך פּלוצלינג געמאָלדן צו דער יידישער קהילה מנחם דער באָנ־דער און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— רבותי, שיקט מיך צום דוכוס און איך וועל אים שוין דערווייזן, אַז די גרויסע שול געהערט צו יידן און נישט צו די קאַראַאימער.

די יידן פון ווילנע האָבן שוין געוווסט, אַז מנחם באָנדער איז אַ פּאַר־שטעלטער למד־וואָווניק. האָט מען אים געשיקט צו דער „דין תורה" מיטן קאַראַאימער, וואָס איז פאָרגעקומען אין גרויסן פּאַלאַץ פון דעם מעכטיקן דוכוס.

דער קאַראַאימער האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיינע שענסטע בגדים, אָבער מנחם באָנדער איז אַוועק צום פּאַלאַץ ווי ער גייט און שטייט, ווייל קיין אַנדערע בגדים האָט ער נישט געהאַט.

ווען דער דוכוס האָט געלאָזט צו זיך אַריינרופן די פאַרטרעטער פון די ביידע צדדים, האָט מנחם באָנדער אויסגעטאָן די שיך און זיי גענומען אונטער די פּאַכוועס.

דער דוכוס האָט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט דעם פאַרטרע־טער פון דער ווילנער יידישער קהילה און ער האָט אים אַ פרעג געטאָן, צי ס'איז אַזאַ מנהג ביי די יידן אריינצוקומען אין אַ פּאַלאַץ אָן שיך.

האָט מנחם באָנדער אַזוי געענטפערט:

— יאָ, גרויסער האַר. דו ביסט דאָך אַ געזאַלבטער פון גאָט, דאָרטן, וווּ דו זיצסט, איז דער אָרט הייליק און אין יעדן מקום קדוש איז אַ מצווה אַריינצוקומען אָן די שיך.

— אָבער צו וואָס, פרעגט זיך, האַלטסטו די שיך אונטער די פּאַכוועס? האָסט דאָך זיי געקאָנט לאָזן דרויסן אין קאָרידאָר! — האָט דער דוכוס ווידער אַ פרעג געטאָן.

— פאַרשטייסטו מיך, גרויסער האַר, — האָט מנחם באָנדער געענטפערט, — ווען משה רבינו איז אַרויף אויף דעם הייליקן באַרג סיני צו נעמען די תורה, האָט ער זיינע שיך געלאָזט שטיין אונטן, צופוסנס דעם באַרג, אָבער ווען ער איז אַרונטערגעקומען מיט די לוחות האָט ער שוין זיינע שיך נישט געפונען, ווייל איינער אַ קאַראַאימער האָט זיי צוגעגנבעט...

ווען דער שליח פון די קאַראַאימער האָט דערהערט מנחם באָנדערס ענטפער, איז ער אויפגעשפּרונגען ווי אָן אונטערגעשאָסענער און ער האָט אויסגעשריִען צום דוכוס:

— איצטער זעסטו שוין, גרויסער האַר, וואָס פאַר אַ ליגנער די יידן זענען! ווען משה רבינו איז אַראָפּגעקומען פון דעם באַרג סיני זענען דאָך נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין קאַראַאימער, איז ווי אַזוי, פרעגט זיך, האָט אַ קאַראַאימער געקאָנט גנבענען משה רבינוס שיך?

— אָט דאָס טאַקע האָב איך דאָך געוואָלט אויספירן, גרויסער האַר — האָט מנחם באָנדער איבערגעשלאָגן דעם אויפגערעגטן קאַראַאימער. — צו־ערשט זענען געווען די יידן, נאָכדעם ערשט זענען געקומען די קאַראַאימער. אויך אין ווילנע זענען צוערשט געווען די יידן און נאָכדעם ערשט די קאַראַאימער!

איז דעם דוכוס שטאַרק געפעלן געוואָרן דער קלוגער איינפאַל פון מנחם באָנדער און ער האָט גלייך געפסקנט, אַז די גרויסע שול געהערט צו די ווילנער יידן. פון דעמאָלט אָן האָבן אויפגעהערט די קריגערייען צווישן די יידן מיט די קאַראַאימער, און מנחם באָנדער, וואָס האָט אַזוי קלוג גע־וווּנען די „דין תורה“, האָט באַלד באַקומען דעם נאָמען פון „משיח השם“.

עד היום שטייט נאָך אויף זיין קבר די מצבה מיט דער אויפשריפט: „ר׳ מנחם־מאָניש — משיח השם“.

דער דאָזיקער הייליקער קבר האָט זיך אַזאַ מין אייגנשאַפט, אַז ווען אַ זינדיקער מענטש וויל צו אים צוקומען גאַנץ נאָענט, ווערט ער אָפּגע־שליידערט אויף צוריק אויף גאַנצע פיר איילן (דלת אמות).

— אָט האָט „אנומלטן“ פּאַסירט — האָט דער דערציילער פאַרגעזעצט, — אַז איינער אַ רב פון אַ שטעטל הינטער ווילנע האָט זיך געמשפּט מיט זיין קהילה פאַר דעם כסא הרבנות, וועלכן ער האָט געוואָלט איבערגעבן צו זיינעם אַן איידעם — איז ער געקומען צום קבר פון „משיח השם“ בעטן אים ער זאָל זיך פאַר אים איינשטעלן און העלפן אים געווינען די דין תורה מיט זיין קהילה, ווי ער — משיח השם — האָט געוווּנען אַמאָל די דין תורה מיט די קאַראַאימער, האָט אָבער עפּעס אַ געהיימער כוח געגעבן פלוצלינג דעם רב אַ שליידער־אַוועק פיר איילן ווייט פון קבר און דער רב איז, נעבעך, געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער...

— פאַרשטייט זיך, אַז די קהילה האָט ביים רב באַלד צוגענומען דעם כסא הרבנות, ווייל ס'איז דאָך געוואָרן קלאָר, אַז דער רב האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט! — האָט דער דערציילער מיט גרויס הנאה פאַרענדיקט זיין געשיכטע מיט מנחם באַנדער, וואָס אַפילו נאָכן טויט ברענגט ער אַרויס דעם אמת, ווי בוימל אויפן וואַסער.

האָב איך אַ פרעג געטון דעם דערציילער, צי די מעשה מיטן רב האָט אויך פּאַסירט מיט אַ יאָר פיר הונדערט צוריק, ווי באַלד ער זאָגט „אַנומלטן".

— די מעשה מיטן רב האָט גראָד פּאַסירט מיט עטלעכע וואָכן צוריק — האָט מיר דער ייד געענטפערט, — און גראָד היינט זענען געקומען פון יענעם שטעטל אַ פּאָר גבאים אויסצוזוכן אין ווילנע אַ נייעם רב.

איז מיר שוין געוואָרן קלאָר, אַז וויבאַלד אַ ווילנער ייד זאָגט דאָס וואָרט „אַנומלטן" קען דאָס זיין אַ מעשה פון דריי־פיר וואָכן צוריק און אויך אַ מעשה פון דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק...

דאָס איז שוין דער ווילנער נוסח. די פּאַסירונגען פון די אוראַלטע ציטן זענען פאַר ווילנע פּונקט אַזוי אַקטועל און וויכטיק ווי די פּאַסירונגען פון טאָג. ווילנער יידן קענען זיך אַמפּערן און קריגן זיך אין אַ מיטן מיט־וואָך וועגן אַזעלכע ענינים, וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות צום לעבע־דיקן לעבן.

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַר די ווילנער שול־יידן און גלאָט פאַר די בטלנים פון דעם עלטערן דור, נאָר אויך אַפילו די מאָדערנע יידישע אינטעליגענץ פון ווילנע און די ווילנער יידישע יוגנט האָט שרעק־לעך ליב געהאַט צו דיסקוטירן און צו אַמפּערן זיך וועגן פאַרשידענע מינים טעאָרעטישע ענינים, וואָס נאָר פאַכלייט און געלערנטע דאַרפן זיך מיט זיי פאַרנעמען.

אָט, למשל, איז פאָרגעקומען אין ווילנע אַ דיסקוסיע וועגן „פּלאַסטי־שער קונסט" (וועגן מאָלעריי, הייסט עס).

לייען איך אויף מאָרגן אין דעם „ווילנער טאָג" אַזאַ מין באַריכט:

„די פאָרגעקומענע דיסקוסיע האָט נישקשהדיק אויפגערודערט און אַ היפּש ביסל בייז בלוט פאַרשאַפט אירע אָנטיילנעמער. עס זענען געפאַלן מיינונגען, ווי „קונסט לשם קונסט" און פאַרקערט — „קונסט לשם ווירק־

לעכקייט". מען האָט געשאָסן מיט אַרגומענטן און געשפּרונגען איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי איבער שטיינער אין אַ טייך, ווען דער שטראָם האָט אַראָפּגעטראָגן די בריק.

„אָבער ס׳מאַכט נישט אויס — דערציילט ווייטער דער באַריכט־אָפּגע־בער מיט גרויס התפּעלות — אַ מאַן פּופּציק אָדער מער האָבן גאַנצע דריי שעה זיך צוגעהערט און נישט פאַרלאָזן דעם קאַמף־פּלאַץ. נישט געקוקט אויף דעם וואָס איינער האָט געטענהט, אַז ער האָט נישט מיט וואָס אַוועק־צוגיין פון דער דיסקוסיע — זענען פונדעסטוועגן אַלע, און אפילו ער אַליין אויך (ד"ה, דער, וואָס האָט נישט געהאַט מיט וואָס אַוועקצוגיין), דאָך אַוועקגעגאַנגען נישט מיט ליידיקן, ווייל אין אַלע דיסקוסיעס און מיינונגס־אויסטוישן טראָגט יעדער אַנטיילנעמער עפּעס אַריין און ער נעמט אויך מיט עפּעס מיט זיך.

„און דעריבער — פאַרענדיקט זיגעריש דער באַריכט־אָפּגעבער — דעריבער לאָמיר טאַקע בייזיין אויף דעם המשך פון דער דיסקוסיע און הערן, וואָס מען רעדט און וועגן וואָס מען קריגט זיך". (זע „ווילנער טאָג" פון 15טן מערץ, 1935).

דעם אמת געזאָגט, האָט מיך שטאַרק געצויגן צום המשך פון דער דיסקוסיע וועגן פּלאַסטישער קונסט אין ווילנע, ווייל כ׳האָב געוואָלט טאַקע הערן מיט די אייגענע אויערן די ליידנשאַפטלעכע רייסערייען וועגן מאַ־לעריי ביי יידן (קיין אַנדערע זאַרגן האָט דאָך ווילנע דעמאָלט נישט געהאַט...).

איך האָב אָבער מורא געהאַט, אַז מען וועט אויך מיך אַריינציען אין דער דיסקוסיע און אַלע וועלן דערזען, אַז איך בין אין דער „פּלאַסטישער קונסט" אַ גרויסער עם־הארץ.

אמת, איך קום טאַקע נישט לאַנג פון פּאַריז, ווו די קונסט אַליין גייט אַרום מוטער־נאַקעט איבער אלע גאסן און בולווארן. אמת, איך האָב אין פּאַריז טאַקע דורכגעמאכט א סך קונסט־אויסשטעלונגען פון פאַרשידענע מינים מאַלערס און סקולפּטאָרס; אמת, איך האָב געהאַט אין פּאַריז אַ סך פּערזענלעכע פריינט צווישן די יידישע מאַלערס פון אַלע עקן וועלט, אָבער דאָך האָב איך פאַרשטאַנען אין דער קונסט פּונקט אַזוי פיל, וויפל מאַרק שאַגאַלס אַ האָן אין „בני אָדם"...

ס'איז מעגלעך, אַז טאַקע דער זעלבער מאַרק שאַגאַל האָט מיך גע־מאַכט „פאַרבן־בלינד" בנוגע אַנדערע מאַלערס...

נאָך זייענדיק אין מאָסקווע בין איך פלוצלינג פאַרבלענדט געוואָרן פון מאַרק שאַגאַלס פאַרבן־שפּיל אויף די ווענט פון דער יידישער טעאַטער־סטודיע אונטער דער אָנפירונג פון גראַנאָווסקין, וועלכע איז שפּעטער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין דעם באַרימטן יידישן מלוכה־טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר מיכאָעלס.

יאָ, מאַרק שאַגאַלס לייוונטן זענען מיר איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן. זיי לויכטן פאַר מיר שטענדיק ווי א רעגנבויגן נאָך אַ שטורעם. זיי ברענ־גען מיר שטענדיק גרוסן פון מיינע אַלט־היימישע פאַרקאַנעס, הענער, ציגן, חלומות און ליבעס פאַנטאַסטישע.

אויך אפילו שאַגאַלס אַ קלויסטער, אָדער שאַגאַלס אַ יעזוס־בילד שרעקן מיך נישט, ווייל ס'לויכט איבער זיי, ווי אַ מנורה, די וויטעבסקער לבנה און א טלית פאַרדעקט די שאַנד פון דעם געקרייציקטן...

האָב איך דען געקאָנט מיט אָט די דאָזיקע „שאַגאַליזמען" מיינע קומען צו אַ דיסקוסיע וועגן יידישער מאַלעריי אין ווילנע?

ווילנע אַליין איז דאָך אַזוי מאַלעריש, כאָטש נעם און פאַס זי איין אין אַ ראַם ווי אַ „נאַטיר מאָרט", ווי אַ „שטיל לעבן".

האָב איך שאַגאַלן תיכף אָנגעשריבן אַ בריוו, אז ער מעג און דאַרף קומען קיין ווילנע! „גאַנץ ווילנע — האָב איך אים געשריבן — „איז פאַר־קאָכט אין דער פּלאַסטישער קונסט און איך מיין, אַז ער וועט אין ווילנע געפינען א שטיק וויטעבסק. אויך אין ווילנע שלאָפן בייננאכט די קלויס־טערס אין לבנה־יאַרמלקעס און די אַפּאָסטאָלן פון דעם אַלטן ווילנער „קאָשטשאָל" (קאַטוילישער קלויסטער") זעען אויס ווי „גוטע יידן".

מאַרק שאַגאַל האָט מיר באַלד געענטפערט, אַז מיט מיין אַוועקפאָרן קיין ווילנע האָב איך חרוב געמאַכט דאָס יידישע פּאַריז. „ווילנע האָט דאָך שוין סיי ווי געצויגן הימל... מסתמא זייט איר שוין נישט געוועזן בכוח צו פאַרבלייבן לענגער אין דעם דאָזיקן פּאַריז, וווּ עס פאָדערן זיך כוחות פון אַ טייוול, כדי צו קאָנען פאַרבלייבן אַ ריינער מענטש־ייִד...

„געדענקט איר אָבער — האָט מיר שאַגאַל ווייטער געשריבן — אַז איך בין אייך מקנא שוין צוליב דעם אַליין, וואָס איר געפינט זיך אין אַזאַ

שטאָט, וואָס איז נישט ווייט פון מיין שטאָט (פון וויטעבסק), ווו איך וואָלט גערן פאַרבליבן אויף אייביקע יאָרן, אַנטלויפנדיק, ווי איר, פון אַזאַ מין וועלט און פון אַזעלכע מענטשן".

אַזוי האָט מיר שאַגאַל געשריבן אין 1935סטן יאָר פון פּאַריז, ווו יעדער יידישער מענטש האָט שוין געשפּירט, אַז „די וועלט" געפינט זיך שוין ווידער אויף דער שוועל פון עפּעס אַ נייער משוגעת, פון עפּעס אַ נייעם אונטערגאַנג און ס'איז גוט באַצייטנס צו ראַטעווען זיך „פון אַזאַ מין וועלט און פון אַזעלכע מענטשן"...

מער נישט ווילנע, די יידישע ווילנע, האָט נאָך נישט געהאַט געשפּירט, אַז די וועלט גיין שוין ווידער „כאַדאַראַם" — איז פאַר די ווילנער יידן דער קבר פון „משיח השם" מיט 400 יאָר צוריק, אָדער די „פּלאַסטישע קונסט" פון די עטלעכע ווילנער קינסטלער געווען פיל מער אקטועל און וויכטיק איידער פילסודסקיס האַרץ, וואָס מען האָט בכיוון באַגראָבן אין ווילנע (די ליטווינער אויף צו להכעיס...), און אויך פיל מער אקטועל און וויכטיק ווי די צו־אָפּטע „יאַגד"־וויזיטן פון גערינגן אין פּוילן...

איצטער אָבער זע איך, אַז די ליבע, האַרציקע יידן פון ווילנע זענען דאָך געווען גערעכט.

אַ סך גרעסערע און שטאַרקערע פעלקער ווי די יידן האָבן נישט גע־קאָנט אָפּווענדן פון זיך די גרויסע געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויף זיי פון נאַצי־דייטשלאַנד. אַ סך גרעסערע און שטאַרקערע פעלקער האָבן זיך געלאָזט אויסשלאַכטן ווי טשערעדעס קי אָן אַ ווידערשטאַנד, בעת אונדזערע יידן פון ווילנע און ביאַליסטאָק, פון וואַרשע און לובלין זענען פעאיק געווען צו גיין על קידוש השם און שטעלן דעם גרעסטן ווידערשטאַנד איבער זייערע כוחות און איבער זייערע מעגלעכקייטן.

דאָס איז אפשר גאָר צוליב דעם, וואָס אין די שווערסטע צייטן פון זייער קיום האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו „דאַווענען" יידישע קולטור, יידישע געשיכטע, יידישן מאַרטירערטום, און אין די מינוטן פון די גרויסע נסיונות פלעגט יעדער ווילנער ייד קאָנען ווערן אַ „משיח השם" און ראַ־טעווען, אויב נישט זיך פערזענלעך, איז, לכל הפחות, ראַטעווען דעם שטאָלץ און די ווירדע פון דעם יידישן מענטשן, וואָס קומט אום מיטן פּנים צו גאָט, מיטן פּנים צו דער וועלט.

XXIX

דער היסטאָרישער אויפטו פון „ייווא״

אין די גאָר־אַלטע צייטן, ווען די קאַטוילישע קירך האָט געוועלטיקט איבער ווילנע (פריער די ליטווינער און נאָכדעם — די פּאָליאַקן) זענען די קאַטוילישע קלויסטערס געווען, פאַרשטייט זיך, די העכסטע געביידעס אין ווילנע. די גאָלדענע צלמים אויף די הויכע קופּאָלן פלעגן דורכשטעכן דעם טיף־בלויען ווילנער הימל.

שפּעטער, ווען ווילנע איז אַריבער צו רוסלאַנד, האָט די פּראַוואָ־סלאַוונע קירך געוואָלט פאַרכאַפּן אויך דעם ווילנער הימל. האָבן די רוסן אויסגעבויט אַ פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער אויף דעם העכסטן פונקט פון דער באַרג־אַרויפיקער גאַס „גרויס פּאָהולאַנקע״, און די פּראַוואָסלאַוונע צלמים אויף דעם באַגילדטן קופּאָל פון דעם „פּאָהולאַנקע״־קלויסטער זענען שוין געווען אַ סך נענטער צום הימל ווי די צלמים פון די קאַטוילישע קלויסטערס.

האָט אָבער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ווילנע איז ווידער אַמאָל אַרונטערגעפאַלן אונטער דער פּוילישער הערשאַפט און די קאַטוילי־שע קירך האָט ווידעראַמאָל באַקומען די אויבערהערשאַפט, האָט זיך געפונ־נען איינער אַ הייסער קאַטאָליק מיטן נאָמען וויוואָלסקי, וואָס האָט אויסגע־קליבן איינס אַ זייטיק באַרג־אַרויפיק געסל, וואָס איז נאָך העכער פון גרויס פּאָהולאַנקע און ער האָט דאָרטן אָנגעהויבן צו בויען אַ נייעם קאַ־טוילישן קלויסטער. זיין כוונה איז געווען, אַז די צלמים פון דעם נייעם קאַטוילישן קלויסטער זאָלן זיין נאָך אַ סך נענטער צום הימל ווי די צלמים פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער אויף דער גרויס־פּאָהולאַנקע.

וויוואָלסקין איז אָבער נישט באַשערט געווען צו דערהויבן די קאַ־

טוילישע קירך אין ווילנע העכער פון דער פּראַוואָסלאַוונער. ער איז אײַנ־מיטן פון זײַן בוי־ארבעט פלוצלינג געשטאָרבן און דער קלויסטער איז פאַרבליבן נישט קיין פאַרענדיקטער.

די פּאַליאַקן האָבן, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשאַצט די פײַנע כוונה פון דעם אינזשיניער וויוולסקי, אָבער אנשטאָט צו דערהויבן דעם קאַטוילישן קלויסטער העכער פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם, האָבן זיי דאָס געסעלע אַ נאָמען געגעבן אויף וויוולסקיס נאָמען און אַזוי אַרום האָבן זיי נאָר דער־הויבן דעם בויער זײַנעם.

זענען אָבער געקומען די ווילנער יידן און זיי האָבן פּונקט אנטקעגן דעם נישט־פאַרענדיקטן וויוולסקי־קלויסטער אויסגעבויט דעם טעמפּל פון דער יידישער וויסנשאַפט און געשיכטע, ד״ה דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („ייוואָ״), און אַזוי אַרום האָט זיך, ווי צופעליק באַקומען, אַז די ווילנער יידן זענען גאָר געוואָרן נענטער צום הימל ווי די פּראַוואָס־לאַוונע און די קאַטאָליקן צוזאמענגענומען...

יאָ, די קליינע באַשיידענע געבײַדע פון „ייוואָ״ האָט זיך פּאַקטיש אויסגעשטעלט אויף דעם העכסטן פּונקט פון ווילנע, און די דאָזיקע גע־בײַדע איז טאַקע באַלד געוואָרן דער סימבאָל און דאָס שײַנדל פון אונ־דזער העכסטער קולטור־דערגרייכונג אין דער גאָרער וועלט.

אין משך פון איין־איינציקן יאָרצענדליק, אָנהויבנדיק פון 1925, ווען דער „ייוואָ״ איז געגרינדעט געוואָרן, ביז 1935, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אין ווילנע דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפאָר לכבוד דעם צעניאָריקן יובילײַ, האָט זיך דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט פאַרוואַנדלט בוכ־שטעבלעך אין אַ פּאָלקס־באַוועגונג.

אין פּוילן און רומעניע, אין ליטע און לעטלאַנד, אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע און אַרגענטינע, אין דרום־אפריקע און דרום־אויסטראַליע און אין אַ פּאָר צענדליק אַנדערע „קאָלאָניעס״ פון יידישלאַנד, ווי אויך אַפילו אין ארץ־ישראל, האָבן זיך באַלד געגרינדעט געזעלשאַפטן פון „ייוואָ״־פרײַנט און די יידישע יוגנט אין די שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע האָט פלוצלינג באַקומען אַ נייעם אינהאַלט אין לעבן.

די יידישע יוגנטלעכע האָבן מיט גרויס אימפּעט אָנגעהויבן צו זאַמ־לען פאַרן „ייוואָ״ פּאָלקס־מעשיות, לעגענדעס, ווערטלעך, וויצן און פאַר־

שידענע מינים „פאָלקלאָריסטישע״ זאַבאַבאָנעס, אָפּשפּרעכונגען, איינרע־דענישן און קללות.

מען האָט אויך אָנגעהויבן צו קלייבן פאַרשידענע מינים ביכער, ספרים, אַלטע שמות, פּראָקלאַמאַציעס, טעאַטער־אַפישן, מאַנוסקריפּטן, בריוו, פאָ־טאָגראַפיעס און אַבסאָלוט אַלץ, וואָס קאָן האָבן אַ װעלכן נישט איז אינ־טערעס פאַר דעם „ייוואָ״.

דער ענטוזיאַזם פון די זאַמלער איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איינער אַ שטעפּער פון גראָדנע האָט געוואָרפן זיין אַרבעט און ער האָט זיך אָנגע־שלאָסן אָן אַ באַנדע בעטלער... וואַנדערנדיק מיט די בעטלער דורך די יידישע ישובים פון פוילן, האָט דער שטעפּער אָנגעזאַמלט גאַנצע אוצרות פאָלקלאָר און זיי אַריינגעשיקט בחינם אין „ייוואָ״.

אין משך פון איין יאָרצענדליק איז די צוויי־שטאָקיקע געביידע פון „ייוואָ״, נישט רעכענענדיק דעם גרויסן צעמענטירטן קעלער און דעם רחבותדיקן קונסט־בוידעם, אָנגעפילט געוואָרן מיט אַזוי פיל האָב־ און גוטס, אַז ס׳איז שוין געוואָרן צו ענג אין דער נייער אייגענער געביידע.

אגב, זענען די ווילנער ייוואָ־טוער געקומען צום געדאַנק וועגן אויפ־שטעלן אַן אייגענע ייוואָ־געביידע נאָר צוליב דעם, ווייל ס׳איז נישט געווען אין דער ערשטער צייט מיט וואָס צו באַצאָלן דירה־געלט פאַר די געדונ־גענע צימערן...

וויבאַלד מען האָט שוין נישט מיט וואָס צו צאָלן דירה־געלט, איז דאָך קלאָר, אַז מען דאַרף האָבן אַן אייגענע היים! אַזוי איז שוין די „לאָגיק״ פון די ווילנער כלל־טוער און קולטור־טרעגער, און ווי מיר האָבן שפּעטער דערזען — זענען זיי טאַקע געווען גערעכט.

אין דעם אויפבוי פון „ייוואָ״ האָבן זיך באַטייליקט אַלע יידישע קיבוצים פון גאָר דער וועלט. ס׳איז געוואָרן אַן אמתע פאָלקס־געביידע, אַ מין נייער „בית שלישי״ אין „ירושלים ד׳ליטע״.

ווען זלמן רייזען איז אין די אינטערעסן פון „ייוואָ״ געווען אין אַר־געַנטינע, האָבן אויך אַפילו די יידישע קצבים אים איינגעלאַדן אויף אַן אָוונט און נאָך זיין פּראָפּאַגאַנדע־רעדע וועגן „ייוואָ״ האָבן די קצבים אָנ־געהויבן שענקען: ווער אַן אָקס אַ גאַנצן, ווער אַ בהמה, ווער אַ שעפּס און ווער „אַ זייטל פלייש״...

עס האָט זיך באַקומען אַ גאַנץ פיינע טשערעדע בהמות מיט שעפּסן, אָבער זלמן רייזען האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרשפּאָרט צו טרייבן די טשע־רעדע פון בוענאָס איירעס קיין ווילנע, ווייל מען האָט אים געגעבן „שוה כסף", דעם געלט־ווערט פון די געשענקטע בהמות און זייטלעך פלייש.

אָט די אַלע עפּיזאָדן געהערן שוין אויך צום „פאָלקלאָר" פון דער „ייוואָ"־געשיכטע און זיי מעגן שוין אַריינגענומען ווערן אין די אַרכיוון און כראָניקעס, וואָס ווערן איצטער געזאַמלט אין דער נייער אייגענער ייוואָ־געביידע אין ניו יאָרק...

שרייבנדיק אָט די שורות לעב איך איבער ווידעראַמאָל די גרויסע דערהויבונג פון אונדזער פאָלקס־קולטור אין די פייערלעכע טעג פון דעם צוזאַמענפאָר אין ווילנע לכבוד דעם צעניאָריקן יובל פון ייוואָ.

נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איז דער ייוואָ־צוזאַמענפאָר גע־ווען די צווייטע גרעסטע מאַניפעסטאַציע פון אונדזער פאָלקס־קולטור איןביידע שפּראַכן.

די פּאָר הונדערט דעלעגאַטן פון אַלע עקן וועלט האָבן ממש אויפגע־רודערט גאַנץ ווילנע און דאָס וויוואָלסקי־געסל איז געוואָרן איינס פון די פּאָפּולערסטע געסלעך אין גאָר דער וועלט.

די קנאה פון די פּאָליאַקן צו דעם „זשידאָווסקען" קולטור־יאַריד אין ווילנע איז געוואָרן נאָך גרעסער ווי געוועזן און די פּוילישע מלוכה־באַאַמ־טע האָבן אָנגעהויבן צו קוקן אויף די ייוואָ־טוער ווי אויף „קראַמאָלניקעס", וואָס מען דאַרף שטענדיק האָבן אויף זיי אַן אויג...

צווישן די חשובסטע און פּאָפּולערסטע ערן־געסט פון ייוואָ־צוזאמענ־פאָר זענען געווען דער היסטאָריקער פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, ז"ל און (אים צו לענגערע יאָר) מאַרק שאַגאַל, דער וועלט־באַרימטער קינסטלער. פּראָפעסאָר דובנאָוו איז געקומען פון ריגע און מאַרק שאַגאַל — פון פּאַריז.

פּראָפעסאָר דובנאָוו האָט נאָך געהאלטן אין איין זוכן די לעבעדיקע שפּורן פון זיין פריינט און חסיד ד"ר צמח שאַבאַד, וואָס איז ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק געשטאָרבן, און מאַרק שאַגאַל האָט געהאַלטן אין איין זוכן אין ווילנע זיין וויטעבסק.

פּראָפעסאָר דובנאָוו איז געווען זייער טרויעריק־גליקלעך, וואָס איך קען אים מכניס־אורח זיין אין די צוויי צימערן פון ד"ר שאַבאַד. און מאַרק

שאַגאַל איז געווען זייער גליקלעך־טרויעריק, וואָס איך קען אים אויך אין ווילנע ווייזן שטיקער „וויטעבסק״.

שאַגאַל האָט אַ גרויסע שוואַכקייט צו אַלטע פּאַרקאַנעס, היינטער וועלכע עס פּאַשעט זיך אַ ציג אָדער אויף וועלכע אַן אלטער האָן פּאַטשט אויס מיט זיינע פליגלען זיין הייזעריקן קו־קע־רי־קו!

נאָך איינע אַן אַלטע שוואַכקייט האָט מאַרק שאַגאַל צו אַלטע שולן, צו פיין־געשניצטע אָרון־קודשן און צו בונט־אויסגעהעפטע פּרוכתן.

ווילנע האָט נאָך פאַרמאָגט גענוג אַלטע פּאַרקאַנעס, פּאַרוואַקסענע מיט ווילדגראָז און גענוג, דאַנקען גאָט, שולן און בתי־מדרשים מיט פיין־געשניצטע אָרון־קודשן.

דער שמש פון דער ווילנער שטאָט־שול, וואָס די קאַראַאימער האָבן מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק געוואָלט זי אויסקעמפן ביי די יידן, האָט אונדז דערציילט, אַז מיר (ד״ה שאַגאַל און איך) זענען נישט די ערשטע „פּאַריזער״, וואָס באַוואונדערן „זיין״ שול. פּונקט מיט הונדערט און דריי און צוואַנציק יאָר צוריק (ד״ה אין יאָר 1812) איז שוין דאָ געווען איינער אַ „וואַזשנער פראַנצויז״, וואָס האָט שטאַרק באַוואונדערט די אַרכיטעקטור און די באַפּוצונגען פון דער שטאָט־שול. דאָס איז געווען... נאַפּאָלעאָן!

דער פיינער קאָמפּלימענט פון דעם קלוגן שמש איז אונדז ביידן געווען שטאַרק אָנגעלייגט און מיר האָבן אים באַדאַנקט דערפאַר מיט אַ דאָלאַר, מיט אַן אמתן גרינעם דאָלאַר, וואָס אין ווילנע פלעגט מען אים זען זייער זעלטן...

האָט זיך דער שמש באַלד דערמאָנט, אז ער קאָן אונדז ווייזן א גרינעם פּרוכת, אַזאַ מין פּרוכת, מיט וועלכן מען פאַרהענגט דעם אָרון־קודש נאָר אום תשעה באב.

מאַרק שאַגאַל איז אַריין אין גרויס התפעלות פון אָט דעם גרינעם פּרוכת, וועלכן מען זעט נאָר אין טאָג פון אונדזער חורבן, און ער האָט אים אָנגעהויבן צו מאָלן מיטן עכט־שאַגאַליסטישן ענטוזיאַזם און רעליגיע־זער דערהויבונג.

אַ דאַנק דעם קלוגן שמש איז יענער מערקווירדיקער פּרוכת פון דער ווילנער שטאָט־שול פאַרבליבן, לכל־הפחות, אויפן לייוונט פון מאַרק שאַגאַל...

ס׳פאַרגייט מיר דאָס האַרץ אין געוויין, ווען איך דערמאָן זיך אָן אונדזערע שפּאַציר־גענג דורך אַלע שולן און קלויזן פון ווילנע. יעדע איינע פון זיי איז פאַרוועבט מיט לעגענדעס און מעשיות, וואָס נישט אַלע פון זיי האָבן אַפילו די פאָלקלאָר־זאַמלער פון ייוואָ באַוויזן צו פאַרפיקסירן.

ווען שאַגאַל וואָלט דעמאָלט געוווסט, אַז אָט די אַלע הייליקע ערטער פון ווילנע וועלן אין פיר יאָר אַרום פאַרניכטעט ווערן דורך די נאַציס (ימח שמם) וואָלט ער זיכער פאַראייביקט אויף זיינע צויבער־לייוונטן נישט נאָר דעם גרינעם פּרוכת פון דער שטאָט־שול אַליין.

ווען מיר אַלע וואָלטן געוועון געוווסט דעמאָלט, אַז אין פיר יאָר אַרום וועט אויסברעכן די צווייטע וועלט־שחיטה, וואָלט דאָך יעדער איינער פון די אויסלענדישע ייוואָ־דעלעגאַטן געקאָנט מיטנעמען מיט זיך אַ געוויסן טייל פון די יקר־המציאותן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער ייוואָ־געביידע און מיר וואָלטן זיי געקאָנט איצטער האָבן אין דער רחבותדיקער ייוואָ־געביידע פון ניו יאָרק.

אדרבה, יעדער איינער פון די דעלעגאַטן האָט זיך דעמאָלט באמית מיטצוברענגען דעם ייוואָ אין ווילנע אַ וועלכע נישט איז ווערטפולע מתנה.

איך אַליין האָב מיטגעבראַכט אַ גאַנצן קאַסטן מיט ווערטפולע יידיש־סאָוועטישע ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן און באַזונדערס — אַ גאַנצע קאָלעקציע זייער וויכטיקע אויסשניטן פון דער יידיש־סאָוועטישער פּרעסע פאַר די יאָרן 1918—1933.

אין די דאָזיקע צייטונגס־אויסשניטן איז געווען אַ גאַנצער אוצר פון מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור און פּרעסע, פון דער יידיש־סאָוועטישער קאָלאָניזאַציע, פון דעם יידיש־סאָוועטישן טעאַטער און פון די יידישע „בעזבאָזשניקעס“ און פון אַלע אַנדערע דערגרייכונגען, פאַרמעסטונגען און קוריאָזן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אויף דער יידישער גאַס.

איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך האָב די אַלע וויכטיקע צייטונגס־אויסשניטן אַרויסגעפירט אין 1924סטן יאָר פון מאָסקווע קיין בערלין — האָט דער דעמאָלטדיקער פאַרוואַלטער פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג (נאַרקאָמפּראָס״) — דער חבר מיכל לעוויטאַן, שטאַרק געבונטעוועט זיך קעגן דעם, וואָס איך פיר דאָס אַרויס

פון סאָוועט־רוסלאַנד, בפרט נאָך, ווען די „יעוואָקציע" אַליין פאַרמאָגט נישט אַזאַ רייכן אַרכיוון־מאַטעריאַל. אָבער אַזוי ווי אָט דער מיכל לעווי־טאַן איז דאָך געווען מיינער אַן אַלטער גוטער פריינט פון די יאָרן 1909־1910 אין ווין — האָט ער מיר דערלויבט דאָס אַלץ אַרויסצופירן און איך האָב עס מיט גרויס פרייד אָפּגעשענקט דעם „ייוואָ", ווו אַלע וועלן קענען זיך באַניצן מיט אָט דעם מאַטעריאַל.

מעגלעך, אַז די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן אין די ערשטע חדשים פון דער צווייטער וועלט־שחיטה זיך אַריינגעכאַפּט קיין ווילנע, האָבן באַוויזן אפשר אַרויסצופירן די „ייוואָ"־אַרכיוון קיין סאָוועט־רוסלאַנד, און דעמאָלט וואָלטן אויך מיינע מאַטעריאַלן צום יידיש־סאָוועטישן אויפקום זיך אומגעקערט צו דעם זעלבן פּלאַץ, ווו זיי זענען געשאַפן געוואָרן.

אייגנטלעך האָט מען נישט נאָר דעם „ייוואָ" אַליין געדאַרפט באַצייטנס אַרויסראַטעווען פון ווילנע. אויך די היסטאָרישע סטראַשון־ביבליאָטעק, דעם אַנ־סקי־מוזיי, דעם קהילה אַרכיוו, דעם שול־הויף און בכלל גאַנץ ווילנע האָט מען געדאַרפט באַצייטנס אַרויסראַטעווען פון ווילנע, ווייל אין גרונט גענומען — איז גאַנץ ווילנע אַ מוזיי, אַ זייער ווערטפולער מוזיי נישט נאָר פון דעם יידישן פאָלק אַליין!

אויך די ליטווינער און די פּאָליאַקן, די רוסן און די ווייסרוסן, די קאַראַאימער און די טאָטערן האָבן אַריינגעקנאָטן אין ווילנע שטיקער צאַפּל־דיקע געשיכטע, וואָס איז נאָך ביז איצט נישט פאַרגליווערט געוואָרן.

עס איז גאָר שווער זיך איינצולעבן מיטן געדאַנק, אַז די נאַצי־באַר־באַרן האָבן אויך ווילנע חרוב געמאַכט און אויסגעליידיקט פון יעטוועדן היסטאָרישן אינהאַלט.

XXX

ביים וואַסער־גרעניץ צווישן ליטע און פוילן

באַלד נאָך דער יובילייִ־קאָנפערענץ פון ייוואָ אין 1935, האָב איך איינ־גערעדט מאַרק שאַגאַלן מיט זיין פרוי בעלאַ, מיר זאָלן אַוועקפאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין דרוזגעניק זיך אויסצורוען פון דעם זייער טומלדיקן קולטור־יאַריד אין ווילנע.

אין דרוזגעניק זענען שוין געווען דעמאָלט מיינע גרויסע גוטע־פריינט — ד״ר יעקב וויגאָדסקי, אברהם מאָרעווסקי, משה שאַליט, ווי אויך — דער וועלט־באַרימטער גאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי.

די דאָזיקע פיר גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אויס־געלעבט אין פיר פאַרשידענע מינים וועלטן, האָבן מיך מיט שאַגאַלן צו־געצויגן קיין דרוזגעניק.

ערשט אין דרוזגעניק, וואָס האָט זיך אַזוי רחבותדיק אויסגעלייגט ביים ברעג פון ליטווישן טייך ניעמאַן — האָב איך דערזען די גרויסע לעכערלעכקייט פון די גרענעצן, וואָס מען האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איינגעפירט צווישן פוילן און ליטע.

דרוזגעניק איז געווען אַ באַרימטע „בלאָטע״־קוראָרט צווישן גראָדנע און ביאַליסטאָק.

קיין דרוזגעניק פלעגט זומערצייט קומען דאָס ביסל יידישע אינטעלי־גענץ פון די שכנותדיקע שטעט און יענע באַלעבאַטישע יידן, וואָס פלעגן נישט קענען פאָרן אין די וועלט־באַרימטע קור־אָרטן קאַרלסבאַד אָדער מאַריענבאַד, אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

דרוזגעניק איז געווען באַרימט נישט נאָר מיט אירע בלאָטע־בעדער,

נאָר אויך — מיט דעם פיינעם סאָסנאָוועץ וואַלד, וואָס האָט באַדעקט דעם גאַנצן ברעג פון דעם טייך ניעמאַן.

דער טייך ניעמאַן איז אָפיציעל אַ ליטווישער טייך, אָבער ביי דרוזגע־ניק האָט מען דעם דאָזיקן טייך געמוזט שפּאַלטן אויף צוויי גלייכע העלפטן, וואָס איין העלפט האָט געהערט צו פּוילן און די צווייטע העלפט צו ליטע.

ניעמאַן איז ביי דרוזגעניק געווען די נאַטירלעכע וואַסער־גרעניץ צווישן די צוויי לענדער, וואָס האָבן אין משך פון צוואַנציק יאָר נישט געהאַט צווישן זיך קיין שום דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונג, אַפילו נישט — קיין פּאָסט־פאַרבינדונג.

ווען די פּאָליאַקן האָבן אין 1920טן יאָר פאַרכאַפּט ווילנע, — די אַמאָל געוועזענע הויפּטשטאָט פון ליטע, — האָבן די ליטווינער אַוועקגעשטעלט אין קאָוונע אַזאַ מין „מצבה" מיט דער אויפשריפט, אַז ליטע וועט זיך נישט באַרואיקן אַזוי לאַנג, ביז ווילנע וועט ווידער ווערן די הויפּטשטאָט פון דער פרייער אומאָפּהענגיקער ליטע.

ווען מען פלעגט דאַרפן שרייבן אַ בריוו פון ווילנע קיין קאָוונע אָדער פאַרקערט, פלעגט מען אַזאַ מין בריוו מוזן צוערשט אַוועקשיקן צו אַ גוטן פריינט אָדער צו האַיאַס אין ריגע (לאַטוויע), ווו מען פלעגט דעם בריוו אַריינלייגן אין אַ נייעם קאָנווערט, אָנקלעפּן נייע (לעטישע) מאַרקעס און אים אַוועקשיקן קיין פּוילן אָדער קיין ליטע. אַזאַ מין בריוו פון ווילנע קיין קאָוונע אָדער פאַרקערט, פלעגט געוויינלעך זיין אונטערוועגנס ביי 7—8 טעג, ווייל ער פלעגט מוזן דורכמאַכן דריי צענזורן (אַ ליטווישע, אַ לעטישע און אַ פּוילישע!).

אויף דעמזעלבן אומוועג פלעגט מען אויך איבערשיקן יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון פּוילן קיין ליטע און פון ליטע קיין פּוילן.

אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז פון ווילנע קיין קאָוונע איז שרעקלעך ווייט, נאָך ווייטער, ווי פון ווילנע קיין ניו־יאָרק!

די יידישע פּרעסע פון ניו־יאָרק, אגב, פלעגט זיך באַקומען אין ווילנע אַ סך פריער, ווי די יידישע פּרעסע פון קאָוונע...

ערשט אין דרוזגעניק האָב איך דערזען, אַז פון פּוילן קיין ליטע איז דאָך ממש „מיט דער האַנט צו דערלאַנגען!"

מען דאַרף נאָר איבערשווימען דעם ניעמאַן, און מען איז שוין אין ליטע!

די דאָזיקע „אַנטדעקונג״ איז געווען פאַר מיר אַזוי טשיקאַווע, אַז איך פלעג אָפטמאָל אָפּשטיין שעהנלאַנג אויפן פוילישן ברעג ניעמאַן און אַרי־בערקוקן צום ליטווישן ברעג ניעמאַן.

אין איינער אַ פויערישער ווירטשאַפט הינטער דרוזגעניק, אויפן סאַמע ברעג טייך, פלעג איך יעדן אָוונט טרינקען אַ גלאָז וואַרימע מילך, אָקאָרשט פון דער בהמה („סיראָדאָי״ בלע״ז). פונקט אַנטקעגנאיבער, אויף דער צווייטער זייט טייך, איז אויך געווען אַ פויערישע ווירטשאַפט, אָבער שוין אַ ליטווישע.

פלעגט פאַסירן אַמאָל, אַז אַ ליטווישע בהמה פלעגט פּלוצלינג אויס־שטרעקן איר בהמהשן קאָפּ מיט די פאַרדרייטע הערנער, ווי שופרות, צו די פוילישע בהמות אויף דער אַנדער זייט טייך און אויסמו־ו־קען מיט גרויס בענקשאַפט אַ תקיעה גדולה: מו—ו—ו—ו! וואַרטנדיק, זעט אויס אויף אַן ענטפער פון דער צווייטער זייט טייך.

אָבער די פוילישע בהמות האָבן זיך געפילט צו פּריציש, צו אַריס־טאָקראַטיש — זיי זאָלן ענטפערן כאָטש מיט אַ „תרועה״, צי מיט אַ „שברים״ דער אָרימער פויערישער בהמה פון ליטע־לאַנד...

האָב איך איינמאָל פּרובירט, מעשה אָקס, צו ענטפערן דער פאַרבענק־טער אויסגעמאָלקענער בהמה פון ליטע מיט אַ לאַנגן „מו—ו—ו—ו—ו״, זי זאָל דאָרטן דערשפּירן מיין ליטוויש האַרץ. איז אָבער באַלד אַרויסגע־שפּרונגען דער באַלעבאָס פון דער פאַרם, אַ פּאָליאַק, און ער האָט מיך געוואָרנט — איך זאָל דאָס מער נישט טאָן! די פוילישע גרעניץ־זשאַנ־דאַרמען, וואָס דרייען זיך אַרום ביים ברעג טייך, קאָנען מיך נאָך חושד זיין, אַז איך גיב סיגנאַלן צום צווייטן ברעג טייך, צו ליטע...

פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין אויפגעהערט זיך איבערצומוקען מיט די ליטווישע בהמות! מער פעלט נישט, אַז די פוילישע גרעניץ־זשאַנדאַר־מען זאָלן פּאַקן אויפן פוילישן ברעג ניעמאַן אַ סאָוועטישן בירגער, וואָס גיט „סיגנאַלן״ צו דער פיינטלעכער מלוכה אין ליטע, וואָס אויף דעם צווייטן ברעג טייך.

ווילנע

דער קינסטלער מאַרק שאַגאַל האָט זיך שוין איינמאָל געהאַט גוט איבערגעשראָקן פאַר אָט די פּוילישע גרעניץ־זשאַנדאַרמען.

שאַגאַלן האָט זיך פאַרגלוסט צו מאַכן אַ בליישטיפט־צייכענונג פון דער פּרעכטיקער לאַנדשאַפט אויף דעם ברעג פון ניעמאַן. ער האָט אָנגעצייכנט עטלעכע וואַסער־ווערבעס און צווישן זיי — אַ טעלעגראַפן־סלופּ מיט די פאָרצעלייענע קריגעלעך, אויף וועלכע עס האַלטן זיך די דראָטן. ס׳איז געווען אַן עכט־שאַגאַליסטישער געמיש פון נאַטור מיט ציוויליזאַציע. דער אויסגעטריקנטער און אָנגעשפּאַלטענער טעלעגראַפן־סלופּ, וואָס איז אויך געווען אַמאָל אַ בוים, האָט אויסגעזען פון צווישן די צעבלעטערטע, זאַפטיקע ביימער זייער שטאָלץ און גדלותדיק. ער טראָגט דאָך אויף זיך די פאָרצעלייענע קריגעלעך מיט די דראָטן און ער איז (דער סלופּ, הייסט עס) פאַרבונדן מיט דער גאַנצער וועלט!...

זענען אָבער פּלוצים אויסגעוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, צוויי פּוילישע גרעניץ־זשאַנדאַרמען מיט די פאַרריסענע פּילסודסקי־וואָנצעס און זיי האָבן געפּאַקט שאַגאַלן אויפן אָרט פון זיין גרויסן „פאַרברעכן“. זיי האָבן אים, אַן איבערגעשראָקענעם, אַוועקגעפירט צו איינעם אַ גרעניץ־קאָמיסאַר, וועלכער האָט זייער שטרענג באַטראַכט שאַגאַלס בליישטיפט־צייכענונג, ווי ער וואָלט געווען אַ גאָר גרויסער קונסט־מבין און ער האָט באַלד געפּסקנט, אַז „פאָטאָגראַפירן“ טעלעגראַפן־סלופּעס ביים פּוילישן גרעניץ איז אַ מלוכה־פאַרברעכן.

דער קאָמיסאַר איז שוין גרייט געווען צו שרייבן אַ פּראָטאָקאָל קעגן דעם „מלוכה־פאַרברעכער“ מאַרק שאַגאַל, אָבער ביז וואַנען דער שטרענגער פּאָליאַק האָט באַוויזן אויסצוזוכן זיין טינט און פעדער — האָט שאַגאַל דערווילע באַוויזן אויסצומעקן מיט דער רעזינקע דעם טעלעגראַפן־סלופּ מיט אַלע זיינע פאָרצעלייענע קריגעלעך און ס׳זענען פאַרבליבן די ביימער אַליין.

ווען דער פּוילישער גרעניץ־קאָמיסאַר האָט דערזען, אַז פון דעם בילד איז פּלוצלינג פאַרשוואונדן געוואָרן דער „סטראַטעגישער“ טעלעגראַפן־סלופּ און ס׳איז געוואָרן אויס פּוילישער גרעניץ — האָט ער שוין נישט געהאַט וואָס צו פּראָטאָקאָלירן און ער האָט מאַרק שאַגאַלן אָפּגעלאָזט אַהיים.

דעם זעלבן אָוונט האָב איך איינגעלאַדן אין מיין פּענסיאָן אויף אַ

טעפּעלע קאַווע דעם „געליטענעם" מאַרק שאַגאַלן און די דריי שענסטע און חשובסטע פאַרטרעטער פון דעם פּוילישן יידנטום, וואָס זענען אויך געווען דענסטמאָל אין דרוזגעניק. דאָס זענען געווען: ד"ר יעקב וויגאָדסקי, פאָר־זיצער פון דער ווילנער יידישער קהילה, לאַנגיעריקער דעפּוטאַט פון פּויל־לישן סיים און פריער־געוועזענער מיניסטער פון דער ליטווישער רעגירונג; משה שאַליט, פאָרזיצער פון דעם יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ווילנע, פאָרזיצער פון דער ווילנער היסטאָריש־עטנאָגראַפי־שער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי (ראַפּאַפּאָרט), פאָרזיצער פון דעם פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פּוילן, פאָרזיצער פון דעם ראַט פון דער צענטראַלער יידישער עמיגראַציע־געזעל־שאַפט אין פּוילן „יעאַס" (האַיאַס־אַי"א), דירעקטאָר פון דער צענטראַלער יידישער הילפס־געזעלשאַפט „יעקאָפּאָ" (אָנגעשלאָסן אין „דזשאָינט"), רעדאַקטאָר פון צענדליקער היסטאָרישע און היסטאָריש־געוואָרענע פּנקסים, לוחות, זאַמלביכער און זשורנאַלן, ליטעראַטור־פאָרשער און רעצענזענט פון וויסנשאַפטלעכע ביכער, אַרויסגעבער פון דעם זייער וויכטיקן און ציכטיקן קוואַרטאַלניק „פונעם נאָענטן עבר" און דער עיקר, אַ געטרייער פריינט און חבר, וואָס אויסערלעך פלעגט ער מאַכן אָפּטמאָל דעם איינדרוק פון אַ האַרטן, שטרענגן מתנגד, אָבער אינערלעך פלעגט ער שטענדיק זיין גרייט צו טון עפּעס גוטס נישט נאָר פאַר דעם כלל־ישראל, נאָר אויך פאַר דעם ר' ישראל, פאַר דעם יחיד.

ווי אויך אברהם מאָרעווסקי, דער גוט־באַקאַנטער ארטיסט און שריפט־שטעלער, וועלכן די ווילנער יידישע פּרעסע האָט געקרוינט מיטן טיטל „דער ווילנער בן־יחיד" (ווי ס'איז געווען אַמאָל דער „ווילנער גאון", דער „ווילנער באַלעבעסל" וכדומה „ווילנער").

אָט די דריי ביז גאָר וויכטיקע און חשובע ווילנער יידן האָבן געדאַרפט פאַר מיר און פאַר מאַרק שאַגאַלן אויפקלערן די „פּסיכאָלאָגיע" פון די פּוילישע גרעניץ־זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן פאַר שאַגאַלס טעלעגראַפן־סלופּ צווישן די עטלעכע איינגעהויקערטע ווערבעס, וואָס האָבן זיך מיט אַלע זייערע צווייגן געצויגן צו די וואַסערן פון דעם ניעמאַן.

ביי אונדז ביידן (ביי שאַגאַלן און מיר) איז אויסגעקומען, אז אַ בוים

איז בטבע פיל מער אינדיווידועל און אייגנאַרטיק, ווי אַ טעלעגראַפן־סלופּ. יעדער בוים האָט דאָך זיין אייגענעם אויסזען, זיין אייגענע פאָרם און זיין אייגענעם וווקס, בעת אַ טעלעגראַפן־סלופּ איז דאָך נישט מער, ווי אַן אָפּגעהובלטע בערווינע און אַלע טעלעגראַפן־סלופּעס פון גאָר דער וועלט האָבן דאָך איין און דעמזעלבן אויסזען!

פאַרוואָס־זשע, פרעגט זיך, מעג מען אַ טעלעגראַפן־סלופּ פון הינטער־לאַנד יאָ צייכענען און פאָטאָגראַפירן, אָבער צייכענען אַ טעלעגראַפן־סלופּ ביי דער גרעניץ איז שוין אַ מלוכה־פאַרברעכן?

צוליב אָט דער דאָזיקער סלופּ־פראַגע האָב איך מטריח געווען צו זיך די אויבנדערמאָנטע דריי חשובע ווילנער יידן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז געווען אַ וועלט מיט וועלטעלעך!

דער יינגסטער און לעבעדיקסטער צווישן אונדז אַלעמען איז געווען דווקא דער דר. יעקב וויגאָדסקי, וואָס איז שוין דענסטמאָל (אין 1935) געווען אַ בן שמונים...

דער ד״ר וויגאָדסקי האָט זייער ליב געהאַט צו דערציילן אַנעקדאָטן און וויצן פון אַ יאָר זעכציק צוריק, ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט אין פּעטערבורג. ער פלעגט אָבער די אַלטע אַנעקדאָטן דערציילן אַזוי לע־בעדיק און פריילעך, אַז מען פלעגט מוזן מיט אים מיטלאַכן.

האָט ד״ר וויגאָדסקי אויך אונדזער פּראָבלעם מיט די גרעניץ־סלופּעס אויפגענומען ווי אַן אַנעקדאָט און ער האָט אונדז געהאַלטן אַ גאַנצע לעקציע וועגן דעם גרעניץ־פּסיכאָז ביי די ניי־אויפגעקומענע מלוכות.

דער גרעניץ־פּסיכאָז איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ביי דעם פּשוטן פאָלקס־מענטשן האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז אין דעם שכנותדיקן פיינטלעכן לאַנד איז נישט נאָר די שפּראַך אַן אַנדערע, די קליידונג אַן אַנדערע, נאָר אַז אויך אַפילו דער קלימאַט איז אַ גאַנץ אַנדערער.

אַזוי, למשל, האָט אונדז ד״ר וויגאָדסקי אילוסטרירט זיין „לעקציע" מיט אַ פּאָר אַנעקדאָטן וועגן צוויי דייטשע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געקעמפט אויף דעם רוסישן פראָנט.

איינער אַ דייטשער סאָלדאַט האָט זיך באַרימט, אַז ווען ער האָט אין איינער אַ ווינטער־נאַכט פּרובירט אויסשטרעקן זיין האַנט פון פּרייסן צו דער רוסישער גרעניץ, איז דאָרטן (אויף דער רוסישער זייט) אַזוי קאַלט

געווען, אַז די האַנט איז אים תיכף געוואָרן אָפּגעפרוירן און מען האָט אים באַפרייט פון מיליטער־דינסט.

האָט אַ צווייטער דייטשער סאָלדאַט דערציילט, אַז ווען ער איז אַריינגעפאַלן ווינטערצייט אין רוסישער געפאַנגענשאַפט איז דאָרטן (אין סיביר) געווען אַזוי קאַלט, אַז ווען ער פלעגט עפּעס זאָגן אין דייטש, פלעגן זיינע ווערטער תיכף איינפרירן און אַרונטערפאַלן אויפן שניי, ווי געדרוקטע בוכשטאַבן פון אייז. דענסטמאָל פלעגן די רוסישע סאָלדאַטן אַוועקטראָגן זיינע איינגעפרוירענע ווערטער צום גענעראַל־שטאַב, ווו מען פלעגט זיי תיכף איבערזעצן פון דייטש אויף רוסיש...

די דאָזיקע אַנעקדאָטן, אגב, זענען גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאַר א דייטשן סאָלדאַט, וואָס האָט זיך זיכער אָנגעלייענט מיט די אַוואַנטוריסטישע געשיכטעס פון דעם קלאַסיש־געוואָרענעם דייטשן בעל־גוזמא און ליגנער באַראָן פאָן מינכענהויזען, וועלכער האָט נאָך מיט 200 יאָר צוריק געלערנט דעם דייטשן פאָלק צו האַקן ליגנס אויף וואָס די וועלט שטייט.

פון די דאָזיקע אַנעקדאָטן איז שוין אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די טעלע־גראַפן־סלופּעס, וואָס היטן די גרעניצן פון פּוילן זענען גאַנץ אַנדערע, ווי די טעלעגראַפן־סלופּעס, וואָס היטן די גרעניצן פון ליטע.

אויך די פּסיכאָלאָגיע פון די גרעניץ־זשאַנדאַרמען איז אויף דער פּוילישער זייט ניעמאַן שוין אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אויף דער ליטווישער זייט ניעמאַן.

אין פּוילן איז יעדער מענטש אַ „פּאַן" און אין ליטע איז שוין דער מענטש אַ „פּאָנוס". אין פּוילן הייסט די הויפּטשטאָט פון ליטע „קאָוונע", און אין ליטע הייסט גאָר זייער צייטווייליקע הויפּטשטאָט „קאָונאַס". אין פּוילן טראָגט יעדער פּאָליאַק זיינע וואָנצעס פאַרשפּיצט אויף אַרויף, ווי צוויי ווייזערס פון אַ זייגער, ווען ס'איז צען מינוט צו צוויי און אין ליטע טראָגט דער ליטווינער זיינע וואָנצעס אַרונטערגעלאָזט, ווי צוויי ווייזערס פון אַ זייגער, ווען ס'איז צוואַנציק נאָך אַכט.

מער נישט איין ד"ר וויגאָדסקי, וואָס איז געווען פריער אַ מיניסטער ביי די ליטווינער און שפּעטער — אַ סיים־דעפּוטאַט ביי די פּאָליאַקן האָט געטראָגן זיינע וואָנצעס „בייטראַל", ווי צוויי ווייזערס ווען ס'איז אַ פערטל צו דריי.

פראָפ. שמעון דובנאָוו, בעלאַ און מאַרק שאַגאַל, דניאל טשאַרני און כּרוי
אין אַ קינדער־קאָלאָניע פון „טאָז" („אָזע"), ווילנע, 1935

די אַנדערע פיר פון דעם דעמאָלסטיקן געזעמל ביים טעפּעלע קאַווע אין מיין דרוזגעניקער פּענסיאָן — מאַרעווסקי, שאַגאַל, שאַליט און איך, זענען בכלל געווען וואַנצעלאָז, ד״ה „קאָסמאָפּאָליטען״.

מיר זענען געווען וועלט־בירגער פון דעם אַזוי גערופענעם „יידיש־לאַנד״, ווו די זון גייט קיינמאָל נישט אונטער. אונדזערע „גרעניץ־סלופּעס״ זענען געווען די הונדערטער צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער, וואָס פלעגן אונדז טאָג איין — טאָג אויס ברענגען גרוסן פון אמעריקע און אַרגענטינע, פון אַפריקע און אויסטראַליע, פון קובא און מעקסיקאָ, פון ארץ־ישראל און ביראָבידזשאַן, ווי אויך אַפילו — פון דער ווייטער־ווייטער און ביז גאָר נאָענטער ליטע...

ס׳איז אגב געווען דענסטמאָל אין דרוזגעניק נאָך איינער אַ „קאָסמאָ־פּאָליט״, נאָך איינער אַ „וועלט־בירגער״ פון דעם צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק ישראל, אָבער אַ פאַרוואַקסענער מיט באָרד און פאות און שטענדיק אַ פאַרטיפטער אין ספרים אַזעלכע, וואָס זענען זייער־זייער אַלט, אָבער דאָך זענען זיי שטענדיק פול מיט נייע חידושים און רמזים, וואָס קיין שום „גויאישע״ קולטור און ציוויליזאַציע האָט זיך נאָך צו זיי נישט דערקליבן!

דאָס איז געווען דער ווילנער רב, הרב הגאון ר׳ עוזר גראָדזענסקי.

מיינע באַגעגענישן און שמועסן מיט ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, ז״ל, פאַרדינען א ספּעציעלן קאַפּיטל.

איך וויל נאָר צוגעבן, אַז פון די אַלע זעקס יידישע יידן, וואָס האָבן אין דעם זומער פון 1935 זיך צונויפגעטראָפן אין דרוזגעניק ביים ברעג פון דעם ליטוויש־פּוילישן ניעמאַן — זענען נאָר צוויי אַרויס בשלום פון דעם היטלער־גהינום. איינער פון זיי איז דער וועלט־באַרימטער קינסטלער מאַרק שאַגאַל און דער צווייטער — דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי איז ערב דער צווייטער וועלט־שחיטה נפטר געוואָרן אין ווילנע. דער 87־יעריקער ראש הקהל פון ווילנע — ד״ר יעקב וויגאָדסקי, איז דורך די נאַציס פאַרפייניקט געוואָרן אין דער מינסקער טורמע. דער אַרטיסט און שריפטשטעלער אברהם מאַרעווסקי איז גע־שטאָרבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, און משה שאַליט — דער אומדערמידלעכער כלל־טוער און קולטור־טרעגער איז אומגעקומען אין זיין געבוטסשטאָט ווילנע.

XXXI

ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי

אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט איז דער נאָמען „ר׳ חיים עוזר״ שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט. אויב איך האָב קיין טעות נישט, זענען אַפילו אין אַמעריקע פאַראַן ישיבות אויף זיין נאָמען.

ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי איז טאַקע געווען, קען מען זאָגן, דער צווייטער ווילנער גאון.

דער ערשטער ווילנער גאון — ר׳ אליהו בר׳ שלמה זלמן — איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע גופא (אינעם יאָר 1720) און ער איז אויך נפטר געוואָרן אין ווילנע (אינעם יאָר 1797). ער האָט, הייסט עס, געלעבט 77 יאָר.

דער צווייטער „ווילנער גאון״ — ר׳ חיים עוזר — איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטעלע איוויע, הינטער ווילנע אינעם יאָר 1863 און ער איז נפטר געוואָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דעם עלטער פון אַן ערך 75 יאָר.

וועגן דעם ערשטן ווילנער גאון זענען פאַראַן א סך מעשיות מיט לע־גענדעס, וואָס זענען פובליקירט געוואָרן אין די פאַרשידענע פּנקסים און זאַמל־ביכער פון ווילנע און וועגן ווילנע.

וועגן דעם צווייטן „ווילנער גאון״ — הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי — זענען שוין אויך פאַראַן אַ סך מעשיות מיט לעגענדעס, וועלכע זענען נאָך, דוכט זיך מיר, אין ערגעץ נישט פובליקירט געוואָרן.

מער נישט אין דעם פּנקס אונטערן טיטול „אויף די חורבות פון מלחמות און מהומות״, וואָס משה שאַליט האָט אַרויסגעגעבן אין ווילנע (1931), געפינען מיר אַ קורצע ביאָגראַפיע פון דעם „הרב הגאון ר׳ חיים עוזר״.

אויף ווי ווייט ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי איז געווען פּאָפּולער נישט נאָר צווישן די רעליגיעזע יידן פון ווילנע, האָב איך זיך געקאָנט איבערצייגן ביי דער לויה פון ד״ר צמח שאַבאַד, ע״ה.

קיינער האָט זיך נישט געהאַט געריכט, אַז צו דער פֿאָלקס־לויה פון ד״ר שאַבאַד זאָל זיך אויך מעלדן דער 72־יעריקער ר׳ חיים עוזר, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געווען א גרויסער חלוש.

אפילו די וועלטלעך־„יידישיסטישע״ יידן, וואָס האָבן דורכגעפירט די לויה פון ד״ר שאַבאַד, האָבן מיט גרויס דרך ארץ אָנגעהויבן מאַכן אַ וואַרע פאַר דעם אַלטן ר׳ חיים עוזר, וואָס איז געקומען אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם יידישן פֿאָלקס־דאָקטאָר און פֿאָלקס־טוער.

דעם גרעסטן „אַפּיקורס״ פון ווילנע, דעם גוט־באַקאַנטן בונדיסט און כלל־טוער ווירגילי כהן, וואָס האָט דווקא געטראָגן א גאנץ לאנגע רבנישע באָרד, אָבער וואָס פלעגט אַלעמען אויף צו להכעיס אַרומגיין איבער די ווילנער גאַסן אָן אַ היטל, און ער איז אויך אַפילו צו דער לויה פון ד״ר שאַבאַד געקומען אָן אַ היטל, האָט מען אָט דעם גרויסן צולהכעיסניק פאַר־שטופּט אָן א זייט, כדי ר׳ חיים עוזר זאָל נישט באַמערקן דעם „חילול המת״...

אַגב, האָט דער זעלבער ווילנער אפיקורס, ווירגילי כהן, אַ פּלימעניק פון דעם גוט באַקאַנטן שריפטשטעלער מרדכי בן הלל הכהן, געהאלטן אַ פּאָר שעה פאַר זיין טויט (אין 1936) אין איין זינגען זמירות און פאַרשידענע מינים תפילות, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט פון זיינע קינדער־יאָרן אין מאָהליעוו אויפן דניעפּר.

די דאָזיקע „סענסאציע״ האָט זיך באַלד צעטראָגן איבער גאַנץ ווילנע, און די יידן פון דעם ווילנער שול־הויף האָבן זיך פאַסמאַקעוועט:

„נישט די בונדישע שבועה האָט ער געזונגען פאַרן טויט, נאָר דווקא די שבתדיקע זמירות!״

ווען ר׳ חיים עוזר האָט זיך דערוווסט וועגן דער דאָזיקער געשעעניש, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

„אַלע וועגן פירן צום רבונו של עולם!״

דאָס הייסט, אז ר׳ חיים עוזר איז נישט געווען אַזאַ קנאי ווי זיין פאַר־

געגנגער דער ווילנער גאון, ז״ל. ר׳ חיים עוזר האָט זיך נישט פאַרשטעקט פון דער גרויסער וועלט אין די באהעלטענישן פון זיינע חדרים, וואָס זענען געווען פול מיט ספרים און כתבים. ער איז אויך געווען אַ גרויסער כלל־טוער און ער האָט געהאַט א פיינעם חוש פאַר אלע נויטן פון דעם יידישן פאָלק, נישט נאָר פאַר די רעליגיעזע אַליין.

מיר איז אויסגעקומען אַ פּאָר מאָל צו זיין ביי אים אין הויז. איך בין פשוט געווען נייגעריק צו זען אין די מאָדערנע אַפּיקורסישע צייטן אַ גאַנצן יידן, אַ גאון, וואָס איז אויך א כלל־טוער; אַ גאון, וואָס דערשרעקט זיך נישט פאַר אַן אפיקורוס.

אַריינגעפירט צו אים אין הויז האָט מיך זיין פּלימעניק, דער גוט־באַקאַנטער דיכטער און זשורנאַליסט א. י. גראָדזענסקי.

דערזעלבער א. י. גראָדזענסקי איז אַליין אויך געווען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס אין ווילנע.

לויט דער ביאָגראַפּיע זיינער — איז ער געבוירן געוואָרן אַ טויטער. כדי אים לעבעדיק צו מאכן — האָט מען אים געשליידערט אין דער לופטן אַזוי לאַנג, ביז מ׳האָט אים אויסגעדרייט א הענטל און אַ פיסל. ווען דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן האָט דער 90־יעריקער פעלדשער פון שטעטעלע וועקשנע (קאָוונער גוב.) אים איבערגעריסן דעם גומען און דאַן האָט דאָס עופהלע אָנגעהויבן צו עטעמען. ער איז אָבער פאַרבליבן מיט אַ שפּראַך־מום אויף זיין גאַנצן לעבן. מען פלעגט קוים־קוים פאַרשטיין, וואָס ער רעדט. איז דען אַ ווונדער, וואָס אַזאַ איינער האָט געמוזט אָנהויבן צו שרייבן, און ער איז טאַקע געוואָרן אַ דיכטער (בפרט נאָך, אז ער איז דוד איינהאָרנס א שוועסטערקינד...).

איז גראָדזענסקין נאָך ווינציק געווען זיין שפּראַך־פעלער, האָט אים אין די מלחמה־יאָרן אַ טראַמוויי אין יעקאַטערינעסלאַוו (איצט — דניעפּראָ־פּעטראָווסק) אָפּגעשניטןביידע פיס. פלעגט ער אַרומגיין אויף גאַנץ שווערע פּראָטעזן, און ער איז דווקא געווען אין ווילנע דער סאַמע באַוועגלעכסטער צווישן אַלע יידישע שרייבער!

אויך זיין צייטונג, „דער אָוונט־קוריער״, וואָס א. י. גראָדזענסקי האָט רעדאַקטירט, איז געוואָרן די סאַמע באַוועגלעכסטע אין דעם גאַנצן ווילנער געגנט. זיין „אָוונט־קוריער״ פלעגט האָבן אַן אויפלאַגע פון 4־5 טויזנט

עקזעמפּליאַרן, דאָס הייסט, פּונקט אַזוי פיל, וויפל אַלע אַנדערע פיר וויל־נער צייטונגען צוזאַמענגענומען.

פלעגט נישט איין ווילנער שרייבער מקנא זיין אָט דעם שווערן בעל־מום, וואָס האָט זיך אָן אַ שפּראַך און אָן פּיס אַרויפגעאַרבעט אויף אַ פיינעם באַלעבאַטישן לעבן.

ס'האָט זיך אַפילו געפונען אַ פיינע האַרציקע יידישע טאָכטער, וואָס האָט מיט אים חתונה געהאַט און אים געבוירן דריי קרעפטיקע פיינע יינגלעך.

פלעג איך אָפטמאָל באַוווּנדערן מיין יוגנט־פריינט און קאָלעגע א. י. גראָדזענסקי, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל לעבנס־לוסט און אימ־פּעט צו שאַפן אַזוי פיל לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, אַרטיקלען, רע־צענזיעס און וואָס נישט?

נישט אַנדערש, ווי די גרויסע זכות־אָבות זענען אים בייגעשטאַנען!

די זכות־אבותן פון דעם דיכטער א. י. גראָדזענסקי זענען דאָך געווען די זעלבע וואָס פון הרב הגאון ר' חיים עוזרן ז"ל. דעם דיכטערס זיידע איז געווען דעם גאונס פאָטער. ר' חיים עוזרס פאָטער איז פופציק יאָר נאָכאַנאַנד געווען דער רב פון שטעטעלע איוויע. ר' חיים עוזרס זיידע איז 37 יאָר נאָכאַנאַנד געווען דער רב פון דעם זעלבן שטעטעלע. ר' חיים עוזרס עלטער־זיידע איז אויך געווען רב א לעבנלאַנג אין נאָווארעדאָק. אויך ר' חיים עוזרס מוטער האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס. זי האָט געהייסן רבקה עלקע איינהאָרן, און דער פאָטער פון דעם דיכטער דוד איינהאָרן איז געווען איר ברודער. איצט ווערט שוין קלאָר, פון וואַנען עס נעמען זיך די טיף־רעליגיעזע שטימונגען אין די לידער פון דוד איינהאָרן.

ווען ר' חיים עוזר איז געווען אַ קינד — האָט מען אים גערופן פּראָסט־פּשוט חיימל.

צו פיר יאָר האָט זיך שוין חיימל אַנטפּלעקט פאַר אַ גרויסן חכם.

ס'איז געווען ערב פּסח. חיימלס מלמד האָט געלערנט דעם יינגעלע פרעגן די פיר קשיות און ער האָט אים אויך דערציילט די מעשה פון דער הגדה וועגן די פיר בנים, וואָס איינער פון זיי איז געווען א חכם, איינער אַ רשע, איינער אַ תם און איינער א „שאינו יודע לשאול". האָט דער מלמד אין שפּאַס אַ פרעג געטון דעם פיר־יעריקן חיימלען:

— נו, און וואָס ביסטו, חיימל, אַ רשע?

— ניין, אַ חכם! — האָט חיימל מיט פּאַראַיבל געענטפערט.

— פאַרוואָס אַ חכם?

— ווייל איך הייס חיים, און דאָס איז בגימטריא חכם! (לויט דעם מספּר פון די יידישע אותיות באַטרעפן חיים און חכם די זעלבע צאָל 68).

האָט מען שוין גלייך דערזען, אַז דער קליינער חיימל האָט „אַן אָפענע קאָפּ" און ס'וועט אויסוואַקסן אַ גדול בישראל.

נאָך פאַר בר־מצווה האָט מען שוין חיימלען אַוועקגעשיקט אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה, ווייל די ישיבות פון איוויע און פון איישי־שאָק זענען שוין געווען פאַר אים צו קליין.

וועגן זיין רייזע קיין וואָלאָזשין ווערט דערציילט די פאָלגנדע געשיכטע:

חיימלס טאַטע, — דער איוויער רב, — האָט מיטגעגעבן זיין זון אַ בריוו צו אַ באַקאַנטן רב פון אַ דערבייאיק שטעטל אויפן וועג קיין וואָ־לאָזשין, יענער זאָל פון זיין זייט געבן זיין זון אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דעם דעמאָלסטיקן וואָלאָזשינער ראש־הישיבה, ר' הירש לייב בערלין, דעם פאָטער פון דעם גוט־באַקאַנטן מזרחי־פירער, הרב מאיר בערלין. ווען דער בעל־עגלה האָט דעם קוים דרייצן יעריקן חיימלען געבראַכט אין יענעם שטעטל צום רבס הויז, איז נאָך דער אַלטער רב געווען אין שול. האָט די רביצין אַריינגעפירט דאָס יינגל אין דעם רבס חדר מיוחד. האָט חיימל דערזען אויפן רבס טיש עפּעס אַ כתב־יד, איבער וועלכן דער אַלטער רב האָט, זעט אויס, געאַרבעט. האָט חיימל אָנגעהויבן לייענען דעם כתב־יד און באַלד נאָכדעם האָט ער אַ נעם געטאָן די געגנדזענע פעדער און אָנגע־הויבן עפּעס־וואָס צוצושרייבן צו די ליידיקע ברעגעס פון די פאַרשריבענע זייטן.

ווען דער 70־יעריקער רב האָט זיך אומגעקערט פון שול אהיים און דערזען, ווי עפּעס אַ יינגל „פּאַטשקעט" אין זיין כתב־יד, איז דער אַלטער רב געוואָרן שטאַרק אין כעס, וואָס די רביצין האָט אַריינגעלאָזט דאָס יינגל אין זיין חדר־מיוחד, און ער האָט דעם איבערגעשראָקענעם חיימלען אַרויס־געטריבן פון הויז. באַלד נאָכדעם האָט דער רב געכאַפּט אַ קוק אויף זיין כתב־יד, און ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט חיימלס הוספות און פירו־

שים — האָט זיך דער אַלטער רב געכאַפּט פאַרן קאָפּ: „ווער איז ער, אַט דער גדול, אַט דער גאון! זאָל מען אים תיכף ברענגען צו מיר!"

דעם רבס שמש איז גלייך אַוועקגעלאָפן זוכן דעם בעל־עגלה מיטן יינגל, און ווען מ'האָט חיימלען געבראַכט ווידער אין רבס הויז אַריין, איז דער אַלטער רב אים אַנטקעגן געקומען און אָנגעהויבן בעטן זיך ביי אים, ער זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט אים אַרויסגעטריבן פון הויז.

— הרי אני כבן שבעים שנה! — האָט דער רב אויסגעשריען, — איך בין שוין זיבעציק יאָר אַלט, און איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איך מאַך טעותן אין לומדות! ערשט דו האָסט מיר די אויגן געעפנט!

דאָס איז געווען די ערשטע „שריפטשטעלערישע" טעטיקייט פון דעם צוקינפטיקן ר' חיים עוזר גראָדזענסקי.

צו 15 יאָר האָט שוין חיימל אָנגעהויבן שרייבן אייגענע חידושי־תורה; צו 17 יאָר האָט ער שוין געפירט א גרויסע קאָרעספּאָנדענץ וועגן גאָר וויכטיקע „שאלות און תשובות" מיט די דעמאָלסטיקע באַרימטע גאונים, ווי ר' ישראל סאַלאַנטער, ר' יצחק אלחנן (פון קאָוונע), ר' חיים בריסקער און פיל אַנדערע.

צו 22 יאָר האָט שוין ר' חיים עוזר פאַרנומען די כסא הרבנות אין ווילנע. זיין נאָמען איז געוואָרן באַלד באַרימט אין גאָר דער יידישער וועלט.

אין 1907טן יאָר, ווען די צאַרישע רעאַקציע האָט אָנגעהויבן שטאַרק בושעווען אין רוסלאַנד, האָט באַראָן גינזבורג פּרובירט עטלעכע מאָל איינ־רעדן ר' חיים עוזרן, ער זאָל ווערן דער רב פון פּעטערבורג. אויך פון ארץ־ישראל האָט ר' חיים עוזר באַקומען עטלעכע מאָל בקשות, ער זאָל ווערן דער רב פון ירושלים, אָבער ר' חיים־עוזר גראָדזענסקי האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט שיידן מיט זיין „ירושלים ד'ליטע" — מיט זיין ווילנע.

ווען איך האָב אים אין יאָר 1935 באַזוכט אַ פּאָר מאָל אין זיין ווילנער חיים, איז זיין שטוב שטענדיק פול געווען מיט פאַרשידענע מינים יידן פון גאָר דער וועלט.

יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס אַן ענין, אָדער א בקשה צו ר' חיים עוזרן. ער פלעגט פאַר יעדן איינעם געפינען געניג צייט און געדולד צו ענטפערן, אָדער צו פאַרענטפערן אַלע שווערע שאלות און בקשות.

אויך אפילו פאַר מיר — דעם „אַפּיקורס" — פלעגט ר' חיים עוזר

געפינען געגנוג צייט. ער פלעגט מיך אויספרעגן, וואָס עס הערט זיך אין דער גרויסער וועלט, און ווען איך פלעג אים דערציילן, אַז די רשעות קעגן יידן שטאַרקט זיך פון חודש צו חודש סיי אין נאַצי־דייטשלאַנד און סיי אַפילו אין דער פרייער פראַנקרייך, — פלעגט ר׳ חיים עוזר פארשטעקן זיין קאָפּ אין עפּעס אַ ספר, ווי ער וואָלט געזוכט אין אים אַ שטיקל טרייסט פאַר דעם פאָלק ישראל.

— כ׳ווייס, אַז די רשעות קעגן יידן שטייגט פון חודש צו חודש, — האָט ר׳ חיים עוזר מיר איינמאָל א זאָג געטאָן, — אָבער יידן דאַרפן זיין גרייט מקבל באהבה צו זיין די חבלי־משיח.

— מיר לעבן, הייסט עס, אין משיחס צייטן — האָב איך פּרובירט אויס־טייטשן ר׳ חיים עוזרס ענטפער.

— זינט די יידן זענען פארטריבן געוואָרן אין גלות לעבן מיר אין משיחס צייטן! — האָט ר׳ חיים עוזר איבערגעחזרט זיין ערשטן געדאַנק.

איז מיר שוין געוואָרן קלאָר, אז דאָס יידישע פאָלק שטייט פאר עפּעס א נייער גאולה, און כ׳האָב שוין אויך אָנגעהויבן אָנצונעמען פאַר ליב די אַלע „חבלי משיח" (האָב איך דען געהאַט אַן אַנדער ברירה?)

אויך אפילו אין דעם קליינשטעטלדיקן קוראָרט דרוזגעניק האָט זיך שוין געשפּירט די רשעות קעגן יידן, כאָטש כמעט אלע 100 פּראָצענט פון די קור־געסט זענען געווען יידן.

צוליב ר׳ חיים עוזרן זענען אָנגעפאָרן קיין דרוזגעניק אַ סך פרומע יידן פון גראָדנע און ביאַליסטאָק, פון וואַרשע און לאָדזש, פלעגט מען זיך אַרומ־דרייען צווישן די הויכע סאָסנעס מנינימווייז און אָפּטמאָל אריינכאַפּן אין וואַלד א מנחה, צי אַ מעריב.

האָבן אָבער די געציילטע פּאָליאַקן פון דרוזגעניק נישט פאַרגונען די יידן, וואָס זיי כאַפּן אַריין אַ מנחה, צי אַ מעריב, אונטערן פרייען הימל, און זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרפּאַטשקען די סאָסנע־ביימער מיט עקלהאַפטע אויפ־שריפטן און מיט האַקנקרייצן.

קאָן מען דען מתפּלל זיין אונטער א בוים, וואָס טראָגט אויף זיך א האַקנקרייץ?

אָבער די פּוילישע יידן זענען שוין, קענטיק, געוווינט געוואָרן צו דער רשעות און זיי פלעגן זיך אַפילו נישט באַקלאָגן פאר דער קור־פאַרוואַלטונג,

וואָס איז געווען מחויב צו שיצן די רו און דעם נחת־רוח פון אַלע קור־געסט!

ווען אַלע יידישע קור־געסט פון דרוזגעניק דערקלערן אַ „שטרייק" קעגן די בלאָטע־בעדער, קעגן די זון־בעדער און קעגן די אַלע אַנדערע מאַכערייקעס, פון וועלכע די פּוילישע קור־פאַרוואַלטונג האָט געצויגן איר גאַנצע חיונה, וואָלטן זיכער פאַרשווונדן געוואָרן די האקנקרייצן פון דיביימער און די מיאוסע אויפשריפטן פון די בענק.

קאָן מען דען אָבער אָרגאַניזירן יידישע קור־געסט, וואָס איינער איז אַן אגודהניק, דער צווייטער — אַ ציוניסט, דער דריטער — אַ פאָלקיסט, און דער פערטער — אַ בונדיסט?

פלעגט זאָגן ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי:

— ס׳איז משיחס צייטן און מען מוז אַלץ מקבל באהבה זיין!

פלעגט זיך וויצלען דער ווילנער ראש־הקהל, דר. וויגאָדסקי:

— „שקאַרפּעטקעס אַ בגד, פּוילן — אַ מלוכה" (אַן אַלטער יידישער שפּריכוואָרט).

פלעגט זיפצן אַברהם מאָרעווסקי:

— אַז פּילסודסקי איז געשטאָרבן, איז נישטאָ פאַר וועמען צו באַקלאָגן זיך!

פלעגט פילאָזאָפירן משה שאַליט:

— אין פּוילן קען נישט פּאַסירן דאָס זעלבע וואָס אין דייטשלאַנד!

מער נישט, מאַרק שאַגאַל און איך, — די צוויי איינציקע אויסלענדער אין דרוזגעניק, — האָבן זיך אַנגעהויבן פּאַקן צוריק אין וועג אַריין.

מאַרק שאַגאַל איז אַוועק צוריק קיין פּאַריז, צו זיינע וווּנדערלעכע לייוונטן, און איך — צוריק קיין ווילנע, וווּ כ׳האָב זיך געפילט ווי ביי דער מאמען אין דער היים.

XXXII

„דאַרמאַנישעס קאַפע“

אין דעם בוך „טויזנט יאָר ווילנע“, וואָס דער יונגער היסטאָריאָגראַף זלמן שיק האָט אַרויסגעגעבן אין 1939סטן יאָר, האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, לייען איך אין דער באַשרייבונג פון די טשיקאָווע ווילנער גאַסן און הייזער די פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„אין הויף נומער 34 פון דער ברייטער גאַס געפינט זיך אין פראָנט די באַקאַנטע אין ווילנע יידישע קאַפע־הויז פון ה׳ דאַרמאַן, וועלכע איז דורך דעם דיכטער דניאל טשאַרני געקרוינט געוואָרן (אין 1935טן יאָר) אַלס „ליטעראַרישע קיבעצאַרניע“.

בין איך פארשטייט זיך שטאָלץ אויף דעם, וואָס מיין נאָמען איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין דער טויזנט־יעריקער געשיכטע פון ווילנע. אָבער ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט וויל איך איבערגעבן איניקע פרטים וועגן אָט דער ערשטער „ליטעראַרישער קיבעצאַרניע“ אין ווילנע, וואָס האָט באַלד באַקומען דעם נאָמען פון „דאַרמאַנישעס קאַפע“ — עס זאָל קלינגען ווי דאָס באַרימט געוואָרענע „ראָמאַנישעס קאַפע“ אין בערלין.

דער באַלעבאָס פון דעם קאַפע־הויז ה׳ דאַרמאַן האָט פלוצלינג באַ־מערקט, אַז יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, צווישן ניין און צוועלף אָונט, ווערט זיין „קאַוויאַרניע“ אָנגעפילט מיט מענטשן, און עס פעלן אים אויס העגנט אלעמען צו באַדינען. וואָלטן עס געווען איינפאַכע מענטשן פון גאַס, וואָלט זיך שוין דער באַלעבאָס ווי־עס־איז אַן עצה געגעבן; אָבער עס האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין זיין „קאַוויאַרניע“ אַזעלכע וויכטיקע פערזענ־לעכקייטן אין ווילנע, וואָס ער אַליין, דער באַלעבאָס, איז געווען גליקלעך זיי צו באַדינען. צווישן די שטאָם־געסט פון דעם „דאַרמאַנישן קאַפע“ זע־

נען געווען אַזעלכע חשובע שטאָט־באַלעבאַטים, ווי דער אַדוואָקאַט יוסף טשערניכאָוו („דאַניעלי״), דוד קאַפּלאַן־קאַפּלינסקי, משה שאַליט, זלמן רייזען און נאָך און נאָך. דער גוט־באַקאַנטער אַדוואָקאַט יוסף טשערניכאָוו („דאַניעלי״) האָט נאָך אַלץ געהאַט „אַ פּנים פון יעזוס און אַ טעמפּעראַמענט פון וועזוווי״, ווי ב. וולאַדעק ע״ה, האָט אים זייער גוט כאַראַקטעריזירט נאָך אין די יאָרן 1906־1907, ווען אים פלעגט אויסקומען מיט אים צו דיס־קוטירן. „דאַניעלי״ איז געווען איינער פון די ערשטע „עסעסאָווצעס״ (סאָ־ציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן) און ער האָט אין 1908טן יאָר אויפגעשטורעמט מיט זיינע רעפעראַטן די יידישע ניו־יאָרק. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז טשערניכאָוו געוואָרן א „פּאָלקיסט״ און אַ „פריילאַנדיסט״. ווען די רויטע אַרמיי איז אין 1939טן יאָר אַריין קיין ווילנע, איז טשערניכאָוו אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט אים דערשאָסן, כאָטש ער איז געווען א מיטגרינדער פון „איקוף״...

דער צווייטער חשובער באַלעבאָס אין ווילנע, וואָס איז געוואָרן א „באַהעמיקער״ און וואָס פלעגט זייער פלייסיק באַזוכן דאָס „דאָרמאַנישע קאַפע״, איז געווען דער גוט־באַקאַנטער קולטור־טוער און מעצענאַט דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, וואָס איז אויך געווען אַ „פאָלקיסט״, אָבער לויט אַן אַנדערן נוסח, ווי טשערניכאָוו.

דער דריטער חשובער באַלעבאָס אין ווילנע, וואָס איז געוואָרן אַ פליי־סיקער שטאַם־גאַסט פון „מיין״ קאַפע, איז געווען דער הויפּט־בויער פון דער ייוואָ־געביידע אין ווילנע — ירמיהו שאַפּירא, ע״ה.

אויסער די חשובע באַלעבאַטים פון שטאָט, פלעגן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק קומען אין קאַפע אַלע רעדאַקטאָרן פון די פינף טעגלעכע צייטונגען אין ווילנע, כמעט אַלע פּאָעטן פון „יונג ווילנע״, כאָטש נישט אַלע פון זיי האָבן פאַרמאָגט די 20 גראָשן פאַרן טעפּל קאַווע. די אַספּי־ראַנטן פון „ייוואָ״, די אַרטיסטן פון די צוויי יידישע טעאַטערס און בכלל די אַלע, וואָס האָבן געגלויבט, אַז זיי קאָנען נאָך ווערן שרייבער אָדער אַרטיסטן.

די באַווייבטע פלעגן, געוויינלעך, קומען מיט זייערע פרויען, און די פרויען פלעגן מיטנעמען זייערע חברטעס. אַזוי אַרום פלעגט אין דעם שמאָלן און נישט גאָר לאַנגן „דאָרמאַנישן קאַפע״ ווירקלעך ווערן פונקט אַזוי

ענג און פּונקט אַזוי אָנגערויכערט, ווי אין דעם „ראָמאַנישן קאַפע״ אין בערלין.

אויסער די שטאַם־געסט פלעגן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק זיך מעלדן אין קאַפע די חשובע געסט פון ווייטע שטעט און לענדער.

אָט איז געקומען מיט אַ ציקל רעפעראַטן וועגן פּסיכאָלאָגן און פּע־דאַגאָגיק פּראָפ. פישל שניאורסאָן פון דער ליובאַוויטשער דינאַסטיע. ער פלעגט פאַרכאַפּן דעם עולם מיט זיין מאָדערנער תורה־זאָגעריי. אָט איז גע־קומען זאמלען געלט פארן קרן היסוד דער גוט־באַקאַנטער וו. לאַצקי־בערטאָלדי, ע״ה, וואָס איז געווען איינער פון די גרינדער און באגרינדער פון די „עס־עס״ (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) און שפּעטער — איינער פון די גרינדער און באגרינדער פון דער יידישער פאָלקס־פּארטיי („פאָלקיסטן״), ווי אויך איינער פון די מערערע יידישע מיניסטאָרן אין אוקראַינע (אין די מהומה־יאָרן 1918־1920), איינער פון די פיינסטע יידישע כלל־טוער און קולטור־טרעגער,וואָס זיין תורה שבעל־פּה פלעגט שטענדיק שפּרודלען מיט גאַנץ אייגנאַרטיקע איינפאַלן און פּאַראַדאָקסן, קורץ און גוט — מיין טייע־רער פריינט און לערער, אָנהייבנדיק פון 1905טן יאָר אין ווילנע, ביז 1935טן יאָר — ווידער אַמאָל אין ווילנע!

אָט איז געקומען קלייבן געלט אין ווילנע פאַר אַ יידישער דרוקעריי אין ארץ ישראל דער פירער פון די לינקע פּועלי־ציון זרובבל, וואָס זיין ברייטע גרוי־געוואָרענע באָרד פלעגט אויסזען עלטער פון אים אַליין אויף א יאָר צוואַנציק.

עס איז געקומען מיט אַ ציקל רעפעראַטן וועגן ארץ־ישראל און בירא־בידזשאַן אונדזער גוט־באַקאַנטער עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער יעקב לעשצינסקי, מיט וועמען איך האָב דורכגעמאַכט צוועלף יאָר בערלין און צוויי יאָר פּוילן.

אָט איז געקומען מיט אַ ציקל רעפעראַטן וועגן פילאָלאָגיע דער גוט־באַקאַנטער פאָלקיסט און פאָלקלאָריסט נח פּרילוצקי.

אָט איז געקומען פון לאָדזש משה בראָדערזאָן מיט אַ נייעם ציקל דיכ־טערישע שפּילערייקעס און איינפאַלן.

די אַלע דערמאָנטע און נישט־דערמאָנטע חשובע געסט אין ווילנע פלעגן דורך אַלע פינף ווילנער צייטונגען הארציק באַגריסט ווערן אויף די

ערשטע „פיידזשעס”, און מ׳פלעגט זיי מאכן באנקעטן אין „דאַרמאַנישן קאפע”.

האָט דער ה׳ דאַרמאַן, דער באַלעבאָס פון דער „קאַוויאַרניע”, וואָס פלעגט ביז מיין קומען קיין ווילנע אויסקוקן די אויגן אויף אַ קונה, אָנגע־הויבן פּלוצלינג „שאַרן גאָלד” פון זיינע מירמלנע טישלעך; מען האָט אָנגע־הויבן שרייבן וועגן זיין קאַוויאַרניע אין די גאַזעטן, און ער איז געוועזן זיכער, אַז אליהו הנביא אליין האָט זיך אויף אים מרחם געווען.

די נייע באָהעמע־אינסטיטוציע איז אָבער אויך באַלד געוואָרן דער זאַמל־פונקט פון די יידישע „שפּיצלעך” (שפּיאָנען), וואָס האָבן געדינט אין דער פוילישער געהיים־פּאָליציי. דער באַלעבאָס פון דער קאַוויאַרניע האָט מיר איינמאָל פאַרטרויט א סוד, אז די געהיים־פּאָליציי האָט אים אויפגע־פּאָדערט — ער זאָל איר באַצייטנס אינפאָרמירן וועגן אַלע באַנקעטן, וואָס קומען פאָר אין דעם הינטערשטן געשלאָסענעם צימער...

צו די געשלאָסענע באַנקעטן פלעגן די „שפּיצלעך” נישט האָבן, פאַר־שטייט זיך, קיין שום צוטריט.

איז מיר שוין געוואָרן קלאָר, אז די פוילישע געהיים־פּאָליציי וועט מיך נישט לאָזן צו לאַנג „באָהעמעווען” אין ווילנע.

אמת, איך האָב געוווסט אין פאָראויס, אַז די פוילישע געהיים־פּאָליציי וועט מיך אין ווילנע שטענדיק נאָכשפּיאָנירן. דעריבער טאַקע האָב איך פון אָנהויב אָן איינגעפירט די קאַפע־אינסטיטוציע, און זאָלן די שפּיאָנען זען, אַז איך בין געקומען צו גאַנץ ווילנע, און נישט, חלילה, צו עפּעס אַ געוויסער פאַרטיי אָדער גרופּירונג.

אגב בין איך מיט דער ניי־איינגעפירטער קאַפע־אינסטיטוציע אויך נאָך אויסן געווען אָפּצוציען פון מיין פּריוואַטער וווינונג די גרויסע צאָל נודני־קעס, וואָס פלעגן מיך באַזוכן שוין צו־אָפּט און צו־לאַנג. צווישן דער יידישער אינטעליגענץ אין ווילנע זענען, ליידער, געווען אַ סך ליידיקגייערס, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוווסט ווו אַהינצוטון זייער פרייע צייט. די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע נודניקעס האָבן מיר אין ווילנע אַ נאָמען געגעבן „נאַווענודניקעס” (פון דעם וואָרט „נע ונד”), ווייל זיי פלעגן שוין פון סאַמע פרי ביז שפּעט ביינאַכט האַלטן אין איין אַרומגיין „צו גאַסט”.

אַ ווילנער „נאַווענודניק” פלעגט בטבע אַריינקומען נאָר אויף א „וויי־

לעטשקע״, אויף עטלעכע מינוט, הייסט עס. ער פלעגט אָבער אָפּזיצן אין מאַנטל און אין די קאַלאָשן ביי פינף־זעקס שעה. ער פלעגט נישט אויסטאָן דעם מאַנטל מיט די קאַלאָשן אפילו ביים טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע אָדער ביים צובייסן. ביים געזעגענען זיך פלעגט ער אָנהייבן שטאַרק צו אַנטשול־דיקן זיך, וואָס ער מוז שוין, ליידער, אַוועקגיין, ווייל ער מוז נאָך, לאָזט זיך אויס „אַריינכאַפּן זיך״ צו נאָך איינעם אַ פריינט... ערשט דעמאָלט, ביים געזעגענען זיך פלעג איך הינטן ארום געבן אים די אָנצוהערעניש, אַז אויב ער וועט מיך וועלן זען אַ צווייטן מאָל, קאָן ער מיך טרעפן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אין „דאַרמאַנישן קאַפע״...

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַט די אַלע אַזוי־גערופענע „נאַוועגנודניקעס״ פון דער יידישער אינטעליגענץ אין ווילנע פלעגן קיינמאָל נישט אויסטאָן זייערע מאַנטלען און די קאַלאָשן, ווייל די הויזן זענען אין די קני געווען אויף אַזויפיל אויסגעריבן, אַז מען פלעגט זען די גאַטקעס, און די שיך זענען שוין געווען אויף אַזוי פיל צעריסן, אַז מען פלעגט זען די שקאַרפּעטקעס.

קלעמט מיר איצטער דאָס האַרץ, וואָס איך בין צו אַט די באַזוכער מיינע נישט געווען גענוג גאַסטפריינטלעך. מיר איז דעמאָלט גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז כדי צו באַגעגענען זיך מיט מיר אין קאַפע, מוז מען דאָך האָבן אין קעשענע די צוואַנציק גראָשן פאַר דעם טעפּעלע קאַווע, און צוואַנציק גראָשן (עפּעס ווינציקער פון א ניקל) איז דאָך געווען ביי זיי אַ גאַנץ פאַרמעגן!

ווי גערן איך וואָלט מיך איצטער געטיילט מיט זיי מיט מיין קאַווע, מיט מיינע פּאַפּיראָסן און מיט מיין גאַנץ לייב־און־לעבן! די דאָזיקע „לייד־דיקגייערס״ פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ אין ווילנע זענען דאָך געווען קרבנות פון דער הערמעטיש־אָפּגעשלאָסענער שטאָט, זינט די פּאָ־ליאַקן האָבן דאָרטן אָנגעהויבן צו באַלעבאַטעווען.

צווישן ווילנע און קאָוונע, וואָס זענען פריער געווען אַזוי ענג געקניפּט און געבונדן, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ כינעזישע וואַנט. צווישן ווילנע און סאָוועטישן מינסק, וואָס זענען אויך געווען פריער אַזוי ענג געקניפּט און געבונדן, איז ווידעראַמאָל געשטאַנען אַ כינעזישע וואַנט! דער אויסקוק אויף אַמעריקע צי אויף אַרגענטינע איז געווען אַזוי ווייט, אַזוי שרעקלעך

וויט! קוואַטעס, „אַפּידייוויטס“ שיפּסקאַרטן — ווו נעמט מען דאָס אַלץ?
אַפילו די גליקלעכע, וואָס האָבן שוין געהאַט ערגעצווו מעבר לים אַ רייכן אָנקל, צי אַ גוטן ברודער, פלעגט מען זיי דאָך מוזן יעדע ווײַלע דער־וואַרעמען מיט עפּעס אַ שווערן קלאָג־בריוו — האָבן אָבער אויסגעפּעלט די נויטיקע פּאָסט־מאַרקעס און עס האָבן אויך אויסגעפּעלט די נויטיקע קלאָג־ווערטער. אַ ווילנער ייד האָט בטבע פיינט צו באַקלאָגן זיך. אַ ווילנער ייד קאָן פאַרבלייבן אַן אַריסטאָקראַט אַפילו מיט אויסגעריבענע הויזן און מיט צעפליקטע שיך.

אויך די ניי־אויפגעקומענע דיכטער־גרופּע „יונג־ווילנע“ האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ סך גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם. יעדער איינער פון זיי איז שוין געווען גוט באַהאַוונט אין אַלע פרעמדע קולטורן און אין אַלע מאָדערנע ליטעראַרישע שיטות און ריכטונגען.

איך פלעג אָפט באַווונדערן די וויל־געלערנטקייט פון די „יונג־ווילנער“, וואָס כמעט אלע פון זיי זענען אַרויסגעקראָכן פון די ווילנער פייכטע און פינצטערע קעלער־שטיבלעך.

דער הויפּט־דיכטער פון „יונג־ווילנע“ איז געווען חיים גראַדע. זיין טאַטע איז געווען אַ שמש אין איינער פון די ווילנער שולכלעך. זיין מאַמע האָט געהאַנדלט מיט עפּעלעך אויף דער גאַס. זייער „דירה“ איז באַשטאַנען פון אַ קעלער־צימער ניין איילן טיף אין דער ערד. חיים גראַדע אַליין האָט זיך אויסגעוואַלגערט אין אַלע ישיבות פון ווילנע. ער איז אין משך פון פופצן יאָר געווען אַ מוסרניק און אַ בעל־מקובל, אָבער פּלוצלינג איז אין אים אַריין דער „דיבוק“ פון אַ דיכטער, פון אַ רעוואָלוציאָנערן יידישן דיכטער און ער האָט זיך פונאַנדערגעזונגען איבער אַלע ישיבות און קלויזן פון דער מוטער־שטאָט ווילנע:

„העי, חבר גראַדע, העי, חבר גראַדע!
קום, שליס זיך אָן אָן דער רויטער בריגאַדע!
עס פרעסן די מייז אין דיין אַלמער די ספרים
און דיך פרעסט די צייט, ווי אַ כוואַליע דעם ברעג —
עס קערן זיך אום אין די פינצטערע קברים
דיינע פאַרלאָרענע טעג“.

און אזוי ווייטער און ווייטער.

איז ער געקומען צו מיר איינמאָל — דער „חבר גראַדע" ווי אַ „דעלעגאַט" פון גאַנץ „יונג־ווילנע" — איך זאָל ווערן דער „אַמבאַסאַדאָר" זייערער, איך זאָל זיי, הייסט עס, אַרויספירן אויף דעם ברייטן שליאַך פון דער יידישער ליטעראַטור, איך זאָל פאַר זיי עפענען די „ליטעראַרישע בלע־טער" פון וואַרשע און די „צוקונפט" פון ניו־יאָרק.

— מיט וואָס זענען מיר ערגער פאַר די דעפעקטיווע קינדער און פאַר די גאַסן־קינדער פון ווילנע, פאַר וועלכע איר שטעלט זיך איין? — האָט צו מיר געטענהט חיים גראַדע.

— איר זייט דאָך געוואָרן דער ערן־פּרעזידענט פון אַלע דעפעקטיווע קינדער, ווערט שוין אויך דער פּרעזידענט פון אַלע יידישע דיכטער אין ווילנע! — האָט צו מיר חיים גראַדע אַ זאָג געטון מיט ליצנות.

— מיר זענען דאָ אַלע „דעפעקטיווע"....

האָב איך גערן גענומען אויף זיך דעם כבוד צו ווערן דער „אַמבאַסאַ־דאָר" פון „יונג־ווילנע" און איך האָב באַלד אָנגעשיקט בינטלעך לידער פון גראַדען, וואָגלערן, סוצקעווערן און לייזער וואָלפן צו די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע און צו דער „צוקונפט" אין ניו יאָרק. דער פאַר־שטאָרבענער ליעסין ע"ה, האָט די „יונג־ווילנער" זייער וואַרעם אויפ־גענומען. ער האָט זיי רעגלמעסיק אָנגעהויבן צו דרוקן אין דער „צוקונפט" און ער האָט צו יעדן איינעם פון זיי צוגעשיקט טשעקלעך צו צען דאָלאַר, נאָך איידער די לידער זייערע זענען געדרוקט געוואָרן.

דעמאָלט האָט מיר „יונג־ווילנע" געמאַכט אַ באַנקעט אין „דאַרמאַנישן קאַפע". מיר האָבן זיך פאָטאָגראַפירט און יעדער איינער פון זיי האָט מיר צוגעשטעלט זיין אויטאָביאָגראַפיע.

דער דיכטער „אינזיכיסט" א. סוצקעווער האָט פאַרענדיקט זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע מיט עטלעכע נביאישע שורות וועגן דער ווילנער געטאָ:

„עס האָט אַ לאַנגע פייערדיקע האַנט
די טויערן פון געטאָ אויפגעריסן,
ווי אַ בעטלער שטייט דער טאָג
ביים ראָג
פון געטאָ־וואַנט
מיט פאַרקילטע גראַשנס אין די פויסטן —
ער האָט נאָך גאָרנישט־נישט איבערגעביסן"...

ווילנע

יאָ, „אַ לאַנגע פּייערדיקע האַנט“ האָט אויפגעריסן די געטאָ־מויערן נישט נאָר פון ווילנע אַליין. יעדער נייער טאָג שטייט „דאָרטן“ ווי אַ בעט־לער, וואָס האָט נאָך גאָרנישט־נישט איבערגעביסן...

דערמאָן איך זיך איצטער מיט גרויס בענקשאַפט די באַנקעט־צעשטראַלטע פּנימער פון די „יונג־ווילנער“ און איך בעט גאָט פאַר יעדן איינעם פון זיי, וואָס האָט זיך על פּי נס אַרויסגעראַטעוועט פון דער „לאַנ־גער פייערדיקער האַנט“...

XXXIII

דער קאַמף פֿאַר מײַן װוינרעכט אין פּױלן

פֿאַר דעם װילנער סטאַראָסטע בין איך געװען אַ דרײַפּאַכיקע אָנשי־קעניש: אַ ייִד, אַ זשורנאַליסט און אַ סאָװעטישער בירגער דערצו!
דרײַ זאַכן, װאָס אַ פּאָליאַק בכלל און אַ פּױלישער מלוכה־באַאַמטער בפּרט האָבן שרעקלעך פֿײַנט.
האָט דער װילנער סטאַראָסטע באַשלאָסן מיך צו טעראָריזירן מיט מײַן װוינרעכט אין פּױלן אויף אַזאַ אופֿן, אַז מיר זאָל סוף־כּל־סוף דערעסן װערן „מײַן קאַמף" פֿאַר װילנע און איך זאָל זיך אָפּטראָגן פֿון פּױלן. האָט דער װילנער סטאַראָסטע באַשלאָסן צו פֿאַרװאַנדלען מיך אין זײַנעם אַ לײַב־קנעכט, און איך פֿלעג יעדן חודש מוזן קומען צום פּריץ אויסבעטלען מײַן װײַטערדיקן װוינרעכט אין פּױלן.
מיט מיר אײנאײנעם פֿלעגט שטענדיק מיטגײן צום סטאַראָסטע אַ דעלעגאַציע פֿון חשובֿע װילנער שתּדלנים, װאָס פֿלעגן רעדן צום פּריץ אַ פֿײַנעם, דעליקאַטן פּױליש און גאַראַנטירן פֿאַר מיר װי פֿאַר אַן אײגענעם ברודער.
דעם אמת געזאָגט, בין איך שױן מיט װילנע געװען גענוג זאַט. װען מען לעבט אָפּ אין װילנע אַ האַלב יאָר — זאַפּט מען שױן אײַן אין זיך אַזױפֿיל ייִדישקײט, אַז מען קאָן שױן מיט איר — מיט דער װילנער ייִדישקײט, הײסט עס — אָפּלעבן נאָך אײנעם אַ יאָרצענדליק אין אַ װעלכער נישט איז גױאישער שטאָט פֿון אױסלאַנד.
אויסער דעם איז פֿאַר אַ ייִדישן שרײַבער, װאָס האָט געלעבט רחבֿות־דיק אין װילנע אויף אַמעריקאַנער דאָלאַרן גאָר נישט געװען אָנגענעם זיך צוצוקוקן צו דער גרױסער נױט, װאָס האָט געהערשט אין דער ייִדישער

שרייבער־משפחה פון ווילנע. בפרט נאָך ווען איך האָב זיך געשפּירט אין ווילנע ווי אַ שטיק „אבר מן החי" פון אַט דער בונטער שרייבער־משפּחה.

יעדער איינער פון די עלטערע און ייִנגערע שרייבער איז מיר געווען איינגעבאַקן אין האַרצן ווי אַ לייבלעכער קרוב.

אָבער טאַקע דערפאַר וואָס איך האָב זיך געשפּירט אין ווילנע ווי אַ בן־בית, ווי אַ משפחה־מיטגליד פון דעם גאַנצן ייִדישן קהל און ווי אַ גלייכער שותף צו אַלע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס האָט זיך מיר פאַר־גלוסט צו ווייזן דעם פּוילישן סטאַראָסטע פון ווילנע, אַז איך האָב צו דער דאָזיקער שטאָט — צו אונדזער „ירושלים ד׳ליטע", הייסט עס — אַ פּיל גרעסערע שייכות ווי ער — דער פּוילישער אָקופּאַנט, וואָס האָט פאַר־כאַפּט ווילנע אין 1919טן יאָר מיטן כוח פון שווערד און ביקס.

מייַן אַלט־ייִדישער כוח אין ווילנע איז דאָך געווען אַ פּיל־שטאַרקע־רער ווי דער פּוילישער כוח פון שווערד און ביקס.

ערשטנס, האָב איך פאַרמאָגט אין ווילנע גאָר גרויסע „זכות־אבותן".

עס האָבן זיך געמיט פאַר מיר די הייליקע נשמות פון דעם גר־צדק און פון דעם ווילנער גאון, פון הירש לעקערט און פון א. ווייטער, וועלכן די זעלבע פּאָליאַקן האָבן טאַקע דערשאָסן, אָקופּירנדיק ווילנע אין דעם יאָר 1919.

אויסער דעם האָבן זיך געמיט פאַר מיר אויך די לעבעדיקע ייִדן פון ווילנע, וועלכע וואָלטן זיך געפילט שטאַרק געקרענקט, ווען די פּוילישע מאַכט שיקט מיך אַרויס פון „ירושלים ד׳ליטע". צווישן די לעבעדיקע ייִדן פון ווילנע זענען געווען אַ סך אָנגעזעענע חשובע באַלעבאַטים פון שטאָט, פאַר וועלכע סיי דער סטאַראָסטע און סיי דער וואָיעוואָדע פון ווילנע האָבן געמוזט האָבן דרך ארץ.

פלעגן יעדן חודש מוזן גיין סיי צום סטאַראָסטע און סיי צום וואָיע־וואָדע די אָנגעזעענסטע דעלעגאַטן־שתדלנים אויסצובעטלען פאַר מיר נאָך איינעם אַ חודש וווינרעכט אין פּוילן. מען קאָן זאָגן, אַז די גאַנצע ייִדישע עפנטלעכקייט פון ווילנע איז געווען שטענדיק פאַרטאָן מיט מייַן וווינ־רעכט...

מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ווען מען שיקט מיך, חלילה, אַרויס פון ווילנע וועט אונטערגיין די גאַנצע שטאָט! נייַן, נישט נאָר ווילנע אַליין, נאָר

גאַנץ פּוילן קאָן אונטערגיין, ווען מען זאָל מיך, חלילה, אַרויסשיקן פון לאַנד!

און נישט נאָר ווילנע אַליין איז געווען פאַרטאָן מיט מיין ווײַנרעכט אין פּוילן. אויך וואַרשע, ריגע, פּאַריז, לאָנדאָן, ניו יאָרק און וואַשינגטאָן האָבן זיך געזאָרגט וועגן מיין ווײַנרעכט אין פּוילן.

מען האָט אויפגעהויבן, קען מען זאָגן, די גאַנצע דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע וועלט פון פאַרשידענע שטעט, לענדער און קאָנטינענטן צוליב נאָך איינעם אַ יאָר ווײַנרעכט אין פּוילן פאַר דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, וואָס אים האָט זיך פאַרגלוסט צו טרינקען זיינע פּופּצן טעפּלעך קאַווע אַ טאָג דווקא אין ווילנע...

ווען איך שרייב איצטער די דאָזיקע שורות, זעט עס אויס אין מיינע אויגן צו זיין אַזוי לעכערלעך־קליין, וואָס מען האָט אין 1935טן יאָר פאַר־טאַכלעוועט אַזויפיל געזעלשאַפטלעכע ענערגיע, אַזויפיל געדולד און עקשנות, אַזויפיל צייט און געלט צוליב אַ יאָר ווײַנרעכט מיינעם אין פּוילן.

ווען מען וואָלט די זעלבע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע און דעם זעלבן פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן דרוק אַנגעווענדט דעמסטמאָל אויף אָפּצושרייען ביי דער פּוילישער רעגירונג די געפּלאַנטע גזירה וועגן דעם שחיטה־פאַר־באָט, וואָלטן דאָך שפּעטער צענדליקער טויזנטער יידישע פי־הענדלער, קצבים, שוחטים, פלייש־קרעמער און וווּרשטמאַכער נישט פאַרלוירן איבער אַ נאַכט זייער שטיקל חיונה.

פיל איך זיך איצטער באמת שולדיק וואָס צוליב מיין ווײַנרעכט אין פּוילן איז אומזיסט־אומנישט פאַרברויכט געוואָרן אַזויפיל געזעלשאַפט־לעכע ענערגיע, צייט און געלט.

אָט האָט איר דאָ די רשימה פון די וויכטיקסטע פּערזאָנען, אינסטי־טוציעס און מלוכה־אַנשטאַלטן, וואָס זענען סוף 1935טן יאָר מאָביליזירט געוואָרן צוליב מיין ווייטערדיקן ווײַנרעכט אין פּוילן. אין ווילנע האָבן פאַר מיר געאַרבעט (לויטן אלף־בית): הירש אַבראַמאָוויטש, זשורנאַליסט און דירעקטאָר פון דער ווילנער ייק״א אינסטיטוציע „הילף דורך אַרבעט״ (איצ־טער אין ניו יאָרק); ד״ר מאַקס ווײַנרייך, דירעקטאָר פון דעם יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט; אַדוואָקאַט י. טשערניכאָוו (דאַניעלי), געוועזענער „עסעסאָוועץ״, „פּאָלקיסט״ און „פריילאַנדיסט״; חייקעל לונסקי, ביבליאָ־

טעקאַר פון דער באַרימטער סטראַשון־ביבליאָטעק; חיים לעווין, רעדאַקטאָר פון דער ציוניסטישער צייטונג „די צייט", ברודער פון דעם יידיש־סאָוועטישן שרייבער ליפמאַן לעווין; וויטע לעווין, פּעדאַגאָגין און אָנפירערין פון דער געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציאונג פון דעפעקטיווע יידישע קינדער; אַדוואָקאַט פּנחס קאָהן, זשורנאַליסט און היסטאָריקער; דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, כלל־טוער און מעצענאַט, פירער פון דער ווילנער „פאָלקס־פאַרטיי"; סענאַטאָר הרב רובינשטיין; זלמן רייזען, רעדאַקטאָר פון „ווילנער טאָג", פּראָפעסאָר פון דעם יידישן ליטעראַטן לעקסיקאָן און פּרעזידענט פון יידישן פּען־קלוב; משה שאַליט, דירעקטאָר פון „יעקאָפּאָ", ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, פּרעזידענט פון דעם יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין; ירמיהו שאַפּיראָ, הויפּט־טוער פון דעם בוי־קאָמיטעט פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, כלל־טוער און מעצענאַט.

אין וואַרשע האָבן זיך געזאָרגט וועגן מיין וווינרעכט אין פּוילן:

זלמן מייזנער, איינער פון די ערשטע „עסעסאָווצעס" און פירער פון דער „פריילאַנד"־ליגע אין פּוילן; טאַדעוש סוועניציצקי, פּרעסע־שעף פון דעם פּוילישן מיניסטאָרן־קאַבינעט, אָנגעזעענער פּוילישער זשורנאַליסט, פריער געוועזענער פאַרטרעטער פון דער אָפיציעלער פּוילישער פּרעסע אין בערלין, ווו מיר האָבן זיך באַפריינדעט, ווי מיטגלידער פון דעם פאַראיין פון דער אויסלענדישער פּרעסע אין בערלין; ראָזע סימכאָוויטש, פּעדאַגאָגין און מיטגליד פון דער פּעדאַגאָגיש־פילאָלאָגישער סעקציע ביים „ייוואָ", ספּעציאַליסטקע ביים דערציען דעפעקטיווע יידישע קינדער; הענריק ערליך, פירער פון „בונד" און רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־צייטונג"; נח פּרילוצקי, רעדאַקטאָר, פילאָלאָג און פירער פון דער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי אין פּוילן; ד"ר מאיר פּעקער, רעדאַקטאָר פון מעדיצינישע זשורנאַלן אין יידיש און וויכטיקער טוער פון דער סאַניטאַר־היגיענישער „אָזע"־געזעלשאַפט; פּראָפ. שאָר, סענאַטאָר, באַרימטער כלל־טוער און געלערנטער; לעאָן אַלטער דירעקטאָר פון וואַרשעווער „יעאַס" (היאַס־ייק"א) און אָנגעזעענער יידיש־פּוילישער כלל־טוער; בירנבוים, פּרעזידענט פון דעם יידיש־פּוילישן „ב. ב.־קלוב", וואָס האָט געשטרעבט צו אַ פאַרשטענדעניש מיט די פּאָליאַקן; יצחק גיטערמאַן, דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין פּוילן און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון „ייוואָ".

אין ריגע האָט זיך שטאַרק געזאָרגט וועגן מיין ווינרעכט אין ווילנע: פּראָפ. ש. דובנאָוו, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שרייבן בריוו צו די אָנגע־זעענע פּערזענלעכקייטן פון וואַרשע און פון ווילנע — זיי זאָלן זיך פאַר מיר איינשטעלן.

„עס וואָלט געווען אַ שאַנדע און אַ ווייטיק פאַר אונדז אַלעמען", האָט פּראָפעסאָר דובנאָוו געשריבן צו קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקין, ווען מען שיקט אַרויס דניאל טשאַרנין פון ווילנע, ווי מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון ריגע! לעטלאַנד איז שוין דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן"... (אַן אָנצוהערעניש אויף דעם דיקטאַטאָר אולמאַניס, וואָס האָט פאַרוואַנדלט לעטלאַנד אין אַ פאַשיס־טיש לענדעלע).

אין פּאַריז האָבן זיך געזאָרגט וועגן מיין ווינרעכט ד"ר דזשיימס בע־רענשטיין, דירעקטאָר פון איראָפּעישן „היאס"; א. טשעריקאָווער, היסטאָ־ריקער, וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער היסטאָרישער סעקציע ביים „ייוואָ" און מיטאַרבעטער פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע.

אין לאָנדאָן האָט זיך געזאָרגט וועגן מיין ווינרעכט אין פּוילן פלאָריאַן סאָקאָלאָוו, דער זון פון נחום סאָקאָלאָוו ז"ל, דער לאָנדאָנער פּאַרטרעטער פון דער אָפיציעלער פּוילישער צייטונג „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ".

אין ניו־יאָרק האָט אָנגעפירט מיט דעם גאַנצן ווינרעכט־„קאַמפּיין" מיין ברודער ב. וולאַדעק.

אַ חוץ די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע פּערזאָנען און פּערזענלעכקייטן האָבן זיך געזאָרגט וועגן מיין ווינרעכט אין ווילנע די רעדאַקציע פון ניו־יאָרקער „טאָג", וואָס האָט אינטערווענירט וועגן מיר אין וואַשינגטאָן. וואַ־שינגטאָן האָט געשריבן וועגן מיר צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין פּוילן. דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר האָט אינטערווענירט וועגן מיר אין פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום. דאָס פּוילישע אויסערן מיניסטעריום האָט זיך גע־שטעלט וועגן מיר אין פאַרבינדונג מיטן פּוילישן אינערן־מיניסטעריום, מיטן פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט (געהיים־פּאָליציי), מיט דעם ווילנער סטאַ־ראָסטע און מיט דעם ווילנער וואָיעוואָדע. ס'זענען געפלויגן וועגן מיר טעלעגראַמעס קיין וואַרשע פון וואַשינגטאָן, ניו־יאָרק, לאָנדאָן און פּאַריז. ס'זענען פאָרגעקומען וועגן מיר טעלעפאָן־געשפּרעכן וואַרשע־ווילנע און צוריק; עס זענען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן מיר הונדערטער אָפיציעלע און

נישט־אָפּיצילע, געהיימע און נישט־געהיימע בריוו, צירקולאַרן און דאָ־קומענטן.

מיט איין וואָרט, ס׳איז פאַרגעקומען אַרום מיר און צוליב מיר די אמתע חד־גדיא־שפּיל פון דער הגדה.

און שטעלט זיך פאָר, אַז נאָך די אַלע אָנשטרענגונגען און באַמיאונגען איז טאַקע געלונגען אָפּצוטרייבן פון מיר דעם בייזן כלב, ד״ה, דעם ווילנער סטאַראָסטע. כ׳האָב ענדלעך באַקומען ווינרעכט אין פּוילן אויף אַ גאַנצן יאָר.

ערשט דענסטמאָל, ווען איך האָב מיינס אויסגעפּירט, האָט זיך מיר, דעם אמת געזאָגט, שטאַרק פאַרגלוסט צו פאַרלאָזן פּוילן.

איך האָב געוווּסט, אַז דער ווילנער סטאַראָסטע וועט זיך שוין באַמיען מיט אַלע זיינע כוחות צו פּאַקן מיך ביי אַ וועלכן נישט איז „פּאָליטישן״ פאַרברעכן, כדי צו קענען דערווייזן אַלעמען, וואָס האָבן זיך פאַר מיר איינ־געשטעלט, אַז איך בין טאַקע אַ „באָלשעוויק״, אַ געהיימער אַגענט פון „קאָ־מינטערן״, אָדער בכלל אַן אינטריגאַנט, וואָס וויל דורך זיינע קאָרעספּאָנ־דענצן פון פּוילן אין אַמעריקע אויפהעצן די יידישע עפנטלעכקייט פון אַמע־ריקע קעגן דער „יאַשניע וויעלמאָזשנער״ פּוילישער מלוכה...

די פּוילישע געהיים־פּאָליציי וועט מיך שוין נאָכשפּיאָנירן אויף שריט און טריט, די פּוילישע צענזאָרן וועלן שוין קאָנטראָלירן אַלע מיינע בריוו און קאָרעספּאָנדענצן, און איך וועל זיך פילן געפּענטעט פון קאָפּ ביז די פיס.

פון דער אַנדער זייט אָבער וואָלט שוין געווען צו־לייכטזיניק פון מיר צו פאַרלאָזן פּוילן גראָד נאָך דעם, ווי מען האָט אין מיין פאַרלענגערטן ווינרעכט געהאַט אַריינגעקנאָטן אַזויפיל צייט און נערוון, אַזויפיל געדולד און געלט!

ס׳וואָלט געווען פּשוט אַ באַליידיקונג פאַר די אַלע פּערזאָנען און פּער־זענלעכקייטן, פאַר די אַלע קהלשע אינסטיטוציעס און מלוכה־אַנשטאַלטן, וואָס האָבן אַזוי שווער געהאָרעוועט ביז זיי האָבן אויסגעקעמפט פאַר מיר נאָך אַ יאָר ווינרעכט אין פּוילן.

האָב איך באַשלאָסן צו פאַרבלייבן נאָך אַ יאָר אין פּוילן, אָבער נישט אין ווילנע!

די ווילנער שפּיאָנען האָבן מיך שוין צו־גוט געקענט!

דניאל טשאַרני

איז מיר איינגעפאַלן דעמאָלט צו באַקענען זיך אַ ביסל נענטער מיטן יידישן לעבן אין דער פּוילישער פּראָווינץ.

איך האָב געוווּסט, אַז דער הויפּט־כּוח פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן ליגט דווקא אין דער פּראָווינץ, אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך, וווּ יידישע מענטשן האָבן נאָך געלעבט זייער פולן הונדערט־פּראָצענטיקן יידישן לעבן, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

דאָס ערשטע שטעטעלע, וואָס האָט מיך אַ רוף געטאָן צו זיך, איז גראָד געווען איישישאָק. וועל איך אייך דעם קומענדיקן קאַפּיטל דערציילן וועגן איישישאָק!

XXXIV

איך פאַר קיין איישישאָק!

אָנהויב 1936 האָט די גאַנצע יידישע קולטור־וועלט געפייערט דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פון מענדעלע מוכר ספרים.

כמעט אַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און בילדונג־אַנשטאַלטן אין פוילן האָבן אויף פאַרשידענע אופנים געפייערט די וויכטיקע דאַטע אין דער יידישער ליטעראַטור.

די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע („צישאָ”) האָט אָרגאַניזירט אין וואַרשע אַ פּרעכטיקע מענדעלע־אויסשטעלונג, וואָס איז באַזוכט געוואָרן פון צענדליקער טויזנטער שול־קינדער און דערוואַקסענע.

אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָט מעןווירקלעך געקענט זען דעם גאַנצן שעפערישן גאַנג מענדעלעס אָנהויבנדיק פון זיין געבורטס־שטאָט קאַפּוליע, ביז דער וונדער־שיינער אָדעס.

די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט אויך געהאַט אַ גרויסן היסטאָריש־עטנאָגראַפישן ווערט, און ס'איז געווען דעמאָלט די רייד, אַז מען זאָל זי פאַרוואַנדלען אין אַ שטענדיקן מענדעלע־מוזיי.

אפילו די „קופן” (אַזוי פלעגט מען רופן אין פוילן די קאָמוניסטן) זענען געוואָרן פאַרקאָכט אין די מענדעלע־פייערונגען, ווייל זיי האָבן גע־ווּסט, אַז אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט מען געגרינדעט אַ ספעציעלן מענדעלע מוזיי (אין אָדעס), און ס'ווערט אויך אין סאָוויעט־רוסלאַנד זייער אַ סך געשריבן וועגן מענדעלען — דעם „רעוואָלוציאָנער”...

בין איך געוואָרן שטאָלץ, וואָס אויך אין פוילן ווערט אַזוי פייערלעך געפייערט מיינער אַ לאַנדסמאַן פון מינסקער גובערניע, אַ „געבראָטענער ליטוואַק”.

איז אויסגעבראָכן אין גאַנץ פּוילן אַן עפּידעמיע פון מענדעלע־רעפּע־ראַטן און מענדעלע־אַקאַדעמיעס (יעטוועדער ליטעראַרישער אָוונט האָט געהייסן אין פּוילן „אַקאַדעמיע"). ווו נאָר ערגעץ אַ שול צי אַ ביבליאָטעק, צי אפילו אַ גמילת חסדים קאַסע, האָט מען געמאַכט אַ מענדעלע־אַקאַדע־מיע (אין פּוילן האָבן אפילו די גמילת־חסדים קאַסעס זיך פאַרנומען מיט קולטור־אַרבעט).

איז געוואָרן ממש אַן אויסכאַפּעניש אויף רעפעראַטן און „פּרעלעגענטן" וועגן מענדעלען.

דער אונטערשיד פון אַ רעפערענט און אַ „פּרעלעגענט" איז געווען אין פּוילן אַ גאַנץ גרויסער.

אַ רעפערענט איז אַזאַ מין לעקטאָר, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פּראָ־פעסאָר. ער קומט צום עולם מיט זיינע פּאַרטיקע טעזיסן, וועלכע ער פּוב־ליקירט פריער אין דער לאָקאַלער פּרעסע — מען זאָל וויסן אין פאָראויס, אַז ער וועט זיך האַלטן שטרענג אין די טעזיסן זיינע. און טאָמער, חלילה, פלעגט איינער פון די נייגעריקע צוהערער שטעלן דעם רעפערענט אַ פראַ־גע, וואָס פלעגט נישט זיין אין די ראַמען פון די „טעזיסן", פלעגט אים דער רעפערענט ענטפערן מיט אַ ביטול־שמייכעלע, אַז דער חשובער צוהע־רער האָט פּראָסט־פּשוט נישט באַנומען זיין רעפעראַט.

מיט איין וואָרט — אַ „רעפערענט" איז, צווישן אונדז גערעדט, אַ גרוי־סער נודניק, וואָס חזרט אויס אין פאָראויס אַ לעקציע אויף אַ געוויסער טעמע, און ווייטער פון דער טעמע גייט עס נישט ביי אים!

אַ „פּרעלעגענט" אָבער איז אַ פריילעכע באַשעפעניש, אַ „בראָט פון די ברעטער", אַ גוט־ברודער, וואָס האַלט נישט פון קיין שום „טעזיסן". אָט דערציילט ער אינמיטן דער לעקציע אַ פּאַסיקן אַנעקדאָט, אָט גיט ער אַ דעקלאַמיר צי אַ זינג; מיט איין וואָרט, אַ „פּרעלעגענט" איז שוין כמעט אַן אַקטיאָר. און דערפאַר טאַקע פלעגט די פּראָווינץ שטענדיק פאָדערן פון וואַרשע „פּרעלעגענטן", פאַר וועלכע מען פלעגט צאָלן מיט אַ פּאָר זלאָטעס מער, ווי פאַר רעפערענטן...

איך אַליין האָב אויסגעמיטן עפּנטלעך אויפצוטרעטן, ווייל דאָס וואָלט געשאַדט מיין וווינרעכט אין פּוילן. דעריבער האָט קיינער נישט געקענט וויסן, צי בין איך אַ „רעפערענט" אָדער אַ „פּרעלעגענט".

ווען עס איז אָבער אויסגעבראָכן אין גאַנץ פּוילן די עפּידעמיע פון די מענדעלע־אַקאַדעמיעס, האָבן די קולטור־טוערס פון איישישאָק צווישן זיך באַשלאָסן, אַז איך בין זיכער אַ „פּרעלעגענט" (אַ יידישער שרייבער, וואָס קומט אַזש פון פּאַריז, קען דאָך נישט זיין קיין נודניק!). האָט זיך אין איינעם אַ פּראָסטיקן פרימאָרגן אין אָנהויב יאַנואַר אַריינגעשטעלט צו מיר אין צימער אַן איבערגעפּרוּווירענער דעלעגאַט פון גאַנץ איישישאָק — איך זאָל דאָרטן אומבאַדינגט אויפטרעטן אויף אַ מענדעלע־אַקאַדעמיע.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז ס'עקזיסטירט טאַקע אַזאַ מין שטעטל אויף־צו־דער־אמתן. כ'האָב שטענדיק געגלויבט, אַז „איישישאָק" איז פּונקט אַזאַ אויסגעטראַכט שטעטל, ווי, זאָגן מיר, יעהופּעץ, גלופּסק, טונעיאַדעווקע און זייער גלייכן.

דער איישישאָקער דעלעגאַט האָט מיר אָבער באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס אַ מאַנדאַט פון דער דאָרטיקער י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, אַז מען איז גרייט צו באַצאָלן פאַר מיין לעקציע פופציק זלאָטעס אין מזומן, אַ חוץ אַלע רייזע הוצאות, וואָס וועלן באַטרעפן אַן ערך צוואַנציק זלאָטעס.

איישישאָק, הייסט עס, איז גרייט צו לאָזן זיך קאָסטן אויף מיר גאַנצע זיבעציק זלאָטעס!

דאָס איז געווען אַ שרעקלעך גרויסע סומע אפילו פאַר אַ „פּרעלעגענט".

געוויינלעך פלעגט מען צאָלן פאַר אַ לעקציע אויף דער פּראָווינץ פון צען ביז צוואַנציק זלאָטעס. אָבער זיבעציק זלאָטעס (קאַרגע 14 דאָלאַר) איז דאָך געווען אין פּוילן אַ גאַנץ פאַרמעגן!

איז מיר איינגעפאַלן אַ חשד, אַז איישישאָק וויל מיך אויסנאַרן. האָב איך אַ פרעג געטון דעם דעלעגאַט, צי איז זייער פּרץ ביבליאָטעק אַזוי רייך, אַז זי קען זיך דערלויבן צו באַצאָלן אַזאַ גרויסע סומע פאַר איין לעקציע; בפרט נאָך, ווען מען קען אין ווילנע קריגן אַ פּראָפעסיאָנעלן לעקטאָר פאַר סך־הכל צען־פופצן זלאָטעס!

האָט מיר דער דעלעגאַט דערקלערט, אַז ס'איז ביי זיי אַ פּראַגע פון אַמביציע. איישישאָק, לאָזט זיך אויס, וויל פאַרלויפן דעם וועג ווילנע און דורכפירן דאָרטן אַן אימפּאָזאַנטע מענדעלע־אַקאַדעמיע, נאָך איידער ווילנע אַליין האָט עס באַוויזן צו טון!

— ווילנע האָט אַ מיאוסע טבע אָפּצולאַכן פון אונדז פּראָווינצלער, —

האָט זיך דער דעלעגאַט אָנגעהויבן צו באַקלאָגן. — ווילן מיר ווייזן ווילנע, אַז איישישאָק איז געווען די ערשטע, וואָס האָט געפּייערט מענדעלעס הונ־דערטסטן געבורטסטאָג. און אויב איר צווייפלט, אַז די י. ל. פּרץ ביבליאָ־טעק וועט אייך, חלילה, אָנזעצן, האָט איר דאָ דעם ערשטן פינף און צוואנ־ציקער אַן אַוואַנס, און די צווייטע פינף און צוואנציק וועט איר באַקומען תיכף נאָך דער לעקציע!

איז מיר שוין געוואָרן קלאָר, אַז איישישאָק איז נישט קיין אויסגע־טראַכט שטעטל, נאָר אַ לעבעדיקע יידישע קולטור־געמיינשאַפט מיט אייגע־נע אַמביציעס און קולטור־טראַדיציעס — און איך האָב באַוויליקט די איינ־לאַדונג אָנצונעמען.

דער דעלעגאַט האָט מיר געגעבן סך־הכל איין איינציקן טאָג אויף צוצו־גרייטן זיך. אין משך פון אָט דעם טאָג וועט ער דערוויל פּאַרטיק ווערן מיט אַלע נויטיקע פּאָרמאַליטעטן ביים ווילנער סטאַראָסטע, און מאָרגן, אי״ה, וועט ער מיך פּערזענלעך ברענגען צו פירן קיין איישישאָק!

דעם ווילנער סטאַראָסטע, אגב, האָט דער דעלעגאַט דערציילט אַ גע־שיכטע, אַז מיך שרייבט אויס קיין איישישאָק אויף אַ לעקציע די דאָרטיקע גמילת־חסדים קאַסע, ווייל איך בין אַ פּאָרטרעטער פון „דזשאָינט״, וואָס האָט צו טון מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרן...

די פּוילישע רעגירונג איז צו די יידישע גמילת־חסדים קאַסעס געווען לאַזונדערס גוט, ווייל דורך אָט די קאַסעס פלעגן טאַקע אַריינקומען קיין פּוילן אַ סך אַמעריקאַנער דאָלאַרן...

דער וועג פון ווילנע קיין איישישאָק איז געווען זייער אַ ריזיקאַלישער. די עצם רייזע נעמט טאַקע נישט מער ווי צוויי שעה, אָבער מען מוז אַהין פּאָרן מיט אַן אַלטן, צעטרייסלטן אויטאָבוס אויף שטאַרק אָפּגענוצטע און זייער גליטשיקע גומי־רעדער. דער אויטאָבוס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין געהייצטער. די שויבן זענען אינעווייניק גאַנץ דיק באַדעקט מיט שניי־ווייסן אייז. און ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון ווילנע אויף דעם זייער גליטשיקן און פוןביידע זייטן הויך־פאַרשנייטן דאָרף־שליאַך, האָט זיך דער אויטאָבוס אָנגעהויבן צו גליטשן, ווי אַ שליטן פון איין זייט שליאַך צו דער צווייטער.

ווען אַ דאָרפישער שליטן גליטשט זיך אַהין און צוריק און קוליעט זיך

אַמאָל איבער מיטן הינטן אַרויף, איז נאָך אָן סכנות. מען פֿאַלט אַריין אין אַ פּערינע פֿון פּוכקען ווייסן שניי און ס׳איז גאַנץ פֿריילעך, אָבער ווען דער הויכער אויטאָבוס זאָל זיך חלילה איבערקוליען מיט די רעדער אַרויף, איז ממש סכנת נפשות! מען קען פֿאַרשאָטן ווערן מיט גלאָז־שפּליטערס פֿון די צעפּלאַצטע שויבן און באַגאָסן ווערן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט קעראָסין, בוימל און דזשעגעכץ, וואָס די פּאַסאַזשירן פֿירן פֿון ווילנע קיין אײַשישאָק.

ערשט זיצנדיק אין אָט דעם „שיכורן" אויטאָבוס איז מיר קלאָר געוואָרן, פֿאַרוואָס אײַשישאָק צאָלט ווינטערצײַט אַזאַ הויכן פּרײַז פֿאַר אַ לעקטאָר, וואָס קומט צו זיי... אַזש פֿון פּאַריז...

ווען דער גליטשיקער אויטאָבוס איז ענדלעך אָנגעקומען בשלום צו זײַן געווינטשן ציל, האָב איך נישט געגלויבט מײַנע אייגענע אויגן, אַז איך בין שוין טאַקע אין אײַשישאָק גופא!

דער דעלעגאַט האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין דער איין אײנציקער אכסניה, ווו מען האָט ספּעציעל צוליב מיר אײַנגעהייצט דעם גרויסן אויוון, אָנגעצונדן דעם בליץ־לאָמפּ, געשטעלט דעם יום־טובדיקן סאַמאָוואַר, געדעקט דעם טיש מיט אַ שבתדיקן טישטוך, אָנגעשטעלט אויפֿן טיש אַלע גוטע זאַכן, וואָס שמעקן אַזוי גוט און היימיש! וואַרעמע בייגל אָקאָרשט פֿון דער בעקערײַ, אויפֿגעבלאָזענע אייערקיכלעך מיט פֿאַרברוינטע בײַכלעך, מאַרינירטער הערינג מיט לאָרבער־בלעטער און שוואַרצע פֿעפֿערלעך, דרײַ עקיגע גאָמעלקעס באַשאָטענע מיט קימל, אַ פֿולע פּוטערניצע מיט פּוטער, וואָס צוליב שיינקייט וועגן האָט מען עס צעקאַרבט מיט אַ הילצערנעם לעפֿל, און אַ שיסל געדיכטע סמעטענע, וואָס אַז מען לייגט אין איר אַרײַן אַ לעפֿל, איז שווערלעך זי אַרויסצונעמען.

איז מיר געוואָרן פּלוצלינג זייער וואַרעם און געמיטלעך. האָט זיך מיר אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז איך בין נישט אין אײַשישאָק, נאָר בײַ דער מאַמען צוגאַסט און איך האָב יעדע רגע געוואַרט, אַז אָט־אָט וועט פֿון אײנער אַ טיר אַרײַנקומען מײַן שטילע גוטע מאַמע און זי וועט מיך אָנהויבן צו בעטן:

— עס, דאָניעלע, געזונטערהייט. ס׳איז דאָך אַלץ פֿאַר דיר, אַלץ פֿאַר דיר!

אָבער אָנשטאָט דער מאַמען האָבן זיך אָנגעהויבן מעלדן צו מיר פֿאַר־

שידענע מינים יידן. יידן אין פיינע פוטערס מיט הויכע קראַגנס און אין גלאַנציקע שטיוול־קאַלאָשן, יידן מיט באַשליקעס און וואַליקעס, יידן אין ווייבערישע פּאַטשיילעס און יונגעלייט אין קאַפּעליושן. יעדער איינער פון זיי איז געווען אַ פאַרטרעטער פון אַ וועלכער נישט איז איישישאָקער גע־זעלשאַפט אָדער חברה. מען איז געקומען מיך אָנקוקן, ווי עס קומען קרובים פון כלהס צד אָנקוקן דעם חתן־בחור פון די גרויסע שטעט.

אמת, מיין „מענעדזשער", וואָס האָט מיך געפירט פון ווילנע קיין איי־שישאָק, האָט מיך אונטערוועגנס געוואָרנט, אַז מען וועט קומען מיך אָנ־קוקן, אָבער ער וועט שוין זען, אַז מען זאָל מיך נישט נודיען צופיל, ווייל איך מוז זיך גוט אויסשלאָפן!

— מאָרגן — האָט מיר דער מענעדזשער געזאָגט — וועל איך האָבן אַ פולן טאָג אַרבעט. איך וועל מוזן באַזוכן אַלע וויכטיקע אינסטיטוציעס פון שטעטל און אין אָוונט וועט אין דער „פּאַזשאַרנער קאָמאַנדע" פּאַרקו־מען די מענדעלע־אַקאַדעמיע.

די באַלעבאָסטע פון דער אכסניה האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס זי זעט ביי זיך אין הויז די גאַנצע „סמעטענע" פון שטעטל. זי פלעגט יעדע ווײַלע אַריינוואַרפן אין קוימען פון סאַמאָוואַר נאָך אַ פּאָר פרישע קוילן, כדי די פּאַרע פון די געעפנטע צוויי לעכלעך זאָל וואָס שטאַרקער שפּאַרן אין דרויסן אַריין.

צוליב דער פּאַרע פון דעם סאַמאָוואַר האָבן אַלע מיינע באַזוכער באַ־קומען פייכטע פנימער, און די פּאָר יידן מיט די ברילן פלעגן יעדע ווײַלע מוזן אויסווישן די אויגן־גלעזער.

אויך איך האָב אָנגעהויבן צו שוויצן און איך האָב מיט גרויס בענק־שאַפט אָנגעהויבן קוקן אויף מיין פיין־פאַרבעטער בעט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גאַנצע פּיראַמידע פון קישנס מיט יאַשעקלעך, ביז צו דער סטעליע.

מיין „מענעדזשער" האָט באַלד פאַרשטאַנען מיין „וויטן קוק" און ער האָט פלוצלינג געגעבן אַ זאָג צום פאַרזאַמלטן עולם!

— יידן, לאָמיר לאָזן אונדזער חשובן „פּרעלעגענט" זיך אויסרוען פון דער שווערער רייזע. מאָרגן וועט ער באַזוכן אַלע אונדזערע אינסטיטוציעס! מאָרגן וועט איר אים אַלע זען און הערן אין דער „פּאַזשאַרנער קאָמאַנדע".

ווילנע

דער עולם האָט אָנגעהויבן פּונקט אַזוי שווייגנדיק פונאַנדערגיין זיך, ווי שווייגנדיק ער איז זיך צונויפגעקומען.

ווי עס זעט אויס, האָבן די איישישאָקער קולטור־טרעגער און כלל־טוער געוואָלט הערן פון מיר נייעס פון דער גרויסער וועלט. איך קום דאָך צו זיי פון דער גרויסער וועלט, פון בערלין, פון פּאַריז. איך ווייס דאָך אַזוי פיל וויכטיקע זאַכן פון דער פּאָליטיק, פון דער קולטור, אָבער איך האָב געשוויגן!

מיין „מענעדזשער" האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל בעסער שווייגן, ווייל ווען איך זאָל אָנהויבן רעדן מיט איינעם, וועט פאַרדריסן אַ צווייטן פאַרוואָס איך רעד גראָד צו יענעם און נישט צו אים.

יעדער איינער פון די קולטור־טוער האָט געהערט צו אַן אַנדער פּאַרטיי און ווען איך זאָג, חלילה, אַ גוט וואָרט וועגן די בונדיסטן, וועלן זיך באַ־לײדיקן די ציוניסטן. וועל איך זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן ארץ־ישראל, וועלן זיך באַליידיקן די ביראָבידזשאַניקעס... איז שוין בעסער — האָט מיר מיין „מענעדזשער" געזאָגט, — אַז ביז נאָך דער „אָקאַדעמיע" זאָל איך פאַרבלייבן לחלוטין נייטראַל, דאָס הייסט נישט אַריינצולאָזן זיך מיט קיינעם אין קיין שום דיסקוסיע.

בין איך טאַקע דעם גאַנצן אָוונט פאַרבליבן שטרענג „נייטראַל", ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ חשובן „פּרעלעגענט", וואָס ביז דער לעקציע איז ביי אים אַ רענדל אַ וואָרט.

פאַרן שלאָפן גיין בין איך אַרויס אין דרויסן, וווהין דער קיסר אַליין מוז אויך גיין צופוס...

דער איישישאָקער דרויסן איז גאָר אַן אַנדער מין דרויסן. איך האָב שוין לאַנג־לאַנג נישט געהאַט געזען אַזאַ מין רחבותדיקן הימל, ווו יעט־וועדער שטערן האָט געבליצט און געפינקלט ווי אַ גוט געשליפטער דימענט.

אויך דער שניי אונטער די פיס האָט געבליצט און געפינקלט מיט עפּעס אַן אינעווייניקסטן ליכט, ווי ער וואָלט געווען געדיכט באַשאָטן מיט גליווערעמלעך.

דער פראָסט האָט געשניטן דאָס געזיכט מיט בלויע שטאָלענע ראַזיר־

מעסערלעך. ארום און אַרום האָט געהערשט אַ געשפּאַנטע שטילקייט, אַ פאַרגלייווערטע שטילקייט, ווי אויפן נאָרד־פּאָל.

אין אַזאַ מין פּראָסטיקער זילבער־נאַכט לויפן אַרום אין די וועלדער טשאַטעס הונגעריקע וועלף און זיי זוכן וואָס צום פרעסן.

אין אַזאַ מין פּראָסטיקער זילבער־נאַכט פּלאַצן טעלעגראַפן־סלופּעס פון קעלט און עס טרעשטשען די בערווינעס פון הויז.

אין אַזאַ מין פּראָסטיקער זילבער־נאַכט איז גוט צו פאַרשטעקן זיך וואָס טיפער אונטער אַ פּוכאָווער פערענע און ליגן בלייבן אונטער איר אַזוי לאַנג ביז עס וועט קומען אַן „אָטליע״, ביז דער פראָסט וועט ברעכן און די אייז־ליכט אונטער די דעכער וועלן אָנהויבן צו שמעלצן זיך...

אין אַזאַ מין פּראָסטיקער זילבער־נאַכט איז זייער גוט צו האָבן דעם „בית הכסא״ אין הויז גופא, אָבער...

אָבער וועגן די אַלע איישישאָקער „אָבערס״ וועל איך דערציילן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

XXXV

איך ווער אַ קונצנמאַכער

מיין „מענעדזשער“ פון דער מענדעלע־אַקאַדעמיע אין איישישאָק, מ. רעפּליאַנסקי (אַזוי האָט ער געהייסן), איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק.

ער אַליין — רעפּליאַנסקי — איז נישט געווען קיין געבוירענער אין איישישאָק גופא. ער האָט זיך נאָר „געשטעלט פאַר אַן אײדעם“ ביי איינער אַן אלמנה, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ירושה־קרעמל און אַ טאָכטער אַ גע־בילדעטע.

דאָס קרעמל, וואָס מיין „מענעדזשער“ האָט באַקומען אין נדן, איז ווערט געווען סך־הכל ביי 100 זלאָטעס (קאַרגע 20 דאָלאַר):

אַ פּאָר זעקלעך מעל און גרויפּן, אַ פעסעלע הערינג, אַ בלעכל קע־ראָסין, אַ פּאָליצע מיט מאַכאָרקע און שוועבעלעך, פינפער גלעזלעך און קנייטלעך פאַר די פויערישע לעמפּלעך, עטלעכע פונט צוקער, זאַלץ און פעפער.

פון אָט דעם פינף־ און צען־גראָשנדיקן „וואָלוואָירט“־געשעפט האָט מיין „מענעדזשער“ נישט נאָר געדאַרפט ציען חיונה פאַר ווייב און קינ־דער און פאַר דער שוויגער, די אלמנה, נאָר ער האָט נאָך אויך געדאַרפט צאָלן דער פוילישער מלוכה און דעם איישישאָקער מאַגיסטראַט פאַרשיי־דענע מינים שטייערן, אַ חוץ די חודשדיקע מיטגליד־אָפּצאָלונגען פאַר דער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע“ און פאַר דער י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, פאַר „סומך נופלים“ און „ביקור חולים“, פאַר „הכנסת כלה“ און „לינת הצדק“, שוין נישט גערעדט פון דער גמילות־חסדים קאַסע, וווּ מיין „מענעדזשער“ איז געווען אַ קאָמיטעט־מיטגליד.

ווי אַזוי מ'האָט פון אַזאַ מין קרעמל געקענט ציען די חיונה און נאָך צאָלן אַזוי פיל שטייערן און געבן אַזוי פיל נדבות — איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע רעטעניש.

בפרט נאָך, ווען דאָס קרעמל, ווי די אַלע אַנדערע צען־צוועלף שכנות־דיקע קרעמלעך, פלעגן זיין טעטיק נאָר איין טאָג אין דער וואָך — זונטיק, ווען די פויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קומען אויס־בייטן זייערע דאָרפישע פּראָדוקטן אויף די „גרויסשטאָטישע" סחורות: קעראָסין, מאַכאָרקע, צוקער און שוועבעלעך.

די פויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען געווען שרעקלעך אָרים. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שפּאַלטן אַ שוועבעלע אויף פיר טיילן און אַ ציגעלע צוקער פלעגן זיי צעברעקלען אויף צען טיילן — עס זאָל זיין אויף „וו'פּריקוסקי".

קיין מזומן געלט האָבן די פויערים קיינמאָל נישט געהאָט. פלעגן זיי אָנפּאָרן אויפן מאַרק מיט אַ זעקל קאָרן אָדער האָבער, מיט אַ פּאָר צענדליק אייער, צי מיט אַ הון, וואָס האָט זיך שוין אויפגעהערט צו לייגן.

אין די וואָכעדיקע טעג פלעגט ווען־נישט־ווען פאַרבלאָנדזשען אין קרעמל אַ יידענע, וואָס זוכט אַ הערינג, אָבער נישט מיט איקרע, נאָר דווקא — מיט מילך!

אויסזוכן ווינטער צייט אַ הערינג מיט מילך איז פאַר דעם קרעמער אַן אמתע אָפּקומעניש. מען דאַרף זיך צוליב דעם אַ גרונטעווע טון אין ד'עם איבערגעפאָרענעם, שרעקלעך געזאַלצענעם ליאַק פון דער הערינג־פאַס. די הענט זענען איבערגעפרוירן און צעשפּאָלטן. דער ליאַק פרעסט זיך איין אין די הויט־שפּאַלטן און מאַכט ווונדן. אין די ווונדן קומט נאָכ־דעם אַריין דער אַש פונעם פייערטאָפּ, וועלכן מען מוז יעדע ווײַלע פונאַנ־דערבלאָזן.

ווען מען פאַקט שוין, ענדלעך, דעם הערינג מיט מילך — כאַפּט זיך ד'עמאָלט די יידענע, אַז דער רוקן פון דעם הערינג איז צו האַרט און צו דין. ביי אַ מילך־הערינג, מיינט זי, דאַרף דער רוקן זיין דיקער און ווייכער. פאַר אירע צען גראָשן קען זי באַקומען אַ הערינג מיט אַ דיקערן ר'וקן און אויך אַ ביסל לענגערן.

ביי אַזאַ מין פדיון — מעג דער קרעמער זיין דער גרעסטער אינטע־

ליגענט — מוז ער שטילערהייט אָנהויבן שילטן נישט נאָר די יידענע, וואָס איז פאַרוויקלט אין עטלעכע פּאַטשיילעס, נאָר אויך אפילו — די שוויגער זיינע, ביי וועמען ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן איידעם.

— ווען נישט די קולטור־געזעלשאַפטלעכע התחייבותן, וואָס איך האָב פרייוויליק גענומען אויף זיך, — האָט מיר מיין „מענעדזשער" געזאָגט, — וואָלט איך דאָ געפּגרט פון אומעט. דער ווינטער אין איישישאָק ציט זיך אַ גאַנצן האַלב יאָר, פון סוכות ביז פסח. דער ווינטער אין איישישאָק איז שרעקלעך אַ קאַלטער. דאָס גאַנצע שטעטל שטייט דרויסן מיטן פּנים צו רוסלאַנד, און ווו נאָר ערגעץ אין רוסלאַנד אַ שטורעם־ווינט, אַ שניי־זאַווערוכע, צי אַ פּראָסטיקע לבנה־נאַכט, ווען עס טרעשטשען די בערווי־נעס פון די הייזער — קומט עס גלייך קיין איישישאָק!

אַזוי האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר מיין „מענעדזשער", וואָס איז גע־ווען דער וויכטיקסטער און באַוועגלעכסטער קולטור־טוער פון שטעטל.

— אויף אָט דעם פּייערטעפּל, וואָס איר זעט, האָב איך איבערגעליי־ענט, קען מען זאָגן, אַלע ביכער פון אונדזער פּרץ־ביבליאָטעק. אויך אפילו די גאַנץ שווערע משניות־אַרטיקע זאַמל־ביכער פון דעם „ייוואָ", — די היסטאָרישע, די סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע, די פּעדאַגאָגיש־פילאָלאָגישע און די אַלע אַנדערע, — האָב איך איבערגעלייענט אויף אָט דעם פּייער־טעפּל!

— אפילו אייער „באַרג־אַרויף", — האָט שוין מיין „מענעדזשער" מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, — האָב איך מיט גרויס אינטערעס איבער־געלייענט אויף אָט דעם פּייערטעפּל!

בין איך זיך מודה, אַז איך האָב זיך דערפילט שטאַרק הינטערשטעליק לגבי מיין „מענעדזשער", וועלכער האָט געקענט די יידישע ליטעראַטור און די יידישע געשיכטע אַ סך בעסער פון מיר.

האָב איך זיך אָנגעהויבן וווּנדערן, פאַרוואָס מ'האָט אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך אַזוי ווינציק באַזונגען דעם געבענטשטן פּייערטאָפּ.

אָט דער קליינער שוואַרץ־בלעכענער פּייערטאָפּ, וואָס איז שטענדיק געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן שיכט ווייס־גרויען אַש, כדי וואָס לענ־גער איינצוהאַלטן די אינעווייניקסטע חמימה פון די צעגליטע קוילן, — האָט דאָך אין משך פון יאָרהונדערטער דערוואָרעמט די געבליטן פון

אונדזער אבות און אמהות, וואָס פלעגן אין די וואָכעדיקע טעג אויף די שוועלן פון זייערע קרעמלעך אויסקוקן די אויגן נאָך אַ קונה, אָבער אין די שבתדיקע אָדער יום־טובדיקע טעג פלעגן זיי מיט די זעלבע קרעמער־שע אויגן זיין פאַרטיפט אין אַ פרק משניות, אין אַ קאַפּיטל „עין־יעקב", צי איינדרעמלען זיס און געשמאַק אויף דעם „צאינה וראינה" און „מנורת המאור".

פון אָט דעם געבענטשטן פייערטאָפּ זענען דאָך אויך אַרויסגעקראָכן, ווי סאַלאַמאַנדרעס פון קאַלכאויוונס, אַלע אונדזערע בעסטע שרייבער און קולטור־טרעגער, אַלע אונדזערע בעסטע פאַרטיי־פירער און כלל־טוער. איז מיר אַ וואונדער, וואָס אפילו אונדזער געבענטשטער אברהם רייזען (לאַנג לעבן זאָל ער!) האָט נאָך, דאַכט זיך מיר, ביז היינט נישט באַ־זונגען די ווינטערדיקע „נר תמידלעך" פון אונדזערע אבות און אמהות, די שוואַרץ־בלעכענע פייערטעפּ, וואָס האָבן נאָך עד־היום אויפגעהיט אונטער זייערע ווייס־גרויע אַש־שיכטן די אינעווייניקסטע חמימה פון אונדזער פאָלקס־לעבן און פאָלקס־שאַפן.

אויך אין דעם טאָג פון דער מענדעלע־אַקאַדעמיע האָט געהערשט אין איישישאָק אַ טרוקענער „סיבירער" פראָסט.

ווידער אַמאָל געמוזט דורכמאַכן די עקספּעדיציע צום, איר זאָלט מיר מוחל זיין, בית הכסא, וואָס איז געווען פאַררוקט טיף־טיף אין הויף אַריין — האָב איך געמוזט אָנטון אויף מיין פאַדזשאַמע דעם פעלץ און אויף מיינע שטעקשיך — די קאַלאָשן.

פאַר מיר, דעם צעבאַלעוועטן וועלט־וואַנדערער, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט — איר זאָלט מיר ווידער אַמאָל מוחל זיין — אַלע קולטור־בית־הכסאס פון דער הויך־ציוויליזירטער אייראָפּע, איז די דאָזיקע „עקס־פּעדיציע" מיינע צו דער טיף־פאַרשנייטער האַלץ־בודקע פון דער איישי־שאָקער אכסניה געווען איינע פון די שווערסטע „באַרג־אַרויפן" מיינע...

דער רויך פון מיין ציגאַרעטל פלעגט אין דער פראָסטיקער לופט תיכף אויפגעלייזט ווערן אין אַ בלויליכן וואָלקנדל און ער פלעגט נישט באַווייזן אפילו צו דערוואַרעמען כאָטש דעם שפּיץ נאָז מיינעם!

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז די דאָזיקע „עקספּעדיציע" מיינע צום איי־שישאָקער „נאָרד־פּאָל", ווהין דער קיסר אַליין וואָלט געמוזט גיין צופוס,

האָבן באַמערקט אַ פּאָר חדר־ייִנגלעך פון דער אײשישאָקער תלמוד־תורה, און עס איז באַלד צעטראָגן געוואָרן אַ קלאַנג איבערן גאַנצן שטעטל, אַז עס איז אָנגעפאָרן פון ווילנער צירק אַ קונצנמאַכער, וואָס וועט אין אָונט באַווייזן אין דער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" פאַרשידענע מינים פּאָ־קוסן.

זיי האָבן אַליין געזען, די חדר־ייִנגלעך, ווי דער „קונצנמאַכער" שפּאַ־צירט אַרום איבערן הויף פון דער אכסניה אין קאַלירטע מייטקעס מיט ווייסע זאָקן אין די קאַלאָשן!

מײַן „מענעדזשער" איז געוואָרן זייער צופרידן פון דעם דאָזיקן קלאַנג, ווײַל „קינד און קייט" וועט שוין קומען צו דער מענדעלע־אַקאַ־דעמיע און די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" וועט ווערן איבערגעפּילט.

דעם אמת געזאָגט, איז מיר טאַקע געוועזן אײַנגעפאַלן אַ שטיקל „פּאָקוס" בנוגע מענדעלען. איך האָב געהאַט בדעה צו פאַרגלײַכן דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור צו אַ פּיערטאָפּ, איבער וועלכן נישט איין יידישער שרײַבער האָט געוואָרעמט זײַנע איבערגעפרוירענע הענט...

מיר איז אָבער נישט באַשערט געוועזן אויפצוטרעטן אויף דער פּיער־לעכער מענדעלע־אַקאַדעמיע צוליב אַ נישט פאָראויסגעזעענער סיבה.

די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" איז צו דער באַשטימטער צייט טאַקע גע־וואָרן איבערפולט מיט „קינד און קייט". מען קען זאָגן, אַז גאַנץ אײשי־שאָק איז געקומען פײַערן דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פון מענדעלע מוכר ספרים.

אויף דער טריבונע האָבן זיך אויסגעזעצט, ווי די בערן, אַכט יידן אָנגעפּעלצט אין שווערע פעלצן און מיט הויכע קאַלאָשן, צי גאָר אין וואַליקעס.

צוערשט האָב איך געהאַט געמיינט, אַז די אַלע חשובע יידן האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער טריבונע צוליב דעקאָראַטיווע טעמים. זאָל מען הייסט עס, זען דעם גאַנצן „מענדעלע־קאָמיטעט" פון אײשישאָק. אגב, וועט מיר אַליין אויך ווערן וואַרעמער אַ ביסל אויף דער טריבונע פון דער נישט געהייצטער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע".

האָט מיר אָבער דער „מענעדזשער" דערקלערט, אַז יעדער איינער פון די אַכט בײַזיצערס וועט האַלטן אַ באַגריסונגס־וואָרט. צוערשט וועט

יעדער איינער פון זיי זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן מיר, דעם „פּרעלע־גענט״, וואָס קומט קיין איישישאָק אַזש פון פּאַריז, און נאָכדעם — עטלעכע ווערטער וועגן מענדעלען...

יעדער איינער פון די אַכט יידן איז אַ פּאַרטרעטער פון אַ וויכטיקער אינסטיטוציע אָדער — פון אַ וויכטיקער פּאַרטיי, אָבער מיין „מענעדזשער״ האָט מיט זיי לכתחילה אויסגענומען, אַז מען זאָל רעדן צו פינף מינוט, נישט מער ווי צו פינף מינוט, עס זאָל פאַרבלייבן גענוג צייט פאַר מיר — דעם „פּרעלעגענט״.

דער ערשטער רעדנער איז געווען, פאַרשטייט זיך, דער „מענעדזשער״ אַליין. ער האָט מיך צוערשט באַגריסט אין נאָמען פון גאַנץ איישישאָק, און שפּעטער — ספּעציעל אין נאָמען פון דער גמילת־חסדים קאַסע, וואָס גרופּירט אַרום זיך דעם איישישאָקער „האַנטווערקערטום״, דעם „קרעמער־טום״, דעם „קליין־סוחרטום״ און די אַלע אַנדערע „טומען״ פון שטעטל. דערביי האָט מיין „מענעדזשער״ נישט פאַרגעסן אויסצורעכענען אַלע מיינע שרייבערישע פאַרדינסטן, ווי אַ פּאָעט, ווי אַ מעמואַריסט און ווי אַ זשור־נאַליסט, ווי אויך — מיינע גרויסע פאַרבינדונגען מיט אַזעלכע וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס ווי „דזשאָינט״, „האַיאַס״, „אָרט״, „אָזע״, „פּען־קלוב״, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

ער האָט אויך נישט פאַרגעסן, דער מענעדזשער, צו דערמאָנען מיינע עלטערע צוויי ברידער — ש. ניגערן און ב. וולאַדעקן — וואָס יעדער איי־נער פון זיי ציט ווייטער „די גאָלדענע קייט״ פון מענדעלען און פּרצן ביז חיים גראַדע און א. סוצקעווער פון „יונג־ווילנע״.

רעדנדיק אָט אַזוי וועגן מיר, האָט מיין „מענעדזשער״ שטאַרק גע־פּאָכט מיט די איבערגעפּרוירענע הענט אין אַלע ריכטונגען, ווי ער וואָלט געמאַכט גימנאַסטיק זיך צו דערוואַרעמען אַ ביסל, אָבער מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז די הענט זיינע פאַרוואַרפן גאָר ווענטקעס אין דער לופטן, כדי צו פאַנגען יענעם הערינג מיט מילך, וואָס די יידענע וויל אים האָבן פאַר צען גראָשן.

דעם מענעדזשערס פּתיחה־רעדע האָט אָבער געדויערט פופצן מינוט. שוין דורכדעם אַליין האָט ער געגעבן אַ שלעכטן ביישפּיל פאַר די ווייטערדיקע אַכט רעדנער. וואָרום אויב דער פאַרטרעטער פון דער גמילת־

חסדים קאָסע רעדט פופצן מינוט, איז פאַרוואָס זאָל דער פאַרטרעטער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס כאַפּט אַרום כמעט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, רעדן ווינציקער ווי פופצן מינוט? און אויב דער אַלגעמיינער ציוניסט רעדט אַ פערטל שעה, מוז דאָך שוין במילא דער פאַרטרעטער פון די פועלי־ציון רעדן נישט ווינציקער, אויב נישט קען זיך באַקומען דער פאַלשער איינדרוק, אַז די אַלגעמיינע ציוניסטן שפּילן אַ גרעסערע ראָלע ווי די פועלי־ציון באַוועגונג...

און וואָס איז מיט די לינקע פועלי־ציון? צי דען שפּילן זיי אַ קלענערע ראָלע אין דעם יידישן לעבן ווי די רעכטע? בפרט נאָך ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער יידישער קולטור און וועגן דער יידישער שפּראַך! אפילו אין ארץ־ישראל פאַרבלייבן דאָך די לינקע פועלי־ציון געטריי דער יידישער פאָלקס־קולטור און דער יידישער פאָלקס־שפּראַך.

וואָס איז נוגע דעם פאַרטרעטער פון „בונד" — איז דאָך קלאָר, אַז ער מעג רעדן נאָך עפּעס מער ווי פופצן מינוט, ווייל דער „בונד" אין פוילן האָט אויפגעטון פאַר דער יידישער פאָלקס־קולטור אַ סך מער ווי אַלע ציוניסטישע פאַרטייען צוזאַמענגענומען.

אויך דער פאַרטרעטער פון די „גאָר לינקע", וואָס זייער אמתן נאָמען האָט מען אין פוילן נישט געטאָרט דערמאָנען, האָט כשר פאַרדינט זיינע פופצן מינוט רייד, ווייל ווער האָט געגרינדעט אין אָדעס דעם ערשטן מענדעלע־מוזיי אויב נישט די סאָוויעט־רעגירונג; און ווער האָט אין אַ סך שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע אָנגערופן גאַסן אויף מענדעלעס נאָמען, אויב נישט די סאָוויעט־רעגירונג?

איצטער, מיינע פריינט, וועלן מיר אַ קוק טון אויפן זייגער און זען, ווי שפּעט עס איז געוואָרן דעמאָלט אין איישישאָק?

9 רעדנער האָבן גערעדט צו 15 מינוט — האָבן מיר אַ קימא־לן פון 135 מינוט, אָדער צוויי שעה מיט אַ פערטל. נאָך 15 מינוט זענען אַוועק אויף די אַפּלאָדיסמענטן מיט די קליינע הפסקות צווישן איין רעדנער און דעם צווייטן. צוזאַמען, הייסט עס, האָבן די אַלע „באַגריסונגען" אָפּגענומען צוויי מיט אַ האַלב שעה. די מענדעלע־אַקאַדעמיע האָט זיך אָנגעהויבן פּונקט אַ פערטל נאָך 9. ווען דער מענעדזשער האָט מיך אויפ־

גערופן צום גרויסן פּייערלעכן רעפּעראַט וועגן דעם זיידן פון דער יידי־שער ליטעראַטור, איז שוין געוואָרן פּונקט אַ פערטל צו צוועלף.

האָב איך קוים באַוויזן זיך פונאַנדערצושאָקלען און דערוואַרעמען מיי־נע איינגעפּרוירענע גלידער — ערשט ס'איז פּלוצלינג געוואָרן שטאָק־פינצטער אין דער גאַנצער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע".

גלייך נאָכדעם האָבן זיך דערהערט פון דעם פינצטער געוואָרענעם „זאַל" אַ סך פרייליכע קינדער־שטימען:

— אַהאַ, איצטער קומען די קונצן!

האָט מיין „מענעדזשער" אַרויסגעכאַפּט פון ערגעץ אַ קעשענע זיין עלעקטרישן לעמפּל און ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט צו דעם פּאָליציסט ביים אַריינגאַנג־טויער אַ פרעג טון, וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט.

האָט אים דער פּאָליציסט גאַנץ קאָלטבלוטיק דערקלערט, אַז ער האָט אַ באַפעל אַזאַ, פּונקט 12 אַזייגער צו פונאַנדערטרייבן דעם עולם.

איישישאָק געפינט זיך צו נאָענט צו סאָוויעט־רוסלאַנד, און נאָך 12 ביינאַכט טאָר נישט פאַרקומען אין איישישאָק קיין שום פאַרזאַמלונג!

אַזוי אַרום איז דורכגעפירט געוואָרן אין איישישאָק די מענדעלע־אַקאַדעמיע אָן מיינע „פּאָקוסן".

דאָך אָבער האָט מיר דער „מענעדזשער" באַצאָלט די פולע פּופציק זלאָטעס, אַ חוץ די אַלע הוצאות פון דער רייזע, פון דער אכסניה, און אַזוי ווייטער.

— סטייטש, פאַרוואָס קומט עס מיר? — האָב איך אַ פרעג געטון מיין „מענעדזשער".

— ס'וועט נאָך פאַר דער פּרץ־ביבליאָטעק אויך בלייבן אַ פּופצי־קער — האָט מיך דער „מענעדזשער" באַרואיקט.

— סטייטש, ווי אַזוי?

— צו 5 זלאָטעס האָבן דאָך אַריינגעטראָגן די רעדנער; ד"ה נישט די רעדנער פערזענלעך, נאָר די אָרגאַניזאַציעס זייערע. האָבן מיר שוין 40 זלאָטעס. נאָך 80 זלאָטעס האָבן מיר באַקומען פאַר בילעטן — האָט דער „מענעדזשער" געמאַכט דעם לעצטן סך־הכל.

איז אויף מאָרגן אינדערפרי דער גאַנצער יובל־קאָמיטעט אַוועק מיט

ווילנע

מיר צו דער י. ל. פרץ ביבליאָטעק, און דער אײשישאָקער פאָטאָגראַף האָט אונדז פאַראײביקט אין אַ בילד אונטער מענדעלעס פּאָרטרעט.

שפּעטער האָט דער מײסטער־פאָטאָגראַף געמאַכט אַ ספּעציעלן פאָ־טאָ־מאָנטאַזש מיט מענדעלען אינדערמיט.

קוק איך איצטער מיט גרויס בענקשאַפט אויף די ליבע, האַרציקע פּנימער פון די אײשישאָקער קולטור־טרעגער און פּאַרטײ־פירער, וואָס יעדער אײנער פון זײ איז דאָך געווען אַ „פּײערטאָפּ״ פון אונדזער פאָלקס־קולטור און פון אונדזער גאַנצן לײב־ און לעבן.

אײשישאָק, אײשישאָק, פאַרוואָס האָט מען דיך אומגעבראַכט?

XXXVI

דער כוח פון אַמעריקאַנער דאָלאַר

נאָך איישישאָק האָב איך באַזוכט דאָס שטעטל הלובאָק און כ'האָב דערזען, אַז אַן ערך צוויי־דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער ווילנער פּראָווינץ איז געווען לחלוטין אַרבעטסלאָז און פּרנסהלאָז.

פלעגט מען ציען די חיונה פון אַמעריקע.

מען פלעגט באַקומען שטיצע פון די גוטהאַרציקע קרובים.

די יעניקע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קרובים אין אַמעריקע — פלעגן געשטיצט ווערן דורך די אינסטיטוציעס פון די צענטראַלע יידישע הילפס־געזעלשאַפטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן „דזשאָינט״.

דער דרך־ארץ פאַר דעם דאָלאַר איז אין פוילן געווען אַ סך אַ גרעסערער, ווי אין אַמעריקע גופא.

אין אַמעריקע, זע איך, קען מען זיך באַגיין אָן דאָלאַר אויך. מען דאַרף נאָר האָבן אין קעשענע אַ טשעק־ביכל. מען שטעלט אויס טשעקס און מען באַקומט טשעקס. בין איך זיך מודה, אַז אפילו איך בין שוין אויך געוואָרן אין אַמעריקע אַ „טשעקיסט״...

אין אייראָפּע אָבער, באַזונדערס אין פוילן, האָט מען פאַר טשעקס נישט געהאַט קיין שום דרך־ארץ. אַ טשעק איז דאָך, אייגנטלעך, אַזאַ מין וועקסל, און אַ וועקסל, ווי באַקאַנט, איז נישט מער ווי אַן אָנזאָג אויף אַן אָנזעץ, אויף אַ באַנקראָט.

וועקסלען זענען דאָך לכתחילה באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם, כדי מען זאָל קענען דורך זיי אָנזעצן.

ווי האָט געזאָגט אַמאָל אַ לאָדזשער טוך־פאַבריקאַנט:

— די „טעכניק״ איז שוין ביי אונדז אין פוילן דערגאַנגען אַזוי ווייט,

אַז פון איין זייט מאַשין שטופּט מען אַריין אַ לעבעדיקן שעפּס מיט וואָל און פון דער צווייטער זייט מאַשין שפּרינגט שוין אַרויס אַ פּאַרטיקער באַנקראָט...

גאַנץ אַנדערש אָבער האָט זיך געפילט אַ יידישער מענטש אין פּוילן, ווען ער האָט פאַרמאָגט אין קעשענע אַ מזומענעם דאָלאַר.

מיט אַ מזומענעם דאָלאַר האָט מען שוין געקענט מאַכן די גרעסטע געשעפטן. ס׳איז אפילו געגנוג געווען צו באַווייזן אַ בריוו פון אַ גוטן קרוב אין אַמעריקע, אַז מען האָט אַרויסגעשיקט אַזוי פיל און אַזוי פיל דאָלאַרן, כדי צו באַקומען קרעדיט ביים בעקער, ביים קצב און ביים קרעמער.

מיטן כוח פון דאָלאַר פלעגט מען אפילו שליסן שידוכים אין פּוילן.

קיין שום חתן האָט נישט געוואָלט באַקומען זיין נדן אין זלאָטעס, נאָר דווקא אין דאָלאַרן. צו די פּוילישע זלאָטעס האָט מען נישט געהאַט קיין שום צוטרוי. דער קורס פון די זלאָטעס פלעגט זיך אַלע ווילע בייטן, בעת דער אַמעריקאַנער דאָלאַר איז געווען דער פּרינץ פון אַלע וואַליוטעס.

די פּוילישע רעגירונג האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז די יידישע באַפעל־קערונג פון פּוילן איז איינע פון די בעסטע וואַליוטע־רעזערוואַרן — פלעגט זי שוין צוטראַכטן פאַרשידענע מינים שטייערן־פּאָמפּעס, ווי אַזוי בעסער אַרויסצופּאָמפּען פון דער יידישער באַפעלקערונג די אַמעריקאַנער דאָלאַרן. די יידן אין פּוילן האָבן די דאָלאַרן אַ נאָמען געגעבן „לאָקשן״. מסתמא צוליב דעם, וואָס דער אַמעריקאַנער דאָלאַר איז לאַנג און שמאָל, ווי אַ לאָקש, און אפשר צוליב דעם, וואָס די יידן אין פּוילן האָבן ליב לאָקשן. אפילו די שבתדיקע זיסע פיש פלעגט אין פּוילן סערווירט ווערן מיט לאַנגע, דינע לאָקשן, וואָס נעצן זיך אין דער פיש־יויך.

ווי עס זאָל נישט זיין — זענען די יידן אין פּוילן געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין די „לאָקשן״.

פלעגט ביי יידן אין פּוילן פאַלן, חלילה, אַ פערד, צי אַ בהמה — פלעגט מען גלייך שרייבן אַ בריוו קיין אַמעריקע, אַז אַ פערד, צי אַ בהמה, קאָסט אין פּוילן אַזוי פיל און אַזוי פיל „לאָקשן״.

די גוטע קרובים אין אַמעריקע פלעגן גלייך לויפן אין „האַיאַס״, וואָס פלעגט זיך פאַרנעמען מיטן איבערשיקן דאָלאַרן קיין אייראָפּע, און מען

פלעגט אַריינטראָגן די געווינטשטע סומע, כדי וואָס גיכער צו ראַטעווען די נויטבאַדערפטיקטע קרובים אין דער אַלטער היים.

ס'פלעגט אָבער אָפט פּאַסירן, אַז ביז וואַנען די דאָלאַרן פלעגן דער־גיין פון אַמעריקע קיין פּוילן — פלעגט ביי די נויטבאַדערפטיקע קרובים פּאָרקומען אַ נייער אומגליק — אַ קרענק, אַ שרפה, אַ לוויה, צי אַן אַרעסט צוליב נישט באַצאָלטע שטייערן (טעקסעס) — און דאָס באַקומענע געלט אויף קויפן אַ פערד, אַ בהמה, צי להבדיל — אַ חתן, פלעגט שוין זיין אויסגעגעבן אויף בילכערע זאַכן.

אין אַ צייט אַרום פלעגן די אומגליקלעכע מענטשן זיך מוזן ווידער ווענדן צו די גוטהאַרציקע קרובים אין אַמעריקע — מען זאָל העלפן איינקויפן דאָס פערד, די בהמה, צי להבדיל — דעם חתן...

האָבן זיך אָבער געפונען אין אַמעריקע אַ סך פּראַקטישע קרובים, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז דאָס געלט, וואָס זיי שיקן קיין פּוילן אויף באַשטימטע צוועקן — זאָל טאַקע פאַרווענדט ווערן אויף די דאָזיקע צוועקן.

האָט מען אָנגעהויבן צו באַפולמעכטיקן די „האַיאַס"־דירעקטאָרן אין פּוילן, אַז זיי זאָלן אויסצאָלן דאָס געלט נאָר דעמאָלט, ווען זיי — די דירעקטאָרן — וועלן זיין זיכער, אַז דאָס צוגעשיקטע געלט וועט טאַקע פאַרווענדט ווערן אויף דעם באַשטימטן צוועק.

אַזוי אַרום פלעגט דער „האַיאַס"־דירעקטאָר אין פּוילן, אָדער זיין באַפולמעכטיקטער אין דער פּראָווינץ, מוזן גאַנץ אָפט פערזענלעך באַטיי־ליקן זיך אין דער חתונה, איידער ער צאָלט אויס דעם נדן, וואָס איז איינ־געלייגט געוואָרן אין „האַיאַס", און ער פלעגט אויך מוזן פערזענלעך אָנ־קוקן דאָס פערד, צי די בהמה, איידער ער צאָלט אויס דאָס צוגעשיקטע געלט פאַר אָט דעם צוועק.

האָט פּאַסירט איינמאָל אַן אומגליק, און די פּוילישע רעגירונג האָט סטאַביליזירט דעם קורס פון דעם דאָלאַר אויף פינף זלאָטעס מיט צוואַנציק גראָשן. פריער פלעגט מען אָפיציעל באַקומען פאַר דעם דאָלאַר עפּעס מער פון ניין זלאָטעס, און נישט־אָפיציעל, אויף דער שוואַרצער בערזע, פלעגט מען פאַר דעם דאָלאַר צאָלן נאָך אַ סך מער!

איז אויסגעבראָכן צוליב דעם ביי די יידן אין פּוילן אַ גרויסע פּאַניק.

זיי זענען פלוצלינג אָרעמער געוואָרן אויף גאַנצע פופציק פּראָצענט. ס׳זע־נען רואינירט געוואָרן אַ סך געשעפטן. ס׳זענען בטל געוואָרן אַ סך שי־דוכים.

ווען מען האָט, למשל, צוגעזאָגט דעם חתן אַ נדן פון הונדערט „לאָק־שן" — האָט עס באַטראָפן אַ סומע פון איבער טויזנט זלאָטעס, אָבער ווען מען האָט סטאַביליזירט דעם דאָלער אויף פינף זלאָטעס — האָבן שוין די הונדערט „לאָקשן" באַטראָפן נישט מער ווי 500 זלאָטעס. ווו־זשע, פרעגט זיך, נעמט מען די צווייטע הונדערט דאָלער אויף צו דעקן דעם היזק?

פלעגט מען לויפן צום דירעקטאָר פון „האַיאַס", וואָס ביי אים איז געווען איינגעלייגט דער נדן — ער זאָל זען שאַפן די צווייטע הונדערט דאָלער!

גראָד איז די סטאַביליזאַציע פון דער פּוילישער זלאָטע פּאָרגעקומען אין דער צייט פון די גרויסע רוזוועלט־רעפאָרמען אין אַמעריקע. האָבן אַ סך יידן און יידענעס פון דער פּוילישער פּראָווינץ געגלויבט, אַז שולדיק אין אַט דעם גרויסן אומגליק — איז דער פּרעזידענט פון אַמעריקע.

האָב איך בייגעוווינט איינמאָל אַ סצענע אין ווילנער „האַיאַס", ווי אַן אומגליקלעכע אָרעמע כלה האָט געריסן אויף זיך די האָר, וואָס רוזוועלט האָט זי אומגליקלעך געמאַכט.

— ער האָט דאָך אַוועקגעקוילעט אַ וועלט מיט יידישע טעכטער! — האָט די היסטעריש־געוואָרענע כלה געגוואַלדעוועט צום „האַיאַס"־דירעק־טאָר, ווי אויך ער, דער דירעקטאָר, וואָלט געווען שולדיק אין איר אומ־גליק.

— שבת נאָך שבועות האָב איך דאָך שוין געזאָלט חתונה האָבן, און ווי נאָר מען האָט געשניטן דעם דאָלער אויף העלפט — איז מיר דער חתן נישט געוואָרן אונטער די הענט! — האָט די כלה ביטער געיאָמערט.

דער „האַיאַס"־דירעקטאָר האָט פּרובירט טרייסטן די כלה, אַז ער וועט שרייבן צו די קרובים אין אַמעריקע — אפשר וועלן זיי צושיקן נאָך אַ הונדערטער, אָבער ס׳מוז נעמען צייט, מיין טייערע, ס׳מוז נעמען צייט!

וועלכע כלה האָט עס אָבער צייט צו וואַרטן אויף די ישועות פון אַמעריקע, ווען ס׳איז שוין געווען אָפּגערעדט שבת נאָך שבועות חתונה צו האָבן!

קוים אַריבערגעקומען די „ספירה״ ווען מען טאָר נישט חתונה האָבן — איז אַ נייע אַנשיקעניש!

איצטער וועט אויסקומען צו ציילן אַ נייע „ספירה״ פון טעג, פון וואָכן און חדשים ביז די קרובים אין אַמעריקע וועלן באַוויליקן צוצוגעבן נאָך אַ הונדערטער אויף נדן!

די באַנקראָטירטע כלה האָט, פאַרשטייט זיך, געבעטן זיך רחמים ביים „האַיאַס״־דירעקטאָר — ער זאָל אויסבאָרגן די צווייטע הונדערטער ביי דעם „האַיאַס״, וועלכער איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אַמע־ריקאַנער פּרעזידענט, וואָס האָט זי אומגליקלעך געמאַכט.

מעגלעך, אַז דער „האַיאַס״־דירעקטאָר וואָלט עס, אפשר, אויך גע־טון, ווען די חתנלאָז־געוואָרענע כלה וואָלט געווען ביי אים אַ „בת־יחידה״, אָבער אַזעלכע באַנקראָטירטע כלות זענען שוין געווען דעמאָלט אין די הונדערטער!

גראָד דעמאָלט, ווען ס׳האָט זיך געטומלט אין פּוילן מיט דעם גרויסן דאָלער־שניט, וואָס האָט אומגליקלעך געמאַכט ביי צוויי־דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג — בין איך אָנגעפאָרן אין דעם שטעטל גלובאָקע (ווילנער קאַנט) אויפצומאָנען דאָרטן אַן אַמעריקאַנער ירושה...

איינע, אַן עלנדע קרובה מיינע אין גלובאָקע, וואָס פלעגט באַקומען פון איר גוטער שוועסטער אין אַמעריקע, יעדן חודש אַ „פּענסיע״ — האָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט דאָלער, און זי האָט באַשלאָסן אויף די עלטערע יאָרן אויסצובויען זיך אַן אייגן הויז און שטאַרבן צווישן די אייגענע פיר ווענט.

ס׳איז איר אָבער נישט באַשערט געווען צו שטאַרבן צווישן די אייגע־נע פיר ווענט. זי איז קראַנק געוואָרן נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו באַ־זעצן זיך אין איר אייגענעם הויז. זי האָט נאָך אָבער באַוויזן איבערצולאָזן אַ צוואה, אַז מען זאָל דאָס הויז פאַרקויפן און איבערשיקן דאָס געלט צו איר שוועסטער אין אַמעריקע.

האָט מיך די אַמעריקאַנער שוועסטער באַפולמעכטיקט צו פאַרקויפן דאָס ירושה־הויז אין גלובאָקע און פאַרטיילן דאָס געלט צווישן אונדזערע נויטבאַדערפטיקע קרובים אין פּוילן און אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

אַזוי אַרום האָט מיך דער גורל פאַרוואָרפן אין גלובאָקע נישט ווי אַ שרייבער און נישט אפילו ווי אַ „פּרעלעגענט״.

איך בין געקומען, הייסט עס, קיין גלובאָקע טון „ביזנעס״.

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז גלובאָקע האָט פאַרמאָגט צוויי וואָכנבלעטער: „גלובאָקער וואָך״ און „גלובאָקער לעבן״. איין וואָכנבלאַט איז געווען ציוניסטיש־באַלעבאַטיש, דאָס צווייטע — פּראָ־סאָוויעטיש־ראַדיקאַל. אויך רבנים האָט גלובאָקע פאַרמאָגט צוויי — אַ חסידישן רב און אַ מתנגדישן. אמת, דער מתנגדישער רב איז געווען דער איידעם פון דעם חסידישן רב און דיביידע רבנים האָבן געגעסן, קען מען זאָגן, פון איין שיסל, אָבער דאַוונען — פלעגן זיי דאַוונען אין באַזונדערע שולן און פון באַזונדערע סידורים. פלעגט דער חסידישער רב — דער שווער, הייסט עס — אָנהויבן דעם דאַוונען מיט „הודו״ — פלעגט דער מתנגדישער רב — דער איידעם, הייסט עס — אַריינפאַלן מיט זיין „ברוך שאמר...״

דאָס נעמלעכע, אייגנטלעך, איז אויך געווען מיט די צוויי גלובאָקער וואָכנבלעטער. אויך זיי פלעגן עסן, קען מען זאָגן, פון איין שיסל, ד״ה פון די אַמעריקאַנער דאָלאַרן, וואָס די גלובאָקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק פלעגן זיי צושיקן, אָבער „דאַוונען״ פלעגן די ביידע וואָכנבלעטער דאַוונען פון באַזונדערע סידורים...

פלעגט די „גלובאָקער וואָך״ אַרויספאָרן מיט אַן אַרטיקל וועגן ארץ־ישראל — פלעגט „גלובאָקער לעבן״ אַריינפאָרן אין זייט אַריין מיט בירא־בידזשאַן...

ווען די רעדאַקטאָרן פון די ביידע וואָכנבלעטער האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך געפין זיך אין גלובאָקע, זענען זיי באַלד געקומען צו מיר איינער נאָך דעם צווייטן אין דער אכסניה נעמען אינטערוויוס.

צוערשט האָט זיך צו מיר געמאָלדן דער רעדאַקטאָר פון דער „גלובאָקער וואָך״, וואָס האָט שוין געהאַט פּובליקירט אַ גאַנצן ציקל רעליגיעז־פילאָזאָפישע אַרטיקלען, און זיין נאָמען איז מיר שוין געווען באַקאַנט.

האָט מיר דער רעדאַקטאָר פון דער „גלובקאָער וואָך״ איינגעשמועסט, אַז כאָטש איך בין געקומען אין שטעטל צוליב פּריוואַטע ענינים, מוז איך אָבער אויפטרעטן פאַר די לייענער פון זיין וואָכנבלאַט.

האָט זיך אָבער באַלד געמאָלדן צו מיר דער רעדאַקטאָר פון „גלובאָ־

קער לעבן״ און ער האָט מיך איבערגעצייגט, אַז איך מוז אויך אויפּ־טרעטן פאַר די לייענער פון זיין וואָכנבלאַט, ווייל „די גאַנצע וועלט״ ווייס דאָך, אַז איך בין אַן אומפּאַרטייאישער מענטש און איך געהער צו אַלעמען, נישט נאָר צו די ציוניסטן אַליין!

נאָך מער, איך מוז, לאָזט זיך אויס, אויפטרעטן אין איין און דעם זעלבן אָוונט פאַר די ביידע וואָכנבלעטער, כדי עס זאָל זיך נישט באַקומען דער פאַלשער איינדרוק, אַז איך גיב אָפּ די בכורה די ציוניסטן פון דער „גלובאָקער וואָך״, בעת די לייענער פון „גלובאָקער לעבן״ ווייסן גאַנץ גוט, אַז איך בין אפילו אַ ביראָבידזשאַניסט אויך...

איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אין דער „גלובאָקער וואָך״ אויפטרעטן פון 8 ביז 10 אָוונט און אין דעם „גלובאָקער לעבן״ פון 10 ביז 12 ביינאַכט...

בין איך קוים פּאַרטיק געוואָרן מיט די ביידע רעדאַקטאָרן פון די צוויי וואָכנבלעטער — ערשט עס האָבן זיך אָנגעהויבן מעלדן צו מיר דעלעגאַציעס וועגן „מעשר״ פון דער ירושה, וואָס איך גיי איינמאָנען פון דעם נישט דערבויטן הויז...

צוערשט האָט זיך געמאָלדן צו מיר אַ דעלעגאַציע פון גלובאָקער „טאָז״ („אָזע״), וואָס פאַרנעמט זיך מיט היילן קראַנקע און שפּייזן אָרעמע קינדער. דער גלובאָקער „טאָז״, לאָזט זיך אויס, נויטיקט זיך שטאַרק אין אַ דענ־טיסטן־שטול. ווען עמיצן אין גלובאָקע כאַפּט אָן, נישט פאַר אייך גע־דאַכט, אַ שאַרפער צאָן־ווייטיק, מוז ער פאָרן אַזש קיין ווילנע היילן די ציינער. ווען „טאָז״ אָבער פאַרמאָגט אַן אייגענעם צאָן־דאָקטאָר שטול, מיט אַלע נויטיקע מכשירים צו אים, וועט דאָס צאָן־ווייטיק־פּראָבלעם אין גלו־באָקע געלייזט ווערן אָן קיין שום שוועריקייטן. אַזאַ מין צאָן־שטול דאַרף קאָסטן ביי 200 זלאָטעס. איז אויב איך זאָל, למשל, צוזאָגן פון מיין ירושה־הויז 100 זלאָטעס, וועט מען שוין די צווייטע 100 זלאָטעס שאַפן אויפן אָרט.

האָב איך דען געהאַט אַן אַנדער ברירה ווי צוצוזאָגן די הונדערט זלאָטעס פאַר אַזאַ מין וויכטיקן צוועק!

בין איך קוים פאַרטיק געוואָרן מיט דער „טאָז״־דעלעגאַציע — ערשט עס קומט צו מיר אַריין אַ דעלעגאַציע פון דעם גלובאָקער מושב זקנים.

היות, מיין פאַרשטאָרבענע קרובה, ע״ה, וואָס האָט נישט דערבויט איר הויז, פלעגט שטענדיק געבן נדבות פאַר דעם מושב זקנים; און, היות, זי האָט אפילו געהאַט בדעה, נאָך אירע 120 יאָר, אָפּצושענקען איר הויז פאַר עלנדע און אָרעמע זקנים — וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך, ווען איך לאָז איבער פאַר דעם גלובאָקער מושב זקנים אַ באַדייטנדע סומע פון מיין ירושה־הויז.

זיי האָבן מיך געבעטן, די דעלעגאַטן, אַז איך זאָל זיי צוזאָגן, לכל הפחות, נישט ווינציקער וויפל איך האָב צוגעזאָגט דעם „טאָז״ אויף צו קויפן אַ דענטיסטן־שטול.

— צאָן־ווייטיק — האָט מיר איינער פון די דעלעגאַטן אַ זאָג געטון — איז, סוף כל סוף, אַ פאַראיבערגייענדיקע דערשיינונג; אָבער ווען עס באַפאַלט אַ מענטש די זקנות, אוי — די זקנות, — מוז מען שוין מוטשען זיך מיט איר ביז די הונדערט מיט צוואנציק יאָר!

האָב איך דען געהאַט אַן אַנדער ברירה נישט צוצוזאָגן פאַר דעם גלובאָקער מושב זקנים אַ גאַנצן הונדערטער? בפרט נאָך, ווען איך אַליין בין שוין געווען דעמאָלט נענטער צו פופציק, ווי צו פערציק...

איך האָב נאָר געציטערט פאַר דער דעלעגאַציע פון דער גלובאָקער „הכנסת כלה״ געזעלשאַפט.

מער פעלט מיר נישט, ווען ס׳קומט צו מיר אַ דעלעגאַציע אויך נאָך פון יענע חתנלאָז געוואָרענע כלות, וואָס האָבן געליטן פון דער זלאָטי־סטאַביליזאַציע! איך וועל דאָך מוזן דעקן די גרויסע דיפערענץ פון דעם שרעקלעכן דאָלאַר־שניט!

וועט דען מיין נישט דערבויטע ירושה־הויז אין גלובאָקע אויסהאַלטן אַזוי פיל „מעשרס״, וואָס איך האָב שוין צוגעזאָגט און וואָס איך וועל נאָך מוזן צוזאָגן?!

XXXVII

מיין ירושה־הויז אין גלובאָקע

מיין אכסניה אין גלובאָקע האָט, ווי אַלע אכסניות אין די קליינע שטעטלעך, פאַרמאָגט איינעם אַ גרויסן קרעטשמע־צימער פאַרן „פּראָסטן פאָלק" און צוויי־דריי קלענערע צימערן פאַר גרויסע סוחרים, וואָס ווילן שלאָפן אַליין, אָדער פאַר פאַרפאַלקן וואָס מוזן שלאָפן אַליין.

פאַר איבערנעכטיקן אין דעם אַלגעמיינעם קרעטשמע־צימער האָט דער באַלעבאָס פון דער אכסניה גערעכנט איין זלאָטי (קאַרגע 20 סענט); פאַר שלאָפן אין אַ באַזונדער צימער האָט ער שוין גערעכנט צוויי מיט אַ האַלב זלאָטעס (אַ קאַרגן האַלבן דאָלאַר).

אין דער גלובאָקער אכסניה, ווי אין אַלע אַנדערע אכסניות פון די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, האָבן די פּאַליאַקן איינגעפירט צוויי וויכטיקע רעפאָרמעס:

ערשטנס, טאָרן נישט זיין די ווענט באַקלעפּט מיט „אַביטשעס" (טאַפּעטן), ווייל הינטער די „אַביטשעס" פאַרפירן זיך, געוועוועלעך, וואַנצן און, צווייטנס, דאַרפן די בעטן אין די אכסניות זיין אייזערנע און נישט קיין הילצערנע. אין אייזערנע בעטלעך האָבן נישט די וואַנצן ווו צו מאַכן זייערע נעסטן. אייזערנע בעטן האָבן אויך די מעלה, וואָס מען קען זיי לייכט צונויפלייגן און אַרויסטראָגן אין דרויסן לופטערן.

די פּוילישע „וואַנצאָלאָגן" (אויב מען קען אַזוי זאָגן) האָבן אויך באַשטימט, אַז די ווענט פון די אכסניות מוזן זיין געפאַרבט מיט אַ ספּעציעלן אויל־פאַרב. ווען די אויל־פאַרב טריקנט אויס, ווערן די ווענט זייער גלאַנציק און גליטשיק, און אויף אַזעלכע ווענט האָבן נישט די וואַנצן קיין שום אָנהאַלט, זיי גליטשן זיך אויס!...

מוז מען דאָ, למען האמת, פעסטשטעלן, אַז אויף דעם אַנטי־וואַנצן־פּראָנט האָט די פּוילישע רעגירונג אָפּגעהאַלטן גרויסע נצחונות. מען האָט שוין געקענט רואיק שלאָפן אין אַלע יידישע אכסניות פון פוילן.

דערפאַר אָבער פלעגט יעדער בעל־אכסניה מוזן צאָלן דעם מאַגיס־טראַט גאַנצע צוואַנציק פּראָצענט פון יעדער רעכענונג וואָס ער שטעלט אויס פאַר זיינעם אַ גאַסט.

דער דאָזיקער לאָקאַלער שטייער (טעקס) האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט צו טון מיט די אַלגעמיינע מלוכה־שטייערן, וואָס יעדער פּויל־שער בירגער האָט געהאַט צו צאָלן דער צענטראַלער רעגירונג.

האָט דער באַלעבאָס פון מיין גלובאָקער אכסניה געהאַט גענוג שלאָפ־לאָזע נעכט צוליב אָט די פאַרשידענע מינים שטייערן, כאָטש די נעכט זענען געווען וואַנצנלאָז.

אָבער אויך די געסט פון די אכסניות האָבן געהאַט שלאָפלאָזע נעכט צוליב אָט די „משוגענע״ שטייערן, ווי דער באַלעבאָס פלעגט זיי רופן.

ווי נאָר ס׳פלעגט צופאַלן די נאַכט און גאַנץ גלובאָקע פלעגט איינ־שלאָפן מיט איר טיפן שלאָף, פלעגט זיך אָנהויבן אויפן בוידעם פון דער אכסניה אַ ווילדע קלאַפּעריי, ווי אשמדאי מיט לילית וואָלטן דאָרטן גע־פּראַוועט זייערע אַ כאַסינקע.

ווען איך האָב אינדערפרי אַ פרעג געטון דעם באַלעבאָס צי האָט ער געהערט ביינאַכט די משוגענע קלאַפּעריי אויפן בוידעם? האָט מיך דער באַלעבאָס באַרואיקט, אַז דאָס זענען נישט געווען, חלילה, קיין שדים, נאָר דאַך־דעקערס פאַרריכטן ביינאַכט דעם דאַך פון זיין הויז.

לאָזט זיך אויס, אַז אויך אפילו פאַר פאַרריכטן אַ דאַך מוז מען צאָלן דעם מאַגיסטראַט אַ געוויסן שטייער. פירט מען דורך די דאָזיקע אָפּעראַ־ציע אינמיטן נאַכט, ווען אויך אפילו די פּאָליציי שלאָפט מיט איר טיפן שלאָף.

כדי אָבער די נייע לאַטעס אויפן דאַך זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן — פאַרבט מען אָפּ די פרישע שינדלען מיט אַ גרויער פאַרב און די נייע לאַטעס באַקומען באַלד דעם אַש־גרויען קאָליר פון דעם גאַנצן דאַך.

„וואָס אַריינגעכאַפּט, איז אַריינגעכאַפּט!" — האָט דער באַלעבאָס פון דער אכסניה מיט צופרידנקייט אַ זאָג געטון.

איז מיר שוין געוואָרן קלאָר, אַז די גאַנצע „עקאָנאָמיק" פון די יידן אין פוילן איז געבויט אויף עפּעס אַ מין „כאַפּינקעס".

די פּאָליאַקן האַלטן אין איין אויסכאַפּן ביי די יידן אַלע זייערע פּרנסות — האַלטן די יידן אין איין „אויסכאַפּן" ביי די פּאָליאַקן די שטייערלעך פאַר פאַרלאַטן אַ דאַך, פאַר האַלטן אַ ציג, פאַר בענטשן אתרוג און פאַר נאָך אַזעלכע „גנבישע" זאַכן... (יאָ, אויך פאַר אַריינפירן אין לאַנד לולבים מיט אתרוגים פלעגט די פּוילישע רעגירונג „אַריינבענטשן" אַ גאַנץ פיינעם אָפּצאָל).

האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אין גלובאָקע כאָטש אויף עטלעכע טעג אַ פּוילישער ייד און „אַריינכאַפּן" פאַר מיין ירושה־הייזל וואָס נאָר עס לאָזט זיך.

האָט אָבער מיין ירושה־הויז קיינער נישט געוואָלט אַריינכאַפּן, כאָטש עס האָט פאַרמאָגט אַ שפּאָגל־נייעם דאַך, וועלכן מען וועט יאָרנלאַנג נישט דאַרפן בגנבה פאַרלאַטען.

„וועלכער משוגענער ייד וועט עס איצטער קויפן אַ הויז אין גלו־באָקע?" — האָט מיר דער באַלעבאָס פון מיין אכסניה אויפגעקלערט דעם שכל.

„אויף די פּויליש־סאָוויעטישע גרענעצן האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן אַרומדרייען פאַרשידענע מינים דייטשן, און דאָרטן ווו דייטשן דרייען זיך אַרום קומט שוין קיין גוטס נישט אַרויס!" — האָט מיר דער באַלעבאָס פאַרזיכערט.

„מען רעדט שוין אפילו וועגן דעם, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן פאַר־נעמען אַ גרויסן טייל פון ווילנער גובערניע. דעמאָלט וועט דאָך גלובאָ־קע ווידער אַמאָל זיין אויפן ערשטן פייער!" — האָט מיך דער באַלעבאָס ווייטער אינפאָרמירט וועגן דער פּאָליטישער און סטראַטעגישער לאַגע פון זיין שטעטל.

„ווער דערציילט אייך אַזעלכע באָבע־מעשיות?" האָב איך געפּרוווט דינגען זיך מיט מיין באַלעבאָס פון דער אכסניה. „אויף וויפל איך ווייס, זענען די באָלשעוויקעס צופרידן ווען מען לאָזט זיי צו־רו און זיי קענען

אומגעשטערט דורכפירן זייערע „פּיאַטילעטקעס", פּייפנדיק אויף דער גאַנצער וועלט!"

„צי דען ווייסט איר נישט, אַז דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער בעק האָט שוין אונטערגעשריבן מיט היטלערן עפּעס אַ נייעם אָפּמאַך, אָדער אַז „אַקט", ווי מען זאָגט עס אין פּוילן? און צי דען ווייסט איר נישט, אַז מאַרשאַל גערינג קומט שוין צו אָפט פון בערלין קיין וואַרשע כלומרשט אויף „יאַגד" אין די בעלאָוויעזשער וועלדער? און צי דען מיינט איר, אַז די באָלשעוויקעס וויסן נישט פון דעם? עס גייט דאָך נישט דורך קיין נאַכט, אַז די גרענעץ־אַגענטן פון גלובאָקע זאָלן נישט אַריבער־שמוגלען קיין סאָוויעט־רוסלאַנד עטלעכע יונגעלייט, וואָס לויפן פון פּוילן. זינט ס'איז געשלאָסן געוואָרן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, דער „בעק־אַקט", ווי מען רופט עס אין פּוילן, האָבן יידישע יונגעלייט אָנגעהויבן לויפן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד".

„אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו מיין ירושה־הויז, וואָס איך וויל פאַרקויפן?" האָב איך איבערגעשלאָגן מיין זייער באַרעדעוודיקן אכסניה־באַלעבאָס.

„די שייכות איז זייער אַ פּשוטע: ווי באַלד אויף דער פּויליש־סאָוויע־טישער גרענעץ איז מען אומרואיק, וועט שוין קיין ייד אין גלובאָקע נישט פאַרפירן זיך איצטער מיט נייע הייזער. פון גלובאָקע צו דער סאָוויעטישער גרענעץ איז דאָך שוין מיט דער האַנט צו דערלאַנגען!"

„אויב איר העלפט מיר פאַרקויפן מיין הויז באַקומט איר אַ געוויסן פּראָצענט" האָב איך שוין געפּרוווט צו פאַראינטערעסירן דעם בעל־אכסניה מיינעם.

„ווי אַזוי קענט איר מיר אָנבאָטן אַ פּראָצענט, ווען איר האָט שוין צוגעזאָגט אויף קהלשע זאַכן אַ סך מער וויפל אייער הויז איז ווערט?" — האָט מיר דער באַלעבאָס געמאַכט אַ שטיקל פאָרוואורף.

„פון וואַנען ווייסט איר וויפל איך האָב שוין צוגעזאָגט אויף קהלשע זאַכן?" — בין איך געוואָרן נייגעריק צו וויסן.

„נאַט, זעט!" — האָט מיר דער באַלעבאָס אַ זאָג געטון, אַרויסצי־ענדיק פון קעשענע די צוויי גלובאָקער וואָכנבלעטער, וואָס פלעגן דער־שיינען יעדן פרייטיק אינדערפרי.

ד נ י א ל ט ש אַ ר נ י

איך האָב פונאַנדערגעוויקלט די בײדע וואָכנבלעטער און איך האָב זיך איבערגעשראָקן פאַר די שרײַענדיקע „קעפּ" און „קעפּלעך" וועגן מיר פּערזענלעך.

אין דער ציוניסטישער „גלובאָקער וואָך", למשל, איז מיט ריזיקע אותיות אויף דער ערשטער זײַט אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ פאָלגנדיקער „קאָפּ":

„גרײט זיך צום רעפעראַט פון דניאל טשאַרני, וואָס וועט פאָרקו־מען שבת־צונאַכט"", און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

האָט דאָס צווייטע וואָכנבלאַט, דאָס „גלובאָקער לעבן", וואָס איז גע־ווען פּראָ־סאָוויעטיש־ראַדיקאַל, אָפּגעדרוקט מיט די זעלבע ריזן־אותיות דעם זעלבן „קאָפּ", נאָר עטוואָס איבערגעדרייט — עס זאָל קלינגען מער באַפעלעריש און „קאָמסאָמאָליש":

„זייט גרייט צום רעפעראַט פון דניאל טשאַרני, וואָס וועט פאָרקומען שאַבויסענאַכט" אאַז"וו אאַז"וו.

באַלד נאָכדעם קומען אין די בײדע וואָכנבלעטער וויכטיקע מעל־דונגען מיט עטוואָס קלענערע „קעפּלעך", און נעמלעך:

„דניאל טשאַרני איז באַגייסטערט פאַר דעם צאָן־דאָקטאָר־שטול! ער האָט שוין צוגעזאָגט אַ העלפט פון דער סומע, וואָס אַזאַ שטול דאַרף קאָסטן! על כן בעט די געזעלשאַפט „טאָז" („אָזע") אַלע אירע מיטגלידער צו קומען אומבאַדינגט אויסהערן די רעפעראַטן פון דניאל טשאַרני".

באַלד נאָכדעם קומט אַ צווייטער נאָטיץ, אַז איך בין אויך „באַגייס־טערט" פאַר דעם גלובאָקער מושב זקנים, פאַר וועלכן איך האָב שוין צוגעזאָגט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע סומע, און מען וועט אין דעם דאָזיקן מושב זקנים, אַ סברה, אײַנאָרדענען אַ ספּעציעלן צימער אויפן נאָמען פון מײַן פאַרשטאָרבענער קרובה, ע"ה, וועמענס ירושה־הויז איך בין געקומען פאַרקויפן. על כן ווערן אַלע מיטגלידער פון גלובאָקער „מושב זקנים" אויפגעפאָדערט צו קומען אויסהערן מײַנע רעפעראַטן.

אין די לײַטאַרטיקלען פון די בײדע וואָכנבלעטער האָט מען פאַר־זיכערט די לייענער, אַז איך וועל, פאַרשטייט זיך, אויך נישט קריוודען די אַנדערע וויכטיקע געזעלשאַפטן פון שטעטל, ווי דעם „גמילת חסד",

דעם „ביקור חולים“ און — זיי צו לענגערע יאָר — די „חברה קדישא“, וואָס האָט לעצטנס „אומזיסטע“ מתים פיל מער ווי באַצאָלטע.

האָט מיר מיין פאַנטאַזיע אויסגעמאָלט דאָס בילד ווי צו מיינע רעפעראַטן אין איין און דעם זעלבן „שאַבויסעגנאַכט“ (פון 5 ביז 8 דער ערשטער רעפעראַט און פון 9 ביז 12 — דער צווייטער) זענען, לויטן רוף פון „טאָז“ געקומען די אַלע, וואָס ליידן פון צאָן־ווייטיק און, לויטן רוף פון מושב־זקנים אַלטע לייט פון שטעטל. די צאָן־ליידנדיקע מיט אַרומגעבונדענע קעפּ, מיט אויפגעלאָפענע באַקן, מיט אויסגעקרימטע מיילער, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט געשוואָלענע ליפּן האָבן זיך אויסגעזעצט אין די פאָדערשטע רייען, און אין די הינטערשטע רייען האָבן זיך אויסגעזעצט די אַלטע לייט און די אינוואַלידן, די קרומע און לאָמע, די הינקענדיקע און די פּאַראַליזירטע, די בלינדע און די טויבע, און אָט פאַר דער דאָזיקער טשיקאַווער אוידיטאָריע לייען איך מיינע רעפעראַטן וועגן די נייע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, ווי, למשל, דער „ייוואָ“ אין ווילנע און די יידישע ענציקלאָפּעדיע אין פּאַריז, מענדעלעס הונדערטסטער געבורטסטאָג און חיים גראַדעס ערשטע פּאָעמע „יאָ“, י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב“, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אַריבערגעבראַכט פון אַמעריקע קיין פּוילן און גאָלדפאַדנס „קאָלדוניע“, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. אָבער אינמיטן פון מיין רעדן דערהערט זיך פּלוצלינג אַ משוגענע קלאַפּעריי אויפן בוידעם, ווי „יאָשע קאַלב“ מיט דער „קאָלדוניע“ וואָלטן דאָרטן געפּראַוועט אַ „כאַסינקע“. מיין טשיקאַווע אוידיטאָריע דערשרעקט זיך, אָבער דיביידע רעדאַקטאָרן פון די צוויי גלובאָקער וואָכנבלעטער, וואָס זיצן מיט מיר אויף דער הויכער טריבונע, הויבן אָן צו באַרואיקן דעם עולם. דער רעדאַקטאָר פון ציוניסטישן וואָכנבלאַט מעלדעט, אַז דאָס הערן מיר דאָ די היסטאָרישע קלעפּ פון דעם אויפבוי אין ארץ־ישראל. שפּרינגט אויף דער רעדאַקטאָר פון פּראָ־סאָוויעטישן וואָכנבלאַט און ער מעלדעט פייערלעך, אַז מיר הערן דאָ די היסטאָרישע קלעפּ פון דעם אויפבוי אין ביראָבידזשאַן.

שטיי איך צווישן די ביידע רעדאַקטאָרן אַ צעטומלטער און איך קען נישט קלוג ווערן, ווו איך געפין זיך אויף דער אמתן: אין ארץ־ישראל, צי אין ביראָבידזשאַן, אין איישישאָק צי אין גלובאָקע.

אַזוי איז שוין, זעט אויס, די טבע פון אַלע אומפּאַרטייאישע שרייבער און רעדנער, וואָס פּאַלן אַריין פון צייט צו צייט אין אַזאַ מין הין־הער־פּלעט, ווען זיי וויסן אַליין נישט אויף וועלכער וועלט זיי געפינען זיך.

ס׳ווערט ביי זיי דעמאָלט רעכט, אַז אין ארץ־ישראל זאָל מען איינ־פירן „פּיאַטילעטקעס״ און אין ביראָבידזשאַן זאָל מען אָנהויבן צו רעדן דווקא העברעאיש.

אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ פּאַר אַ שייכות צו מיין ירושה־הויז אין גלובאָקע, וואָס קיינער וויל עס נישט אָפּקויפן?

וואָלט עס כאָטש פּאַרמאָגט, מיין ירושה־הויז, אינעווייניקסטע ווענט מיט אָפּגעצוימטע צימערן — וואָלט איך עס געקענט פּאַרדינגען צו גוטע שכנים און פּאַר דעם דירה־געלט אַליין וואָלט איך שוין געקענט אויפשטעלן אַ מצבה אויפן קבר פון מיין פּאַרשטאָרבענער קרובה. האָט אָבער מיין פּאַרשטאָרבענע קרובה נישט באַוויזן אויפצושטעלן די אינעווייניקסטע ווענט און דאָס נייע הויז אירס איז פּאַרבליבן שטיין נאַקעט מיט נישט קיין געטינקעוועטע ווענט. פון די פּרישע בערווינעס האָט נאָך געשמעקט מיט סמאָלע און פון דעם גרינעם מאָך צווישן די בערווינעס האָט זיך גע־טראָגן אַן אָנגענעמער וואַלד־גערוך, וואָס קיצלט די נאָז־פּליגלען.

אַזאַ מין פּוסטע קרעטשמע וואָלט ווירקלעך געווען גוט פּאַר אַ מושב־זקנים. דער וואַלד־גערוך אַליין קרעפּטיקט און פּאַרייִנגערט.

אָבער ווען איך שענק אָפּ מיין ירושה־הויז פּאַר אַ מושב זקנים — וואָס וועט ווערן דעמאָלט פון דעם צאָן־שטול אין „טאָז״ און פון די גלובאָ־קער „ביקור חולים״, „גמילת חסד״, „חברה קדישא״ און די אַנדערע וויכ־טיקע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן שוין אויסגעקוקט די אויגן אויף מיינע גרויסע נדבות?

ווי באַלד איך בין אַן אומפּאַרטייאישער מענטש — מוז איך זיין גוט צו אַלעמען!

איז געבליבן ביי קהל — איך זאָל פּאַרענדיקן דאָס הויז. איך זאָל, הייסט עס, אויפשטעלן אינעווייניקסטע ווענט, איינפירן אויוונס און „לע־זשאַנקעס״, לייגן אַ פּאַדלאָגע, טינקעווען די ווענט און זיי לכתחילה אָפּ־פּאַרבן מיט יענעם געוויסן אייל־פּאַרב, וואָס פּאַרוואַנדלט די ווענט אין אַ גלאַנציקן גליטש און די וואַנצן האָבן נישט אויף זיי קיין שום אָנהאַלט.

ווילנע

האָט דער באַלעבאָס פון דער אכסניה אויסגערעכנט, אַז ווען איך זאָל דורכפירן דאָס אַלץ, וואָס קהל לייגט מיר פאָר, וועל איך דאַרפן אויסגעבן פונקט אַזוי פיל געלט וויפל דאָס גאַנצע הויז האָט געקאָסט און אויף זיין לשון האָט ער געהייסן: „לייגן לעבעדיקע אויף טויטע״...

האָב איך באַשלאָסן זיך אָפּצוטראָגן פון גלובאָקע צוריק קיין ווילנע און פאַרזאָגן אַ צענטן צו האָבן צו טון אין פוילן מיט „אַמעריקאַנער ירושות!״

XXXVIII

כ׳מוז פֿאַרלאָזן ווילנע

דעם ווילנער וואָיעוואָדע זענען, זעט אויס, ניט געפֿעלן געוואָרן מײַנע רייזעס אין איישישאָק און גלובאָקע. אמת, אין די ביידע שטעטלעך, ווי איר ווייסט, בין איך עפּנטלעך כמעט ווי נישט אויפֿגעטראָטן, אָבער דער טומל אַרום מיר איז סיי אין איישישאָק און סיי אין גלובאָקע געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ער איז דערגאַנגען אַזש צום וואָיעוואָדע אין ווילנע.

האָט דער וואָיעוואָדע אַרויסגערופֿן צו זיך מײַן שטענדיקן פּאַרטיי־דיקער און באַשיצער — דעם באַרימטן אַדוואָקאַט יוסף טשערניכאָוו („דאַניעלי״) און ער האָט אים געמאָלדן, אַז ער האָט פֿאַראָרדנט דעם סטאַראָסטע נישט מער צו פֿאַרלענגערן מײַן וווינרעכט אין ווילנע.

ווען טשערניכאָוו האָט אַ פֿרעג געטון דעם וואָיעוואָדע, פֿאַר וועלכע זינד ער האָט באַשלאָסן מיך אַרויסצושיקן פֿון ווילנע — האָט אים דער וואָיעוואָדע געענטפֿערט, אַז שוין דאָס אַליין, וואָס איך בין אַ סאָוויעטי־שער בירגער איז די גרעסטע זינד מײַנע, אָבער נאָך מער אומרויִק איז ער געוואָרן, דער וואָיעוואָדע, ווען מען האָט אים אינפֿאָרמירט, אַז כ׳האָב אָנגעהויבן צו באַזוכן אַזעלכע שטעטלעך פֿון דעם ווילנער געביט, וועלכע געפֿינען זיך האַרט בײַם סאָוויעטישן גרענעץ און דאָס איז שוין זייער פֿאַרדעכטיק.

— כ׳וועל שלאָפֿן אַ סך רויִקער — האָט דער וואָיעוואָדע אַ זאָג געטון צו טשערניכאָוון, ווען אײַער סאָוויעטישער פֿרײַנט וועט וואָס גיי־כער פֿאַרלאָזן, אויב נישט גאַנץ פּוילן איז, לכל הפּחות, דעם ווילנער געביט, פֿאַר וועלכן כ׳בין פֿערזענלעך פֿאַראַנטוואָרטלעך...

איז שוין פֿאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז מײַנע טעג אין ווילנע זענען

געציילטע. כ׳וועל מוזן איבערפּעקלען זיך קיין וואַרשע, ווו כ׳וועל ווידער אַמאָל אָנהויבן קעמפן פאַר מיין וווינרעכט אין פּוילן. ס׳איז שוין אַריין ביי מיר אין עקשנות צו פאַרבלייבן אין פּוילן אַזוי לאַנג ווי איך וויל און נישט, ווי די פּוילישע פּאַנעס ווילן.

האָט מען מיר אין ווילנע געמאַכט אַן אָפּשיידס־באַנקעט און טאַקע אין דעם זעלבן „דאָרמאַנישעס קאַפע״, וועלכן איך האָב געהאַט איינגע־פירט.

אויף דעם דאָזיקן באַנקעט האָב איך דערציילט מיינע איינדרוקן פון דער ווילנער פּראָווינץ און אויך פאַרקויפט די גאַנץ סימבאָלישע מעשה וועגן דעם, ווי אַזוי איישישאָק האָט באַקומען איר נאָמען „איישישקי״, ווי מען שרייבט אין רוסיש אָדער אין פּויליש.

די דאָזיקע מעשה האָט מיר געהאַט דערציילט מיין איישישאָקער „מענעדזשער״, זיצנדיק מיט מיר אין זיין 20־דאָלאַרדיקן קרעמל איבער דעם הייס־צעגליטן פּייערטאָפּ.

מיט לאַנגע־לאַנגע יאָרן צוריק, ווען אונדזער איישישאָק איז געווען נישט מער, ווי אַ מאַיאָנטעק פון איינעם אַ פּוילישן פּריץ — האָט פּריינט רעפּליאַנסקי (אַזוי האָט געהייסן מיינער איישישאָקער „מענעדזשער״) אָנ־געהויבן זיין מעשה — האָט זיך דעם פּריץ פאַרגלוסט איינצופירן אין זיין מאַיאָנטעק אַ יאַריד, וואָס זאָל פאַרקומען יעדן זונטיק און אַזוי אַרום וועט זיך זיין מאַיאָנטעק פונאַנדערוואַקסן אין אַ שטעטל.

האָט ער געמאָלדן, דער פּריץ, אַז אַלע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער זאָלן יעדן זונטיק ברענגען אויפן מאַרק זייערע פּראָדוקטן. ס׳וועלן אָנקומען אַ סך יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך איינצוקויפן די דאָזיקע פּראָדוקטן זייערע און טאָמער וועט ביי אַ וועלכן נישט איז פּויער בלייבן עפּעס־וואָס נישט פאַרקויפט — וועט דעמאָלט דער פּריץ אַליין עס אָפּקויפן פאַר גוט געלט.

האָבן די פּויערים פון די דערפער אָנגעהויבן יעדן זונטיק קומען אויף דעם מאַרק מיט זייערע פּראָדוקטן און דער פּריץ פלעגט טאַקע אָפּקויפן פאַר גוט געלט דאָס אַלץ, וואָס עס פלעגט פאַרבלייבן אויף די פּויערישע פירלעך נאָך דעם יאַריד.

איז איינעם אַן אָרעמען פּויער, וואָס האָט נישט געהאַט וואָס צו

פאַרקויפן, איינגעפאַלן דער גוטער געדאַנק צו קומען אויפן מאַרק מיט אַ וואָגן שישקעס, וועלכע ער האָט אָנגעקליבן אין וואַלד. די יידן האָבן, פאַרשטייט זיך, דעם וואָגן שישקעס נישט אָפּגעקויפט. איז דאָס פויערל געקומען צום פריץ קלאָגן זיך, אַז ער איז פאַרבליבן מיטן וואָגן שישקעס, און ער ווייס נישט, וואָס צו טון מיט זיי?!

האָט אים דער פריץ געזאָגט:

— אַ וואָרט איז אַ וואָרט! איך קויף ביי דיר אָפּ דעם וואָגן שישקעס, אָבער דו מוזט זיי אַרויפטראָגן אויפן בוידעם!

— אָט איז דער בוידעם, אָט איז דער לייטער און טראָג! — האָט דער פריץ אַ קאָמאַנדעווע געטון צום כיטרען פויערל.

קיין זאַך, אָדער קיין קאָשיק האָט אים דער פריץ בכיוון נישט גע־געבן — האָט שוין דאָס פויערל געמוזט שלעפּן די שישקעס פון וואָגן צום בוידעם אין די פּאָלעס פון זיין לייוונטענעם לאַפּסערדאַקל.

האָט ער געמוזט מיט איין האַנט צוהאַלטן די פולע פּאָלעס מיט שיש־קעס און מיט דער צווייטער דראַפּען זיך אויפן לייטער צום בוידעם.

זענען דעם פויערל אויסגעגאַנגען די כוחות פון אַזאַ מין פּוסטער אַרבעט און ער האָט אָנגעהויבן שווער צו זיפצן:

— אוי, שישקי, אוי, שישקי!

דעם פריץ איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיין נאָמענלאָזן מאַיאָנטעק אַ נאָמען געגעבן „איישישקי״.

— דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט מער, ווי דער משל, אָבער דער נמשל — בין איך אַליין! — האָב איך פאַרענדיקט מיין לעצטע באַנקעט־רעדע אין ווילנע.

— אויך איך האָב אין די אורוועלדער פון דעם יידישן לעבן אין דעם פּאָלאָניזירטן ליטע־לאַנד אָנגעקליבן אַ פולן וואָגן מיט שישקעס, וואָס איך וועל פּרווון צו פאַרקויפן אויף אַלע קולטור־יאַרידן פון יידיש־לאַנד.

— כ׳וועל נאָך, אפשר, אָנשרייבן ווען עס איז אַ בוך וועגן ווילנע, ווו אַלע מיינע איצטערדיקע און פריערדיקע איבערלעבונגען וועלן באַקומען זייער געהעריקן תיקון און דאָס וועט זיין די איינציקע טרייסט אין מיין

ווילנע

ווייטערדיקן וואנדער־וואַנדער־גאַנג דורך אַלע אונדזערע איישישאָקס פון גאָר דער וועלט!

אַזוי האָב איך זיך געהאַט באַרימט אין 1936סטן יאָר פאַר מיינע פריינט און פען־ברידער פון ווילנע און איצטער, אין 1951סטן יאָר, איז די דעמאָלטיקע באַרימעריי מיינע מקוים געוואָרן.

מיין בוך „ווילנע" ליגט פאַר אייך אָפן און מיין אבל־האַרץ — אויך!

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) **פּרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) **זרובבל** — באַרג חורבן (**קאַפּיטלען פּוילן**) (אויספאַרקויפט)
7) **אלחנן צייטלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) **ד״ר ה. שאָשקעס** — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) **ד״ר מאיר באַלאַבאַן** — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) **ד״ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) **ד״ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) **חיים גראַדע** — פּליטים (**לידער**) (אויספאַרקויפט)
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד (**פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה**)
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געברענטע טריט
23) **אברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הייף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) **לעאָ פינקלשטיין** — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) **יאָנאַס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... (**חורבן וואַרשע**)
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פּאַט** — הענעך
30) **ד״ר י. קערמיש** — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פּאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (**פּאָעמע**)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאָוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (**אויספאַרקויפט**)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (**אויספאַרקויפט**)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (**ראָמאַן**) (**אויספאַרקויפט**)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (**זכרונות**)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (**טאָג־בוך**)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (**ראָמאַן**)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56) **שלום אַש** — פּעטערבורג (**ראָמאַן**)
57) **שלום אַש** — וואַרשע (**ראָמאַן**)
58) **שלום אַש** — מאָסקווע (**ראָמאַן**)
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **ערשטער באַנד**
62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **צווייטער באַנד**
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) **מרדכי שטריגלער** — ווערק „צע״, **באַנד איינס**
65) **מרדכי שטריגלער** — ווערק „צע״, **באַנד צוויי**
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (**זכרונות**)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (**אויספאַרקויפט**)

71) **נחמן מייזיל** — געוועז אַמאָל אַ לעבן...
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען
74) **ד"ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראַטור־־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)
מנשה אונגער — חסידות אין פוילן און גאַליציע
יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו
מ. י. שעליובסקי — אויף דער פולער וואָך

עס גרייט זיך צום דרוק:

ב. מיכאַלעוויטש — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
ז. י. אנכי — ר' אבא און אַנדערע דערציילונגען
ד"ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
ש. בריאַנסקי — זשעלעכאָווער געשטאַלטן
מרדכי שטריגלער — גורלות
רחל אויערבאַך — פון רינגעלבלומס אַרכיוו
יוסף רייך — זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן
ד"ר יעקב וויגאָדסקי — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד"ר גרשון לעווין — דאָס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאַלאָוויטש — פּופּציק בריוו
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — אַמאָל איז געווען
הערשעלע — שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו — אַ ליד נאָך אייד
גרשם באַדער — קראָקע
משה זאַנשיין — „יידיש וואַרשע"
מיכאל מ. באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
ד"ר א. מוקדוני — וואַרשע—לאָדזש (**זכרונות**)

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

✶

יעקב באָטאָשאַנסקי שרייבט וועגן די פייערונגען צום דערשיינען 75 בענד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום" אין אַן אַרטיקל א"נ „אַזאַ יום־טוב איז נאָך נישט געווען" („די פּרעסע", בוענאָס־איי־רעס, 20סטער אויגוסט 1951):

אין גרעסערע ייִדישע ישובים ווי אונדזערער איז נאָך אויך נישט גע־ווען אַזאַ יום טוב ווי דער היינטי־קער, וואָס קומט פאַר צו דער דער־שיינונג פון דעם 75סטן בוך פון דער סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", וואָס דער צענטראַל פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן גיט אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו און דער אַדמיניסטראַציע פון אַב־רהם מיטלבערג. אין גרעסערע ישו־בים איז נאָך אויך נישט געשען, אַז אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרלאַג זאָל אַרויסגעבן אין משך פון אַ קורצער צייט פינף און זיבעציק ייִדישע בי־כער.

אוודאי שטעקט אַ מוראדיק טראַ־גישער מאָטיוו אין דער רעאַליזירונג פון היינטיקן יום־טוב, דער טראַ־גישסטער מאָטיוו פון אונדזער לעבן. דער אומקום פון די זעקס מיליאָן ייִדן. אוודאי האָבן מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג שטענדיק גע־פילט, אַז זיי בויען אַ לעבעדיקן מאָ־נומענט פאַר די אומגעבראַכטע. אוודאי האָבן די אַלע, וואָס האָבן זיי געהאָלפן אין זייער שווערער אַר־

בעט — זייער צאָל איז נישט צו גרויס — אויך געפילט דאָס אייגענע. די צוויי דערמאָנטע און די גע־

ציילטע, וואָס האָבן זיי געהאָלפן, האָבן דורך זייער טאָט זיך אי אויסגעוויינט, אי פאַרענטפערט... אָבער דאָס דאָזיקע איז פאָרט נישט געשען אין קיין אַנדער ישוב, אויך אין דעם צענפאַכיק גרעסערן און הונדערטפאַכיק רייכערן ישוב פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דאָס דאָזיקע נישט געשען. איז אַט דערפאַר זאָגן מיר, אַז:

אַזאַ יום־טוב איז נאָך נישט געווען...

75 ביכער פון לערך זיבעציק מחברים ווערן היינט געפייערט. מיר זאָגן לערך, ווייל די צאָל מחברים איז דאָ נישט אַזוי גרינג פעסטצושטעלן. מרדכי שטריגלער האָט פיר ביכער אין דער סעריע, שלום אַש, ז. סעגאַלאָוויטש ע״ה, דוד פלינקער און ש. איזבאַן — צו דריי; יאָנאַס טורקאָוו, ד״ר א. מוקדוני, יעקב שאַצקי, חיים גראַדע, ד״ר ה. שאָשקעס, האָבן צו צוויי ביכער. דאָס ערשטע בוך האָט צוויי מחברים (מלכה אָווישאַני דערציילט און מאַרק טורקאָוו האָט פאַרשריבן), דאָס דריטע בוך, „טרעבלינקע", איז פון צוויי מחברים — וו. גראָסמאַן און וויערניק. דאָס זעכצנטע בוך — „קינדער מאַרטיראָלאָגיע" — באַשטייט פון דאָקומענטן און עטלעכע מחברים האָבן אין דעם אַ חלק. דערצו זענען אייניקע ביכער איבערזעצטע און די איבערזעצער דאַרף מען דאָך אויך צורעכענען צו די מחברים. אַ פּאָר ביכער האָבן הקדמות און די בעלי הקדמות זענען דאָך אויך מחברים.

דעם תמצית פון 75 ביכער פון לערך זיבעציק מחברים קען מען אין אַ יום־טובדיקן אַרטיקל נישט איבערגעבן. די ביכער צילן אַלע צו שאַפן אַ מאָנומענט פון דעם אומגעבראַכטן פוילישן יידנטום, אָבער זיי זענען פון פאַרשידענעם כאַראַקטער. פאַראַן מעמואַרן וועגן די געטאָס און די לאַגערן אויף דעם ערשטן פּלאַן. פאַראַן אויך קינסטלערישע ווערק וועגן דעם „לעבן" אין

די לאַגערן (דאָ טיילן זיך בעיקר אויס ז. סעגאַלאָוויטש, חיים גראַדע, רחל ה. קאָרן און מ. שטריגלער), פאַראַן קינסטלערישע ווערק וועגן דעם פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן אין פוילן בראש מיט שלום אַשס „דריי שטעט" און יואל מאַסטבוימס זכרו־נות, פאַראַן רעפּאָרטאַזשן וועגן דעם ווי אַזוי פוילן האָט אויסגעזען באַלד נאָך דעם חורבן (פון זרובבל, שניי־דערמאַן), פאַראַן צוויי ווערק וועגן פּרצן — דאָס דאָזיקע איז מער ווי כאַראַקטעריסטיש! פּרץ איז אַלע־מענס און ער איז איינער פון די הויפּטזיילן פון יידישן לעבן און שאַפן אין פוילן. פאַראַן 2 ווערק וועגן „טלאָמאַצקע 13", וואָס ווייזן סטאַטיש און דינאַמיש די יידישע שרייבער־וועלט פון פוילן. פאַראַן אין אַ היפּשער מאָס די יידישע טעאַטער־וועלט פון פוילן, פאַראַן די קרעסן (וועלכע ד"ר א. מוקדוני איז פאַרלאָפן דעם וועג למפרע, אַנהייבנדיק מיט דעם סוף פון פאַרגאַנגענעם י"ה). און פאַראַן ווערק וואָס זענען צושטייערן צו דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן. און אַזוי ווי דאָס יידישע פוילן איז שטענדיק גע־שטאַנען אין צענטער פון גאַנצן יידישן לעבן, זענען פאַראַן ווערק, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטן שייכות צום יידישן לעבן אין פוילן און זיי באַלייכטן דאָס דאָזיקע לעבן דאָך, ווי אַ שטייגער ד"ר י. שאַצקיס „קולטור געשיכטע פון דער השכלה".

נישט אַלע ווערק זענען פון גלייכן ווערט. נישט אַלע זענען געשריבן פון שרייבער, אָבער אייניקע פון די ווערק פון די נישט־שרייבער זענען פון גאָר גרויסן ווערט. צוועלף פון די מחברים פון דער סעריע ביכער זענען נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. ה. ד. נאָמבערג און נחום סאָקאָלאָוו זענען געווען שוכני עפר נאָך איי־דער דער דריטער חורבן האָט זיך אָנגעהויבן. אלחנן צייטלין און מאיר באַלאַבאַן זענען אויסגעגאַנגען בשעת דעם חורבן .מ. בורשטין, יחיאל לע־

דער און יאַנוש קאָרטשאַק זענען אומגעבראַכט געוואָרן בשעת דעם חורבן און ז. סעגאַלאָוויטש, ישראל

טאַבאַקבלאַט, לעאַ פּינקעלשטיין, אברהם טייטלבוים און טאַניאַ פוקס זענען אַוועק אין דער אייביקייט עטלעכע יאָר נאָך דעם חורבן.

צווישן די מחברים פון די 75 ביכער זענען פאַראַן זיבן פרויען: מלכה אָוושיאַני (זי האָט אייגנטלעך ניט געשריבן, נאָר דערציילט), פרידע זרובבל, טאַניאַ פוקס ע״ה, צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו, רחל ה. קאָרן, ר. שושנה קאהאן און רבקה קוויאַטקאָווסקאַ. אפשר איז כדאי צו דערמאנען, אַז צווישן די מחברים זענען פאַראַן דריי שוישפּילער — א. נחתומי, י. און ז. טורקאָוו.

זיך אָפּשטעלן אויף באַזונדערע ווערק איז פאַר אַ פאָר יום־טובדיקע ווערטער ריזיקירט. דאָך ווילט זיך מיר באַזונדער דערמאנען לעאַ פינקעלשטיינס „מגילת פוילן״, וואָס האָט אַן אָנהויב פון אַ פאַרמעסט צו שאַפן די מגילה פון פוילישן יידנטום. נישט צו שרייבן געשיכטע, נאָר טאַקע צו שאַפן די מגילה. ליידער איז עס אַזאַ מגילה, וואָס ענדיקט זיך נישט מיט דעם ריכטיקן נס... אַ שטיקל נס איז אָבער פאָרט פאַראַן, אַ נס, וואָס עס זענען פאַרבליבן פוילישע יידן אויסער פוילן און אַ נס, וואָס די צוויי עקשנים מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג האָבן געמאַכט אַ ממש זינלאָזע אָנשטרענגונג און אַרויסגעגעבן אַ סעריע „דאָס פוילישע יידנטום״, וואָס איז אינגאַנצן גענומען אַ מגילה.

געפין איך פאַר נייטיק פשוט צו אויסרעכענען די נעמען פון די 75 ביכער און זייערע מחברים. אָט זענען זיי, די העלדן פון הייגטיקן יום־טוב:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט.

2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ.

3) וו. גראָסמאַן־וויערניק: טרעבלינקע.

4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו.

5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש.

6) זרובבל: באַרג חורבן.

7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטע־ראַרישער שטוב.

8) ה. שאָשקעס: פוילן 1940.

9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13

10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן.

11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין.

12) ישראל אפרת· היימלאָזע יידן.

13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר.

14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו.

15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ.

16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמ־לונג פון דאָקומענטן).

17) חיים גראַדע: פליטים.

18) ש. קאַטשערגינסקי: פאַרטי־זאַנער גייען.

19) פרידע זרובבל: נע ונד.

20) מרדכי שטריגלער: מיידאַנעק.

21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפגרונט.

22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט.

23) אברהם טייטלבוים: וואַרשע־ווער הייף.

24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופירטע געביטן.

25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג.

26) לעאָ פינקעלשטיין: מגילת פוילן.

27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע).

28) ש. איזבאַן: אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימים.

29) יעקב פאַט: הענעך.

30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

31) שמחה פאָליאַקעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע.

32) מרדכי שטריגלער: אין די פאַבריקן פון טויט.

33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות.

34) יחיאל לערער: מיין היים.

35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן.

שמחה פּאלאקעוויטש

א טאג אין טרעבלינקע

36) צפורה קאַצענעלסאָן - נאַכו־מאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן.

37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק.

38) נחום סאָקאָלאָוו: פערזענלעכ־קייטן.

39) רחל ה. קאָרן: היים און היימ־לאָזיקייט.

40) א. אלמי: מאָמענטן פון אַ לעבן

41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק.

42) מ. בורשטין: איבער די חור־בות פון פּלוינע.

43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער.

44) ז. סעגאַלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל אביב.

45) ד״ר חיים שאָשקעס: אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...

46) שלמה וואגא: חורבן טשענ־סטאָכאָוו.

47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער

48) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) באַנד איינס.

49) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) באַנד צוויי.

50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באַ־געגענישן (זכרונות).

51) ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך).

52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָ־זע אין פּוילן.

53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן (זכרונות).

54) יצחק פערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947“ (ראָמאַן).

55) פּנחס ביזבערג: שבת יום־טובדיקע יידן.

56) שלום אש: פּעטערבורג.

57) שלום אַש: וואַרשע.

58) שלום אַש: מאָסקווע.

59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן: אָש־וויענטשים.

60) בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13.

61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד.

62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן)) צווייטער באַנד.

63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך.

64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע״, ערשטער באַנד.

65) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע״, צווייטער באַנד.

66) חיים גראַדע: שיין פון פאַר־לאָשענע שטערן.

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ: פון לאַגער אין לאַגער.

68) יואל מאַסטבוים: מיינע שטור־מישע יאָרן.

69) אליהו טראַצקי: גלות דייטש־לאַנד.

70) ד״ר יעקב שאַצקי: קולטור־געשיכטע פון דער השכלה.

71) נחמן מייזל: געווען אַמאָל אַ לעבן...

72) י. י. טרונק: סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע.

73) יהודה עלבערג: אונטער קו־פערנע הימלען.

74) ד״ר א. מוקדוני: אין אויס־לאַנד.

75) זיגמונט טורקאָוו: פראַגמענטן פון מיין לעבן.

און אויב איך רעד שוין וועגן העלדן, זענען די צוויי הויפט־העלדן פון היינטיקן יום־טוב מאַרק טור־קאָוו און אברהם מיטלבערג. מאַרק טורקאָוו — אַ גלענצנדיקער זשורנאַ־ליסט, אָבער ער האָט אין אַ גרוי־סער מאָס אויפגעגעבן זיין קאַריע־רע צוליב דער סעריע ביכער „דאָס פוילישע יידנטום״. ער וואַנדערט שטענדיק אום אַן אומרואיקער און ער האָט איין חלום: פאַראייביקן... אברהם מיטלבערג, אַן אינטעליגענ־טער געשעפטסמאַן, אַ קולטור־טו־ער וואָס האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין באַרוף און האָט געמאַכט דאָס יידי־שע בוך פאַר זיין באַרוף. דער גאַנ־צער אינהאַלט פון זיין לעבן איז היינט דאָס יידישע בוך. אָט די צוויי זענען עס, וועלכע עס קומט היינט דער הויפט גוט יום־טוב!

אַ טרויעריקער גוט יום־טוב...

אַ יום־טוב איבער אַ ים בלוט און ימים טרערן...

מרדכי שטריגלער

אָבער ווי זאָגט חיים גראַדע אין זיין בוך „פליטים״ (דאָס זיבעצנטע פון דער סעריע):

דו זאָלסט, פאָטער, נישט באַוויינען אונדזער גורל... זע, מיר שיינען

אויף די שטערן... און די חנען
אין די טראָפּנס טוי מיר זיינען.
וויין נישט... ווייל די פייגל מיינען,
אַז דאָס קלאָגן מיר און טענהן.

יאָ, די אומגעבראַכטע שיינען מיט אַלע חנען אין די שטערן און אויך אין די ביכער, וואָס מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג האָבן אַרויס־געגעבן.

ניין, אַזאַ יום־טוב איז נישט גע־ווען...

אַנדערש איז דער היינטיקער יום טוב, ווי אַלע אונדזערע קולטור יום טובים, אַנדערש.

✶

מ. שענדעריי שרייבט אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיינען פון 75 בענד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום" אין אַן אַרטיקל א. נ. „אַ בריליאַנטענער באַלאַנס" („די יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, 20טער אויגוסט 1951):

פינף און זיבעציק ביכער אין פינף יאָר, ס'הייסט כמעט אַ בוך יעדע דריי וואָכן; א פערטל מיליאָן עקזעמפּליאַרן אָפּגעדרוקט, אַ פינפטל מיליאָן עקזעמפּליאַרן פאַרשפּרייט, צענדליקער מאַנוסקריפּטן אין טעקע פון רעדאַקציע: דאָס איז דער אויבערפלעכלעכער ציפערן־באַלאַנס פון דעם פאַרלאַג ביים צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע פאַר די ערשטע פינף יאָר פון זיין קיום.

טיפער און תוכיקער גענומען איז דער באַלאַנס נאָך פון אַ פיל גרעסערן פאַרנעם. פאַרטראַכט ווי אַ גע־דענק־זייל פאַרן אומגעקומענעם פוילישן יידנטום, האָבן די ביכער־סעריעס געדאַרפט דערפילן דעם

אלטן כלל וועגן גוטער ליטעראַטור, אַז ווען אַפילו דאָס לעבן, וואָס זי שפּיגלט אָפּ זאָל אינגאַנצן פאַר־

שווונדן ווערן, זאָל מען עס קענען
רעקאָנסטרואירן בלויז לויט דער
ליטעראַטור, וואָס עס האָט געלאָזט
בירושה. די ביכער־סעריעס „דאָס
פוילישע יידנטום" אפילו אין די
ערשטע פינף און זיבעציק ביכער,
גיבן שוין אַ גענוג קלאָרן באַגריף
וועגן מהות פון פוילישן און מזרח־
אייראָפּעאישן יידנטום, וועגן זיין
לעבנס־שטייגער און מאַרטירער־
וועג, צום שוידערלעכן אומקום, ווי
אויך וועגן זיינע אויסשטראַלונגען
אין דער אייביקער יידישער צו־
קונפט אַריין. מען קאָן אָנהויבן פון
גאָר ווייטן אַמאָל. וועט אונדז דער
קדוש מאיר באַלאַבאַן ז"ל דערציילן
וועגן „די יידנשטאָט לובלין" און
ד"ר י. שאַצקי, זאָל מאריך ימים
זיין, וועט זיך מיטן לייענער אוועק־
זעצן „אין שאָטן פון עבר" און וועט
אים דערציילן וועגן דער „קולטור־
געשיכטע פון דער השכלה אין לי־
טע" און לעאָ פינקעלשטיין ע"ה
וועט אונדז געבן א פול בילד וועגן
דעם לעבן אין פוילן פון פוילישע
יידן אין זיין „מגילת פוילן".

אביסל נענטער צו אונדזערע ציי־
טן קאָנען מיר אויפכאַפּן דעם לעבנס־
שטייגער פון די פאַרשידענע שיכטן.
ווילט איר חסידישן שטייגער? וועלן
אַ פלאַקער טון פייערן אין פנחס ביז־
בערגס „שבת יום־טובדיקע יידן",
און ליכטער וועלן שימערן אין אב־
רהם נחתומים „אין שאָטן פון דור־
רות", און מנשה אונגער וועט אייך
ווייזן די קוואלן פון חסידות אין
„פשיסכע און קאָצק" און דוד פלינ־

קער וועט אייך באַקענען מיטן חסי־
דיש־גבירישן פאַרנעם אין „אַ הויז
אויף גזשיבאָוו".

און ווילן מיר פון חסידישער
גייסטיקייט אַריבערגיין צו מאָדער־
נער אינטעליגענץ, שרייבער און אַק־
טיאָרן, טראָגט אונדז אונטער אלחנן
צייטלין ע"ה לעבעדיקע בילדער
„אין אַ ליטעראַרישער שטוב", ז.
סעגאַלאָוויטש ע"ה און ב. ראָזען אים
צו לאַנגע יאָרן, וועלן אונדז באַקענען
מיט טלאָמאַצקע 13, א. אלמי וועט
אונדז פאַרטרויען די אינטימיטעטן

פון „מאָמענטן פון א לעבן", פון זיין שרייבערישן לעבן, הייסט עס; יואל מאַסטבוים וועט אייך דערציילן וועגן „שטורמישע יאָרן" פון אַ יידישן שרייבער; זיגמונט טורקאָוו וועט אונדז באקענען מיט „פראגמענטן פון מיין לעבן" פון אַ יידישן אַקטיאָר; צפורה נאכומאָוו וועט אונדז דערציילן וועגן איר ברודער, דעם קדוש יצחק קאצענעלסאָן ז"ל; נחום סאָקאָלאָוו ז"ל וועט אונדז פאָרשטעלן א ריי אויסטערלישע „פערזענלעכקייטן", ה. ד. נאָמבערג ע"ה וועט מיט אונדז שטודירן אַ קאפיטל י. ל. פּרץ; י. י. טרונק, זאָל געזונט זיין, וועט



אונדז געבן אַ לעקציע איבער „יידישער פּראָזע אין פוילן און נ. מייזיל וועט פּרוּוון געבן אַ טיילווייז בילד פון פארלאגס־וועזן אין דעם וואָס איז „געוועזן אַמאָל אַ לעבן".

און ווילט זיך עפּעס וויסן וועגן בעסערער יידישער יוגנט אין יענע צייטן, ישיבה־בחורים, עקסטערנעם, עקסטערניקעס, סטודענטן און רעוואָלוציאָנערן, שטעלט זיי פאָר ד"ר א. מוקדוני אין זיינע „באגעגענישן" און נעמט אונדז אפילו מיט קיין „אויסלאנד" אויף צו באקענען זיך מיט זיי.

און וועגן דעם ווי עמך האָט געלעבט און געשטרעבט: קבצנים, בעלי בתים און נגידים; פּראָסטאקעס, לומדים און אינטעליגענטן, בעלי מלאכות און סוחרים, טרעגער, בעלי עגלהס און סתם ווילע יונגעץ, קען מען זיך געניגן דערוויסן פון אברהם טייטלבוימס „וואַרשעווער הייף"; פון פּרץ גראנאטשטיינס „מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו"; פון ד"ר חיים שאָשקעס „אַ וועלט וואָס איז פארביי" און פון דוד פלינקערס צווייבענדיקן ראָמאַן „אין שטורעם".

וואָס עס האָט זיך געקאָכט אין מזרח־יידישן לעבן אין די צייטן פון דער גרויסער רעוואָלוציע אין צארנלאַנד, קאָן מען זיך דערוויסן פון שלום אַשס טרילאָגיע: פּעטערבורג, וואַרשע, מאָסקווע, און ווי עס האָבן אויסגעזען יידישע קינדערלעך אין פוילן דערציילט אונדז דער גוטער פּעטער, דער קדוש יאַנוש קאָרטשאַק

ז״ל, ווען ער מאָלט פּאַר אונדז זײַנע משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך״.

אָבער די סעריע באַגנוגנט זיך נישט מיט דערציילן וועגן דעם פאַר־שוואונדענעם לעבן, זי באַזינגט אים אויך אין יחיאל לערערס פּאָעמע „מײַן היים״, אין די קאַפּיטלען פון רחל קאָרנס „היים און היימלאָזי־קייט״ און חיים גראַדעס „שײַן פון פאַרלאָשענע שטערן״. דאָס לעבן אַ־ליין צעזינגט זיך אין מ. קיפּניסעס זאַמלונג „הונדערט פאָלקס־לידער״ און צעשמייכלט זיך מיט נאַאיווער חכמה און קלוגע טפשות אין י. י. טרונקס „שמחה פלאכטע פון נאַר־קאָווע״.

נאָר אָט קלינגט דער אָנזאָג פון דער גרויסער שעה, וואָס הויבט אָן זיך דערנענטערן מיט אירע אכזריות־דיקע טריט. מען פילט אַרויס דעם אָנזאָג אין טראָצקיס „גלות דייטש־לאנד״, מען זעט שוין אַרויס דאָס אומגליק געגוג בולט אין יעקב לעש־צינסקיס „ביים ראנד פון אָפּגרונט״. אַן אָפּהאנדלונג וויסנשאפטלעך באַ־גרינדעט און אין דער קינסטלערי־שער אויסטייטשונג פון מ. בורשטינס „אויף די חורבות פון פלוינע״ און ווען דאָס אומגליק ברעכט שוין אויס, גייט נאָך די ביכער סעריע אירע העלדן, אונדזערע קדושים, אויף אַלע שטעגן פון זייער לאַנגן מארטי־רער־וועג. אין געטאָ, אין קאַצעט, אין קאלד־אויוון, אין דער פארטי־זאנקע. עס איז א נייע אויפלאגע פון דער מגילת איכה, וואָס באַקלאָגט

אונדזער גרעסטן חורבן און אלע זיי־נע איינצלהייטן.

בריט אונדז גלייך אָפּ ז. סעגאלאָ־וויטש ע״ה מיט זיינע „ברענענדיקע טריט״. אַ גרויזאַמע פּרעלודיע צו דער שוידערלעכער דראַמע. און ד״ר הלל זיידמאַן, יבדל לחיים, גיט אונדז אַ געגויעם באַריכט פון מאַרטירער־טום אין „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ״; יאָנאַס טורקאָוו דערגאַנצט עס מיט זיין „אזוי איז עס געווען״ (חורבן וואַרשע) און „אין קאַמף פאַרן לעבן״. צוזאַמען מיט י. הירשהויט

פאַרברענגען מיר „פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק״. ישראל טאַבאַקסבלאַט גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן „חורבן טשענסטאָכאָוו״; אָבער אין רעכטן מיטן פון דעם חורבן דערציילט אונדז יוסף וואָלף, וואָס איך האָב געפילט „לייענענדיק פּרצן״...

און פירט מען יידן אוועק אין קאַצעט סיי אויף אַרבעט, סיי אויף אומקום, גייט זיי נאָך די סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״ טריט ביי טריט. ו. גראָסמאַן־וויערניק באַריכטעט וועגן „טרעבלינקע״, שמחה פּאָליאַקעוויטש מאָלט „אַ טאָג אין טרעבלינקע״, ד״ר פיליפּ פרידמאַן דער־

מנשה אונגער

ציילט וועגן „אָשוויענטשים״, מרדכי שטריגלער, א גאָר גרויסער ליטעראַרישער טאַלאַנט, אַנטדעקט פון די „ביכער־סעריע״, פירט אונדז איבער „מאַידאַנעק״, מאַכט מיט אונדז דורך די פיזישע און גייסטיקע עינויים פון „ווערק צע״ (צוויי בענדער), פירט אונדז איבער „די פאַבריקן פון טויט״; נח גריס טרייסלט אויף אונדזערע נשמות און מאַכט גליווערן אונדזער בלוט מיט זיין זאַמלונג דאָקומענטן איבער „קינדער־מאַרטיראָלאָגיע״, וואָס ווערט ווי דערגענצט פון יעקב פּאַטס קינסטלערישער שילדערונג „הענאַך״. רבקה קוויאַטקאָווסקאַ וואַנדערט מיט אונדז „פון לאַגער צו לאַגער״ און יהודה עלבערג פירט פאַר אונדז דורך די גורלדיקע אכזריות „אונטער קופּערנע הימלען״.

און ראַטעווען זיך ווער פון אַלגעמיינעם אומקום גייט אים די ביכער־סעריע, פאָרט אים נאָך אין אַלע עקן וועלט. הערן מיר וואָס „מלכה אָוושאַני דערציילט״ פאַר מאַרק טורקאָוו; ריכטן מיר אָפּ א „נע ונד״ מיט פרידע זרובבל; „וואַנדערן איבער אָקופּירטע געביטן״ מיט טאַניאַ פוקס ע״ה, שפּאַרן אָן מיט ר. שושנה כהן אזש קיין שאַנכיי, וואָס שטייט „אין פייער און פלאַמען״ און זינגען אויס די היימלאָזיקייט מיט רחל קאָרן אין „קאַפּיטלעך פון היים און היימלאָזיקייט״, מיט ישראל אפרת אין „היימלאָזע יידן״, מיט אברהם זאַק אין „יאָרן פון וואַנ־

דער" און מיט חיים גראדע אין "פליטים".

און ווען עס קומט די שעה פון קידוש השם דורך מסירת נפש גייען מיר מיט ד"ר י. קערמיש אין זיין "דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", באהאלטן זיך אויס אין וויסרוטישע וועלדער צוזאמען מיט שמערקע קאטשערגינסקי, וואָס דערציילט אונדז, אז "פארטיזאנען גייען"; אָפּגלאנצן פון האָפענונגסלאָזער יידישער גבורה, מער אויף קידוש השם ווי אויף צו ראטעווען דאָס אייגענע לעבן.

און שוין נאָכן חורבן שטייען מיר צוזאמען מיט זרובבל אויפן "בארג חורבן" פון וואַרשעווער געטאָ און פאַרן נאָך ד"ר שאַשקעס איבער דער "צעשטערטער יידישער פוילן — 1946". אויסגעטרונקען דעם טרויער־בעכער ביזן סוף.

נאָר איז עס טאַקע שוין נאָך אַלעמען? איז טאַקע דאָס אַזוי שפּרודלדיקע פוילישע יידנטום אונטערגעגאַנגען אָן צו לאָזן אַ שפּור? די ביכער־סעריע "דאָס פוילישע יידנטום" זאָגט אַז — ניין!

פוילישע יידן זענען אומגעקומען אָבער דאָס פוילישע יידנטום איז נישט אונטערגעגאַנגען. די רעשטלעך, וואָס האָבן דערהאַלטן דאָס חסידישע התלהבות און יידישע מסירת נפש, לאָזן זיך אוועק צוריק אַהיים, ברענגען דאָס הייליקע פייער צוריק אַהין, ווו עס איז צום ערשטן מאָל אָנגעצונדן געוואָרן און ווו עס וועט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן — קיין ארץ ישראל .

זעען מיר מיט ש. איזבאַן ווי "אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימים" אויפן וועג קיין ארץ ישראל, צוזאַמען מיט יצחק פּערלאָוו מאַכן מיר דורך די וווּנדערבאַרע אָדיסעאַ פון "די מענטשן פון עקזאָדוס 1947"; מיט ז. סעגאַלאָוויטש ע"ה שפּאַצירן מיר גאַנצע "זיבן יאָר אין תל־אביב", און צוזאַמען מיט ש. איזבאַן העלפן מיר דער "פאַמיליע קאַרפּ" זיך איינצואָרדענען אין דער נייער היים און קעמפן פאַרן אויפקום פון מדינת ישראל. און די ימים בלוט פון די קדושים און טייכן טרערן פון די פליטים און עולים, ווערן דאָך באַלויכטן פון אַ שמייכל, אַ פייערלעכן

מ. גורשטיין

איבער די חורבות פון פלוינע

אפילו, א „געלעכטער דורך טרערן" פון מ. נודעלמאַן.

מאַכט מען אַ ענדגילטיקן סך־הכל פון אָט די אַלע איבערלעבונגען, באַקומט זיך אַ ריזן ווערק פון די „ביכער סעריעס" וואָס זיי האָבן דורכגעפירט, און נאָך ליבער און טייערער ווערט דער אויפטו, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז באמת איז עס אַ קאָלעקטיוו ווערק. ריכטיק איז, אַז צוויי מענטשן קומט דער גרעסטער קרעדיט, מאַרק טורקאָוו, דער איניציאַטאָר און רעדאַקטאָר,

און אברהם מיטלבערג, דער פאַר־לאַגס דירעקטאָר, אָבער צוזאַמען מיט זיי האָבן מיטגעאַרבעט אַ גאַנצע גרופּע מיטגלידער פון „צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, ווער עס האָט אויסגעליען די ערשטע פּאָר פּעזעס, ווער עס האָט „געשריבן אַ וועקסעלע אויף פּאַפּיר" און ווער עס האָט אין די ערשטע, שווערע צייטן, געמאַכט פעקלעך ביכער און אָפּגע־פירט זיי אויף פּאָסט. אַלס קאָלעקטיוו ווערק, וואָס פשוטע יידן האָבן רעאַליזירט אויף דער אָנרעגונג פון אַ פּאָר יידישע אינטעליגענטן, באַקומט דער אויפטו די פולע באַדייטונג פון אַ ריכטיקער און אויפריכטיקער פאָלקס זאַך.

פאַר אונדזער יונגן יידישן ישוב אין אַרגענטינע האָבן די ביכער סעריעס „דאָס פוילישע יידנטום" אַ גאָר באַזונדערע באַדייטונג. עס איז אַ תיקון פון אַ גרויסן פעלער וואָס די יידישע ליטעראַטור איז בנוגע אונדז אָן שלעכטן ווילן, באַגאַנגען מיט אַ יאָר פופציק צוריק.

אין אַ נישט גליקלעכער שעה האָט שלום עליכם פאַרגעשטעלט דעם אַמאָליקן יידישן ישוב אין אַר־גענטינע דורך זיין דערציילונג „אַ מענטש פון ב' איירעס", און ווען אַ קלוגער וואַרפט אריין אַ שטיין אין ברונים איז נאָך פיל שווערער אים אַרויסצונעמען, ווי ווען עס טוט אַ נישט־קלוגער. איז „אַ מענטש פון ב' איירעס געבליבן אויף אַ צייט־לאַנג די מאַרקע פון דעם יידישן

ישוב אין אַרגענטינע. אוודאי האָבן מיר זיך געווערט קעגן דעם, אוודאי האָבן מיר מיט מסירת נפש אויס־געריייניקט דעם שמוץ פון אונדזערע

געצעלטן און מקיים געווען דעם: „והיה מחניך קדוש": אוודאי האָבן די שליחים וואָס האָבן אונדז באַזוכט פון אויסלאַנד, געהאָלפן אַראָפּצונע־מען פון אונדז דעם פלעק, און אונ־דזער פּרעסע, און די שליחים, וואָס מיר האָבן געשיקט קיין אויסלאַנד, האָבן פיל בייגעטראָגן צו רעהאַבי־ליטירן אונדזער נאָמען.

אָבער צוויי הונדערט טויזנט יידי־שע ביכער געדרוקט אין ב' איירעס און פאַרשפּרייט איבער דער גרוי־סער יידישער וועלט, זענען אַ גרוי־סער בייטראָג צו דערהויבן דעם נאָמען פון אונדזער ישוב. נישט נאָר אַ מאָנומענט פאַרן פּוילישן יידנטום זענען די ביכער, נאָר אויך אַ רעקאָ־מענדאַציע, און זייער אַ געהויבענע, פאַר אונדזער ישוב אין אַרגענטינע, צוויי הונדערט טויזנט געזאַנדטע פאַר אייגענע און פרעמדע, איז אַ גוואַלדיקער כוח. און דער טער־מין — אַ מענטש פון בוענאָס איירעס באַקומט זיין תיקון דורך דער פּראַ־זע: אַ בוך פון בוענאָס איירעס.

ביים פאַרצייכענען די באַדייטונג פון די „ביכער סעריעס" אין טאָג פון זייער „בריליאַנטענער חתונה (75 ביכער) לאָמיר צווישן אַלע פאַר־דינסטן אויך נישט פאַרגעסן אָט די דערגרייכונג וואָס איז אונדז שטאַרק נוגע און פאַרוואָס דער „צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן" און די לייטער פון פאַרלאַג, מאַרק טורקאָוו

אליהו טראַצקי

און אברהם מיטלבערג און זייערע מיטהעלפער, פאַרדינען באַזונדערע אָנערקענונג.

Este libro se terminó de imprimir el día veinte de Septiembre de 1951 en los Talls. Gráficos de Zlotopioro Hnos. Gascón 1231 — Buenos Aires

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס